STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07872

ANA FRANK

Shea Tenenbaum

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. פענענבוים

אַננאַ פראַנק

דו וואָס האָסט געטרונקען פון גאָטס האַנט

און

אַנדערע עסייען
דערציילונגען
מיניאַטורן

שער-בלאַט פון שאול ראַסקין

עמנואל ראָמאַנאָ-גליצענשטיין : אויל־פּאָרטרעט פון ש. טענענבוים

אנא פראנקס טאָג־בוך

די דאָזיקע עסיי ווידמע איך מיט טיפער פאַרערונג און העכס־טער דאַנקבאַרקייט צו איר עקסעלענץ, די האָלענדישע קעני־גין מוטער ווילהעלמינאַ, און צום גוט־האַרציקן און גרויסן האָלענדישן פאָלק, וועלכע אַנאַ פראַנק האָט אין אירע ביטערע יסורים ליב געהאַט און באַוואונדערט און אויסגעדריקט איר טיפע דאַנקבאַרקייט.

מיט טיפן דרך־ארץ,
דער מחבר

1 מערץ, 1954

איך האָב היינט געקויפט דאָס טאָג־בוך פון אַנאַ פראַנק. זאָל דאָס דאָזיקע מאַרטירער־מיידל זיין מיט מיר אין מיין הויז. ס'איז אַ חרפה וואָס ביז היינטיקן טאָג האָב איך דאָס בוך נישט געהאַט גע־קויפט. ווען איך האָב דאָס דינע ביכל געעפנט, האָב איך דערינען געלייענט: „מיין אַרבעט, מייז האָפענונג, מיין ליבע, מיין קוראַזש, אַלע

די דאַזיקע זאַכן האַלטן מיין קאָפּ הויך איבערן אויבערפלאַך פון וואַסער און האַלטן מיך אָפּ פון צו באַקלאָגן זיך".

מען מיינט דאָך אַוודאי אַז דאָס שרייבט אַ גרויסע פּערזענלעכקייט. אָבער זאָל מען וויסן זיין: דאָס שרייבט אין סך־הכל אַ דרייצן־פערצן יאָריק מיידל. אַ קינד נאָך.

3 מערץ, 1954.

נעכטן ביינאַכט האָב איך געלייענט אַנאַ פראַנקס טאָג־בוך. שוין די ערשטע צען זייטלעך זיינען שטאַרק רירנד. עס עפנט פאַר דיר, לייענער, אַ קינד אויף איר קליינטשיק האַרץ. „קיטי" הייסט איר זעלטענער טאָג־בוך. „קיטי" איז דער נאָמען פון אַ קעצל, צי פון אַ קליין מיידל. צו קיטי רעדט זי זיך אויס דאָס יונגע הערצל. קיטי ביסטו, אין דער אמתן, לייענער פונם טאָג־בוך. צו דיר רעדט דאָס אַרויס פון פינצטערער באַהעלטעניש אַ גרויס מענטשנקינד. ווי קענסטו נישט זיין גערירט ווען דו לייענסט וועגן די ערשטע עראָטישע אויסדרוקן פון אַ דרייצן־פערצן יאָריק מיידל. די ערשטע ראָמאַנטיק, וואָס לויכט אויף אויף די בלעטער פון אַ גרויסער, צאַרטער בלום, און ווען דו ווייסט, אַז זי וועט איר פולע ווייבלעכקייט קיינמאָל נישט דערגרייכן. ווען דאָס דאַזיקע קינד וועט צו ליבע, צו הייראַט, צו קינדער, נישט קומען. ווען איר גאַנץ באַוואוסטזייניק לעבן לעבט זי אין אַ פינצטערער הייל, אַזוי ווי ראַצן לעבן אין זייער ראַצנלאָך. עס פאַלט פון דעם דאַזיקן קליינעם בוך אויס די מעכטיקסטע באַשולדיקונג אויף דעם מערדערישע היטלער־רעזשים: אַ קינד שרייט אַרויס איר ווייטיק פאַר דער גאַנצער וועלט, נישט וויסנדיק געמוי איר גורל, איר צוקונפט. נישט וויסנדיק פון איר טרויעריקן פינאַלן סוף. נישט וויסנדיק אפילו פון דעם שיקזאַל פון איר טאָג־בוך. וואָרעם אַלץ איז דאָך אַזוי פשוט: אַנאַ איז בלויז דרייצן יאָר אַלט. זי שרייבט איר טאָג־בוך ווייל זי איז אַליין, טראָגט אירע צאַלרייכע פריינט, ווייל פאַר קיינעם נישט, אַפילו נישט פאַר איר מוטער, קען זי זיך אַזוי פריי אויסרעדן דאָס יונגע הערצל ווי פאַר איר „קיטי". אין אַנדערע ווערטער: אין אַנאַן גליט שוין דער קינסטלער וואָס קומט צו זיין בויגן שרייב־פּאַפּיר און פען ווייל אים איז ענג און איינזאַם אין דער וועלט. ווייל אין זיין ווערק לעבט ער זיין אמת לעבן, ווייל דאָרט, אינם ווערק, איז ער אין דער אמתער אידעע, אין דעם עסענץ פון זיין כאַראַקטער און פון זיין גורל. אין אַנאַן לעבט אַ קינפטיקער שרייבער, אַ צוקונפטיקער קינסטלער. דער פאַקט וואָס אין דער שפּעטער נאַכט, נאָכן טאָגס מ'שטיינס געזאָגט לעבן, קומט זי צוריק צו איר טאָג־בוך, צו ציען דעם סך־הכל פון די טעגלעכע פאַסירונגען, צו מאַכן דעם חשבון־הנפש פונם מעת־לעת, צו דערגיין צום קאַטאַרזיס, צום טיפן זין פון אַלע זאַכן; איר גרויסער באַגער פאַר זעלבסט־אַנאַליז און פסיכאָלאָגישע באַטראַכטונג; איר כסדרדיקן אָבסערווירן זיך אַליין, דעם וואַקסנדיקן מענטש אין איר, דאָס מיידל וואָס דערגרייכט פּובערטעט און מיידלשע יאָרן; איר שטענדיקער באַטראַכטן און איר אַרויסאַנטפּלעקן אין זיך דעם מענטש, אַפילו די רייכע, קולטורעלע פערזענלעכקייט אין זיך; איר באַמיאונג זיך צוצופּאַסן צו דעם „געהיימען הויז" און דאָס דאַזיקע הויז צו פאַרוואַנדלען

הער און מאַדאַם פראַנק, פעטער וואַן־דאַאַן און מאַרגאָ

אין אַ גאַנצער, פולער און געשלאָסענער וועלט; איר ראָלע און אירע געדאַנקען אַלס אידישע טאָכטער און די אינטעלעקטועלע שלוסן צו וועלכע זי קומט; דער סינטעזיס פון אַ מיידל וואָס ווערט פרוי, ווערט דאַמע, ווערט קינפטיקע מאַמע, ווערט ווייבלעכקייט אין דעם פולן זין פון וואָרט; און איר רייכער אינטעלעקט; איר באַרייכערן זיך גייס־טיק פון טאָג צו טאָג מיט דער וועלט־קולטור און דאָס באַנוצן זיך מיט דער וועלט־קולטור ווי אַ שליסל און אַ מיטל צום אַנטוויקלען זיך, צו איר גייסטיקער טאָג־טעגלעכער דערנערונג, צו איר אויפשליסן זיך אַלס מענטש, צו איר אויפבויען זיך אַלס פּערזענלעכקייט און צו איר האָפענונג אויף צו ווערן אַליין אַ שעפערישער מענטש, אַ מענטש וואָס געניסט נישט בלויז יענעמס שאַפונג — נאָר וויל אַליין צוטראָגן איר רייכע שפע פון געדאַנק, עמאָציע, מעדיטאַציע, פילאָזאָפיע — אָט דאָס אַלץ מאַכט פון אַנאַן אַן אומפאַרגעסלעכן מענטש וועלכן מיר קריגן ליב שוין פון די ערשטע בלעטער פון איר טאָג־בוך. דאָס אַלץ מאַכט פון איר טאָג־בוך נישט נאָר אַן אומשטערבלעכן דאָקומענט פוןליידן — נאָר אַ קינסטלעריש, דראַמאַטיש און מאָנומענטאַל ווערק. אַ קלאַסיק. די קריטיקער האָבן דאָס באַצייכנט אַלס אַ קלאַסיש בוך. די יונגע אַנאַ, דאָ נאָך קינד און דאָ שוין רייפע דענקערין, דאָ שפּאַ־סיקע מיידל און דאָ שוין רייפע פּערזענלעכקייט וואָס פאַרטראַכט זיך טיף און ערנסט איבערן גורל און זין פון איד, פון מענטש און פון וועלט — די יונגע אַנאַ האָט נישט פאַראויסגעפילט אַז זי וועט אַריינגיין אין דער וועלט־ליטעראַטור מיט איר סאַמע ערשטן און סאַמע לעצטן ווערק — איר טאָג־בוך. אין דעם טאָג־בוך אַנטפּלעקט זיך שוין אַ מענטש וואָס וואָלט, ווען זי וואָלט געלעבט איר פולן לעבן, געקענט ווערן אַ וויכטיקע נאָוועליסטקע פון דער מענטשהייט. אַזאַ, שטעלן מיר זיך פאָר, ווי די שוועסטער בראָנטע אין דער ענגלישער ליטעראַטור. —

עס איז שטאַרק רירנד אָט דאָס באַשרייבן פון אַ קינד דעם אָנ־הייב פון די אידן־פאַרפאָלגונגען אונטער די נאַציס, אין האָלאַנד. שוין דער פאַקט אַז אַ דרייצן־יאָריק מיידל ווייסט און איז באַוואוסטזיניק מיט דער טראַגעדיע פון איר פאָלק, פילט שוין אויף שריט און טריט די טראַגעדיע פון זיין אַ אידיש קינד, איז געוויס ווידערלעך. שוין דער ביטערער פאַקט אַז ווען אַנאַ קומט איינמאָל צוריק צען מינוט נאָך אַכט אין אָוונט, בייזערט זיך איר גוטער פאָטער אויף איר, ווייל די נאַצישע אויסנאַם־געזעצן קעגן אידן זיינען שרעקלעך און פון אַכט אַזייגער אין אָוונט הענגט אַ „קאַרפיו" איבער די אידן. די צען פאַר־שפּעטיקטע מינוטן קענען זיין פאַטאַל אין דעם גרויזאַמען דזשאַנגל פון דער ציוויליזירטער וועלט. אָט דער פאַקט רעדט אַ פינצטערע שפּראַך און פאַרשעמט אויף אייביק די אָנפירנדיקע, מעכטיקע פעלקער פון דער וועלט, וואָס האָבן זיכער געקענט אומענדערן היטלערס טויט־פלענער איבער די אייראָפּעאישע אידן, ווען זיי, די מעכטיקע פעלקער, וואָלטן נאָר געהאַט אַ ווילן דערצו...

אָבער, די שרעק צו גיין אין גאַס ביינאַכט, און ענלעכע פאַרבאָטן און „נירענבערגער געזעצן" קעגן אידן — דאָס אַלץ איז בלייך אין פאַרגלייך צו יענער צייט ווען צווי לעבעדיקע אידישע פאַמיליעס ווערן

געצוואונגען צו פאַרלאָזן אין אַ געוויסן טאָג די ליכטיקע וועלט און זיך צו באַהאַלטן אויף צוויי יאָר אין אַ געהיימען הויז,ביים קאַנאַל. די שרעק, די גרויזאַמע איבערלעבענישן, די מוראדיקע אַנגסטן און די שטענדיקע פינצטערע דערוואַרטונגען — דאָס אַלץ, און נאָך מער ווי דאָס, געפינט אַן אויסדרוק אין דעם דאָזיקן גרויסן טאָג־בוך פון אַ קליינעם מינדעריאָריק מיידל מיטן נאָמען אַנאַ פראַנק.

די נאָבעלע האָלענדישע מענער און פרויען, וואָס באַהאַלטן אויס די צוויי פאַמיליעס, וואָס זאָרגן פאַר זייערע הצטרכותן, וואָס היטן אָפּ אַז זיי זאָלן זיך חלילה נישט פאַרראַטן מיט קיין אומגעלונגענעם ריר־און־רויש, אַז זיי זאָלן זיך נישט וואַרפן אויף דאָס מינדסטע אין די אויגן פון אַ מסור, פון פאַרבייגייער, צי אַפילו פון אַ הונט, אַז ער זאָל אין דער נאַכט נישט אָנהויבן צו האַוקען און זיי פאַרראַטן — די דאָזיקע גוטע האָלענדער זאָגן צו די אידן — און אַנאַ פאַרצייכנט:

„קראַלער רעדט אונז אויס פאַר אונזער נאַכלעסיקייט. הענק, אויך, זאָגט אַז אין אַזאַ פאַל טאָרן מיר ניט אַרונטערגיין. מיר ווערן כסדר דערמאָנט אַז מיר זיינען אין אַ באַהעלטעניש, אַז מיר אידן זיינען אין קייטן, צוגעקאָוועט צו איין פלאַץ, אָן שום רעכט, אָבער מיט טויזנט פאַרפליכטונגען. מיר אידן טאָר ניט אויסדריקן אונזערע גע־פילן, מיר מוזן אַקצעפּטירן אַלע אומאַנגענעמלעכקייטן און מיר טאָרן נישט זיין אומצופרידן, מיר מוזן טאָן וואָס עס איר נאָר מעגלעך אין אונזער מאַכט און מיר מוזן געטרויען אין גאָט. אַמאָל וועט זיך די שרעקלעכע מלחמה ענדיקן. זיכער וועט קומען די צייט ווען מיר וועלן ווידער זיין מענטשן, און נישט בלויז אידן.

ווער האָט דאָס אַלץ אַרויפגעוואָרפן אויף אונז? ווער האָט אונז אידע געמאַכט אַנדערש פון אַלע אַנדערע פעלקער? ווער האָט עס דערלויבט אַז מיר זאָלן ביז איצט ליידן אַזוי פיל? איז עס גאָט וואָס האָט אונז געמאַכט דאָס וואָס מיר זיינען? אָבער, עס וועט זיין אויך גאָט וואָס וועט אונז ווידער דערהייבן. אויב מיר וועלן אויסהאַלטן אַלע די דאָזיקע ליידן און אידן וועלן נאָך עקזיסטירן, ווען די מלחמה וועט זיין פאַרביי, דעמאָלט וועלן אידן, אַנשטאָט צו ווערן פאַרפאַלגט, ווערן געלויבט אַלס אַ ביישפּיל. ווער ווייס, עס קען אַמאָל זיין אַז צוליב אונזער רעליגיע, פון וועלכער די וועלט און אַלע פעלקער לערנען דאָס גוטע, ליידן מיר איצט אַזוי פיל. מיר קענען קיינמאָל נישט ווערן בלויז האָלענדער, אָדער בלויז ענגלענדער, אָדער פאַרשטייער פון וועלכן עס איז לאַנד. מיר וועלן שטענדיק בלייבן אידן. אָבער מיר ווילן אַזוי.

זייט בראַוו! זאָלן מיר פאַרבלייבן באַוואוסטזיניק פון אונזער פליכט און זיך נישט באַקלאָגן. אַ לייזונג וועט קומען. גאָט האָט קיינמאָל ניט פאַרלאָזן אונזער פאָלק. דורך אַלע צייטן זיינען געוועזן אידן. אין אַלע דורות האָבן זיי געליטן. אָבער עס האָט זיי אויך געמאַכט שטאַרק. די שוואַכע פאַלן. אָבער די שטאַרקע וועלן פאַרבלייבן און זיי וועלן קיינמאָל נישט אונטערגיין.

דורך דער דאָזיקער נאַכט האָב איך ווירקלעך געפילט אַז איך מוז

שטאַרבן, איך האָב געוואָרט אויף פּאָליציי, איך בין געווען גרייט, אַזוי ווי די סאָלדאַטן אויפן שלאַכטפעלד. איך בין געווען גרייט צו געבן מיין לעבן פאַרן פאַטערלאַנד. אָבער איצט, איצט בין איך ווידער געראַטעוועט. איצט איז מיין ערשטער וואונטש אַז נאָך דער מלחמה זאָל איך ווערן האָלענדיש. איך האָב ליב די האָלענדער. איך האָב ליב דאָס לאַנד. איך האָב ליב די שפּראַך און איך וויל דאָ אַרבעטן. און אַפילו אויב איך וועל דאַרפן שרייבן צו דער קעניגין אַליין, וועל איך נישט אויפגעבן ביז איך וועל דערגרייכן מיין ציל".

מיט אַזעלכע פּאַסאַזשן איז פול דאָס גאַנצע טאָג־בוך. אָט־אָט ברעכט זיך אַריין די שוידערלעכע געשטאַפּאָ און אַלע קומען אום מיט אַ פינצטערן טויט — און אָט גייט די געפאַר אויף אַ ווילע אַוועק און די טייערע אַנאַ גייט ווידער אָן מיט איר געוויינלעכן מוט, מיט אירע גרויסע האָפענונגען, מיט איר נאַטירלעכער לעבנספרייד. מיט איר אומגעהויערער זעלבסט־בילדונג, מיט איר פיזישן און אינטעלעקטועלן וואַקסן, מיט איר אומדערקלערלעכן קוואַל פון הומאָר, מיט איר פלאַ־מענדער יוגנט, מיט איר גרויסער ליבע צו דער מענטשהייט, מיט איר געוואַלטיקער אַרבעטסזאַמקייט.

אָט אַזוי, צווישן מאָמענטן פון שרעק און פאַרצווייפלונג און העכ־סטער פרייד און האָפענונג, ראַנגלט זיך אַ גרויס לעבן אין דעם „געהיימען הויז" און געפינט זיין אויסדרוק אין די קינדיש־געשריבענע בלעטער פון איר סאַמע ערשטן און סאַמע לעצטן בוך... איר מוט און איר כאַראַקטער האָבן בלויז איין און איינציקן פּאַראַלעל: אין דעם קאָלעקטיוון מוט און כאַראַקטער פון דעם אידישן פאָלק דורך איר פינצטערער און פלאַמיקער מאַרטירער־געשיכטע. אַנאַ פראַנק איז די טאָכטער פון אַ פאָלק וואָס האָט געלערנט קוראַזש, אויסדויער, אייזער־נעם געדולד און גלויבן ביי אירע העלדישע זיידעס און באָבעס.

אַנאַ טייערע, ליב מיידל, איך קען דיך נישט לייענען. פון דיין יעדן וואָרט גייט נישט קיין טרערן — נאָר עס טריפט פייערפלאַמיק בלוט. אַנאַ, איך וויין ביטער ביים לייענען דיין טאָג־בוך. אַנאַ, מיין שיין, טייער קינד, איך וועל האָבן אַ זייער שווערע אַרבעט ביים דורכלייענען אינגאַנצן דיין גרויס — גרויס אין קוואַליטעט — העלדיש טאָג־בוך. אָבער, איך וועל זיך שטאַרקן. איך וועל זיך אַנגורטן מיט אייזן די לענדן. אַ איד מוז דיך אַריינעמען אין זיין נפש מיט דיין גאַנץ אַש און דיין פאַרברענטן געביין, פונקט ווי אַ איד מוז גיין ערב יום־כיפור צו כל־נדרי. אַנאַ, איך האָב דיך אַריינגעשלונגען אין דיין גאַנצער צאַרטער ליבלעכקייט און אין דיין מוראדיקער טראַגיק, אַזוי ווי דער נביא שלינגט איין אין זיך גאָטס פייער־ברענענדיק וואָרט. אַנאַ, איך האָב דיך אַריינגענומען אין זיך אויף אייביק אין מיין בלוט. —

4 מערץ, 1954.

איך האָב היינט ווידער געלייענט אַנאַ פראַנקס טאָג־בוך. איך לייען עס יעדער נאַכט, איך פיל זיך אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ פליכט אויסצוטרינקען ביזן דנאָ דעם בעכער סם. ס'איז אַ הייליקע פליכט. איך וויל מיטליידן אירע ליידן. איך וויל מיטגיין מיט איר דעם גאַנצן גאָלגאָטאַ־וועג פון גרויל און שרעק און פון שטאַרבן.



אַנאַ פראַנק אין שולע

ווי אַזוי אַ יונג מיידל קען זיין אַזוי רייף אין געדאַנק, אין אינטעלעקט, קען מען נאָר דערקלערן מיט דעם וואָס עס שיינט אַז די נאַטור ווייסט גענוי די צוקונפט פון אַ מענטש. זי ווייסט ווי קורץ־טערמיניק אַנאַ פראַנקס לעבן וועט זיין. זי איילט זיך דעריבער צו שענקען צו אַ קינד אַלע די קינפטיקע קוואַליטעטן, וואָס געדויערן געוויינלעך, ביי אַ נאָרמאַלער אַנטוויקלונג, אין פרידלעכע באַדינגונגען, גאַנצע יאָרן. אַנען גיט דער שיקזאַל שוין יונג־מיידלוויז אַ רייפע פען: „נאַ, נעם און פאַרשרייב און ווער באַלד נאָכדעם אָפּגעמעקט מיט דיין גאַנצן לייב און לעבן".

אַוודאי איז יעדער שרייבער סוף כל סוף אַן אייביק צום טויט־פאַראורטיילטער. אָבער זיין שיקזאַל גיט אים צייט. מערסטנס געניסט ער נאָך די פרוכט פון זיין פען. אַנאַ אָבער מוז זיך שטאַרק איילן. די אייביקייט, וואָס האָט צייט מיליאָנען יאָרן אויף עוואָלוציאָנעריש צו אַנטוויקלען דאָס מינדעסטע גרעזל, גיט נישט גענוג צייט פאַר אַנען, טראָצדעם וואָס זי שטייט שוין קלאָר און באַוואוסטזיניק ביי איר ציל: שרייבן. טראָצדעם וואָס זי קען אַזוי רואיק פאַרצייכענען: „איך בין דער בעסטער און שטרענגסטער קריטיקער פון מיין אייגענער אַרבעט. איך אַליין ווייס וואָס עס איז גוט און וואָס עס איז נישט גוט געשריבן. דער יעניקער וואָס שרייבט נישט, ווייסט נישט ווי וואונדערלעך דאָס איז. — און אויב איך האָב נישט קיין שום טאַלאַנט צו שרייבן ביכער אָדער צייטונגס־אַרטיקלען, דעמאָלט קען איך כאָטש שטענדיק שרייבן פאַר מיר אַליין".

און, זי גיט צו: „איך קען זיך נישט פאָרשטעלן אַז איך וועל פירן אַזאַ סאָרט לעבן ווי די מאַמע אָדער פרוי וואַן דאַאַן און אַלע די פרויען וואָס טוען אָפּ זייער אַרבעט און ווערן פאַרגעסן. איך מוז האָבן עפּעס — אויסער אַ מאַן און קינדער. עפּעס צו וואָס איך קען זיך ווידמען. איך וועל אָנגיין מיט מיין לעבן אַפילו נאָך מיין טויט! און דערפאַר דאַנק איך גאָט פאַר געבן מיר דעם דאָזיקן געשאַנק, די דאָזיקע מעגלעכקייט זיך צו קענען אַנטוויקלען און, פאַרן שרייבן, פון צו קענען אויסדריקן אַלץ וואָס עס איז פאַראַן אין מיר.

איך קען אַלץ אָפּטרייסלען פון זיך ווען איך שרייב. מיינע זאָרגן פאַרשווינדן. מיין קוראַזש ווערט ניי־געבוירן. אָבער, און דאָס איז די גרויסע פראַגע: וועל איך ווען עס איז קענען שרייבן עפּעס גרויסעס, וועל איך ווען עס איז ווערן אַ זשורנאַליסט אָדער אַ שרייבער? איך האָף אַזוי. אָ, איך האָף אַזוי שטאַרק. וואָרעם, ווען איך שרייב, קען איך באַהערשן אַלץ, מיינע געדאַנקען, מיינע אידעאַלן און מיינע פאַנטאַזיעס".

איר האָט דאָ, אין די דאָזיקע קורצע שורות, דעם פולן, גאַנצן קינסטלער. זי וויל אין איר שרייבן לעבן איר פולן לעבן. זי וויל נאָכן טויט אַפילו בלייבן לעבן אוןווירקן. ווער ווייסט וועלכע גרויסע שריפטשטעלערין מיר האָבן פאַרלוירן דורכן טויט פון אַ זעכצן־יאָריקער מיידל — איינע פון די זעקס מיליאָן מאַרטירער און קדושים.

*
**

אין אַ הויז אין אַמסטערדאַם,ביים קאַנאַל, זיצן אין אימהדיקער באַהעלטעניש צוויי פאַמיליעס: די פראַנקס און די וואַן דאַאַנס. די מענטשן זיינען שוין דאָ פאַרטיילט אין צוויי הויפּט־גרופּעס: באַשיידענע און אומבאַשיידענע, שטילע און חוצפּהדיקע. אין דער דאָזיקער אַמשטערדאַמער תיבא, וואָס שווימט אין אַ מבול פון אידישן בלוט, איז שוין דאָ קריגעריי, שנאה, פיינטשאַפט, נישט־פאַרגינערישקייט, פאַזע, סנאָביזם, פאַלשקייט — געמישט מיט מורא, הונגער, ווייטיק, קראַנקהייט און ענגשאַפט. ממש אַן אוממעגלעכע אַטמאָספערע אויף צו לעבן.

מען מוז זיין צוזאַמען — צוזאַמען טאָג און נאַכט, אין אַלע באַדערפעונישן פון לעבן, אין אַלע שטימונגען פון לעבן, אין אַלע ליידן פון לעבן. מען קען נישט און מען טאָר נישט אַרויסגיין פון דעם דאָזיקן הויז אַפילו ביינאַכט. אומעטום לויערט געפאַר. די ווענט קענען אַרויסגעבן דעם טומל פון די צום טויט־פאַראורטיילטע. ביי די אַלע הייסע, פּאָליטישע דיסקוסיעס, וואָס עס פירן אָן די מענטשן, מוז מען שעפּטשען, נישט רעדן. און איבערהויפּט ליידט די קליינע, אימפּולסיווע און אומרואיקע אַנאַ. וואָרעם אַנאַ האָט ליב צו רעדן. צוליב דעמביסל רעדעכץ אירן, מ׳שטיינס געזאָגט, פאַרשעמט מען איר. מען מאַכט פון איר חוזק: מ׳שטיינס געזאָגט ווי מען פאַרגינט נישט אַ קינד איר רעדן. ווי לאַנג וועט דען די אָרעמע אַנאַ נאָך לעבן? לאָזט דעם אידעלן און קלוגן קינד כאָטש אויסרעדן זיך! אַנאַ האָט ליב צו רעדן אויף אַ פריילעכן אופן. אַנאַ האָט ליב צו לאַכן. די מענטשן, אין זייער פינצטערער און מוראדיקער איבערגעשראָקנקייט, באַמערקן נישט אַז זי איז די איינציקע וואָס ברענגט איבער די שווערע מאָנאָטאָניע אין הויז. זי איז די איינציקע וואָס דאָס קינדישע געלעכטער האָט זיך נישט אָפּגעטאָן פון איר און ברענגט זיך אַרויס פון איר אַנטקעגן היטלעריסטישע וועלט־שטומקייט און וועלט־שרעק. זי איז די איינציקע וואָס דריקט זיך אויס אין אַ וואונדערלעך־פרישן און קוואַליקן הומאָר. זי איז די איינציקע וואָס איז דאָ נאָך קינד, איז דעם קערקער פון ליידן. זי איז די איינציקע וואָס האָט ענערגיע, מוט און האָפענונג, זי האָט איבערמענטשלעכן גלויבן, קוראַזש און פעסטקייט פון כאַראַקטער.

דאָס דאָזיקע גייסטרייכע קינד ווערט כסדר פאַרפאָלגט אין הויז פאַר אירע שפּאַסן, איר יונגשאַפט, איר קינדישקייט. אַנאַ ליידט און זי איז סענסיטיווער קינסטלער. ווייל זי זעט קלאָר איר בראָך. אַנאַ איז דענקער און פּסיכאָלאָג אין אַ צייט ווען זי ווייסט אַפילו נישט וואָס די צוויי טערמינען מיינען. ווען זי הערט צום ערשטן מאָל די צוויי ווערטער, זוכט זי ערשט אויף אין ווערטערבוך זייער באַדייטונג. און דאָך באַזיצט איר טאָג־בוך אַ סך פּסיכאָלאָגיע. אָבסערוואַציע. גענויע פאַרצייכענונג פון דעם מענטשנס רעאַקציעס און אומגעווינלעכע איבערלעבענישן.

אָט דאָס אַלץ קומט פאָר אין הויז אינמיטן דער שטאָט אַמסטערדאַם, ווען די וועלט גייט אָן מיט איר גוואַלטיקער טאָג און נאַכטיקער אַקטיוויטעט. צוויי אידישע פאַמיליעס ליגן טאָג און נאַכט באַהאַלטן אין אַ פינצטערן, אָפּגעזונדערטן הויז. און אַ קליינע מיידל רעדט כסדר צו

איר ליבן „קיטי״, זי פאַרשרייבט אירע טאָג־טעגלעכע איינדרוקן, און־טערן שאָטן פון טויט. דאָס איז אין דער העכסטער מאָס פּאַטעטיש.

6 מערץ, 1954.

איך האָב געלייענט די וויטערדיקע בלעטלעך פון אַנאַס טאָג־בוך. דאָס איז וואונדערלעך און טראַגיש. די קליינע אַנאַ ווערט ברוטאַל באַ־האַנדלט אין הויז. אַלע מאַכן חוזק פון איר. זי האָט פיינט די אייגענע מוטער און אויך די פאַמיליע וואַן דאַאַנס. איך פאַרשטיי אַז די מוטער באַזיצט נישט קיין מוטערלעכע צערטלעכקייט צו אַנאַן. איר פעלט אויך געגוג אינטעליגענץ אויף צו באַנעמען אַנאַס אייגנאַרטיקן כאַ־ראַקטער. זי וואָלט וואויל באַדאַרפט באַזיצן פיינערן באַנעם פאַר אַזאַ אײַדעלע פּלאַנץ ווי אַנאַ איז. אַנאַ האָט ליב איר פּאָטער. זי איז דאָך אין איר פּובערטעטס־פּעריאָד. אָבער אויך דער פּאָטער פאַרשטייט נישט אַנאַס קינסטלערישע פּערזענלעכקייט.

אַנאַ ווייסט אַז זי איז איינזאַם, איר איינציקע האָפענונג אַז מען וועט אַמאָל לייענען איר טאָג־בוך, איז נישטיק. „קיטי״ איז אָבער פול מיט געדולד. אין „קיטין״ וויינט זי אַריין איר יונג לעבן. „קיטי״ איז איר איינציקער פריינט. אַנאַ קלאָגט איבער אירע פעלערן. אַנאַ ווייסט אירע דורכפאַלן. זי וויל זיך אויסבעסערן. זי אַרבעט איבער זיך טאָג און נאַכט. זי לייענט גאַנצע ביבליאָטעקן. זי נעמט אַריין אין זיך די וועלט־קולטור. אַנאַ פרעגט איר שוועסטער מאַרגאָ ווי שיין זי, אַנאַ, איז. אַוודאי האָט איר שוועסטער געקענט זיין פרייגעביקער אין קאָמ־פּלימענטן צו אַנאַן. וואָסי, עס קאָסט איר טייערער? אַנאַ וואָלט זיך דערוויל וואונדערלעך געפרייט. אַנאַן טרייסט קיינער נישט. אָרעמע אַנאַ, דיך וועט די מענטשהייט אַמאָל ליב האָבן! אָבער, ווען דו וועסט שוין מער דאָ נישט זיין!...

דאָס וואָס מאַרגאָ האָט דיר נישט געזאָגט, אַנאַ, דערלויב איך זיך צו זאָגן: דו ביסט וואונדערשיין! די גאַנצע צייט וואָס איך לייען דיין טאָג־בוך, קוק איך אויף דיין פאָטאָגראַפיע איבערן שער־בלאַט. דיין קינדיש פנימל רופט שטענדיק אין מיר אַרויס טרערן מיט דער טיפער אומשולדיקייט וואָס שפּאַרט פון דיינע שטראַלנדיקע, פּאַטעטישע אויגן! דיינע יונגע אויגן קוקן אַרויס פון דער פינצטערניש פון דער וועלט מיט אַזוי פיל שיינקייט, טרויער און פּאַטאָס. דיינע אויגן זיינען שטענ־דיק פאַרצויגן מיט דער פייכטקייט פון טרערן. אָ, וועלכע וואונדערלעך פּאַטעטישע אויגן דו האָסט! עס ווילט זיך אויסציען די אָרעמס ביזן גן־עדן, דאָרט וואו דו ביסט, און דיך אַרויסנעמען צוריק אין דער וועלט אַריין און דיך צו ליבן מיט דער ליבע וואָס דיר קומט נאָך אין חשבון פון דיין נישט דערלעבטן לעבן. דיינע געדיכטע האָר צירן דיין בלייך פּנים אַזוי ווי אַ זומערדיקער וואַלד צירט אַ בלייכן, זילבער־נעם טייך אין זיין מיטן. דיין נעזל איז פיין געשניצט, יידיש־לענג־לעכדיק און סענסיטיוו. דיינע ליפּן זיינען קינדיש־פייכט און דינע. טייערע אַנאַ! זיי זיכער, אַז דו ביסט אַ שיינע, בליענדיקע פרוי... דאָס וואָס דיין שוועסטער מאַרגאָ זאָגט דיר נישט, אפשר אין באַאיור־שוועס־טערלעכער אייפערזוכט, דאָס זאָג איך דיר מיטן גאַנצן האַרצן...

ביינאַכט, בגנבה, מיט דער גרעסטער פאַרזיכטיקייט, קען מען

קוקן דורך די דיקע פֿאַרהאַנגען פֿון די פֿענצטער אין דער וועלט אַריין. יענע בייזאַרטיקע מאָמענטן זיינען פֿאַר דער קליינער אַנען די סאַמע גליקלעכסטע. אַנאַ זעט דורך די פֿענצטער ווי אַ יונג פֿאַרפֿאַלק שפּילט זיך... זי זעט ווי מענטשן לעבן... אידן גייען דורך אין שאָטן פֿון די הייזער, ביי די ווענט זיך קלאַמערנדיק, ווי געיאָגטע חיות. די קליינע אַנאַ זעט ווי איר אָרעם, געפּלאָגט פֿאָלק זעט אויס. אַנאַ קוקט אַרויס דורך אַ קליין שפּעלטל צו גאָטס אומגעהויערער וועלט. אַנאַ, אַ קינד, קוקט זיך צו מיט טויזנט נייגעריקייטן ווי די וועלט זעט אויס. זי הערט זיך צו צום פּולס פֿון דער וועלט: צום ראַדיאָ. פֿון דאָרט קומט די האָפֿענונג: קאַסאַבלאַנקאַ פֿאַלט אַריין אין די הענט פֿון די אַליאירטע. טשוירטשיל דונערט אויס צום ענגלישן פֿאָלק און צו אַלע אונטערדריקטע פֿון דער מענטשהייט זיינע באַרימטע רייד וועגן שווייס, בלוט און טרערן. עס פֿאַנגט זיך אָן דער האַרטנעקיקער קאַמף אין פֿראַנקרייך. די קליינע אידישע טאָכטער פֿאַרנעמט דורך דער ראַדיאָ די האָפֿענונג, דעם קאַמפּס־ריטם פֿון דער וועלט. וועט טאַקע אויפֿשאַלן פֿאַר אַנאַן, פֿאַר די לעבעדיקע אַנאַ, די סימפֿאָניע פֿון פֿרייהייט? וועט אַנאַ און איר גלייכן דערלעבן די מפּלה פֿון היטלערן?

אַנאַ שוואַנקט צווישן האָפֿענונג און טרויער. צווייפֿל גריזשעט איר טאָג און נאַכט. ניין. נישט פֿון די אייגענע קריגט זי טרייסט. נישט פֿון ראַדיאָ גייט האָפֿענונג. אַנאַ האָט אַ קוואַל פֿון וואַנען זי שעפּט ווירקלעכע גרויסקייט. דאָס איז דער קוואַל פֿון גאָט און פֿון נאַטור. זי שרייבט:

„ווען איך האָב אַרויסגעקוקט אין דרויסן דירעקט אין דער טיפֿעניש פֿון נאַטור און גאָט, דעמאָלט בין איך געווען גליקלעך, ווירקלעך גליקלעך. — — — — — רייכקייט קען פֿאַרלוירן ווערן. אָבער דאָס גליק אין דיין האַרץ, באַטש עס קען צייטנווייז פֿאַרנעפּלט ווערן, וועט עס דיר ווידער ברענגען גליק, אַזוי לאַנג ווי דו לעבסט. אַזוי לאַנג ווי דו קענסט אומדערשראָקן קוקן אין די הימלען, אַזוי לאַנג ווי דו ווייסט אַז דו ביסט אינערלעך ריין און אַז דו וועסט ווידער געפֿינען גליק".

פֿון אַ פֿיל טיפֿערן קוואַל ווי פֿון ערדישע קליינלעכקייטן, וואָס אַנטווישן יעדן מאָמענט, שעפּט אַנאַ איר גליק. פֿון דעם קוואַל פֿון וואַנען דוד המלך האָט געשעפּט טרייסט אין מאָמענטן פֿון טיפֿער, אינערלעכער אַנגסט, געפֿאַר, מורא און געראַנגל — שעפּט אויך אַנאַ:

„די בעסטע מעדיצין פֿאַר די יעניקע וואָס האָבן מורא, וואָס זיינען איינזאַם אָדער אומגליקלעך, איז אַרויסצוגיין אין דרויסן, ערגעץ וואו, וואו זיי קענען זיין איינגאַנצן אַליין מיט די הימלען, באַטור און מיט גאָט. וואָרעם נאָר דעמאָלט קען מען פֿילן אַז אַלץ איז אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין און אַז גאָט וויל אַז מענטשן זאָלן זיין גליקלעך, אין דער פּשוטער שיינקייט פֿון נאַטור. אַזוי לאַנג ווי דאָס עקזיסטירט, און דאָס וועט אייביק עקזיסטירן, ווייס איך אַז עס וועט אייביק זיין טרייסט צו יעדער לייד, וועלכע עס זאָלן נישט זיין די באַדינגונגען. און איך גלויב באַשטימט דאָס די נאַטור ברענגט פֿאַרלייכטערונג אין אַלע ליידן".

אַט ווי דאָס „קינד" אַנאַ וואַקסט גייסטיק אויס צו אַ ריזין — טראָץ די שווידערלעכע לאַגע אין וועלכער זי געפינט זיך. זי שטעלט זיך מיט דער דאָזיקער דערקענטעניש אַריין אין דער ריי פון די גייסטיקע און גרויסע מענטשן פון אַלע צייטן. —

7 מערץ, 1954.

ווי נאָר איך קום אַהיים ביינאַכט, לייג איך זיך אין מיין אייזערנעם בעט און הויב ווידער אָן צו לייענען די רירנדיקע בלעטלעך פון אַנעס טראַגיש־פאַטעטישן טאָג־בוך. אַוודאי זיינען נישט אַלע שטעלן דווקא איבעררראַשנדיקע. אַפילו ס׳רוב טריוויאַלע. אָבער אַפילו די טריוויאַלע זאַכן זיינען אין פינצטערן אָפּגרונט פון זייער באַהעלטעניש גוואַלטיק ווירקזאַם. ס׳איז צום ביישפּיל, אַ גרויסע געשעעניש ווען די ראַצן באַ־פאַלן אין דער נאַכט דאָס הויז און זיי ווילן אַוועקרויבן פון דעם ביסל שפּייז וואָס זיי האָבן זיך אָנגעגרייט, און ווען פּעטער, אַנעס פריינט, דער יונגער זון פון די וואַן דאַאַנס, שטעקט אַרויס די האַנט דורכן פענצטער, קריגט ער אַ ביס פון אַ ראַץ און בלוט רינט פון זיין האַנט און זיין שרעק איז גרויס. ס׳איז אַ גרויסע געשעעניש ווען זיי ווערן ביינאַכט איבערגעשראָקן דורך גנבים, וואָס רייסן די טירן פונם קעלער, וואו זיי האָבן זייער שפּייכלער. ס׳איז אַ גרויסע געשעעניש אַז דאָס הויז, וואו די פאַרפאָלגטע צוויי יידישע פאַמיליעס האָבן זיך בלויז איינגעגראָבן, ווערט גאָר פאַרקויפט צו אַ נייעם באַלעבאָס און דער אינזשיניער קומט איבערקוקן דאָס הויז... דאָס אַלץ קען חלילה פירן צו טומל, וואָס זאָל אויפרייסן די מערדערישע אויגן פון דער געשטאַפּאָ. דער געשטאַפּאָ פינף און זעכציק טויזנט אויגן, ווי דעם מלאך־המותעס אויגן, וואַכן איבערן גאַנצן לאַנד, איבער גאַנץ אייראָפּע, וואָס איז דורך זיי אָקופּירט. ס׳איז אַ גרויסע געשעעניש ווען אַנאַ באַדאַרף זיך קריגן מיטן אַלטן דענטיסט, דאָסעל, כדי צו פאַרטיידיקן איר רעכט אויף כאָטש צוויי מאָל אין דער וואָך, אין די נאָכמיטאָג־שעהן, צו קענען באַנוצן דאָס טישל וואָס געפינט זיך אין איר צימער, כדי צו שרייבן. ס׳איז אַוודאי אַ גרויסע געשעעניש ווען איינמאָל קומט אַריין די מו־טער צו אַנען, ווען זי גייט שלאָפן, און זאָגט אַז היינט ביינאַכט וועט זי, די מוטער, מיט איר זאָגן די נאַכט־תפילה, אַנשטאָט איר פאָטער — און אַנאַ זאָגט עס אָפּ די מוטער. די מוטער זעט אַז אַנאַ האָט איר פיינט. און מיט רעכט: ווייל די מוטער האָט דורך די יאָרן ניט פאַר־שטאַנען צו שענקען צו איר קינד אַנאַ די מוטערלעכע וואַרעמקייט וואָס זי פאַרדינט. אַנשטאָט ליבשאַפט און צערטלעכקייט מאַכט די מוטער פון איר חוזק. זי איבערטרייבט אירע קינדערישע פעלערן. אַנאַ ווערט ברוטאַל געפייניקט פון דער גאַנצער געזעלשאַפט אינם געהיימען הויז. און אַוודאי און אַוודאי איז אַ גרויסע געשעעניש די אַליאירטע באָמ־באַרדירונג פון האָלענדישע און פון דייטשע שטעט. אַנאַ לויפט בשעת די שרעקלעכע אַטאַקעס אין... דעם טאַטנס בעט... דאָרט זוכט זי שוץ... אָ, עס ווילט זיך מיטלעבן מיט אַנאַן איר וויסטע, קינדישע שרעק — צוזאַמען מיט אַ גאַנץ געפּלאָגט, געשלאָגן און געפייניקט פאָלק. צוזאַמען מיטן בעסערן טייל פון דער מענטשהייט. עס ווילט

זיך טײלן מיט אַנאַן איר צער. עס װילט זיך זײַן פֿאַראַנטװאָרטלעך פֿאַר איר לעבן. עס װילט זיך שטאַרק העלפֿן אַנאַן.

אָבער, װי שרעקלעך איז דער געדאַנק און דאָס געפֿיל אַז אַנאַ איז פֿאַרניכטעט געװאָרן. אַז אַלע, אַלע זײַנען אומגעקומען מיט אַ פֿינצ־טערן, יסורימדיקן טױט — אױסער אַנאַס פֿאָטער, װאָס איז צוריקגע־קומען פֿון קאָנצענטראַציע־לאַגער, צו זען זײַן בראָך. כּדי צו לײענען זײַן קינדס קינדערשן טאָג־בוך...

דאָס דאָזיקע טאָג־בוך אַנאַס איז דער אײנציקער אױסדרוק פֿון אַ מיליאָן ייִדישע געשאָכטענע קינדער. װאָרעם די זעקס מיליאָן דערמאָרדעטע אידן האָבן װי עס איז אַרױסגעשריגן זײער װײטיק דורך אַ מאַסע דאָקומענטן און װײ־געשרײען, װאָס אױגן־עדות און מיטבאַטײליקטע אינם גיהנום האָבן שפּעטער אָנגעשריבן. אָבער דער מיליאָן קינדער איז געגאַנגען צום טױט אָן אײן און אײנציקן געשרײ. פֿון זײ האָט קײנער פֿאַרן טױט נישט געשריבן. זײ זײַנען געװען קינ־דער. אָט אין נאָמען פֿון דעם דאָזיקן מיליאָן קינדער רעדט אַרױס אַ קינד פֿון אַ באַהעלטעניש אין האָלאַנד. דוד המלך האָט געשריגן און געיאָמערט צו גאָט פֿון די טיפֿסטע טאָלן פֿון יסורים און פֿאַרפֿאָלגונג. יונה הנביא האָט פֿון די טיפֿענישן פֿון די ימים געבעטן גאָט פֿאַר דערלײזונג. פֿון די חורבות פֿון דער אײביקער שטאָט ירושלים יאָמערט ירמיהו אױס זײַן גרױסן, זײַן אומשטערבלעכן איכה. און פֿון די פֿינצטערע לאַבירינטן פֿון אַ הױז אין אַמסטערדאַם שרײַט אַרױס צו מענטש און צו גאָט אַ אידיש קינד איר גרױסן װײטיק. זי שרײַט אין נאָמען פֿון אַ מיליאָן דורך די מערדערישע נאַציס אומגעבראַכטע קינדער. —

8 מערץ, 1954.

כ׳האָב װידער געלײענט אַנען. זי איז דער געבױרענער שריפֿט־שטעלער. פֿון דער קלײנער, שרעקלעך באַגרענעצטער װעלט אירער רײַסט זי אַרױס שטיקער רױ־שטאָף פֿאַר איר טאָג־בוך. צװײ יאָר צײַט לעבט מען אין אַן אײנזאַמען, זײַטיקן הױז. װאו נעמט מען מאַ־טעריאַל פֿאַר אַנאַס שרײַבערישן הונגער? װאָס טוט מען כּדי צו זעטיקן איר קינסטלערישן דורשט צו פֿאַרצײכענען און צו פֿאַרקריצן די גע־שעענישן מיט בלוט און מיט טרערן? אַנאַ געפֿינט אַלערלײ מעגלעכ־קײטן. פֿון שפּינװעבס מאַכט אַנאַ באַשרײַבונגס־רעפּאָרטאַזש.

זי באַשרײַבט, צום בײַשפּיל, אַ מעת־לעת אין אָפּגרונט. אַ טאָג מיט אַ נאַכט בלױז אין דער תּבֿה. זי באַשרײַבט אַלערלײ רוטינע אַר־בעטן, װאָס יעדער אײנער טוט מיטן טאָג, מיט דער שטונדע, מיט דער מינוט. אַפֿילו דאָס טואַלעט־צימער פֿאַרנעמט אַ פּלאַץ אין איר טאָג־בוך. װאָרעם צו לאָזן הױך־אָפּלױפֿן דאָס װאַסער איז אױך אַ גע־פֿאַר. אַפֿילו דאָס קעצל, מושי, שפּילט מיט איר קלײנע, קעצישע ראָל אין דעם טרױעריקן טעאַטער פֿון איר טאָג־בוך. עס זײַנען בײַ איר פֿאַראַן, װי אין אַ דראַמע, גוטע און שלעכטע כאַראַקטערן. צום בײַשפּיל: דער שרעקלעכער עגאָאיזם, ד׳י קאָקעטעריי, פֿון פֿרױ װאַן דאַאַן — און ה׳ פֿראַנק, דער טאַטע פֿון אַנען, װאָס איז זעלבסט־באַ־גנוגנדיק מיטן סאַמע װײניקסטן. װאָס רירט זיך נישט צו פֿריער צו

קיין שום שפּייז ביז אַלע האָבן געגעסן לויט זייער מאָס.

זי באַשאַפט דאָס לעבן, כדי עס צו באַשרייבן. זי רעדט אַ סך. זי רופט אַרויס אומישנע קריגערייִ, דיסקוסיע, דראַמע, כדי עס צו באַשרייבן ווי לעבעדיקן רוי־שטאָף. זי רעדט צו זיך אַליין, ווי צו נאָך אַ מענטש אין שטוב. זי מאַכט פון זיך צוויי און דריי און צען מענטשן, כדי צו זיין אין דער געזעלשאַפט פון דעם מין מענטש. זי ווייסט דעם סוד ווי אַזוי צו מאַכן ליטעראַטור. אירס איז דאָס סאַמע רירנדיקסטע און פּאַטעטישסטע געזאַנג צום לעבן, ביים סאַמע פינצטערן אָפּגרונט פון לעבן. ביים רירנדיקן צעשיידן זיך מיטן לעבן. זי איז די געבוי־רענע בעלעטריסטין. זי באַשאַפט פון גאָרנישט לעבן, כדי עס צו לאָזן שטיין אין איר ערשטער און לעצטער שאַפונג.

10 מערץ, 1954.

היינט ביינאַכט האָב איך ווידער אין זיך אַריינגענומען דעם וויסטן טרויער פון אַנאָס הייליקן טאָג־בוך. מיט יעדער בלעטל לייענען פילסטו אַז דו דערגייסט צו איר סוף. און דו ווילסט נישט זיין דער וואָס ווייסט שוין פון איר טויט. דו ווילסט אויף איר נישט קוקן ווי אויף אַ הון וואָס דו ווייסט אַז מען וועט זי באַלד שעכטן ביים שוחט. מיר האָט שטאַרק געקלאַפּט דאָס האַרץ ווען די לעצטע בלעטלעך האָבן זיך דערנענטערט צום יאָר 1944 — דאָס פאַטאַלע יאָר פון דער טייערער און אומפאַרגעסלעכער אַנאָס אומקום.

אַנאַ פילט יעדן טאָג אַלץ מידער און טרויעריקער. זי באַדויערט אַלץ וואָס זי האָט נישט קיין גוטע, קיין צערטלעכע מוטער. דאָך, ווען אַנאַ לייענט איבער דאָס ערשטע יאָר טאָג־בוך און זי זעט ווי זי האָט באַהאַנדלט איר מוטער, טוט איר יונגע האַרץ וויי. זי, אַנאַ, זאָל פיינט האָבן איר מאַמען? דאָס איז שרעקלעך. און זי הויבט אָן צו אַנטשולדיקן איר מוטער. זי הויבט איר אָן צו פאַרשטיין און צו באַ־נעמען. אַנאַ לעבט כסדר אַזוי ווי אַ פויגל וואָס צעקלאַפּט זיך אירע פליגל אין אַן ענגען שטייגל. אָבער, וועלכער גרויסער, טראַגישער פויגל אַנאַ איז! וועלכער העראָאישער פויגל, מיט אַ טיפער, בלוטנ־דיקער וואונד אין האַרצן...

אַלע גלויבן אַז זיי וועלן זיך ראַטעווען. ווען פרוי וואַן דאַאַן פאַר־קויפט איר פוטער, וויל זי האַלטן פאַר זיך דאָס געלט אויף נאָך דער מלחמה, כדי זיך פאַר דעם געלט צו קויפן קליידער. די האָפענונג איז גרויס. אָבער, מען לעבט אויף אַ שוואַכינקן אינדזעלע אינמיטן אַ צעברויזטן, אַ צעשטורעמטן ים. מיט שוואַרצע וואָלקנס און שוואַרצע כוואַליעס אַרום. אָבער די נאַטור טראָגט נישט קיין באַוואוסטזיניקע שנאה. די נאַטור איז נישט אַזוי ראַפינירט אין פייניקן דעם מענטש ווי דער מענטש. די נאַטור איז ניט משוגע פון פיינטשאַפט און מער־דעריי. עס איז בלויז דער מענטש וואָס האָט ליב צו פייניקן זיך מיט אַזאַ געמיינער אַכזריות איבער זיין נאַקעטן, שטומען און אומבאַהאָל־פענעם קרבן. וועגן די דאָזיקע מענטשן זאָגט זיך אין „משלי״:

„פאַראַן אַ דור וואָס זיינע ציין זיינען שווערדן, און זיינע באַק־ציינער—מעסערס, צו פאַרצערן די אָרעמע אויסן לאַנד, און די אביונים פון צווישן מענטשן״.

אין דעם דאָזיקן משוגענעם ים פון שנאה לעבט אַנאַ. יעדער מאָמענט קען אַלץ פאַרניכטעט ווערן. אַנאַ קעמפט העלדיש און פאַרצווייפלט. —

11 מערץ, 1954.

היינט האָב איך געזען דעם קאָלעגע ל. ער האָט מיר דערציילט אַז דאָס „הינטערהויז" פון אַנאַ פראַנק און איר פאַמיליע, וואו זיי האָבן „געלעבט" צוויי יאָר אין ביטערע אַנגסטן און שרעק, איז איצט אַ מוזעאום. די האָלענדער שעצן זייערע אידישע העלדן. די האָלענדער האָבן ליב די קליינע אַנאַ. איך טראַכט אין אַ טאָג צו פאָרן קיין אַמסטערדאַם און צו באַזוכן דאָס „הינטערהויז". (אַנאַס טאָג־בוך איז דערשינען צום ערשט אין האָלענדיש אונטערן טיטול: „דאָס הינטערהויז"). איך וואָלט וועלן דאָרט זיין, אינם דאָזיקן הויז און הערן דעם יאָמער פון אַנאַן. פאַרנעמען די קרעכצן פון אַ קינד, פון אַ אידיש מיידל, וואָס זיינען דאָרט געבליבן הענגען אין דער לופט ווי פינצטערע פלעקן אין הימל. ווי אויסגעברענטע וואונדן אין דער דורכזיכטיקער הימלישער בלויקייט.

איך האָב ווידער געליינט אַנאַ פראַנקס טאָג־בוך. מיט וועלכע צאַרטע געפילן זי באַשרייבט איר פּובערטעטס־פעריאָד. דער גרויסער, פייערדיקער אויסברוך פון ליבע אין האַרצן. אין אַזאַ מאָמענט באַדאַרף אַ מיידל זיין פריי. נאָענט צו דער נאַטור, וואָס איז צו איר פריינטלעך און האַרציק. זי באַדאַרף זיין אַרומגענומען פון ווינט און פון וואָלקן. פון דער גאָלדענער זון און פון רייכע בוקעטן מיט בלומען. אָבער אַנאַ, זי איז אַ געפאַנגענע. אַנאַ ווערט דערשטיקט. אָרעמע אַנאַ! דורך דיין טויט נעם איך דיך אַרום, קליינע מאַ רטירערין, און איך דריק דיך צום האַרצן אין באַוואונדערונג און ליבשאַפט. —

25 אַפּריל, 1954.

איך האָב פאַרענדיקט דאָס לייענען פון אַנאַ פראַנקס טאָג־בוך. מיר דאַכט אַז דאָס איז דאָס זעלבע טראַגישסטע בוך פון דעם זעלבע אינגסטן מחבר. אַוודאי איז דיר וואויל באַוואוסט, אַז עס איז יעדער מחבר געשטאָרבן, ווען דו לייענסט אַלטע, קלאַסישע ליטעראַטור. אין דיין ביבליאָטעק שטייען טויזנטער טויטע מחברים. זיי האָבן ביי דיר איבערגעלאָזט זייערע גייסטער און זיינען אַוועק דעם גאַנג פון דער אייביקייט.

אָבער דאָ האַנדלט זיך עס דאָך וועגן דעם לעבן פון אַ דרייצן יאָריקן מיידל, וואָס שטאַרבט שוין אין איר פופצן יאָריקן עלטער. איבערהויפט איז עס טראַגיש און פאַטעטיש ווען דו לייענסט ווי אַזוי אַנאַ בויט זיך אַליין אויף. ווי אַזוי אַנאַ קען זיך אויסגעצייכנט און אַנאַליזירט זיך גלענצנד. ווי אַזוי זי באַמיט זיך כסדר צו מאַכן אַ בעסערן מענטש פון זיך. דאָס בוך איז געשריבן מיט דעם פייער פון יוגנט וואָס זוכט אויסצושניידן פאַר זיך רוים אין דער וועלט. זי זוכט זיך אַריינצובריינגען אין דער וועלט אַ געלייטערטע, כדי זי זאָל ווערט זיין דאָס לעבן. אַנאַ אַנאַליזירט, שרייבט און רעדט וועגן זיך אַליין אינם גאַנצן טאָג־בוך.

זי איז אָביעקטיוו. אין יעדער בלאַט דערגייט זי צו אַלץ מער פאַרשטענדעניש און אינטעליגענץ פון זיך און פון איר קליינער סביבה. איר וועלט איז דאָך נישט מער, מען מוז דאָס כסדר גדענקען און אַקצענטירן, ווי די זיבן־אַכט פּערסאָנאַזשן פון דעם געהיימען הויז. און פון דער דאָזיקער קליינער וועלט וואַקסט זי אויס צו דער סטאַטור פון אַ גרויסער, גייסטיק־רייך אַנטוויקלטער פרוי. צו אַ נאַציאָנאַלע אידין. צו אַ באַוואוסטזיניקע שריפטשטעלערין.

אַנאַ פראַנק באַווייזט אַפילו איבערצולעבן איר ערשטע און, לייי־דער, אויך איר לעצטע און איינציקע ליבע. זי געווינט דעם בחור, פּעטער, וועלכן זי האָט ליב. און די פערצן־פופצן יאָריקע שולמית באַווייזט שוין אויך צו קומען צו זיך און זי הייבט שוין אָן צו אַנאַלי־זירן איר געליבטן. ביי די לעצטע בלעטלעך פונם טאָג־בוך איז שוין אַנאַ אַן אויסגעניכטערטע. זי האָט שוין פּעטערן, דעם ערשטן מאַן אין איר עמאָציאָנעלן לעבן, באַזיגט. זי, נאָך אַ קינד אייגנטלעך, איז אָבער שטאַרקער ווי פּעטער אין גייסט און אין כאַראַקטער.

אַנאַ פראַנק צייכנט זיך בכלל אויס מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. זי איבערגעווינט פּעטערן. וי שטייט פאַר אים אינטעלעקטועל, אור־טיילספעאיק, קריטיש מיט קעפּ העכער. ווייל פּעטער, אַ אינגל נאָך זיינע יאָרן, רעדט צו איר אַפילו וועגן שמדן זיך נאָך דער מלחמה. כדי נישט צו ליידן אַלס איד. דאָס איז דער גרינגסטער אויסוועג. פּעטער איז אַ געוויינלעכער זון פון אַן אַסימילירטער פאַמיליע. ער צייכנט זיך מיט גאָרנישט אויס. אַנאַ איז אָבער נאַציאָנאַל געשטימט. אַנאַ שרייבט גדאַנקען וועגן אידן וואָס קענען אריינגיין אין אַ קלאַ־סישן האַנטבוך וועגן אידנטום. אַנאַ ווערט שטאַלץ מיט איר אידיש־קייט וואָס מער זי ליידט. אַנאַ דענקט און זי קומט צו אינטעלעקטועלע רעזולטאַטן. אַנאַ לאָזט זיך ניט בלויז באַהערשן פון עמאָציעס. זי גייט קיינמאָל נישט מיטן גרינגסטן וועג. אין אַנאַן לעבט אַ גייסטיקע פּערזענלעכקייט. זי טראַכט און זי ווערט באַהערשט פון געדאַנק. טראָגט דעם וואָס אַנאַ האָט אַ געוואַלטיק האַרץ. אין איר טאָג־בוך פירט זי איר גרויסן וויכוח מיט מענטש און מיט וועלט. מיט זיך אַליין. מיט גאָט. אַ קליין מיידל דערהויבט זיך הימל־הויך, אין דעם איינגסטן עלטער, צו גייסטיקן כוח, צו אינטעלעקטועלן אַנאַליז, צו דורותדיקן אידישן געדולד און לעגענדאַרן נאַציאָנאַלן אויסדויער. אַ קליין אי־דיש מיידל אין דער אַלטער שטאָט אַמשטערדאַם, אין דער צייט פון די גרויסע פאַרפאַלגונגען אויף אידן, אין דער עפּאָכע פון גרעסטן מאַסן־מאָרד אויפן אידישן פאָלק — גייט אַריין מיט פייער און מיט בלוט אין דער פיל־בענדיקער אידישער געשיכטע און פאַראייניקט זיך אויף אייביק מיט די גרעסטע אידישע היסטאָרישע העלדן. די מוטער רחל אַליין דריקט זי צו צו איר געוואַלטיקן, מוטערלעכן האַרצן. קעניג דוד קושט איר אינם צאַרטן פּנים. שלמה המלך ווישט אָפּ די גרויסע טרערן פון אַנאַ פראַנקס וואונדערלעך־אידישע, חנוודיקע אויגן. אליהו הנביא בויגט זיך איין איבער איר און הויבט זי הויך אויף צו גאָט מיט אַ גרויסן יאָמער. עס אומהאַלדזט זי משה רבינו. ווען זי דער־נעענטערט זיך צו גאָט, קען דער רבונו של עולם נישט בלייבן גלייכ־

גילטיק: ער גייט איר אַנטקעגן מיט אָפענע אָרעמס און ער ברעכט אויס אין אַ געוויין. אַנאַ פראַנקס פּנים איז פאַרשטיינערט. פאַר גאָט אַליין שטייט זי מיט ווירדע און מיט כאַראַקטער, מיט אַ מאָנומענטאַלער פּאָזע און גראַניטענעם פּנים. צום ערשטן מאָל וואָגט אַנאַ נישט צו וויינען. זי קוקט שטאָלץ אָן דעם רבונו של עולם. —

***

אַנאַס אידעאַל, ווי געזאָגט, איז צו ווערן אַ שרייבער. זי שרייבט דערציילונגען. זי שיקט מאַנוסקריפּטן אין רעדאַקציעס. זי שרייבט איר טאָג־בוך. זי חלומט אַז נאָך דער באַפרייאונג וועט דאָס טאָג־בוך איר דינען ווי אַ סקיצן־פאַרצייכענונג, צו אַ ווערק וועגן דעם געהיימען הויז און די איבערלעבענישן דאָרטן. זי חלומט אַז זי וועט אַליין איבערלעבן און אַז זי וועט אַמאָל פאַרווירקלעכן איר גרויסן חלום: צו ווערן אַ שריפטשטעלערין. עס איז אָבער באַשערט געווען אַז אַנאַ זאָל בלייבן לעבן אין דער וועלט־ליטעראַטור איינציק און אַליין דורך אָט דעם באַשריבענעם טאָג־בוך.

אין די טעג און וואָכן ווען יעדער מינוט ריכט מען זיך אויפן איבערפאַל פון דער געסטאַפּאָ, הייסט דער טאַטע פאַרברענען דאָס טאָג־בוך. אַנאַ זאָגט אַז זי וועט בעסער אַליין פאַרברענט ווערן צוזאַמען מיטן טאָג־בוך, איידער צו פאַרלירן איר טאָג־בוך. אַנאַ פילט אַז אין דעם דאָזיקן טאָג־בוך איז פאַרחתמעט איר אומשטערבלעכקייט. וואָרעם זי האָט איר גאַנץ לעבן אַריינגעפּאַקט דערינען. און ווען זי ווערט טאַקע אַוועקגעפירט צום טויט, געפינען די האָלענדישע שכנים, צווישן אַ באַרג מיט צייטונגען און זשורנאַלן, דעם מאַנוסקריפּט. און מען גיט עס אַרויס פאַרן פּובליקום. אַנאַ הויבט אָן צו לעבן איר גרויס לעבן אין אַ סך שפּראַכן. עס איז פאַטעטיש דער טריאומפאַלער מאַרש פון אַ קינד איבער דער וועלט. אַפילו אין דייטש, אין דער פאַרהאַסטער שפּראַך פון אירע בלוטיקע מערדער — בלייבט לעבן דאָס טאָג־בוך. די דייטשן זעצן עס אויך איבער. זאָלן די דייטשן לייענען פון זייער אייביקער שאַנד. זאָלן אַלע דייטשן לייענען דאָס טאָג־בוך.

יאָ, אין קערקער ווערט געבוירן אַנאַס גרויסע ליבע צו דער נאַטור. אין דער דערקענטעניש פון גאָט און פון נאַטור ראַטעוועט זי זיך. ווען די פאַמיליע פאַרשרייבט איר אַלס אַ טויגעניכטס, אַלס פּלאַפּלערין, און ווען זי ווערט שוין אויך אַנטוישט אין פּעטער — גייט אויף אין איר די דערקענטעניש פון דער גרויסער נאַטור. וואָרעם דורך אַ קוים־געעפנטן שפּעלטל פון אַ פאַרהאַנג ברעכט זיך אַדורך אַ שטיק לאַנדשאַפט. שטראַלט אויף אַ שטיקל הימל. עס גייט אויף גאָטס פּנים איבער דער לאַנדשאַפט. אין אַ סך שטעלן שרייבט דאָס קליינע מיידל אַז דאָס איז די העכסטע פרייד: שענסטע טרייסט פון גאָט. זען די שיינקייט פון דער נאַטור. ווען איר יונגער גוף איז מיט קייטן געבונדן צו דער טרויעריקער, נאַציסטישער ערד — גייט אַרויס איר נשמה אויף אַ שפּאַציר מיט די וואָלקנס. מיט דער שוועבנדיקער לאַנדשאַפט שוועבט אַ קליינע מיידל, וואָס גייט שטאַרבן אין איר קינדהייט כמעט. אַנאַ דערגייט, ווי אַלע גרויסע מענטשן, צום קאָסמישן באַוואוסטזיין.

„אַזוי לאַנג ווי דאָס עקזיסטירט, שרייבט אַנאַ, און איך מעג לעבן

צו זען דאָס זוניקע ליכט, דעם וואָלקנלאָזן הימל. בשעת דאָס אַלץ דויערט, קען איך נישט זיין אומגליקלעך. די מעדיצין פאַר די וואָס האָבן מורא, וואָס זיינען איינזאַם און אומגליקלעך, איז אַרויסצוגיין אין דרויסן, ערגעץ וואו זיי קענען זיין גאַנץ אַליין מיט די הימלען, נאַטור און גאָט. ווייל בלויז דעמאָלט קען איינער פילן אַז אַלץ איז אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין און אַז גאָט ווינטשט אַז אַלע מענטשן זאָלן זיין גליקלעך צווישן די פשוטע שיינקייטן פון דער נאַטור. אַזוי לאַנג ווי דאָס עקזיסטירט, און עס וועט זיכער שטענדיק עקזיסטירן, ווייס איך אַז עס וועט שטענדיק זיין טרייסט צו יעדער זאָרג, וועלכע עס זאָלן נישט זיין די אומשטענדן. איך גלויב אַבסאָלוט אַז די נאַטור ברענגט טרייסט אין אַלע ליידן.

אָ, ווער ווייסט, עס וועט אפשר נישט דויערן לאַנג און איך וועל קענען טיילן דאָס דאָזיקע געוואַלטיקע געפיל פון עקסטאַז מיט איינעם וואָס פילט פונקט אַזוי ווי איך".

יאָ, מיר קענען זיך וואויל פאָרשטעלן וואָס אַנאַ וואָלט אָנגעשריבן ווען זי שרייבט ווייטער איר טאָג-בוך, נאָכדעם ווי זי איז צוגענומען געוואָרן פון דעם „געהיימען הויז". עס וואָלט געווען צופיל גרויזאַם צו לייענען ווען אַנאַ וואָלט באַשריבן יענע אומגעהויערע ליידן אין די קאָנצענטראַציע-לאַגערן. איר באַגעגעניש אויג אויף אויג מיט די מערדערישע נאַצי-חיות. די דערנידעריקונגען וואָס די אידן גייען אַדורך טאָג-טעגלעך. וואָרעם מער פון אַלץ האָט אַנאַ ביז איצט געליטן, ווען עמעץ האָט איר נשמה באַליידיקט. אַנאַ איז אַ שטאָלצער מענטש. און וואָס פאַר אַ פאַרשעמונגען, חרפות און בושות זי איז אַדורכגעגאַנגען, דאָס ווייס נאָר גאָט. וואָס זי האָט נעבעך דורכגעטראָגן אין די אַלע טויטנלאַגערן, ביז זי איז אויסגעגאַנגען. יאָ, דאָ וואָלט שוין געווען איבער אונזערע כוחות צו לייענען און צו פאַרטראָגן. אַנאַ האָט געקענט שרייבן אַזוי לאַנג ווי זי איז נאָך געווען, פאַרהעלטנישמעסיק, מענטש. אַזוי לאַנג ווי זי האָט נאָך געהאַט איר פּריוואַטן לעבן. אַזוי לאַנג ווי זי איז נאָך געווען אין דער געזעלשאַפט פון אירע טאַטע-מאַמע און שוועסטער מאַרגאָ.

אַנאַ, דערציילט מען, האָט נאָך דערהאַלטן איר גרויסן מוט און איר הומאָר אַפילו אין קאָנצענטראַציע-לאַגער. אָבער, ווען אויך איר שוועסטער מאַרגאָ שטאַרבט, גייט אַנאַ פולקאָם אונטער. זי האָט שוין מער נישט צו וואָס צו לעבן. אין געציילטע טעג שטאַרבט דאָס גרויסע, דאָס וואונדערלעכע קינד אַנאַ. פון דעם טאָג אָן וואָס מען האָט זי געפאַנגען — דעם 4טן אויגוסט 1944, לעבט זי נאָך איר מאַרטירעריש, געפייניקט לעבן גאַנצע זיבן חדשים. מיר זיינען גאָרנישט אומשטאַנד זיך פאָרצושטעלן אַלע די אוממענטשלעכע ליידן וואָס זי גייט אַדורך אין די דאָזיקע זיבן חדשים. אין חודש מערץ 1945 שטאַרבט אַנאַ אין בערגען-בעלזען. זי שטאַרבט, וואָרשיינלעך, מיט דער איבערצייגונג אַז זי האָט גאָרנישט נאָך זיך און פון זיך געלאָזן צו דער וועלט. אַז איר טאָג-בוך איז זיכער פאַרניכטעט געוואָרן. אַז די מענטשהייט וועט נישט וויסן אַז עס האָט אַמאָל עקזיסטירט אַ גרויס, העדלעך און טראַגיש מיידל, אַנאַ פראַנק, וואָס האָט איר יונג לעבן אַזוי פּאַטעטיש,

אַזוי גרויס, אַזוי דערהויבן, אַזוי טראַגיש געלעבט. אַנאַ שטאַרבט אין בערגען־בעלזען בלויז צוויי וואָכן ערב דער באַפרייאונג פון האָ־לאַנד.

יאָ, אין דער קורצער צייט וואָס זי וואוינט אין לאַנד און גייט אין שולע, קריגט אַנאַ ליב האָלאַנד. זי האָט ליב יענע געציילטע האָלענ־דישע מענטשן וואָס באַווייזן גרויסן, העראָאישן הומאַניזם אין די טעג ווען יידן ווערן געיאָגט פון אַלע באַהעלטענישן, לעכער און היילן אַזוי ווי משוגענע הינט. דער האָלענדישער גרינצייג־הענדלער, וואָס ברענגט קאַרטאָפל צו דער געהיימער טיר, און ער ווערט אין אַ טאָג געמסרט און צוגענומען פון דער געשטאַפּאָ — אַנאַ האָט פאַר אים געציילטע, אָבער מענטשלעך־טיפע ווערטער. אַנאַ איז געטריי צו דער האָלענדי־שער קעניגין. אַנאַ שאַצט אָפּ מיט ליבשאַפט די העראָאישקייט, די פּשוטע, עלעמענטאַרע מענטשלעכקייט פון יענע גרויסע מענטשן — די סאַמע פּשוטסטע מענטשן פון פאָלק — וואָס זאָרגן די גאַנצע צייט פאַר זייערע הצטרכותן און באַהאַלטן אויס פאַר די אויגן פון אייגע־נע, האָלענדישע מוסרים און די משוגענע געשטאַפּאָ־הענקער — די צוויי אידישע פאַמיליעס אין דעם געהיימען הויז,ביים קאַנאַל. די דאָ־זיקע פּשוטע און עלעמענטאַרע טאַטן פון מענטשלעכקייט זיינען, אין די פינצטערע נאַצי־באַדינגונגען, געוואַלטיקע טאַטן פון פרייען מענטש־לעכן גייסט, צו וואָס נאָר פּשוטע מענער פון פאָלק קענען זיך אין אַ גרויסן היסטאָרישן מאָמענט דערהויבן.

גאַנץ האָלאַנד וועט שפּעטער לייענען יענע גרויסע ווערטער וואָס אַ אידישע טאָכטער האָט אין ביטערע יסורים געשריבן וועגן די העל־דישקייטן פון דעם פּשוטן פאָלק. מיר דאַכט: צוויי פעלקער האָבן צום מערסטן אַרויסגעוויזן ליבשאַפט אין דער שרעקלעכסטער עת־צרה פון דעם אידישן פאָלק: די האָלענדער און די איטאַליענער. דווקא די פּשוטע פאָלקסמענטשן פון די דאָזיקע צוויי פעלקער האָבן זיך דערהויבן צו נאָבעלער העלדישקייט. אין אַנאַס טאָג־בוך וועלן אויף אייביק בלייבן לעבן די גרויסע מענטשן פון דעם האָלענדישן פאָלק. די דאָזיקע פאַר האָלענדער, איך הזר פיל מאָל איבער, וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן קנאַפּע צוויי יאָר צייט די צוויי אידישע, פאַרפאָלגטע פאַמיליעס, האָבן זיי באַזאָרגט מיט שפּייז און מיט מעדיצינען און זיי־נען נאָך דער אַנטדעקונג פון דער באַהעלטעניש דורך דער געשטאַפּאָ, אַוועק צוזאַמען מיט די אידן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן — די דאָזיקע געציילטע מענטשן וועלן אויף אייביק בלייבן שטיין ווי אומ־שטערבלעכע מאָנומענטן פון גרויס־מענטשלעכקייט, אפשר נאָך אַריי־בערשטייגנדיק אין סטאַטור און פאַרנעם דער מענטשהייטס אַנערקענט־סטע העלדן־מאָנומענטן. זייערע מאָנומענטן זיינען געשטעלט געוואָרן אויף אייביק אין אַנאַ פראַנקס פּשוטע ווערטער פון באַוואונדערונג צו זיי. ס'איז נישטאָ קיין גרעסערער דענקמאָל פאַר אַ מענטש ווי דער אויסדרוק פון טיפער דאַנקבאַרקייט פון אַ מענטשן אין זיין געפאַלב־קייט און אומגליק...

25 אַפּריל, 1954.

איך האָב היינט פאַרענדיקט דאָס איבערשרייבן פון מיין אינטימען טאָג־בוכס פאַרצייכענונגען בשעתן לייענען אַנאַס טאָג־בוך. איך דאַנק גאָט וואָס ער האָט מיר געגעבן כוח אָנצושרייבן און איבערצושרייבן די דאָזיקע באַשיידענע אַרבעט. איך האָב כסדר געקוקט אויפן טאָג־בוך און איך האָב זיך געשעמט אַריינצוקוקן אין אַנאַ פראַנקס זיסן און אומגליקלעכן פּנימל. זי האָט ביי מיר געמאָנט די דאָזיקע אַרבעט. איצט בין איך באַפרידיקט. איך פיל אַז דאָס טייערע קינד ווייסט פון מיינע איבערלעבענישן בשעתן לייענען איר ווערק, געשריבן מיט בלוט און מיט פייער. אַז זי איז באַוואוסטזיניק אַז איך בין נישט דער איינציקער פריינט אירער צווישן דעם ערדישן פּובליקום. איך האָב דורך דער דאָזיקער געשריבענער אַרבעט געצאָלט טריבוט צו אַ גרויסער העלדין, צו איינע פון די זעקס מיליאָן קרבנות. איך האָב מיט איר אויף אייביק זיך פאַרקנסט אין די הימלען און אויף דער ערד. זי איז מיין אומשטערבלעכע כלה. לייענענדיק איר טאָג־בוך, האָב איך זי טויזנטער מאָל מיט ליבשאַפט און מיט טרערן און מיט פייער אין מיין האַרצן געקושט...

צום סוף, נאָך איין וואָרט: פון וואַנען האָט אַנאַ פראַנק אַרויסגעוויזן אַזוי פיל גייסטיקע שטאַנדהאַפטיקייט, אינטעלעקטועלן באַלאַנס און כאַראַקטער־גבורה —

אין מאָמענטן פון אַזאַ גוואַלדיקער סכנה?

דער ענטפער קען נאָר זיין איינער: זי איז געווען אַ אידישע טאָכטער. זי האָט געשעפּט איר אוממענטשלעכע גבורה פון די קוואַלן פון פאָלק. דאָס אידישע פאָלק האָט איר, כאָטש אַ ביסל אָפּגעפרעמדטער טאָכטער, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אַן אַסימילירטער סביבה, געגעבן גייסטיקן קוראַזש, היסטאָריש־אידישן עקשנות, נאַציאָנאַלן געדולד און אויסדויער, כדי צו קענען שטיין פולשטענדיק זעלבסטבאַהערשט און קאָסמיש־באַוואוסטזיניק אין אָנבליק פון אומגעהויערע ליידן. דאָס איז די זעלבע גבורה וואָס אידישע פרויען האָבן אין פאַרלויף פון דער אידישער געשיכטע אַרויסגעוויזן אין מאָמענטן פון דער גרעסטער פאַרצווייפלונג און אומגליק. אַנאַ פראַנק איז אויסגעוואַקסן צו אַ פאָלקאָם־באַוואוסטזיניקער, גרויסער אידישער טאָכטער, וואָס האָט פון פאָלקס מאַרטירער־געשיכטע גערירשנט און דערגאַבערט איר אומגעהויערן גייסטיקן כוח און מעכטיקן כאַראַקטער.

ניו־יאָרק, 25 אַפּריל, 1954.

די אידיליע פון רות

עס איז געווען קאַלט און נעפּלדיק, ווען איך בין אַהיימגעקומען, אַ דורכגענעצטער. די קעלט האָט דורכגענומען מיינע ביינער. אַ גע־וואַלטיקער אומעט האָט מיך באַהערשט. איך האָב געזוכט צווישן די ביכער עפּעס אַזוינס וואָס זאָל מיך ספּיריטועל דערפרייען. וואָס זאָל אָנפילן מיין שווער געמיט מיט גלויבן, מיט קראַפט און מיט שעפערישקייט. זאָל איך נעמען איינע פון די ווערק פון דעם אַלטן שוועדישן מיסטיקער סוועדענבאָרג, וואָס האָט געהאַט פאַר זיך די קלאָרקייט פון הימל, ווי דעם פּאַלם פון זיין האַנט? צי זאָל איך נע־מען די געדאַנקען פון דעם פיינסטן הערשער פון רוים, דעם סטאָאיקער מאַרקוס אוירעליוס, וואָס האָט היפּש אימיטירט דעם קעניג קהלת? זאָל איך פּיללייכט אַריינקוקן אין די ווערק פון טאַסאָ, שעקספּיר, שפּינאָזאַ, דע קווינסי, באַלזאַק? זאָל איך נעמען דעם קליינעם גאָלדיקן באַנד מיט די זיידענע טאָוולען, וועגן באַרימטע פרויען? מיר איז געוואָרן עפּעס שווער פון דעם אַלעם. עס איז מיר געבליבן אין גע־דאַנק די לעצטע פראַזע וואָס איך האָב געלייענט אין דעם קליינעם באַלזאַק־בוך: „די מענטשן פון זשעניע זיינען זיין נאָכפאָלגער. זיי טראָגן און פאַרטראָגן אַלץ אַוועק מיט זיך”. טראָגן זיי ווירקלעך אַוועק אַלץ מיט זיך? ניין. באַלזאַק איז נישט געווען גערעכט. זיי לאָזן דאָ איבער זייערע גלענצנדע ווערק, זייערע מאָנומענטן און מאָ־לערייען, זייערע שלעסער און פּאַנטאַנען. זיי גייען אַוועק נאַקעט און באָרוועס אין דער ערד. די מענטשן פון זשעניע טראָגן אַוועק זייער אינטעלעקט אין דרערד...

און בשעת איך האָב געזוכט אַ ספר זיך צו פאַרטיפן און האָב נישט געפונען, נישט באַפרידיקנדיק זיך געגנוג מיטן פּילייכט קרעפ־טיקסטן פּראָזאַאיקער פון אַלע, מיט באַלזאַקן, האָב איך ווידער געפונען לעבן זיך דאָס אַלטע בוך פון ביכער, דעם תנך. דער תנך איז געווען אין ווייכע לעדער געבונדן, וועמענס בלעטער זיינען געווען געפּאַרבט אין גאָלד. און איך האָב צופעליק אָנגעטראָפן אויף די אידיליישע בלעטער פון ספר רות. אייגנטלעך — דאָס סאַמע קורצסטע ווערק אין תנך. דאָס סאַמע קינסטלערישסטע, רייפסטע, גאַנצסטע און געשלאָסנסטע ווערק אין דעם ספר הספרים. און די סאַמע ערשטע דערציילונג, וואָס איז אַזוי נאָענט צום זשאַנר פון דער אייראָפּעאישער דערציילונג. פּאַקטיש די סאַמע ערשטע „שאָרט סטאָרי” אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. נישט באָקאַטשיאָ האָט דערפונדן די קורצע דערציילונג אין זיין באַרימטן „דעקאַמעראָן”. נישט דער ביב־לישער עפּאָס גילגאַמעש איז די ערשטע קורצע דערציילונג. און זיכער נישט די שפּעטערדיקע מייסטער פון דער דערציילונג, מאָפּאַסאַן און טשעכאָוו. רות האָט אַלע עלעמענטן פון אַ גלענצנדער דערציי־לונג. אין דער קורצקייט, קוואַנטיטאַטיוו. אין דער קורצגעפּאַסטקייט. אין איר קלאָרקייט. אין די פּלאַסטישע פּערסאָנאַזשן וועלכע דער מחבר פירט אַרויס, ווי אַבסאָלוט־נייטיקע, פאַר דער האַנדלונג, בשעת דער אוראַלטער מחבר פאַרלירט נישט קיין איבעריקע פאַרב אויף

דעקאָראַציע און אָרנאַמענטיק, וואָס איז געוואָרן די הויפּט־לײדנשאַפט פון דעם נאָוועליסט פון אונזער צייט. מערקט אייך אַז אויך אַ דאָס־טאָיעווסקי האָט נישט קיין צייט פאַרן הינטערגרונט, פאַר איבעריקע דעטאַלן. ער שווימט אין אַ שטורעמדיקן, בייזן ים פון דער מענטש־לעכער פּסיכאָלאָגיע. דאָס איז זיין ים, אין וועלכן עס באָדן זיך גהינומ־דיקע און לײדנשאַפטלעכע, לייַדנדע און דעמאָנישע געשטאַלטן. און ער איז דער געניאַלער קאַפּיטאַן אין שטורעם.

די ערשטע העלדין פון ספר רות איז נעמי, וועלכע איז אַ הערלעך געשטאַלט פון אַ וואונדערשיינער פרוי, ערלעך אין איר ריינעם האַרצן. זייער מענטשלעך אין איר באַציאונג צו אירע שניר. ווען איר מאַן, אֱלימלך, און אירע צוויי זין, מחלון און כליון, שטאַרבן, אין אַ משך, פון צען יאָר, אין דעם לאַנד מואב, פאַרלירט זי נישט קיין איבעריקע רייד. אַפילו דער אויטאָר, דער אוראַלטער מחבר פון רות, פאַרלירט נישט קיין איבעריק וואָרט וועגן די טויטע. צו וואָס דען? גאָט, די נאַטור, איז אַלמעכטיק. טויט איז אומפאַרמיידלעך. און גאָרנישט קען איצט העלפן צו דערוועקן די טויטע. דאָס איז פונם שטאַנדפּונקט פון דעם אייביק־פאַראויסגייענדיקן, ווי אַ ווילדן שטראָם, לעבן זעלבסט, וואָס קוקט זיך נישט אום אויף צוריק. בכלל ווערט אין תנך נישט אָפּגעגעבן קיין איבעריקן פּלאַץ צום טויט. וואָס שייך דעם לעבן אין דער דערציילונג, זיינען די דריי כאַראַקטערן נישט וויכטיק. ווען זיי האָבן געלעבט, זיינען זיי דאָך נישט געווען קיין פּערסאָנאַזשן פאַר דער דערציילונג. ווען זיי שטאַרבן, הייבט זיך דאָך אָן די אַקציע, פאַראורזאַכט דורך זייער טויט. די פרויען, נעמי און רות, טרעטן איצט אויף, כדי צו האַנדלען אין די ראַמען פון אַ דערציילונג. דעריבער איז נישט נויטיק צו פאַרלירן קיין איינציק וואָרט וועגן די טויטע, ווי וועגן פּערסאָנאַזשן וואָס שפּילן נישט פאַר אונז קיין ראָלע. מיר קענען מיט קיין איינציקן שטריך נישט זייערע פּנימער. דער אויטאָר מעקט אָפּ די שטריכן פון זייערע גראַניטענע מאַסקעס.

נעמי דערשיינט דאָ ווי אַ מערקווירדיקע געשטאַלט פון ערלעכ־קייט און פשטות. זי זאָגט צו אירע צוויי שנורן, ערפּה און רות:

„קערט אייך אום, מיינע טעכטער, צו וואָס זאָלט איר גיין מיט מיר?

ציּ האָב איך נאָך זין אין מיינע אינגעווייידן, אַז זיי זאָלן זיין אייך פאַר מאַנען? קערט אייך אום, מיינע טעכטער, גייט, וואָרן איך בין צו אַלט צו זיין מיט אַ מאַן. ווען איך זאָל שוין זאָגן: פאַראַן פאַר מיר אַ האָפענונג, איך זאָל נאָך זיין די נאַכט מיט אַ מאַן, און איך זאָל אויך געווינען זין; צי וועט איר האַרן אויף זיי ביז זיי וועלן גרויס ווערן? צי וועט איר זיך בינדן צוליב זיי און נישט זיין מיט קיין מאַן? ניין, מיינע טעכטער, וואָרן מיר איז ביטערער פון אייך, וואָרן אַרויס קעגן מיר איז די האַנט פון גאָט.“

נעמי איז דאָ וואונדערשיין אין איר ערלעכקייט. בלויז די מענטשן פון תנך קענען זיך דערהויבן צו אַזאַ געוואַלדיקער ערלעכקייט, פריי פון יעדן מין אייגננוץ. ווי זי באַגרייפט די נאַטור־נויטווענדיקייט פון אירע שנורן צו האָבן מענער. זי פאַרלאַנגט נישט פון זיי צו בלייבן

אלמנות, צו בלייבן געטריי דעם אָנדענק פון אירע זין און צו טרויערן נאָך זיי. דאָס איז קעגן דער נאַטור. און די תנך־כאַראַקטערן טאָן אַלץ אין איינקלאַנג מיט דער נאַטור. קיין קינדער קען נעמי שוין מער אַליין נישט האָבן. און ווען זי זאָל שוין יאָ האָבן קינדער, ווי אַזוי קענען די שנירן וואַרטן אַזוי לאַנג און אַלס פרויען פאַרניכטעט ווערן פון צייט? זי אַליין איז איצט אַן איינזאַמע אַלמנה, אָן אַ מאַן און אָן קינדער; אָבער זי קען דאָך נישט פאַרלאַנגען אַז די פרעמדע פרויען, אירע שנירן, זאָלן אַרבעטן אויף איר? אויסערדעם ווייסט נעמי דאָס אומגליק פון אַ פרוי וואָס האָט נישט קיין קינדער. אין אַלטערטום האָט מען פאַרלאַנגט אַז דער מין מענטש זאָל בלייבן לעבן דורך זיינע קינדער. דאָס לעבן פון די מענטשן אויף דער ערד איז פאַרט־געזעצט געוואָרן דורך פארטפלאַנצונג פון זיינע דורות. אַזוי איז דער מענטש געווען אומשטערבלעך. פינצטער איז דאָס לעבן פון אַ פרוי וואָס האָט נישט קיין קינדער. דער דאָזיקער בליק איבערן מענטש האָט זיך אייגנטלעך דערהאַלטן ביז אויף היינטיקן טאָג, און באַזונדערס ביי אידן. וואָס טוט נישט אַ אידישע מוטער אַז איר טאָכטער זאָל אויסגעגעבן ווערן?!

נעמי ווייסט עס וואויל און זי באַפעלט אירע שנירן זי צו פאַר־לאָזן, צו גיין זיך זוכן מענער פאַר זייער פאַמיליענלעבן. וואָס וועט געשען אין דאָזיקן וויכטיקן מאָמענט פון דער דערציילונג?

ערפה, די געוויינלעכע, פראַקטישע פרוי פאַרשטייט די לאָגיק פון איר שוויגערס רייד. אין קעגנזאַץ צו רותן, פאַרלאָזט ערפה איר שוויגערס הויז, כדי זיך צוריקצוקערן צו איר פאָלק און צו איר תכלית. אָבער רות, די מואב־טאָכטער, בלייבט איבער מיט איר אַל־טער, אידישער שוויגער. זי קען איר נישט פאַרלאָזן נאָך אַזוי פיל יאָרן זיין צוזאַמען. יאָרן פון ליידן און געמיינזאַמער אָנשטרענגונג. רות פרואווט אפילו זיך נישט וואַקלען אין אַ מאָמענט פון דעצידירן איר לעבנס־גורל, איר צוקונפט. ווען נעמי אַפּעלירט ווידער צו רותן, וויזנדיק אַ ביישפיל אַז ערפה איז אַוועק צו איר פאָלק און צו איר גאָט — ענטפערט רות:

— „בעט מיך נישט, דיך צו פאַרלאָזן, אומצוקערן זיך פון נאָך דיר; וואָרן וואוהין דו וועסט גיין, וועל איך גיין;

און וואו דו וועסט נעכטיקן, וועל איך נעכטיקן; דיין פאָלק איז מיין פאָלק און דיין גאָט איז מיין גאָט. וואו דו וועסט שטאַרבן, וועל איך שטאַרבן, און דאָרט וועל איך ווערן באַגראָבן, אַזוי זאָל גאָט טאָן מיט מיר, און נאָך מער; נייערט דער טויט וועט מאַכן אַ צווישנשייד צווישן מיר און צווישן דיר.“

פון דעם טיפן שמערץ פון נעמי ווערן מיר בלויז געוואויר ווען זי קומט מיט איר שנור קיין בית לחם. ווען די וויבער זאָגן: „איז דאָס נעמי?“ — זאָגט זי צו זיי: „רופט מיך מרה, (ביטערע), וואָרן דער אַלמעכטיקער האָט מיך זייער פאַרביטערט — איך בין פול אַוועקגעגאַנגען און ליידיק האָט מיך גאָט אומגעקערט. פאַרוואָס זאָלט איר מיך רופן נעמי, אַז גאָט האָט באַצייגט קעגן מיר, און דער אַלמעכטיקער האָט מיר שלעכטס געטאָן?“

פשוטע ווערטער, וואָס טריפן מיט בלוט פון אַ ווייבס און פון אַ מוטערס האַרצן. נאָר פון איר פאַרשניטענער פאַמיליע איז געבליבן איין ערלעך קינד, רות. און זיי קומען אָן קיין בית לחם „ביים אָנהויב פון דעם שניט פון גערשטן". און דאָ קומט אַ קאַפּיטל אין דער ביבלי־שער דערציילונג, וואָס האָט אינספּירירט אַ גאַנצע רייע ווערק אין דער שפּעטערדיקער ליטעראַטור, ווי קנוט האַמסונס „די ברכה פון דער ערד" און ריימאָנטס „פּויערן". אין דאָזיקן קאַפּיטל ווערט געגעבן אַ בילד פון רוראַלן לעבן אין די ביבלישע צייטן. די זאַטקייט און רייפקייט פון דער נאַטור, די שפע פון דער ערד, די רואיקייט פון לעבן, ווערט דאָ רייך געשילדערט.

עס טרעט איצט אויף בועז, „אַ העלדישער מענטש, פון אלימלכס משפחה". בועזס רייד צו רותן זיינען פון אָן ערלעכן, גוטן און שיי־נעם מענטשן. רות גייט אין בועזס פעלד און זי קלייבט די זאַנגען וואָס די שניטער לאָזן איבער.

און מיר קענען זיך וואויל פאָרשטעלן די שיינקייט פון רותן. דאָס פעלד איז צעשניטן פון די סערפּן. דער האָרטער איבערבלייב פון די פאַרשניטענע זאַנגען שטעכן אירע נאַקעטע, בלייכע פיס. עס טוט איר וויי. און איבער איר שיינעם, טרויעריקן פּנים זעט זיך דער אויסדרוק פון שמערץ, וואָס מאַכט איר פרוילעכער שיינקייט רייצנד און שמערצפול. אירע הענט ציטערן אומזיכער ביים רייסן די איבערגעבליבענע זאַנגען. און ווען זי בויגט זיך איין, ציטערן לייכט אירע פולע, אירע פיין־געפאָרעמטע בריסט, עס ציטערן אירע היפטן, אויסגעהאַמערט־רייפע, און זי גייט אויף אין פולער, פרוילעכער שיינ־קייט, בשעת אירע ברוין־גאָלדיקע אויגן זיינען פייכט פון טרערן. בועז קוקט אויף איר די גאַנצע צייט פונם שייער אויס מיט זיינע מענלעך־גליענדיקע אויגן און בועז זאָגט צו רותן:

„פאַרוואָר, דו הערסט, מיין טאָכטער? גיי נישט קלייבן אין קיין אַנדער פעלד, און גיי אויך נישט אַוועק פון דאַנען, נייערט דאָ באַ־העפט דיך מיט דיינע מיידלעך. לאָז דיינע אויגן זיין אויף דעם פעלד, וואָס זיי שניידן, און דו גיי הינטער זיי; פאַרוואָר, איך האָב באַפוילן די יונגען, דיך נישט אָנצורירן; און אַז דו ווערסט זיין דאָרשטיק, גיי צו צו די כלים, און טרינק פון דעם, וואָס די יונגען האָבן אָנגע־שעפּט".

גוטע רייד, פון אַ שטאַרקן מאַן, וואָס האָט מיטלייד אויף דער ערלעכער רות, וועמענס געשטאַלט און פּנים מיר זעען לויכטן אין אונזער פאַנטאַזיע ווי אַ מאָלעריי, בשעת אין ספר רות זעען מיר זי בלויז ווי דורך אַ וואוּאַל, דורך אַ נעפּל. וואָרעם דער מחבר איז פאַראינטערעסירט אין מענטשלעכע האַנדלונגען, אין מעשים. און נישט אין דער פיזישער שיינקייט פון די העלדן. רותן זעען מיר נישט פיזיש. מיר ווייסן נישט ווי שיין, ווי רייצנד זי איז — דורך די ווער־טער פונם מחבר. אָבער, מיר קענען אויף אייביק איר האַרץ. מיר זעען אין איר, די צאַרטע, גוטע פרוי. מיר זעען איר פאַלן צו דער ערד, אין טיפסטער הכנעה, און זיך בוקן צו בועזן, אויס דאַנקבאַרקייט. ווען רות וואונדערט זיך וואָס זי האָט געפונען לייטזעליקייט אין בועזס

אויגן, בשעת זי איז דאָך אַ פּרעמדע — זאָגט צו איר בועז אַז ער האָט געהערט וועגן אירע גוטע מעשים צו איר שוויגער. ער זאָגט צו איר בזה הלשון:

— „און דו האָסט פאַרלאָזט דיין פאָטער און דיין מוטער, און דאָס לאַנד פון דיין געבוירן, און דו ביסט געגאַנגען צו אַ פאָלק וואָס דו האָסט נישט געקענט נעכטן, אייערנעכטן. גאָט זאָל פאַרגעלטן דיין טואונג, און דיין לוין זאָל זיין גאַנץ פון גאָט דעם גאָט פון ישראל, וואָס דו ביסט געקומען באַשירעמען דיך אונטער זיינע פליגל."

בועז לאַדט איר איין צום טיש און גיט איר צו עסן און ער באַפעלט זיינע יונגען נישט נאָר צו לאָזן איר קלייבן צווישן די איבערגעבליבענע זאַנגען, נאָר אויך צווישן די גאַרבן. „זאָל זי קלייבן און איר זאָלט זי נישט פאַרשעמען. און אויך ציען זאָלט איר אַרויסציען פאַר איר פון די בינטלעך, און לאָזט זי איבער און זאָל זי קלייבן, און איר זאָלט אויף איר נישט אָנשרייען."

מיר ווערן גערירט פון דער שיינקייט פון בועז׳ס כאַראַקטער. און פון דער באַשיידנקייט פון רותן. מענטשן האַנדלען דאָ אין טיפסטער האַרמאָניע. און זעט ווי אַזוי גוטס רופט אַרויס גוטס. די גוטסקייט פון נעמי רופט אַרויס די גוטסקייט פון רות. די גוטסקייט פון רות וואָס זי האָט געטאָן צו נעמי, רופט אַרויס די גוטסקייט פון בועזן. און די גוטסקייט פון בועזן מאַכט אַז די יונגען זאָלן איר נישט פאַרשעמען און נישט אָפּלאַכן פון איר. און רות, גערירט פון בועזס גוטסקייט, איז פול מיט ליכטיקייט און מיט שיינקייט און מיט טרערן אין איר האַרצן. אָט ווי אַזוי אַן אוראַלטער שרייבער ברענגט אַרויס דאָס גוטע אין דער ליטעראַטור, אין זיין כישופדיקער דערציילונג.

ווען רות קומט אַהיים צו נעמי, מיט אירע זאַנגען, האָט נעמי גרייט אַ מאָלצייט פאַר איר. און זי האָט גרייט די גוטסקייט פון איר האַרצן. זי פרעגט אויס רותן אויף וועמענס פעלד זי האָט געקליבן זאַנגען. און זי בענטשט דעם גוטן, אומבאַקאַנטן מענטש, בועז. און נעמי זאָגט צו רותן, ווי אַ מוטער זאָגט צו איר קינד:

„און איצט, איז נישט בועז, וואָס דו ביסט געווען מיט זיינע מיידלעך, אונזערער אַ נאָענטער? זע, ער שויפעלט אין שייער דעם גערשטן די נאַכט. נעם וואַש דיך און זאַלב דיך און טו אָן אויף דיר דיינע קליידער און נידער אַראָפּ צו דעם שייער, לאָז דיך נישט דערקענען צו דעם מאַן, ביז ער וועט האָבן געענדיקט צו עסן און צו טרינקען. און עס וועט זיין, אַז ער וועט זיך טאָן לייגן, און דו זאָלסט דיר מערקן דאָס אָרט, וואָס ער וועט זיך דאָרטן לייגן, און דו קום און דעק אויף זיין צופוסנס און לייג דיך אַנידער; און ער וועט דיר זאָגן וואָס דו זאָלסט טאָן."

רות טוט ווי איר שוויגער הייסט איר. ׳ס איז שפּעט ביינאַכט. זאַט, לוסטיק, אויסגערוט, דערזעט בועז אַ ווייב צופוסנס. ווען ער פרעגט: „ווער ביסטו?" זאָגט זי שטילערהייט: „איך בין רות, דיין דינסט. נעם שפּרייט אויס דיין פליגל איבער דיין דינסט, וואָרן דו ביסט אַן אויסלייזער".

בועז באַוויזט איצט ווידער אַמאָל זיין מענטשלעכקייט. ער נעמט גערן אָן זיין ראָלע אַלס אויסלייזער. און ער איז גרייט זי צו באַשיצן, צו מאַכן זי פאַר זיין ווייב, צוליב איר גוטסקייט. „וואָרן סע ווייסט דער גאַנצער טויער פון מיין פאָלק, אַז דו ביסט אַ העלדישע פרוי“.

„סע ווייסט דער גאַנצער טויער“ — איז דאָ נישט גלאַט קיין פראַזע. דער טויער איז דער צענטער פון שטאָטישן לעבן. ביים טויער דערציילט מען זיך אַלע נייעסן פון שטאָט. עס ווערט איבערגעזיפּט די כראָניק פון לאַנד. מענטשן קומען דאָ אָן פון ווייטע מקומות און ברענגען איבער די נייעס פון אַנדערע שטעט. צום טויער ציען ווייטע קעמלען־קאַראַוואַנען. ביים טויער טרעפן זיך די באַלעבאַטים, די חכמים, די עלטסטע פון שטאָט. דאָ ווערט אַלץ געוואויגן און גע־רעדט, געמשפּט און פאַרמשפּט. ביים טויער אויך פאַרנעמט דאָס קינד זיין פאָטערס פּלאַץ. דאָס אָרט פונם פאָטער ווערט נישט ליידיק, ווען ער האָט אַ שפּראָצלינג, ווען ער שאַפט אַ דור. מיט איין וואָרט: דאָס טויער איז דער צענטער פון לאַנד. און ווען בועז זאָגט אַז דאָס פאָלק פון טויער ווייסט אַז רות איז אַ העלדישע פרוי, מיינט עס צו זאָגן אַז ביים טויער האָט דאָס פאָלק וועגן איר גערעדט און דאָרט האָט מען פעסטגעשטעלט איר כאַראַקטער, לויט אירע מעשים.

עס איז פאַראַן אַ נאָענטערער אויסלייזער צו דער משפּחה. אויב יענער וועט איר נעמען פאַר אַ ווייב, איז עס זיין רעכט. אויב נישט, וועט ער זי באַשיצן. און כדי קיין שלעכט וואָרט זאָל נישט גערעדט ווערן אויף איר, הייסט ער זי אַוועקגיין באַלד אין דער פרי, ווען עס איז נאָך פינצטער, און ער היט זיך פון אָנרירן איר, בשעת זי ליגט אַ געזאַלבטע, אָן אונטערטעניקע, צו בועזן. עס איז פייכטער, שמעקעדיקער באַגינען. גאָר די נאַטור שלאָפט אין אירע גרינע בעטן. דאָס הויכע גראָז איז פייכט פון טוי, פון קאַלטן, פון שאַרפן טוי. רות הויבט זיך אויף פון פעלד מיט באָרוועסע, וואונדערשיינע פיס, פייכטע פון טוי. זי איז איצט מיד, און לאַנגזאַם טרעט זי אויף רויטע בלומען, אויף היימישע פלאַנצן, אויף דעם וואונדערלעכן טעפּיך פון פאַרביקע פעלדער. און אַ גרויס גליק איז אין איר גוטן, אין איר קינדיש־נאַאיוון און ערלעכן פרויען־האַרץ. שוין שיקט די זון אירע ערשטע שטראַלן פאַראויס, וואָס יאָגן איר אָן און באַגילדן דער איי־דעלער רות... אויפן גאַנצן וועג, וואָס די שטילע רות ציט אַהיים, זינגען פאַר איר מאָרגנגעזאַנגען די ערשט־דערוואַכטע פייגל. און, ווען זי קומט צוריק צו נעמי, טראָגט זי זעקס מאָס גערשטן מיט זיך. וואָרן ער האָט איר געזאָגט: „קום נישט ליידיק צו דיין שוויגער“.

בועז גייט איצט צום טויער און פאַר צען מענטשן רעדט ער מיט זיין עלטערן ברודער, וואָס איז דער ברודער פון אֶלימלך, וועגן אויסלייזן אלימלכס פעלד און „אויפצושטעלן דעם נאָמען פון דעם טויטן אויף זיין אַרבטייל.“ ווייל דער וואָס האָט געקויפט דאָס פעלד, האָט גלייכצייטיק געקויפט דאָס ווייב פון דעם טויטן.

אָבער דער „נאָענטערער“ זאָגט זיך אָפּ, וואָרעם ער האָט מורא „טאָמער וועל איך פאַרדאַרבן מיין אייגן אַרבטייל“. בועז קויפט דע־

מאַלט אַפּ פאַר די אויגן פון פאָלק דאָס פעלד פון אלימלך און „אַלץ וואָס האָט געהערט צו כליונען און צו מחלונען". אויך רות קויפט ער זיך פאַר אַ ווייב און דאָס פאָלק זאָגט צו אים:

— „עדות! לאָז גאָט געבן דעם ווייב, וואָס קומט אין דיין הויז, זי זאָל זיין ווי רחל און ווי לאה, וואָס זיי ביידע האָבן אויפגעבויט דאָס הויז פון ישראל."

רות ווערט גענומען צו בועזן און ווען זי ווערט טראָגעדיק, זאָגן די ווייבער צו נעמין זייער רירנדע רייד:

— „געבענטשט איז גאָט וואָס האָט נישט געלאָזן דיך היינט אָן אַן אויסלייזער, און לאָז זיין נאָמען זיין גערופן אין ישראל. און ער זאָל דיר זיין אַ דערקוויקער פון דעם לעבן און אַ דערנערער אויף דיין עלטער; ווארן דיין שנור, וואָס האָט דיך ליב, וואָס זי איז דיר בעסער פון זיבן זין, האָט אים געבוירן".

און נעמי האָט גענומען דאָס קינד און האָט עס אַריינגעלייגט אין איר שויס, און זי איז אים געוואָרן פאַר אַ דערציערין".

***

מער זעען מיר נישט רותן. ווען זי האָט געענדיקט ווערן כלה, פאַרשווינדט זי. דער אוראַלטער מחבר שליסט דאָס הילצערנע טויער פון זיין דערציילונג. ער גיט נאָר די כראָניק, די געבורטן, די גענעאַ־לאָגיע פון קעניג דוד... ווי אין יעדער קונסטווערק, טרעטן אַפּ די הויפּט־כאַראַקטערן אין הינטערגרונט, ווען זיי זיינען נישט מער וויכ־טיק פאַר דעם קונסטווערק. דער וואונדערשיינער, אַלטער, בלומענ־אַרטיקער פאַרהאַנג לאָזט זיך אַרונטער...

אָבער ער וועט, דער גאָלדיקער פאַרהאַנג פון צייט, זיך ווידער אויפהויבן... וואָרעם „אַ זון איז געבוירן געוואָרן ביי נעמין; און זיי האָבן גערופן זיין נאָמען עובד; ער איז דער פאָטער פון ישי'ן, דער פאָטער פון דודן".

רות איז אַלזאָ די גרויסמוטער פון קעניג דוד, פון אונזער מעכ־טיקן, וויזן, שיינעם דוד המלך; דער מחבר פון דעם שענסטן בוך און דער האַרפנשפּילער; דער גרויסער חכם און מאַנאַרך... דער גרעס־טער הערשער פון אַלטערטום...

אָט וואו די טוגנט דערגרייכט; אָט ווי די שיינקייט פון דעם שיי־נעם, גוטן האַרצן ווערט באַלוינט און באַקרוינט דורך גאָט אַליין. די אָרעמע, עלנטע פרוי וואָס האָט געקליבן זאַנגען אין פעלד — איז די באָבע פון דעם גרעסטן אידישן קעניג וואָס איז געווען „רויט, מיט שיינע אויגן און פון שיינעם אויסזען" („ספר שמואל", קאַפּיטל ט"ז). אָט ווי גאָט באַלוינט זיינע ערלעכע און באַשיידענע מענטשנ־קינדער...

— — — — — — — — — — —

ווען איך האָב שפּעט ביינאַכט געענדיקט צו לייענען די דער־ציילונג, און איך האָב אַרויסגעקוקט אויפן הימל דורך מיין קליינעם פענצטער, איז אַלץ געווען אויסגעלייטערט. גרויסע שטערן האָבן אַראָפּגעלויכטן פון הימל, ווי פּנימער פון חכמים, פון גרייז־גרויע,

ווייזע לייט. זיי האָבן גליקזעליק געשמייכלט, ווי הנאה האָבנדיק פון דעם וואָס איך האָב ערשט געלייענט... די לבנה האָט געלויכטן אין הימל ווי אַ קעניגלעכע קרוין, ווי אַ קרוין פון דוד המלך...

***

די איבערזעצונג פון „ספר רות" האָט געמאַכט דער דיכטער נפתלי גראָס. די ציטאַטן וואָס איך האָב געבראַכט, זיינען פון „די פינף מגילות". נפתלי גראָס האָט אין זיין איבערזעצונג פון די פינף מגילות — און שפּעטער, אויך פונם תהלים, געגעבן די שפּראַך, ווי ער האָט זי קליינערהייט געהערט פונם מויל פונם היימישן מלמד, ווי ער האָט אין חדר פאַרטייטשט דעם תנ"ך. נפתלי גראָס האָט אין זיין איבערזעצונג פונם תנ"ך געגעבן זיין רייפע דיכטערישקייט. זיין קול־טור. זיין גרויסע ליבשאַפט צו די בלעטער פון דעם גרייזן, ווייזן ספר. אַ מאַטורער פּאָעט טראָגט איבער די סאָלידע שטיקער גאָלד פון תנ"ך אין סאָלידע שטיקער גאָלד פון אידיש...

ניו־יאָרק, מאַי, 16, 1943.

בן־ציון: „דער מענטש און זיין שטערן"

שטריכן צום פּאָרטרעט פון שלום אַש

הגם עס שטייט די געפאַר פון אומפאַרמיידלעכער איבערחזרונג פון פּיראַמידן מיט באַנאַליטעטן און שאַבלאָנען — דאָך רייסט זיך די פעדער צו שרייבן וועגן שלום אַשן. ווייל מען האָט דאָ צו טאָן מיטן סאָרט שרייבער וואָס האָט ווייט אַריבערגעטראָטן די גרענעץ פון דער פעדער, די צוים פון דעם גאָרטן פון ליטעראַטור, דעם פּאַראַדיז פון קונסט און האָט זיך היפּש איינגעביסן אין די פּראָבלעמען פון לעבן. איז מוטער־נאַקעט אַריבערגעגאַנגען די שטעכעדיקע דראָטן פונעם לעבן זעלבסט.

עס רייסט זיך די פען צו שרייבן וועגן שלום אַשן, טראָץ בערג מיט פּובליסיטי, רעקלאַמע, אָפטמאָל גאַנץ געשמאַקלאָזע סענסאַציע און ביליק־פייערדיקע נעאָן־ליכט פון פאַלש־טיטלען און היסטאָרישע נעמען פון זיכערן דערפאָלג. די פען ווערט פּראָוואָצירט וועגן אים צו שרייבן, ווייל די שלום אַש־געשטאַלט איז טאָפּלט, איז דואַליסטיש און פלוראַליסטיש. עס איז דער אייביקער געראַנגל צווישן מענטש און מחבר. אָפטמאָל צווישן מחבר און מחבל. צווישן אויטאָר און דעם אייגענעם לייב און נפש. צווישן אַ סוף כל סוף שטערבלעכן מענטש און אַן אומשטערבלעכן שיעור נישט דעמי־גאָט. צווישן מענטשלעכע אַמביציע און גייסט. צווישן אויפבליץ פון געניאַלן טאַלאַנט און וואולגאַרער אָפטמאָל מענטשלעכער קליינלעכקייט, קאַרגשאַפט און מענטשלעך־אומסימפּאַטישע כאַראַקטער־קוואַליטעטן.

אין שלום אַשן מאַניפעסטירן זיך צוויי געוואַלטיקע כוחות: דאָס מאָראַלישע און דאָס אַנטי־מאָראַלישע. ער איז געווען — אָדער האָט געוואָלט זיין — אַ נביא, וואָס ציט צום מאָראַלישן און וויל טרינקען ווי איוב און ווי פאַוסט פון די טיפסטע קוואַלן פון דער סאַמע געטלעכקייט. און צו גלייכער צייט האָבן אין זיינע בליטן געאַרבעט פינצטערע, מענטשלעך־פייערדיקע עלעמענטן, וואָס ציען צום געניסן אַלע פריידן און זינד פון דער ערד. ער האָט ווי קעניג געוואָלט אַרומנעמען די גאַנצע ערד מיט אַלע אירע פאַרגעניגנס. זיך באַפרייט פון דעם פייער־פלייצנדיקן מאָמענט פון שאַפונגס־פּראָצעס, ווען עס איז אין די שפּעטע נעכט געזעסן אַ ריזיקער שרייבער, מיט אַ געוואַלטיקן כוח פון געשטאַלטיקונג און שילדערונגס־קראַפט, מיט אַ מעכטיקן ווילן אַריינצודרינגען אין די פּראָצעסן פון דער אידישער און וועלט־געשיכטע, מיט דער אַמביציע צו איבערשאַפן גאַנצע שטיקער לעבעדיקע צייט, שטורעמדיקע תקופה און אַנצוטאָן אין דיקע און מאַסיווע פרעסקאָס און פעסטיוואַלן גאַנצע עפּאָכן, אייטינקענדיק די פען אין דעם בלוט און פייער פון גזרת ת״ח, שפּאַנישע אינקוויזיציע, רוסישע רעוואָלוציע, ערשטע וועלט־מלחמה, מדינת ישראל, און ממש מאָלנדיק מענטש און לאַנדשאַפט מיט דעם שעפערישן פלאַם פון אַ רובענס — האָט אָט דער זון פון אַ איד אַ שעפּסנהענדלער זיך אויפגעהויבן פונם שרייב־טיש מיט דער אַמביציע צו ווערן אַ נביא ביי אידן און אַ נביא ביי די גוים. מיט דער אינער־

ציע און גראַנד־נאַאיוויטעט פון אַנטדעקן, אַנטפּלעקן און איבערשאַפן נייע געטער און רעליגיעס — מיט דער חוצפה — פאַרקליידט אין פּאַ־טאָס — זיך אַריינצומישן אין געהייליקטע דורותדיקע טראַדיציעס. מיטן פאַרמעסט ממש אַנצורירן די פונדאַמענטן פון גייסטיקן און ספּיריטועלן לעבן ביי פעלקער. אַזוי ווי דער קליינער משה, וואָס גיבנדיק אים די ברירה צו אויסקלייבן צווישן טויטע קוילן און פלאַמען, האָט ער אויס־געצויגן די האַנט נאָך דעם פייער — אַזוי האָט שלום אַש שטענדיק אויסגעוויילט דאָס פייער. דער שיקזאַל האָט אים באַשענקט מיט פייער. שטענדיק זיך געריסן צום סקאַנדאַל. תמיד זיך פאַרטשעפּעט מיט וועלט־פּראָבלעמען. תמיד זיך איינגעביסן מיט זיינע שאַרפע ציין אין היסטאָ־רישע טראַדיציאָנעלע און פונדאַמענטאַלע לעבנס־קניפּן פון מאָראַל, רעליגיע און עיקר־עקזיסטענץ־פּראָבלעמען פון פעלקער. דערביי האָט ער שטענדיק, אַזוי ווי אַ פּרוי, געהאַט גרייט דעם קוואַל פון טרערן. אין מאָמענט פון די סאַמע שאַרפסטע באַשולדיקונגען — וואָס טוט שלום אַש? ער וויינט! און גיי באַשולדיק און באַשטראָף אַ שריפט־שטעלערישן מאָסאַדעג...

שלום אַש דער מענטש, מיט זיין וואולקאַנישער שעפערישקייט, האָט זיך נישט פאַרלאָזן אויף דער פעדער אַליין. זיינע רעדעס, דעקלאַראַ־ציעס און אינטערוויוען האָט אים אָפט פאַרשאַפט וועלט־סענסאַציע און נאַציאָנאַלן פאַרדרוס. עס האָט אָפט שאָקירט דאָס רעכט וואָס אַ שטערב־לעכער מענטש נעמט זיך מיט חוצפה שאַלטן און וואַלטן איבער די סאַמע הייליקסטע פונדאַמענטאַלישקייטן. ער איז ווי געבוירן געוואָרן צו לעבן אין שטורעם פון וועלט־רום און וועלט־רעקלאַמע. אפשר האָט אין אים גאָר געלעבט אַ קעניג אָן אַ טראָן. אין גרונט — אַן אַנטי־מאָראַליסט, האָט ער זיך דווקא פאַנאַטיש און ציניש געריסן צו מאָראַלישע קאַטע־גאָריעס. אַ פולער עולם הזהדיקער געניסער פון לעבן, אַ גרויסער פאַר־צערער פון שפּייז, פון וויינען און ווייבער, פון כבוד און פון וועלט־רום, האָט ער דווקא געשפּילט דעם נביא און דעם גייסטיקן פירער פון פאָלק.
אָבער, מען מוז זאָגן: שלום אַש האָט נישט באַזעסן די גייסטיקע קוואַ־ליטעטן פון זיין אַ נביא. עס האָט אים געפעלט די סאַמע העכסטע קוואַ־ליטעט: זיך אָפּזאָגן פון זיך אַליין. זיך צוהערן צו גאָטס וואָרט. אויפ־געבן לוקסוס און ספּלענדאָרס. זיך באַפרייען פון קאַרגשאַפט און כבוד־זוכעריי. פאַרלאָזן פּאַלאַצן און ווילאַס. זיך וויקן אין די טרערן־גע־זאַלצענע טאָלן פון מענטשלעכע יסורים. זיך צוהערן צו דער שטימע פון גאָט אין דער איינזאַמקייט און אָרעמקייט פון מענטש. ליידן כדי זיך צוצוהערן צו די ליידן פון די מענטשן. אויפגעבן פון זיך די חוצפה און מענטשלעכע פאַררייסנקייט...

אין דעם נעקראָלאָג־קאָלום וועגן שלום אַשן אין דער „ניו־יאָרק טיימס", איז געווען דערמאָנט אַ נאָמען פון אַ מאַן פון אַריסטאָקראַטישן אָפּשטאַם: לעוו טאָלסטאָי. מען קען לייכט ציען אַ פּאַראַלעל צווישן דעם רוסישן פּראָפעט און דעם אידישן נביא. ביידע האָבן זיך דאָך פאַר־נומען מיט רעליגיעזע, מיט טעאָלאָגישע פּראָבלעמען. אָבער טאָלסטאָי,

אַ חוץ זיין עכט־רעליגיעזן געמיט, האָט באַזעסן אַ ממש געטלעכע און ברוטאַלע אויפּריכטיקייט. עס איז נישט געווען קיין פּאָזע, קיין אָנשטעל און קיין פּסיידאָ־טאָן אין זיין געשטאַלט. בשעת אַש האָט טאָג און נאַכט פּאָזירט מיט שלום אַשן, אַש האָט אפילו פאַרגעסן צו מאַכן דעם אָנשטעל פון באַשיידנקייט. אין טאָלסטאָיען, ספּעציעל אין זיינע קריטישע מאָמענטן, איז תמיד געווען מענטשלעכע פאַרצווייפלטקייט, פאַרלוירנקייט און פּינצטערער צווייפל. אין אַשן — קיינמאָל נישט קיין צווייפל. שטענדיק זעלבסט־פאַרפירערישער פּאַטאָס. נאָך זיינע ווערק זיינען געקומען דעקלאַראַציעס וואָס האָבן געשמעקט מיט אומאויפריכטיקער דעקלאַמאַציע. עס האָט אים אפשר געפעלט אַז עס זאָל מאַכן די מענטשן גלויבן אין זיין אַבסאָלוטער ערלעכקייט. מען האָט שלום אַשן נישט געגלויבט. די פעלערן פונם שרייבער, פון מאַכן ליטעראַטור, פון פאַרפּאַסן פּראָזע, זיינען געקומען צום פאַרשיין. מען האָט באַשיינפּערלעך געזען אַז ער קען די וואונדן פון הייליקע פאַרוואַנדלען אין שריפטשטעלערישן גאָלד. אַז ער קען די יסורים פון מאַרטירער פאַרטוישן אויף אוצרות, כבוד און רום. אַז ער איז אומשטאַנד די עקזעקוציעס פון נביאים און אַפּאָסטאָלן פאַרוואַנדלען מיט דער פאַבלהאַפטער פּראַכט פון זיין לוקסוריעזער פעדער אין רייכע און עקסטראַוואַגאַנטע שילדערונגען און אין בלענדנדיקע קאַפּיטלעך פּראָזע וואָס פאַרשאַפן אוודאי קינסטלערישן גענוס דעם לייענער. ער האָט צופיל הנאה געהאַט פון זיין אייגענעם טאַלאַנט. ער האָט זיך נאַרציציסטיש געשפּיגלט אין דער אייגענער שיינקייט און ער האָט געצנדינעריש באַוואונדערט דעם שעפערישן גלאַנץ פון זיין פען. אים האָט אָן ספק אינם וואַנגעלישן טעמאַט געצויגן די פּראַכט פון בלוט, מענטשלעכע יסורים, די טעאַטראַלישע פאַרשטעלונג און פאַרהאַנג געגילדעט אין בלוט פון מאַרטירער און אין גאָלד פון מלאכים און פּרויען. אים האָט געפעלט טאָלסטאָיס אינטעלעקטועלע קראַפט. ער האָט מערסטנס אָפּערירט מיטן אינסטינקט. אָבער אין טעאָלאָגישע פּראָבלעמען איז נויטיק נאָך מער ווי אינסטינקט — קולטור. און נאָך מער ווי קולטור — מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. און נאָך מער ווי פאַראַנטוואָרטלעכקייט — גרויסע, אחריותפולע פּערזענלעכקייט. די גרויסקייט פון שלמה המלך איז געקומען נאָכדעם ווי דער אשמדאי האָט אים אויסגעשפּיגן פיר הונדערט מייל ווייט און דער שיקזאַל האָט פון אים חוזק געמאַכט און האָט אים פאַרוואַנדלט צו אַ בעטלער. אַש האָט אַזאַ נסיון קיינמאָל נישט געהאַט.

דער מחבר פון „מאָטקע גנב" האָט אין דער אמתן געחלומט פון ווערן קעניג ביי יידן. זיין ציוניזם איז געווען אַ האָפענונג צו ווערן קיסר אין דער אידישער מלוכה. (וועגן דעם רעדט זיין סעקרעטאַר, דער פּאָעט נפתלי גראָס, זייער פּרעציז).

די אַפּעטיטן פון שלום אַש דעם מענטש האָבן אָפּט געשטערט שלום אַשן דעם שריפטשטעלער. די דאָזיקע טעפּ־פלייש־אַפּעטיטן האָבן אים גלייכצייטיק געגעבן אַ געוואַלטיקן אימפּעט צו שאַפן — און איצט, ווען דער מענטש גייט אין לאַנד פון די שאָטנס, בלייבט שטיין זיין מאַסיוו ווערק אין דער וועלט־ביבליאָטעק פון פאָלק און מענטשהייט. אין

אַ סך שפּראַכן איז געבליבן שטיין זיין שאַפונג פון אַ האַלבן יאָרהונ־דערט שרייבעריי. אַש דער מענטש וועט איצט מער נישט שטערן אַשן דעם קינסטלער. דער שאָטן פון זיין דאָמינירנדיקן גוף וועט מער נישט פאַרטונקלען דאָס פייער פון זיין שעפערישן גייסט. און שלום אַשס ווערק וועט אין אַ משך פון דורות ווערן געשאַצט און איבערגעשאַצט — אינם ריינעם פּערספּעקטיוו און אין קלאָרן, דורכזיכטיקן וועטער פון אידישער און וועלט־אייביקייט.

אַקטיאָרן

וועלכער טייוול צווינגט זיי אויסצושמירן זיך אין ברודיקע פאַרבן? וואָס מאַכט זיי איינצוטונקען די ערדיקע פּנימער אין גאָלד? פאַרוואָס שטעקן זיי אַריין די פּנימער אין זון־אונטערגאַנג? וואָס צווינגט זיי די אויגן זייערע צו פאַרגרעסערן מיטן ליכט פון בליצן? ווער טרייבט זיי צו צירן זיך אין דעם אַלטן קאָסטיום? וואָס מאַכט זיי אַזוי פאַרשיכורט צו לעבן אַנגעצונ־דענע אין זייער בינע־וועלטאַל? ווער מאַכט זיי צום לאַכן ווען זיי וויינען — און צום וויינען ווען זיי ווילט זיך לאַכן? ווער טוט אַריין פרעמדע טרערן אין זייערע אויגן? פאַרוואָס ברענט ביי זיי אין האַרצן אַ פרעמדער שמערץ? ווער האָט זיי פאַרשאַלטן צו שפּילן פרעמדע, טראַגישע ראָלן? וואָס דאַרפן זיי האָבן אַנדערע לעבנס? פאַרוואָס דעקאָרירן זיי זיך אין טראַגעדיע? —

אַקטיאָרן! אַזאַ מאַגיש וואָרט. דאָס אייגענע לעבן אויסגעבריייטערט צו טויזנט לעבנס. אַליין בחורים — טאַנצן זיי אויף הונדערטער חתונות. אַליין אָרעמעלייט — ציילן זיי גאָלד פון די שטערן, ווי ראָטשילד ציילט זיינע גאָלדענע דוקאַטן. אַליין יונג — צירן זיי זיך אין קעניג ליר'ס גרייז־גרויקייט. אַליין קלאָר — טוען זיי אָן די קרוינען פון משוגענע קעניגן. זיי וויינען. זיי יאָמערן אויף דער בינע. די סטעליע — זייערע הימלען. די בינע־ברעטער — זייער ערד. די בינע האָט פאַר זיי אפילו אַ קינסטלעכן בית־עולם. אין לעבן אויסגעלאָשן — לעבן זיי לוסטיק אויף דער בינע. אויף דער ערד ווי די שאָטנס — זענען די אַקטיאָרן מאָנאַרכן אויף דער סצענע. בעטלערס אין דער וועלט — טראָגן זיי אויף דער בינע שווערע, קעניגלעכע קרוינען. דאָס איז דעם אַקטיאָרס שיקזאַל. זייער זון — דער טעאַטער־פּראָזשעקטאָר. זייער לבנה — דער בינע־לאָמפּ. זייער וועטער, זייער קלימאַט, זייער טאָג און נאַכט, זייער זומער און ווינטער — דער מאַטינעי און די נאַכט־פאָרשטעלונג. זייערע ווייבער, זייערע געליבטע — די פּרימאַ־דאָנעס. זייער פאָלק — דאָס פּובליקום. זייער סימפּאָניע — דער אַפּלויז. זייער גליק — שפּילן עכט דאָס מענטשלעכע אומגליק. זייער יאָמער — די קאָמעדיע. זייער פּנים — די מאַסקע. —

פון קליינערהייט אָן קוק איך נאָך מיט שטוינונג די אַקטיאָרן אויף די בינעס פון דער וועלט — די וואַנזיניקע אַקטיאָרן — די פאַרשאָלטענע צו שפּילן נאַרן, נביאים, קעניגן און טיראַנען. דער אַקטיאָר — וואָס באַ־שאַפט זיין מיניאַטור־וועלט אין גאָטס אומגעהויערן אוניווערס. דער אַקטיאָר — וואָס מאַכט שבת פאַר זיך אין גאָטס שטורמישן קאָסמאָס. —

ניו־יאָרק, נאָוועמבער 30, 1949.

דער יחוס פון גאָלדענעם אידיש

(פאַרצייכענונגען אַרום דער איוואָ־אויסשטעלונג: „די אידישע שפּראַך, איר געשיכטע און פאָרשונג").

אין בין השמשות טרעף איך אַן לעבן דעם איוואָ־פּאַלאַץ, אויף דער פינפטער עוועניו, דעם פּאָעט. ער איז מיין שאָטן. מיין געטרייער איך. און ער רעדט צו מיר אומגעפּער אַזוי:

— קאָלעגע! מען באַדאַרף אויפהערן צו פּלוידערן אַז אונזער לשון גייט חלילה אונטער. פאַרגעסן אַז מען האָט נישט קיין מאַסנ־לייענער. פאַרגעסן אַז קיין ליכטיקע פּרויען, ווי די שטראַלנדיקע און גראַציעזע מוזעס פון פּאַרנאַס, דרייען זיך נישט אַרום אונזערע טישן. אַז שיינע מיידלעך ברענגען אונז נישט קיין אַנגעצונדענע בוקעטן מיט קוויאַטן צו אונזערע בידנע שרייב־טישן. עס איז איצט פאַראַן בלויז איין און איינציקע באַרעכטיקונג פאַרן שרייבן אין אידיש: שרייבן אין אַ נאָך העכערן לשון ווי עס איז אונזער ביז־איצטיקער שטראַלנ־דיקער אידיש. נאָך מער דערהויבן אונזער גאָלדענעם אידיש. פּוצן מיט די שטורעמס פון דיין האַרצן יעדעס בלוט־אָנגעטרונקענע וואָרט. נעמען וואָנעס פון שטורעמדיקן פייער. זיך צו רייניקן פון אַלערליי פּינצטערע טומאהס מיט בעדער פון פלאַמען. אַריינטראָגן אין דער אייביקייט גייסטיקע ווערטן וואָס זיינען אומאָפּהענגיק פון צייט און פון פּלאַץ. שאַפן ליכטיקע ווערק וועמענס גאָלדענע קרוינען זאָלן צערייסן מיט עקשנות אַלע נאַכטישע פינצטערנישן. שרייבן מיטן לשון פון דער אייביקייט און פאַר דער אייביקייט. פּאָעט! זיי דו דער שטראַלנדיקער כהן אינם בית המקדש פון אייביקייט!

— קלאָר! — סומיר איך. — מען באַדאַרף שרייבן אונזער היינטיקן אידישן ווערק „סוב ספּעציע עטערניטאַטיס!"

***

אין דער אויסגאַבע פונם „בבא מעשה"־בוך, פון יאָר 1836, לייע־נען מיר אויפן שער־בלאַט: „אַצונד איז אויף גרינגן לשון" א. אַז. וו. אידיש איז אַלזאָ געווען אַ גרינג לשון... עס איז געווען די אומ־גאַנגס־שפּראַך פון גאַס, פון הויז, פון געוועלב. אידיש איז אייך איצט אַ גרינג לשון. אָבער מאָדנע: אידן האָבן אַ געניאַליטעט צו זוכן דווקא שווערקייטן. אידיש רעדט זיך אַליין, זאָגט שלום עליכם. אָבער אידן זיינען נישט געוואוינט צו גרינגע זאַכן... אַלץ מוז אָנקומען שווער. ווי מיר זעען דאָס אין דער אידישער וועלט־געשיכטע. וואָרעם ווי דען אַנדערש דערקלערט זיך וואָס אידן באַציען זיך מיט אַזאַ מין באַליידיקנדיקע גרינגשעצונג צו אַן אייגענע טויזנטיאָריקע שפּראַך און קולטור?..

***

מיט פרייד און האַרצקלאַפּעניש דערזע איך דעם „ספר יוסיפון", דערשינען אין צוריך, אין יאָר 1546. אויך אַן אַמסטערדאַמער אויס־גאַבע, פון יאָר 1661. דעם „ספר יוסיפון" האָב איך קליינערהייט פלייסיק געלייענט. מיין מאַמע האָט אים נישט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט. (איך האָב אַפילו אַן עסיי צו מיין קרעדיט וועגן „ספר יוסיפון"). עס איז געווען אין דעם דאָזיקן בוך אַ סך פאַנטאַזיע און מעשה, אַ

סך היסטאָריע און לעגענדע, וואָס האָבן מיך באַווירקט ביז אויפֿן היינטיקן טאָג אין די ענינים פֿון דער פֿען... אַ ספר וואָס מען לייענט אין דער פֿריער יוגנט, דעצידירט אָפֿטמאָל די פּערזענלעכקייט און דעם כאַראַקטער פֿון אַ שרייבער... איך וואָלט וועלן אַרויסנעמען דאָס ספר פֿון אונטערן גלאָז און עס וואַרעם און האַרציק אַ קוש טאָן, אין אייביקער דאַנקבאַרקייט פֿאַר יענע גרינע און גאָלדענע יוגנט־טעג, ווען ווייַן און פּאָעזיע האָבן רייך געשטראָמט פֿון די געלע בלעטער פֿונם הערלעכן און פּאָעטישן „ספר יוסיפֿון"... וואָס איז, אַגב, געווען איינגעבונדן צוזאַמען מיטן „שאָך פּערסקי", מיט אַ ביכל וועגן שבתי צבי און מיט נאָך אַ פּאָר דינע ראָמאַנען פֿון שמ"רן...

און איצט, נאָך אַזוי פֿיל יאָרן, דערזע איך מיך ווידער אויף אַ ראַנדעוואו מיט אַ זעלטענעם בוך פֿון די יוגנט־טעג אין דער מדינה פּוילן...

***

עס זייַנען דאָ אויסגעשטעלט פֿאַרשידענע אויסגאַבעס פֿון אליהו בחורס ראָמאַנסן. אפֿשר איז אליהו בחור דער פֿאַרביקסטער פֿון די מיטלאַלטערלעכע אידישע דיכטער. איך האָב אים פּשוט ליב ווי אַ ברודער און אַ נאָענטן קאָלעגע. נאָר, איך קען אים נעבעך נישט לייענען. דאָס אַלט־אידיש איז מיר פֿרעמדער, איך שעם זיך צו זאָגן, ווי דאָס אַלטע שעקספּירישע לשון. נישט איך קען לייענען די אותיות, נישט איך קען פֿאַרדייען דאָס אַלט־פֿרענקישע לשון. אָבער אַ פּייַנ־לעכער הונגער צו אונזערע ליטעראַרישע פּיאָנערן און זיידעס פֿון דער פֿענע איז פֿאַראַן טיף אין האַרצן...

איך האָב שטאַרק ליב אליהו בחור. זייַן פֿולער פּאָרטרעט פֿון לעבן און פֿון גייסט, פֿון תורה און זינד, פֿון פּאָעזיע און ליבע, אינ־טריגירט מיך תמיד. הלוואַי, זאָגט אין מיר אַ קול, לעגסטו אַוועק אַלע דייַנע מאַדזשגערייען און דו נעמסט דיך שטודירן זייַן בונטע פּער־זענלעכקייט. איך וואָלט געוואָלט אָנשרייבן אַ ראָמאַנס, אַ מין היסטאָ־רישע דערציילונג פֿון אליהו בחורס לעבן. נאָר, וואו נעמט מען כוח? ווען מען האָט זיך נאַריש געמאַכט און איצט, ביים נאָענטן האַלבן יאָרהונדערט לעבן, שוין אָנגעשריבן גאַנצע צען טויזנט שרייַ־בעכצן און זיי נאָך געצוימען ערנסט געזונג — דאָס הייסט: זיי אָנגע־שריבן מיט פֿייַער, מיט בלוט און מיט טרערן...

***

ווי שטאַרק מען האָט אַמאָל געלייענט אידיש, איבעראַשט מיך פּשוט:

ביי דער אויסגאַבע „אַיין שוין מעשה בוך", דערשינען אין באַזעל, אין יאָר 1602 — וואָס אַנטהאַלט גאַנצע 250 אגדתות, לעגענדעס און מעשיות, שטייט אַז עס זייַנען דערשינען גאַנצע פֿופֿצן אויסגאַ־בעס (אָדער אויפֿלאַגעס) פֿון דעם נעמלעכן בוך צווישן די יאָרן 1602 און 1727... נישקשה פֿון אַ רייך אידיש לייענערטום! און געלייענט האָבן עס, פֿאַרשטייט זיך, די טייערע מיטלאַלטערלעכע ווייבער אונ־זערע און אפֿשר אויך אַ שפּאָר ביסל „פֿאַרווייבערישטע" מענער... מען האָט אַ סך געלייענט... איך ווייס נישט גענוי, אָדער אַפֿילו אומ־געפֿער, פֿון וויפֿל עקזעמפּלאַרן אַזאַ מין ספֿר איז באַשטאַנען. נאָ־

טירלעך, מוז מען אויך אין זינען האָבן אַז עס זיינען קיין סך ביכער צו יענער צייט נישט דערשינען. נאָך עפּעס פון גרויסן אינטערעס צום פּען־מענטש פון די דאָזיקע שורות: דער וועלט־באַרימטער מאַלער האַנס האָלביין האָט זיך נישט געשעמט צו צייכענען דאָס שערבלאַט צום נייעם מעשה־בוך פאַר ווייבער... עס איז טאַקע דער זעלבער מאָלער וואָס האָט געמאָלן דעם פּאָרטרעט פון הענרי דעם אַכטן, דעם ענגלישן קייסער וואָס האָט געהאַט אַ נייגונג צו קעפּן זיינע ווייבער (כדי זיי זאָלן אפשר געגנוי נישט געדענקען זיינע מעשים אין בעטצימער און זיי זאָלן נישט קענען שרייבן קיין מעמואַרן...).

***

דער מאָלער נאָטע קאָזלאָווסקי מאַכט מיר אויפמערקזאַם אויף זייער דינע, איידעלע אותיות אין אַן אַלטן ספר. עס איז אַ מחיה צו קוקן אויף זיי. זיי זעען אויס ענלעך צום כתב פון אַ הייליקן און אָפּגעהיטענעם סופר, וואָס האָט מיט אַ געגזוענער פעדער געשריבן אין דער תורה. איך טראַכט: ווי שיין וואָלט זיין אין אַזאַ מין שריפט הייַנט צו דרוקן אַ ספר. עס איז אינטערעסאַנט אַז די גויים האָבן זיך דווקא געהאַלטן ביי די תורה־אותיות. נאָר נאָר אַ ספר פון אַ קריסט וועגן העברעאיש און אַלט־אידיש, לויכט אַרויס דאָס וואונדערלעכע אות פון דער תורה. דער אַלט־אידיש ווידער איז ענלעך צום רש״י־כתב. די ליכטיקע ווייבער פּוגם מיטלאַלטער האָבן געהאַט היפּשע שוועריקייטן, קען מען זיך פאָרשטעלן, ביים לייענען דאָס דאָזיקע רש״י־כתב...

***

די קאַנדעלאַברעס אין איוואָ־פּאַלאַץ לויכטן מיט קעניגלעכער פּראַכט. דער לוקסוסדיקער באַקאַראַט רעפלעקטירט דאָס ווייכע, גאָלדענע ליכט איבער די אַלטע כתב־ידן און דרוקן אין 15טן, 16טן און 17טן יאָרהונדערט. אין אַזעלכע זאַלן איז באַקוועם צו טאַנצן מינועטן (אויב מען קען, פאַרשטייט זיך), מיט שיינע, גאַלאַנטע דאַמעס. ווי קומען דאָ אַהער געלע שמות און מיטלאַלטערלעכע ספרימלעך? מיר שטעלן זיך פאָר אַז די אָרעמע מחברים האָבן די אַלע ביכלעך געשריבן ביים קאָפּעטש פון לעמפּלעך, האָבן זיי אין די נעכט געשאַפן ביי חלבנע ליכטלעך און ביי קאַגאַניצלעך. בלויז דאָס פייער פון גייסט האָט העל און פלאַמיק געלויכטן און געפירט זיכער די האַנט מיט דער געגזוענער פעדער איבער פּאַפּיר און פּערגאַמענט...

יאָ, מענטשלעכער גייסט ווערט געבוירן אין קעלערן און אין דאַך־שטיבלעך. עס דאַכט זיך עפּעס אַז די אוראַלטע ספרים און ביכלעך פון דער אויסשטעלונג פילן זיך דאָ אַ ביסל פרעמדלעך און אומעטיקלעך... די דאָזיקע שמות ווילן ביינאַכט אַרויסשוועבן פון די גילדערנע זאַלן...

דאָס איז אייגנטלעך אַ מחשבה וואָס מיר טראַכטן נישט נאָר אין איוואָ־זאַל... עס איז די טראַגעדיע פון אַלע זאַכן, פון קונסט און מעבל, פון געשיר און קליידונג, פון מוזיק־אינסטרומענטן און פון יעדער מין לעבנס־אָביעקט, וואָס ווערט מוזעאַליש, וואָס ווערט אַריינגעשטעלט אין די זאַלן און אַנאַלן פון געשיכטע... וואָס ווערט אַלטמאָדיש און

עס דינט נישט מער די קולטור און לעבנס־באַדערפעניש פונם לעבע־דיקן מענטש...

און אַודאי פילן מיר דאָס ווען מיר שפּאַצירן אין זוניקע טעג איבער בית עולמס און מיר באַטראַכטן דעם גראַניטענעם וואַלד פון מצבות...

***

איך קען זיך דאָך נישט אָפּהאַלטן פון צו קלינגען אַ ביסל סענטי־מענטאַליש:

ביים אָנקוקן די וואַרעמע פּנימער פון די אַלטע אידישע ביכער און כתב־ידן צעווײנט זיך דאָס הארץ. דו באַגעגנסט דיך מיט דיינע מיטלאַלטערלעכע קאָלעגן... וואָס האָבן אפשר פונקט ווי דו אַליין געשטרעבט, געהאָפּט, געחלומט, זיך באַמיט אַרויסצוגעבן זייערע ווערק... עס רעדן צו דיר די ברידער פון דעם פעדער־צעך, פון דעם פאַך פון דער פּענע... ווי געזאָגט: בכלל רירן דיך שטאַרק די זאַכן וואָס צייט האָט זיי געל און חשוב געמאַכט. עס האָט צייט אַזאַ נאָבעלע אייגנשאַפט. זי טוט אָן זאַכן אין שטראַלנדיקן פּאַטאָס. זאַכן וואָס ווערן אַלט און זיי באַקליידן זיך מיט צייט, ווערן חשוב, ווערן נאָבל און זיי וועקן אויף אין האַרצן פּיעטעט און דרך־ארץ. צייט פאַרוואַנדלט אַלע זאַכן אין נאָביליטעטן. אַ פּראָסטע שטיק האָלץ ווערט אידל, ווערט געל ווי גאָלדענע לבנה. אָדער רויט ווי וואַקס. דאָס פּנים פון אַ מענטשלעכן זקן וועקט אויף טיפן רעספּעקט און רעווערענץ. די געלע, מאַנדאַרינישע הויט פון דעם זיידענעם פּנים שטראַלט מיט געלייטערטער מחשבה. צייט גיט סטיל און שענקט פּאַטאָס צו אַלטע ספרים און קונסטווערק. און דו דערזעסט דיין אייגענעם שטאָלצן יחוס. דעם דערהויבענעם יחוס פון אונזער טייערן און גרויסן אידיש. וואָס וויל מען פון דיר, גאָלדענע אידיש? פאַרוואָס אייגנטלעך פאַרשעמט מען דיך? פאַרוואָס באַציט מען זיך צו דיר וואולגאַר? וואָס האָט מען צו דיר? און אַ צוויי־שפּראַכן־קולטור איז דען אַן אומגליק פאַר אַ פאָלק? האָבן אידן זיך דען נישט געווידמעט פּאַקטיש צו אַלע שפּראַכן און צו אַלע קולטורן פון פרעמדע פעלקער אין פאַרלויף פון דער אידישער געשיכטע און דאָך איז נאָך איבערגעבליבן גענוג כוח און געניאַליטעט צו לעבן, צו שאַפן גייסטיקע און רומרייכע אוצרות?!

האָבן דען אידן נישט פאַרטיילט פונק און פייער פאַר ריזיקע זונען אין דער וועלט־קולטור?! עס זאָגן עדות געוואַלטיקע נעמען אויף די פּאַסאַדן פון וועלט־אוניווערסיטעטן און ביבליאָטעקן: שפּי־נאָזאַ, היינע, איינשטיין, מאַרקס, פרויד, בראַנדעס, וואַסערמאַן, פויכט־וואַנגער...

דער אַלגעמיינער געפיל איז: מען באַדאַרף קעמפן פאַר אידיש. די דאָזיקע פלאַמיקע אידישע פערזענלעכקייטן גייען אַרויס פון די זעלטענע ספרים און כתב־ידן און זיי געביטן אונז מיט שטרענגען אויס־דרוק אויף זייערע פרינצלעכע פּנימער:

— קעמפט, אידן, אַ הייליקן געפעכט פאַר אונזער לשון, פאַר אונזערע שאַפונגען, פאַר אונזער קולטור וואָס האָט אַזאַ גרויסן און אַזאַ שטראַלנדיקן יחוס! קעמפט, אידן, פאַר אידיש! נאָך העכער ווי טראָן און ווי מלוכה שטייט דער גייסט און די אינטעלעקטועלע שאַ־

פונג...

***

עס איז אויסגעשטעלט אַ פאַקסימיליע פון דער עלטסטער אידישער פאָעמע, אַנטדעקט דורך ל. פוקס, לייטער פון דער וועלט באַרימטער אַמסטערדאַמער „ראָזענטאַליאַנאַ־זאַמלונג פון יודאַאיסטיק. די דאָזיקע פאָעמע, דאַכט זיך, פון קעמברידזשער אוניווערזיטעט, טראָגט די גרייז־גרויע ציפער: 1382... קנאַפע זעקס הונדערט יאָר אַלט! כדי צו שרייבן אַ פאָעמע, שטעלן מיר זיך באַשיידן פאָר, האָט דאָס לשון שוין באַדאַרפט אַלט זיין און געפּרואווט ווערן אינם מויל פון פראָסטן פאָלק אַרום אַ פיר הונדערט יאָר... האָבן מיר שוין אַלזאָ די גאַנצע טויזנט יאָר מיט וועלכער אידיש באַרימט זיך שטאָלץ . . . אָבער, וואָס העלפט עס?!...

אַנטשולדיקט, ליבער לייענער, פאַר דער רעגרעסיע:

אויף דער אויסשטעלונג, אין דער אָפּטיילונג: „אידיש־פאָרשונג אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט”, דערזע איך פלוצלונג אַ פאָרטרעט פון נח פרילוצקי. איך ציטער ממש אויף: מיין טאַטע פלעגט רעדן מיט געוואַלטיקער באַוואונדערונג וועגן נח פרילוצקי. ער איז געווען אַ לעגענדאַרע פיגור ביים פוילישן אידנטום. איך געדענק רעם אידיש־געזעלשאַפטלעכן שטורעם אין פוילן, די וואַלן צום סיים אין די נייַנצן־צוואַנציקער יאָרן, די שפּעפּרישע בלומען פון דער „כאַליאַסטרע”, דעם פלאַמיקן אויפשפראָץ פון דער אידישער ליטעראַטור אין די יאָרן פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה... אָבער פאַר מיין טאַטן האָט נח פרילוצקי נישט עקזיסטירט ווי אַ אידיש־פאָרשער, נאָר ווי דער לעגענדאַרער רעטער פון אידן, פון זיין העלדישן קאַמף קעגן אַנטי־סעמיטיזם אין פוילן, פון זיינע מוטיקע אַרויסטריטן אין סיים...

ערשט מיט יאָרן שפּעטער איז מיר קלאָר געוואָרן אַז נח פרילוצקי איז אויך געווען אַ וויכטיקער אידיש־פאָרשער...

***

מיר האָבן אָנגעהויבן די דאָזיקע נאָטיצן מיט אַ מין דעקלאַראַציע וועגן אייביקייט. און מיר האָבן בדעה צו שליסן אונזערע מחשבות און אָבסערוואַציעס אינם זעלבן גייסט און זשאַנר:

איך לייען אין פּילפּאַרביקן בין־השמשות עטלעכע אַנטאָלאָגיעס פון אידישע פראָזע און פאָעזיע. עס ריידן הויך אַרויס פון די בלעטער גאָלדענע פרינצן און פרינצעסינס פון דיכטונג און בעלעטריסטיק. מעכטיקע שעפערס שטראַלן אַרויס מיט זעאונג און מיט קערנדיקן רעאַליזם. וואָס גרעסער עס איז דער קינסטלערישער טאַלאַנט, אַלץ קלאָרער און קאָנטורנרייכער דער רעאַליזם, די סביבה, די איבערלעבעניש, די לאַנדשאַפט, דער אידעאַל און — דאָס וועטער. יאָ, אַפילו אין יעדעס ליד און געקאָוועטע בעלעטריסטישע שורה בלייבט גאָלדן שטיין דאָס וועטער פון טאָג, דער בין־השמשות, דאָס ליכט פון זון און לבנה, וואָס זעען זיך תמיד איינער דעם אַנדערן אויפן גרויסן הימלישן בעכער. און עס בלייבט שטיין דער ציטער און די שטימונג פון מענטשלעכן האַרץ. און לייענענדיק אַזוי דערגייסטו צום קלאָרן, אומצווייפלהאַפטן באַוואוסטזיין אַז דו אַליין, אידישער שרייבער, ביזסט

איינער פון דער דאָזיקער הערלעכער קאַראַוואַנע אידישע פּרינצן פון וואָרט. אין די איצטיקע גרויסע און קלאָרע טעג פון קרישטאָ־לענעם פרילינג לייענסטו יהודה הלוים ליד פון פרילינג מיט גאַנצע טויזנט יאָר צוריק, פונקט דעמאָלט ווען אידיש לשון און אַלט־אידישע ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן אויפצולויכטן און צו שיקן די ערשטע שטראַלן איבערן היסטאָרישן אידישן הימל און אידישע ערד... און דו פילסט דיך אַליין טיף פאַרקניפּט און פאַרקרובהט מיט די דאָזיקע פּיאָנערן פון אידישער און העברעאישער ליטעראַטור און מיט גאָר די ליטעראַטורן, וואו דער אידישער זשעניע האָט געלאָזן זיינע גאָל־דענע שפּורן... דו האָסט ליב און דו באַוואונדערסט זייערע גרויסע שאַפונגען, זייערע אויסגעטראַכטע, געליבטע פּרויען... דו לעבסט אַדורך זייערע טרויערן און זייערע פריידן. עס איז אין לאַנגע, אור־אַלטע און אייביק־פרישע ליד וואָס אַ גרויס, העראָאיש פאָלק טראָגט אויף אַלע זיינע וואַנדערונגען איבערן פּלאַנעט צווישן אירע עקשנות־דיקע ציין און טיף אין האַרצן, ווי אַ פייער. און דו אַליין ביסט נישט פון דרויסן. דיין פּנים לויכט אין דער מעכטיקער אַנטאָלאָגיע... דו ביסט די שטאָלצע פאָרזעצונג פון זייער ליד. און עס וועט וואויל געשען אַז קינפטיקע היסטאָריקער וועלן דיך אַריינפירן אינם פּאַנטעאָן פון פאָלק אונטער אַ גאָלדענע חופה און אַלע דורות וועלן האַלטן פייערדיקע שטורקאַצן אין זייערע הענט און דיין ווערק איז געזיכערט און עס געהערט צום פאָלק, אויף אייביק...

אָבער, מיר זאָגן עס צום אידישן שרייבער אין היילקן ערנסט: דו מוזסט זיין ראוי דערצו... עס מיינט פשוט: דו מוזסט זיין ערלעך. אויסער טאַלאַנט — מוזסטו באַזיצן טיפע מאָראַל. אייביקע ליטע־ראַטור־שאַפונג מוז גיין האַנט־אין־האַנט מיט אַבסאָלוטער ריינקייט און ערלעכקייט פון האַרץ... ניו־יאָרק, 30טער מערץ, 1958.

פ ע נ ע ס

איך קוק אויף די פעדערס פון מיין שרייבטיש. זיי זיינען אַלע צעבראָכן געוואָרן אין מיין שטורעם פון שרייבן. דאָס גאָלד פון זייערע שפּיצן איז אויסגעריבן. דער זשאַווער עסט דאָס אייזן און דאָס גאָלד. דאָס אייזן און דאָס גאָלד איז אַריין אין מיין וואַלד פון ווערטער. און איך פיל אַזאַ נאָענטקייט צו די פענעס. אַזוי ווי אַ קעניג צו זיינע משרתים, וואָס זיינען צוזאַמען מיט אים אַלט געוואָרן. יאָ, מיר זיינען צוזאַמען אַלט געוואָרן. מיר זיינען פאַרצערט געוואָרן פון ווערטער־באַשעפענישן. מיר זיינען אויפגעגעסן געוואָרן. דער דיכטער לאָזט איבער אַלע זיינע לידער, און ער גייט איינזאַם שלאָפן אין דער ערד. —

פון משלי

„די ליפּן דאַרף מען קושן
דעם וואָס ענטפערט די ריכטיקע רייד“ —
חכם פון משלי! איך נעם דיך אַרום מיט לויטערע קישן.

די פערזענלעכקייט א. לוצקי

עס איז מיר שווער געווען זיך פאָרצושטעלן אַז מען וועט קענען אַנגיין מיט אידיש אָן דער האַרציקער, פאַטערלעכער און דינאַמישער פערזענלעכקייט פון אברהם רייזען. עס איז געווען שווער צו טראַכטן אַז די אידישע ליטעראַרישע ניו יאָרק קען ווייטער לעבן אָן דעם דעמבע־נעם בוים הערמאַן גאָלד. און איצט, ווען אויך א. לוצקי איז פלוצלינג געשטאָרבן, איז באמת אומעטיק צו לעבן. עס איז ווי אַ שטיק לעבעדיקע זון וואָלט אונטערגעגאַנגען אויפן האָריזאָנט. עס וועט שוין הייגען איבער ניו יאָרק אַ פאַרוואָלקנט וועטער. עפעס פון דער וואָרים לויכטנ־דיקער אידישער זון איז אָפּגעטאָן געוואָרן...

שטענדיק, ווען עס שטאַרבט אַ באַדייטנדיקע פערזענלעכקייט שטעלט זיך פינצטער אַוועק די אייביקע פראַגע:

— ווי אַזוי קען דער רבונו של עולם פועלן ביי זיך צו דערהרגע־נען אַ מענטש? אַ מענטש, אַ דיכטער, וואָס איז אַ סומע פון אומענדלעכע דערפאַרונגען, געוואויר־ווערענישן, לערנונגען, איינגעזאַפּטע חכמה און פערמאַנענטע אימפּראָוויזאַציע?!

—ווי אַזוי קען דער שיקזאַל טויטן אַ דיכטער? וואָרום אַ דיכטער איז דאָך אפילו העכער פון אַלע זיינע לידער. ער איז דאָך דער קיסר פון זיין ליד־קעניגרייך. ער האָט דאָך געשאַפן פון זיך אַ וועלט אין גאָטס וועלט־ראַם. אַזוי ווי אַ קליינער, ליבער רעגנבויגן דעשיינט אונ־טער אַ גרעסערן רעגנבויגן, אַזוי שאַפט דאָך אַ דיכטער זיין אוניווערס, זיין לעבנס־פילאָזאָפיע, זיין שטראַלנדיקע לעבנס־חכמה און זיין פאַר־שטעלונג פון אַ קאָסמאָס וואָס באַדאַרף זיין און וואָס האָט רחמנות און ליבשאַפט צום גאַרן מענטשלעכן לעבן — און אפילו דאָס לעבן פון אַלע ערדישע באַשעפענישן — אַלס די סאַמע הויפּט־אַטריבוטן. ווי אַזוי קען גאָט גיין און פאַרניכטן אַזאַ מין אָנגעזאַמלטע גייסטיקע עשירות אין אַ מענטש וואָס האָט זיך דורך יסורים אַליין אויפגעבויט און האָט זיך הויך אויפגעטורעמט ביזן הימל?!...

בשעת א. לוצקיס לוויה איז אָנגעגאַנגען, האָט דער דרוקער קאַ־וואַלסקי געבראַכט אַ מאַנוסקריפּט פון א. לוצקי. לוצקי האָט לעצטנס געדרוקט אַ ניי בוך לידער. מיר האָבן אים געזען תמיד ארומגיין מיט זיין באַרימטן, אָפּגענוצטן פאָרטפעלטשיק, אין וועלכן ער האָט געוויינ־לעך אַרומגעטראָגן זיינע קליין־פאָרמאַטיקע, איידעלע ביכלעך פּאָעזיע — צום פאַרקויפן... ער האָט אוודאי אַ סך מאָל נישט געהאָט קיין כוח צו שלעפן אָט די אייביקע טעקע מיט ביכלעך... אָבער, די נויט האָט דאָך געצוואונגען... (אין די לעצטע יאָרן האָט ער שוין אויך מיטגעטראָגן אַ בענקעלע מיט זיך... זיך צוצוזעצן אויפן גאַס, אין פּאַרק, ביים ברעג ים אָדער אין סאַבוויי... דערביי האָט לוצקי זיך שטענדיק געסטאַרעט מיט אַ וויץ צו קאַמופלאַזשירן די אָפענע וואונדן פונם לעבן פון אַ אידישן דיכטער...)

אין די לעצטע חדשים האָט ער אין דער דאַזיקער טעקע אַרומגע־טראָגן די קאָרעקטורן פון אַ ניי בוך. און דאָס איז געווען זיין גרויסע פרייד, ווי מען וויס דאָס וואויל: די צייט פון ערב אַרויסגעבן אַ ניי בוך פּאָעזיע... די שענסטע צייט! וואָרעם, ווען דאָס בוך איז שוין דאַנקען גאָט — און צו דאַנקען די גוטע, ליבע מענטשן — פּאַרטיק, נאָך אַ סך יסורים, ווערט עס טאָג־טעגלעך פאַרשעמט און פאַרבלוטיקט דורכן מחברס פּערזענלעכן פּעדלען מיט זיין סחורה, וואָרעם טראָצדעם וואָס דאָס פאָלק זאָגט: „תורה איז די בעסטע סחורה" — איז עס דאָך, אויס־גערעדט זאָל נישט זיין, אַ קנאַפּע סחורה... די שענסטע בלי־צייט איז אַלזאָ פאַרן מחבר דאָס ערב־דערשיינען פון אַזאַ בוך...

א. לוצקי, אַזוי אָפּט אַרויפקומענדיק אין דער רעדאַקציע פון „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", ווו מען האָט אים אגב תמיד אויפגענומען מיט דער גרעסטער ליבשאַפט און מיט וואָרעם־ליב און וואָרט, פלעגט ליב האָבן צו ווייזן צו קאָלעגן די טונקעלע און מיט אותיות־און־טינט־פאַר־מאַדזשעטע קאָרעקטורן. זיך אַמאָל אָנפרעגן וועגן אַ פּאַסיקן אויסדרוק, כאָטש „זיינס" האָט ער שוין געהאָט פון לאַנג באַשלאָסן... ער פלעגט גלאַט אַזוי אַרויסנעמען איינע פון זיינע צאַלרייכע קאַרליק־אָדער־ריזן פעדערס, מיט וועלכע ער פלעגט זיך שפּילן און פאַרשפּילן, און ענדערן דאָ אַ וואָרט, דאָרט אַ קורצע, געפּרעסטע שורה...

אָ, די שטילע, איבערלעכע פרייד פונם דיכטער ביים אַרויסגעבן זיינעם אַ נייעם בוך לידער!...

און לוצקי, מען מעג דאָס באַמערקן, פלעגט זייער פיל מעקן, איבער־שרייבן, ענדערן. ער האָט גאַנץ היפּש געאַרבעט אויף זיינס אַ ליד... איך זאָג דאָס, ווייל אַ סך האָבן געמיינט אַז די לידער קאָסטן אים נישט קיין בלוט... און אַז ער ציט זיי פונם אַרבל ווי סטענגעס... (נאַטירלעך,איך וועל דאָס נישט זאָגן וועגן אַלע לוצקיס לידער).

איז, האָט דער דרוקער איצט, צו דער לוויה, געבראַכט לוצקיס אַ ליד. איינס פון זיינע סאַמע לעצטע לידער. און דער דרוקער זאָגט:

—ערשט דאַנערשטיק איז ער געקומען אין דרוקעריי און געבראַכט נאָך אַ ליד זיינס פאַרן בוך...

און דאָס ליד גייט פון האַנט צו האַנט פון קאָלעגן און פאַרערער... און דאָס ליד הייסט: „איך וויל נישט שטאַרבן". ניין, איך וויל בקיין שום אופן נישט שטאַרבן. וואָרעם, אַז מען שטאַרבט, איז מען געשטאָרבן. זאָל בעסער רעדן דער פּאָעט אַליין:

גאָט, דו ביסט מיין עדות:
איך וויל נישט שטאַרבן.
איך האָב פיינט דעם טויט,ווי דעם טויט,
און לעבן האָב איך ליב ווי דאָס לעבן.

דאָס זיינען די ערשטע שורות פונם ליד. און אָט זיינען די לעצטע שורות:

ווי קאָן איך וועלן שטאַרבן —
אַז איך וויל גאָר לעבן!

איך האָב נישט קיין כח צו שטאַרבן!
איך האָב קוים כוח צו לעבן!

אַ רגעלע נחת
אויפסניי באַנייע
איז ליבער און שענער
פון דער שענסטער לוויה...

גאָט, איך וויל נישט קיין לוויה!
מיטן לעבן — בין איך זיך מחיה!

קאָלעגן און פריינט טראָגן איבער דעם מאַנוסקריפּט פון געבראָ־כענע האַנט צו געבראָכענע האַנט מיט פּיעטעט, מיט באַדויערן, מיטן טיפן טרויער אין געמיט...

⁂

און אָט דאָ טאַקע הויבט זיך אָן די גרויסע פּאַטעטיק פון לוצקיס ביטער און יסורימדיק לעבן:

ער האָט נישט געוואָלט שטאַרבן. ער האָט זיך שרעקלעך גע־שראָקן פאַרן טויט. און ווייסנדיק אַז ער איז ערנסט קראַנק, איז די שרעק ממש געוואַקסן צו אַ געוואַלטיקע. און די ליבשאַפט פון דעם דיכטער צום לעבן אַ קאָלאָסאַלע. ער האָט אפשר אַרומגעטראָגן דעם טויט און די שרעק פון זיינע סאַמע ערשטע שעפערישע יאָרן אָן. וואָרעם באַלד האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען זיין גרויסע הימנע צום לעבן. זיין גרויס געזאַנג צו גאָר דער נאַטור. זיין שעפעריש אויג האָט אַלץ געזען מיט רחמנות און מיט פּאַטאָס: דעם שטומען שטיין אפילו. ווער שמועסט נאָך: סענסיטיווע און לעבעדיקע נאַטור: בוים, גראָז, בלאַט און בלום. וויניקער בלומען באַזינגען — און מער פּראָסטע גראָז, פּשוטע פלאַנץ, איינפאַכע צמחים. ער האָט זיך נישט געוואָרפן פאַרשווענדעריש מיט פאַרב און מיט פאָרם. גיכער קאַרג אין וואָרט. צמצום אין שורה. קוים־אַנריר פון גאָר דער נאַטור. און דאָך, אַזוי ווי מיט אַ זייער קליינעם, דיגינקן פּידעלע, האָט ער אָנגערירט, קען מען זאָגן, דעם גאַנצן אוני־ווערס. האָט ער אַריינגענומען אין זיין דיכטונג גאָר דעם לעבנס־באַשאַף.

דער סאַמע העכסטער סאָציאַליזם איז די ליבשאַפט צום לעבן. און לוצקי האָט עס טויט־ערנסט געמיינט: זיין ליבשאַפט און זיין בעטן רחמנות צום לעבן. זיין אייביקע תפילה פאַר די פּיצלעך לעבעדיקע. זיין בעטן זיך צו שוינען דאָס לעבן. איינס פון זיינע ביכער הייסט: „אַ בוך צום לעבן". און טאָמער איז דער דירעקטער אידישער טיטל נאָך וויניק, גיט ער צו: „ספר לחיים". און טאָמער איז דאָס אויך וויניק, שטייט אויפן זעלבן שער־בלאַט: „באַגלייט מיט פרייד פון א. לוצקי". און עס טראָגט נאָך אַלץ אויפן זעלבן אָנגעפּאַקטן שער־בלאַט, אַזוי ווי אַ פאַרצייטיש ספרל, פאָלגענדן מאָטאָ:

„אַ נייער בוך
מיט נייעם תוך

געדאַנק — געזאַנג
מיט עפּעס נאָך".

לוצקי האָט ווויל געוואוסט אַז מען קען דעם גאָרן וועלט־לעבן טאָן אַ גרויסע טובה, ווען מען וועט ברענגען פרייד דעם דאָזיקן לעבן. פרייד און פאַרגעניגן, וויץ און וואַרעמען הומאָר. נישט חלילה ציניש צו שטעכן. נישט ביטער חוזק צו מאַכן. נאָר תמיד גוטמוטיק און גוט־האַרציק אַריינברענגען שמייכל און סימפּאַטיע אין די ראַמען פון לעבן.

אין „טאָג־מאָרגנזשורנאַל" פון 14טן סעפּטעמבער, 1957, אין דער ראַם פון נעקראָלאָג איז פאַראַן זיין פאָטאָגראַפיע. שטייט לוצקי אין לוצקיס אייגענעם נעקראָלאָג און ער שמייכלט... דאָס איז נישט קיין מאַקאַברישער וויץ און אויך נישט קיין צופאַל.. עס איז געווען זיין לעבנס־שיטה, זיין לעבנס־פילאָזאָפיע.

תמיד פלעגט זיך לוצקי בעטן:

— איך בעט אייך, שפּרייט נישט קיין טרויער. מאַכט נישט דאָס לעבן נאָך ביטערער ווי עס איז. האָט׳ס רחמנות אויפן לעבן. טוט עס נישט קיין שלעכטס. קראַצט נישט די וואונדן... גענוג!

אין זיין פּאָעזיע האָט ער איידל חוזק געמאַכט פון אידענעס וואָס וויינען און וואָס קלאָגן. זיינע סאַמע הומאָריסטישסטע פּערסאָנאַזשן, פון זיין „חתונה" א. אַ., זיינען געווען די סאַטירעס אויף די וויינענדיקע, פּראָפעסיאָנעלע קלאָגערינס און באַקלאָגערינס... דעמאָלט פלעגט דער עולם צום שטאַרקסטן לאַכן, ווען זיינע אידענעס האָבן נעבעך געכלי־פּעט... אין זיין לעצטן ליד לאַכט ער אויס די דאָזיקע אייביקע קרעכצער — מיינענדיק, נאַטירלעך, געוויסע דיכטער...

אפשר ווילן שטאַרבן
די יאָכצער, די קראָכצער, די בראָכצער.
איך — בין נישט קיין יאָכצער,
איך — בין נישט קיין קראָכצער,
איך — בין נישט קיין בראָכצער.

איך — בין אַ זינגער,
אַ לעבנס־באַזינגער,
אַ פרייד־צעקלינגער.

איינמאָל, אויף אַ הזכרה נאָך דעם באַרימטן חזן און קאָמפּאָזיטאָר פּנחס יאַסינאָווסקי, געדענק איך אַז לוצקי נעמט דאָס וואָרט און ער בעט זיך:

—איך בעט אייך: האָט׳ס רחמנות אויפן לעבעדיקן מענטש, אויפן דיכטער, פאַרביטערט נישט זיין לעבן מיט טרויער... וואָס ווילט איר: אַז מיר זאָלן זיך לייגן מיטן טויטן אין דר׳ערד אַריין? מיר זאָלן זיך לאָזן באַגראָבן לעבעדיקערהייט? שוינט דעם לעבעדיקן... פאַרוואָס זאָלט איר פּונאיצט אָן נישט זיין לייטיש צום נאָך לעבעדיקן שרייבער?! וואָס האָט איר זיך אַזוי שטאַרק אנגעזעצט צו באַוויינען אַ טויטן? האָט איר אים דען ביי זיין לעבן אַזוי שטאַרק ליב געהאַט? אַנשטאָט אַ

שלושים־אונט פאַרן טויטן מאַכט מיר בעסער אַ באַנקעט. איך לעב דאָך נאָך... כ׳לעבן, האָט׳ס פון היינט אָן, פון איצט אָן, אַ בעסערע באַ־ציונג צום לעבעדיקן שרייבער, צו דעם וואָס זשיפּעט נאָך, צו דעם וואָס שאַפט נאָך, צו דעם וואָס אָטעמט נאָך! זייט נישט אַזוי ברוטאַל מיט אייער טרויער!

קאַלעגן־ציניקער פלעגן לוצקין פאַרוואַרפן אַז ער גייט נישט צו קיין לוויות פון אידישע שרייבער. אַז אפילו צו אברהם רייזענס לוויה איז ער נישט געקומען. אַז לוצקי האָט מורא פאַר אַ לוויה...

איך פלעג אים פאַרטיידיקן. איך פלעג טראַכטן: נו, און אַז ער האָט מורא פאַרן טויט איז וואָס? ווער פון אונז, לעבעדיקע מענטשן, האָט דען נישט אין האַרצן מורא פאַרן טויט? און אַז מיר גייען שוין צו אַ שרייבערס לוויה, איז דאָך אַ קלאָג ווי מיר זעען אויס: מידע,אויף טויט־דערשראָקענע, איינגעשרומפּענע, גרויע און אַלט־געוואָרענע. ווער פון אונז קומט דען צו אַ לוויה מיט אַ זיכער האַרץ?

א. לוצקי האָט, ווי געזאָגט, שרעקלעך מורא געהאַט פאַרן טויט. עס איז אים ממש געגאַנגען אין לעבן צו לעבן. ווי דען אַנדערש? ער וואָס האָט וואויל געוואוסט דעם גרויסן ווערט און די באַדייטונג פון לעבן און וואָס האָט אַזוי זשעדנע ליב געהאַט און אָפּגעשאַצט דאָס וואָס עס איז נאָך דאָ...

איינמאָל, ווען איך האָב זיך פאַר לוצקין באַקלאָגט אויפן מצב פון אידישן בוך, זאָגט ער צו מיר:

—טענענבוים, קלאָגט נישט! ווי לאַנג מיר ווילן לעבן, וועט מען דאָך נאָך לייענען אידיש! וואָס באַדאַרפט איר זאָרגן וועגן דער צוקונפט? פרייט זיך און האָט הנאה מיטן היינט! פאַרפינצטערט נישט אייערע טעג וועגן מאָרגן! פאַרביטערט נישט דאָס שוין גענוג אַזוי אויך ביטערע! הערט אויף צו באַוויינען דעם גורל פון אידיש!

⁂

א. לוצקי, האָט זיך מיר געדאַכט, כאָטש ער איז געווען מסוכן קראַנק, וועט זיך דאָך אַזוי שמייכלענדיק, שפּילעוודיק און גראַציעז אַדורכ־שפּאַצירן זיין לעבן פאַר די אויגן פונם מלאך המות—ביזן טיפן עלטער. ער וועט זיך לייכט און מכלומרשט לייכטזיניק אָפּשפּילן זיין לעבן. וואָרעם,ווי געזאָגט, ער האָט צו זיך קיין טרויער נישט צוגעלאָזן. שפּיל איז געווען זיין קרעדאָ. ער איז דאָך געווען גאָט־געבענטשטער אַקטיאָר. דאָס שוואַכסטע ליד זיינס איז געוואָרן פולבלוטיקע שאַפונג אויף זיינע אַקטיאָרישע ליפּן און אין דיבעם אײדעלן כשוף פון זיין מימיק.

שפּיל, לוסט און שמייכל איז געווען זיין רעליגיע. אוודאי אין האַרצן אומהיילבאַרער פעסימיסט, האָטער אייביק פאַרבאָרגן די וואונדן טיף אין האַרצן. אַמוזיר און פאַרוויל אויף אַ ווײלע דאָס טרויעריקע, צעוויטיקטע, אידישע פּובליקום! — דאָס איז געווען דער מאָטאָ פון זיין לעבן און די מזוזה אויף די טיר פון זיין וועלט.

אהרן צוקער האָט מיט יאָרן צוריק אָנגענומען דעם פּסעוודאָנים „א.לוצקי״, וואָס קלינגט אַ ביסל ענלעך צו „ל ץ״. און ער איז מיט דער מאַסקע פון פרייד אויפן פּנים דורכגעגאַנגען זיין לעבן, כמעט טאַנצנ־

דיק, ביז צום לעצטן אָטעם־מאָמענט, שטאַרבנדיק אָן אײנזאַמער אין זײן בראָדװײאישן האָטעל־צימערל, אין עלטער פון פיר און זעכציק יאָר.

⁂

װעגן לוצקיס פּאָעזיע האָט דער שרײבער פון די שורות געשריבן עטלעכע אַרבעטן. אין איצטיקן מאָמענט, אַ טאָג נאָך לוצקיס לװיה, באַנוגענען מיר זיך מיט די דאָזיקע שורות װעגן זײן לעבן און זײן פּערזענלעכקײט. און זײן לעבן, קען מען זאָגן, איז געװען דאָס אײדלסטע ליד. איז אַרומגעגאַנגען אַ מענטש אױף גאָטס ברוטאַלער און קאַלטער ערד און האָט זיך געגעבטן מיט טרערן אין זײנע לאַכנדיקע אױגן ליב־שאַפט און רחמנות צום מין מענטש. און ער האָט אַלעמען כסדר דערמאָנט:

— באַקלאָגט נישט די טױטע. האָט'ס מיטלײד צו די לעבעדיקע. עס לעבן דאָך, קײן עין הרע, נאָך מנינים אידישע שרײבער. האָט'ס אױפמערקזאַמקײט און דרך־ארץ פאַר זײ! פאַרביטערט נישט דאָס לעבן מיט אײער װיסטן טרױער!

(נאַטירלעך, ער האָט נישט געזאָגט — אָבער אפשר געמײנט: מיט אײער גאַנץ אָפט נישט־אױפריכטיקן טרױער...)

א. לוצקיס פּאָעזיע, װי קאַרג און װי צמצומדיק ער איז געװען אינם װאָרט, נעמט דאָך אַרום, איך חזר איבער, אַ גאַנצע װעלט. דער מכלומרשטער „פּרימיטיװער" לוצקי, װאָס האָט, װי מען פלעגט זאָגן, װײניק געלײענט װעלט־ליטעראַטור, האָט ממש אױפגעשטעלט אַ קאָס־מאָגאָניע, אַ גאַנצע װעלט־סיסטעם, װאָס נעמט אַרום אַלע לעבנס,פון די קלענסטע ביז צו די גרעסטע, און אַלע נאַטור־דערשײנונגען, פון די טעג פון מעשה־בראשית אָן. ער האָט אַרײנגעפּאַסט זײן װעלט־קאָנצעפּ־ציע אין אַ ראַם פון אַ װעלט־סיסטעם. האָט איר געגעבן אַ װעלט־פילאָ־זאָפיע. זײן בוך „בראשית — אינמיטן", מיטן אונטערטיטול: „פּאָעטישע פילאָזאָפיע איבער װערן און צעשטערן" — איז אַזאַ מין װעלט־שיטה װאָס קען זיך פאַרגלײכן צו די געצײלטע װערק אין דער װעלט־ליטעראַ־טור, װאָס האָבן געהאַט די אַמביציע אױפצושטעלן קאָסמאָגאָניעס, װי דאַנטע,לוקרעץ, מילטאָן און פּאָו האָבן עס געװאָגט צו רעאַליזירן מיט זײער גאַנצער פּאָעטישער מאַכט.

אָבער, װי שױן געזאָגט: דאָס איז נישט קײן טױטער, קײן סטאַטי־שער װעלט־סיסטעם. אין לוצקיס אוניװערסאַלער ראַם שטראַלט די זון פון מענטשלעכער װאַרעמקײט. די ליבשאַפט צום לעבן פונם קלענסטן באַשאַף.דאָס גרױסע געזאַנג פון מיטלײד און פון אױפמערקזאַמקײט צו גאָר די יסורימדיקע לעבנס. עס שאַלט די געװאַלטיקע פרײד פונם לעבן זעלבסט, אָן שום אורזאַך. גאָטס װעלט האָט הנאה פון זיך אַלײן צוליבן לעבן זעלבסט.

א.לוצקי האָט ממש געפּרואװט אַראָזשירן אַלע װעלט־פּראָצעסן אין זײן פילאָזאָפישער דיכטונג. און דער גאָט פון זײן װעלט — איז דער מענטש. מינדלעך און שריפטלעך, אין ליד און אין אימפּראָװיזאַציע, האָט לוצקי געפּאָדערט ליבע צום מענטש. ער האָט פאַרמענטשלעכט

אַלע חיות און פֿייגל און אַפֿילו מילבן און אינסעקטן. זיין „בראשית — אינמיטן" איז דער תּנ"ך פֿון זיין לעבנס־פֿילאָזאָפֿיע. און די פּערזענלעכקייט לוצקי איז דער סאַמע גרעסטער הומאַניסט און שענסטער סאָציאַליסט וואָס מיר האָבן ביז איצט געזען אַרומגיין אויף גאָטס ערד.

ס'איז ביי אידן געווען בלויז איין און איינציקער לוצקי — אַ פּערזענלעכקייט וואָס עס וועלן געדענקען אַלע זיינע פֿריינט ביז צו זייערע לעצטע טעג... און ער וועט אַוודאי לעבן אינעם אייביקן זכרון פֿון פֿאָלק.

ניו־יאָרק, סעפּטעמבער, 1957.

א יינג פארפאלק

ער איז צוריקגעקומען אַן אָפּגעברענטער פֿון אַ שלאַכטפֿעלד אין קאָרעאַ. די האַנט, מיד פֿונעם הייסן שטאָל פֿון מאַשינגעווער, גלעט איר דינע, מאַנאַליזישע האַנט. איר האַנט זעט אויס אַזוי ווי אַ גאָלדענער לייכטער מיט פֿינף דינע רערן. זייער ליבשאַפֿט האָט מער פּאָעזיע ווי הונדערט שווערע בענדער מיט ליבע־ליריק. זי איז די קילע שטילקייט פֿון אַ פֿאַרנאַכט אויפֿן ברעג פֿון אַ טייך. זי איז די שטילקייט פֿון אַ פּאַסיוון פֿעלד, פֿול מיט בריליאַנטענער ראָסע־פֿייכטקייט. אויף איר קלייד זענען אין בראָנדזענע פֿעדים געוועבט אידילישע שעפֿסן. ער שרייבט פּאָעזיע. ער האָט ליב די לידער פֿון גאַרסיאַ לאָרקאַ, וועמענס יינגן לעבן, אומגעבראַכט דורך פֿראַנציסקאָ פֿראַנקאָס מערדער, שרייט אין קאָסמאָס אַריין מיטן אויסבראָך־געשריי פֿון אַ דונער. ער האָט ליב די פּאָעזיע פֿון דער טשילענער פּאָעטעסע גאַבריעלאַ מיסטראַל. ער זוכט אין דער לופֿט זיין געליבטערס האַנט ווי אַ לייכטער מיט פֿינף דינע, גאָלדענע רערן. אַ האַלבס פֿון זיין פּנים איז פֿאַרברענט און זעט אויס ווי די לבֿנה. דאָס צווייטע האַלבע פּנים שטראַלט פֿון ליבע. איין אויג איז ביי אים פֿול מיט שרעק פֿון פֿאַרוויסטונג און פֿון טויט. דאָס צווייטע אויג איז ווי די לבֿנה: עס טראָגט לאַנדשאַפֿטן אין זיך. איך קוק אויף זייביידן און גאָלדענע בלעטער פֿון שיר השירים ציטערן־אויף אין דער לופֿט. בראָנדזענער אַמאָר מישט די העלעכע בלעטער. שולמית איז קראַנק פֿון ליבשאַפֿט... איר פּנים איז צעשלאָגן פֿון אירע ברידערס שטאַרקע הענט. קליין זענען אירע בריסטן, נאָר ווי גרויס האָט די ליבע שאַמפּאַניערדיק אויפֿגעפֿייערט. אַזש ביז צו די שטערן גייען די פֿלאַמען...

ווען זיי ביידע וועלן חתונה האָבן, וועל איך זיי שענקען דרשה־געשאַנק אַן אייזערנעם לייכטער און די לידער פֿון גאַרסיאַ לאָרקאַ און שעליס ווערק און וואָלט וויטמאַנס מעכטיקע „בלעטער פֿון גראָז..."

עסיי וועגן אַ נייעם פּאָעט

ירמיהו העשעלעס: סאָנעטן פון תוהו ובוהו (לידער, פּאָעמעס). פאַרלאַג „אייגנוועג", ניו־יאָרק, נ. י., 192 זייטן. —

מיר געדענקען ירמיה העשעלעס פון די שטורעמדיקע טעג אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. מיר פלעגן אים באַגעגענען אין דער דעמאָלט נאָך לעבעדיקער „קאַפע ראָיאַל". העשעלעס האָט געטראָגן אַ מיליטערישן שינעל פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי און האָט גערעדט וועגן וועלט־ליטעראַטור מיט אַן אייראָפּעאיש־סטודענטישן ענטוזיאַזם. זיינע אויגן האָבן דערציילט פון היפשע יסורים. וואָרעם דער קליינ־שטעטלדיקער ישיבה־בחור, רעדנדיק מיטן לשון פון קבלה און באַ־נוצנדיק גריכיש־לאַטייניש פּראָזע, האָט זיך שווער אריינגעפּאַסט. מיר קענען זיך דאָס וואויל פאָרשטעלן, אין אַ באַראַק מיט סאָלדאַטן, וואָס פרעסן קרויט און רעדן נבול־פּה. דאָס איז געווען אַ פּאָעט אין סאָל־דאַטסקע מלבושים. מיט אים איז געווען זיין איצטיקע ווייב און דע־מאָלטיקע כלה, בעטי. מיר זיינען געווען ביין וואָס בעטי טראָגט פינצטערע זון־ברילן אויף אירע בלויע, שיינע אויגן.

— טוט אויס די ברילן. לאָמיר טרינקען דעם טוש־בלויען באַ־גינען פון אייערע פאַרפירערישע אויגן! — פלעגן מיר איר זאָגן.

פון העשעלעסן האָט אַרויסגערעדט אַ קוואַל מיט לומדות און מיט וועלט־ליטעראַטור. פון דעם יונגן אַמעריקאַנער זעלנער האָט געשטראַלט מיט ראַפינירטן פאָלקסגייסט, מיט הויכער אייראָפּעאישער קולטור, מיט פּלענער צו שרייבן ליד און פּראָזע. ער איז געווען איינגעטונקען אין פאָלקלאָר ווי אַ בין אינעם האָניק פון בלומען. ערגעץ־וואו האָט ער ליגן אַ היפשן ראָמאַן אין מאַנוסקריפּט... אַ ראָמאַן וועגן אַ גרויסער ליבע אין שטעטל... עס האָט געפלאַמט פון אים מיט קבלה אויך. און מיר האָבן געפילט: עס איז די קבלה וואָס ער האָט געלערנט אויסער דער ישיבה — אין עפּעס אַ פאַרבאָרגענער הייל. און עס איז אַ וועלט־וויסן וואָס ער האָט געלערנט אויסער דעם אוני־ווערזיטעט. עס איז אַ וויסן פון די שטערן אין הימל אַראָפּגעשטראַלט. פון דעם גרויסן יוגנטלעכן הונגער נאָך וועלט־וויסן...

און, ווי ביי געוויסע הייליקע, וואָס פאַלן אריין אין אַזאַ מין עקסטאַז, אַז פון זייערע דורכזיכטיקע און אויסגעצערטע גופים ברענען און לייכטן אַרויס מיסטישע צייכנס און סימבאָלן. אַזוי האָבן פון העשעלעסן אַרויסגעשטראַלט לידער. מיר האָבן באַשיימפּערלעך געפילט: עס וואַקסט אַרויס אַ נייער פּאָעט!

***

ווען העשעלעס האָט זיך שפּעטער באַוויזן אין ציווילע קליידער און מיט בעטין ביי דער זייט, האָבן מיר אים, איך וויל זיך באַרימען, מקרב געווען ליטעראַריש. איך שטרייך אונטער: ליטעראַריש. ווייל אַ סך שרייבער זיינען מקרב אַ יונגן שרייבער — מיט אַ גוט וואָרט. אַמאָל מיט אַ מאָלצייט. אָבער צו נעמען ביי אים אַ ליד און עס ערגעץ וואו אָפּדרוקן, דערצו האָבן זיי נישט קיין האַרץ... און שרייבער וויסן

ווי אַזוי מיר טראָגן אַן אייביקע דאַנקבאַרקייט אין האַרצן צו יענעם וואָס האָט געוואָגט אָפּצודרוקן אונזער ערשטן מאַנוסקריפּט...

איך דענק אַז איך מאַך נישט קיין טעות: העשעלעס האָט דעביו־טירט מיט לידער אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט". מיר האָבן אים געעצהט אַריינצושיקן לידער אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט". און דאָרטן זיינען טאַקע פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ היפּשע צאָל סאָנעטן — און אַן עסיי וועגן אַ בוך פון דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות. אַ סך פון די אָפּגעדרוקטע לידער שטעלן צוזאַמען העשעלעס'ס איצטיקן ערשטלינג־בוך: „סאָנעטן פון תוהו ובוהו".

***

„סאָנעטן פון תוהו ובוהו" ציט אייגנטלעך איר טראַדיציע, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, פון יענער נאַכט פון תוהו ובוהו ווען דער רבונו של עולם האָט געשלאָגן די קאָסמישע פינצטערניש מיטן פייער־טריפנדיקן וואָרט: עס זאָל זיין ליכט! וואָרעם סוף־כל־סוף, און נאָך אַלע סוף־כל־סופן, קומט מען כסדר צוריק צום דאָזיקן אוניווער־סאַלן שורש: דער פּאָעט פּרוּווט מיט זיין פּאָעטישן געצייג אַנטאָן אין אָרדענונג דעם כאַאָס. און שרייבן לידער מיינט — שלאָגן די פינצ־טערניש מיטן מענטשלעכן וואָרט... אין יענעם מאָמענט איז גאָט גע־וואָרן צום מענטש־פּאָעט...

***

אין די שפּעטע נעכט, ביים שיין פונם אַנטיטשנעם לעמפּל, לייען איך העשעלעסעס שורות. אָבער זיינע לידער נויטיקן זיך נישט אינם לעמפּלדיקן שיין און באַשיין. זיי ברענגען מיט זייער אייגענעם גע־פאַנגענעם ליכט. זיי טריפן מיט טראָפּנס פלאַם. זיי ברענען מיט געשמידטע און אין הייסן פייער געגאָסענע בליצן. —

דער דיכטער שיינט צו קומען אויף דער ערד מיט אַ געוואַלדיקן געדענקען פון בליציקע וועלטן צום ערדישן יאָמער־טאָל. אָט דאָס סאַקראַטישע געדענקען יענע פולקאָמענע, שלימותדיקע וועלטן מאַכן דעם פּאָעט דאָ שעליש, דאָ בייראָניסטיש, דאָ קיטסיש און דאָ פאַר־ניכטעט צו ווערן אין אייביקער בענקעניש און נאָסטאַלגיע.

אָבער וואָס עלטער און מאַטורער דער פּאָעט ווערט, אַלץ קלאָ־רער דערזעט ער די ערדישע, רעאַליסטישע און פּראָזאַאישע שיינקייטן. די נאַטור פון דער מכלומרשט־גרייער ערד דערלאַנגט אים אַ רייכע גאַמע פון הימליש־ענלעכע סימפאָניעס. פּאָעט איז אייגנטלעך מאָלער, מוזיקער, טענצער און — אייביק קינד. ער וואַקסט קיינמאָל נישט אויס פונם קינד זיין. אין זיין וואָרט־אַלכעמיע טוט ער אַריין אַלע קונסטן. —

***

העשעלעס דענקט אויך, נישט אַלע פּאָעטן דענקען, בלויז די גרויסע. און ער גייט ביים ראַנד פון אָוונט, אין געוואַלטיקן בין־השמשות, צוזאַמען מיט די אומגעהויערע מאַסטאַדאָנען פון דער קונסט פון אַלע קונסטן: פּאָעזיע.

עס איז גענוג צו לייענען בלויז איין און איינציק ליד אין הע־שעלעסעס איינציקן און ערשטן בוך, כדי צו האָבן דעם פּאַרטיקן באַ־

גריף און מאָטאָ, דעם געדאַנק און דעם קרעדאָ פונם גאַנצן בוך פּאָעזיע. העשעלעס גייט צו דירעקט צום מענטש, ווי אַלע באַדייטנדיקע דיכ־טער — אָן שום פּראָלאָג און איבוואָקאַציע, מיט אַ דערקענטניש, אַ פאַרשטיין און אַ וויסן פון מענטש וואָס איז פיל און אַ סך עלטער ווי דער פּאָעט אַליין.

זיין וויסן און זיין קענטשאַפט פון דעם מענטשנס מ׳שטיינס געזאָגטן מיעניש אונטער דער זון איז אַן אוראַלט וויסן, וואָס שוין די אורפּאָעמען און עפּאָסן, ווי קהלת, איוב, גילגאַמעש, אָמאַר כאַיאַם און האַפיז האָבן עס שוין וואויל געוואוסט. און יענע גרויסע אַלצווייסער זיינען שוין אויך נישט געווען די סאַמע ערשטע. דאָס איז אַ וויסן פון גאַנצע הונדערט טויזנט יאָר־שטודירן דעם מין מענטש.

נאָך יעדער איינציקן העשעלישן ליד איז דאָס גאַנצע בוך מיט פּאָעזיע בלויז אַ צוגאָב. ווען ירמיה העשעלעס וואָלט טאָקע נישט מער אָנגעשריבן ווי איין און איינציקן סאָנעט — אַנשולדיקט מיר פאַרן שוין באַנאַלן זאָג — וואָלט ער שוין פאַר אונז געשטאַנען אַלס אַ פאַרטיקער און אַ פאַרענדיקטער פּאָעט. —

דעם דאָזיקן איין־און־איינציקן סאָנעט וויל איך נישט אַליין אויס־קלייבן צום ציטירן. זאָל דער לייענער זיך אַליין אַנשטרענגען...

⁂

אין אַזעלכע לידער ווי „צו זיך" אָדער „פּה נטמן" — און זיי זיינען נישט די איינציקע אין זייער מין — איז פאַראַן ביי העשעלעסן איראָניע אויף אייגענער זאַטקייט, זעלבסטצופרידנקייט מיט דער מוזע און גייסטיקע באַקוועמלעכקייט. און ס׳איז היפּש פאַראַן די דרויסנדיקע וועלט און די ווערימדיקע ליטעראַרישע סביבה — פול, ווי געווייגלעך, מיט שנאה, חוצפּה, גראָבקייט, נישט־פאַרגינערישקייט און מ׳שטיינס געזאָגטער אַלימפּישקייט. אָבער דער חכם און דער פּעסימיסט אין העשעלעסן היט אים תמיד אויס פון זאַטער זעלבסטגלעטעריי, פון דעם צופרידענעם פּאַטשן זיך איבערן אייגענעם ליטעראַרישן בייכל, וואָס ווערט אַזוי געלונגען אויסגעדריקט אינם מויל פון פּאַלק: ווי אַ וואָרים אין כריין... דער וואָס באַזיצט אַן אינטעלעקטועלע נאָענטקייט צום אייביק־פרעגנדיקן ציניקער סאָקראַטעס, איז אַפילו גרייט אויף זעלבסט־איראָניע און זעלבסטסאַטירע. דאָס קויפט אַוודאי אויס קריטיק אויפן אַדרעס פונם אַנדערן, פון „יענעם" שרייבער, און גיט אויך אַ רעכט אַמאָל צו שמייכלען ביטער און סאַרקאַסטיש אויפן פּאָפּולערן אַדרעס פון דעם איסט־בראָדוויאישן קאָסמאָס אין מיניאַטור. און אַפילו אויפן סאַמעראָדנעם רבונו של עולמס גראַנד־אוניווערס...

אַט קען איך זיך פאַרט נישט אָפּהאַלטן פון צו ציטירן אַ טיפּישן העשעלישן סך־הכול פון דעם מענטשנס פוסטער גאווה און שטאָלצער פאַרריסנקייט. דאָס ליד הייסט „הייפּל שטויב" און עס גייט אַזוי:

„אַ הייפּל שטויב פאַר טריט פון פיס מיליאָסן
און דאָך האַלט איך זיך גרויס! פון קאָפּ ביז זויל
איז איך און איך און ווידער איך: מיין מויל
זינגט שבחים מיר אַ ים, אַז געטער בלאָסן.

אַ ביסל שטויב — ווי רעכט מיר איז און וואויל
צו טרעטן צווייטעס הערצער מיט אָבצאַסן;
און גרייט צו זיין פאַר הערשאַפט צו פאַרקנסן
מיין זעל צום טיוול, איידער איך צעפּויל...

אַ שטויביק אָפּבילד; אַ געבאָרגטער שאָטן —
ווי גדלותדיק איך בלאָז פון זיך, ווי פּרעך!
פון מיר אַ וואָרעם וואָרט — אַ שטריק פון פּעך;
און ווי אַ האָר פון מילך — פון יענעם שפּאָטן.

אַ רעשטל שטויב אין ווינט... וואָס בלייבט דערפון?
אַפילו ניט קיין שאָטן אין דער זון״.

***

ירמיה העשעלעס׳ס וואָרט איז ממש פייער. אָבער אַרעסטירט אין געשלאָסענער פאָרם און אַנגעטאָן אין אַ שטאָלענעם פּאַנצער. זיינע געקאָוועטע לידער צעפאַלן נישט אַפילו ווען די זון זעצט איבער זייערע אָטאָמען. דאָס זיינען אַטאָמישע עקשנותן וואָס קיין שום פייער־איוון־טעמפּעראַטור קען נישט צעשמעטערן און צעשפּאַלטן. נאָר עס קען פון זיי רייך הנאה האָבן דער אמתער ליבהאָבער פון פּאָעזיע. ווי מען קען הנאה האָבן פון אַ שיינער פּרוי בלויז דורך דער גרויסער ליבשאַפט צו איר... וואָרעם דער שיכורער זעלנעריש־מאַטראָסישער ברוט פון ריינער תאווה מיינט בלויז אַז ער האָט הנאה... ער איז נישט פעאיק צו וויסן אַז ער מאַכט אַ טעות...

ווער עס האָט די זעלטענע קוואַליטעט ליב צו האָבן און אָפּצו־שאַצן די געהאַמערטע און די פאַרבאַרגענע יאַדרעס אונטער האַרטע, שטיינערנע שאָלן; דער דאָזיקער קען צופאַלן צום העשעלישן ליד ווי דער פּרימיטיוו צום קאָקאָנאָט־נוס און אַרויסזשליאָקן פון אים באַניעס מיט זאַפטיק־פייערדיקן האָניק־שטראָם. און ווען ער וועט וואָרעם, מיט ליבשאַפט, אָנרירן דאָס ליכט, און אָנקלאַפּן אין דער טיפעניש פונם ליד, וועט עס דאַנקבאַר אַ שטראָם טאָן מיט אַן עלעק־טרישן שטראָם פון זבת חלב ודבש. מיט פייערדיקן שאַמפּאַניער און פלאַמיקן האָניק. —

***

אַזעלכע לידער ווי „אַלטער עגאָ״ און „שטומע שפּראַך״ און, כמעט גאָר דאָס גאַנצע בוך פּאָעזיע, טראָגן דעם צייכן — מיר חזרן זיך באַוואוסטזיניק איבער — פון קייסער קהלת, פון אַמאָר כאַיאַם דעם פּערסישן אַסטראָנאָם, פון דער גראַנד וועלט־פּאָעזיע בכלל. ווייל העשעלעס רירט תמיד אָן די הויכע שפּיצן פון וועלט־פּראָבלעמען. ווייל ער האָט געגנידערט און געטיפט אין היילן, אי קברים, אין טאָלן־און־תהומען פונם מין מענטש, דעם אייביקן מין מענטש. מיט זיינע אייביקע אייביקייטס־וויטיקן און איוב־פּראָבלעמען.

ווען מען לייענט העשעלעסעס פּאָעזיע, דאַכט זיך אַז ער טראָגט אַ גאָלדענע קרוין. אָט אַזוי שרייבט דער וויזער העבּרעאישער קייסער. אַזוי שרייבט דער מידער חכם אין אַ פּאַלאַץ. אַזוי שרייבט דער קיניג אַ געפאַנגענער אין אַ פינצטערער הייל, באַכדעם ווי ס׳האָט אים

דער אשמדאַי אויסגעשפּיגן מיט איין שפּיי פיר הונדערט מייל אין דעם סאַמע תוהו ובוהודיקן מדבר. אַזוי רעדט דער גייסט אַ באַפרייטער פון דעם כישופמאַכערס פלאַש. אַן אויפגעשטאָפּטער עלעמענט. —

***

דער לייענער פרעגט זיך:

— וואו איז געבליבן גאָר די קאָרעקטור? העשעלעס האָט כמעט געבראַכט צום בוך מיט שוואַרצע טאָוולען דאָס גרייטע ליד. מען האָט דעם וואונדערלעכן איינדרוק: ער האָט אוודאי דורך יאָרנלאַנגע וואויל געמאַדזשעט־און־ געמעקט, געשריבן און צעריסן, געשענקט צום ווינט און צום פייער־לייענער פונם אויוון זיינע צעשמעטערטע מאַנוסקריפּטן. אָבער צום בוך איז ער שוין געקומען מיט הונדערט מאָל איבערגעשריבענע לידער. ער האָט דאָס אות און דאָס וואָרט ביז סאַדיזם געריבן מיטן בריטן, העמדישן אַרבל ווי מיט פליגל. ווי דער שטורעם שלייפט אין די נעכט די שטערן. ער האָט געווישט מיטן קאָסמישן שטויב זיין אידישן, קליינשטעטלדיקן לשון. רעזולטאַט: אַ ריין בוך, קוויטעסענצדיק אַריינגעקריצט און אַריינגעשניטן אינם מאַרמאָר־טאָפל פון דער אידישער פּאָעזיע. די חבלי לידה איז געבליבן ערגעץ וואו שטעקן אויסער די בלעטער פונם בוך. דאָס בוך אַליין: געפּוצטער שטאָל. געריבן מיט שלייפּפּאַפּיר פון קיזלשטיין. —

***

ירמיה העשעלעס איז ביידע: יוגנט און עלטער. פון דעם פּעגאַזישן פלי פון יוגנט, פון די טויזנט בראַנזענע בענקשאַפטן, וועלכע דער זעכצניאָריקער אינגל רעמבאָ האָט אַמאָל פאַרוואַנדלט אין די פאַנטאַסטישע, אויטאָביאָגראַפישע איבערלעבענישן פון אַ שיכורע שיף, אַ מין מאָדערנע סאָבמאַרין, מאַכט העשעלעס קאַלטע, זוניקע, קאָנצענטרירטע דיכטונג. און ער באַוויזט דעם קונץ: ער באַלאַדנט זיך שוין פריצייטיקערהייט מיט דער קלוגער עלטער. דאָס איז אייגנטלעך יענע עלטער וואָס אַלע פּאָעטן נעמען אויף זיך פרייוויליק אין דער יוגנט און זיי שטעלן זי אַוועק הויך פאַר די אויגן ווי אַ פינצטערע שויב כדי צו קוקן דורך איר צו די שטערן. און דורך דער דאָזיקער עלטער־און־ אייביקייטס־שויב קוקט העשעלעס פאַאוסטיש, מאַנפרעדיש און קאָמעדיש אַריין אין דעם אורקגיפ פון דעם מענטשלעכן שיקזאַל. דורך די אייביקייטס־אייזיקע האָריזאָנטן. און דאָרטן, ווי שוין פריער געזאָגט און שוין דעמאָלט היפּש־איבערגעחזרט — באַגעגענען אים וועלט־באַרימטע קאָלעגן: קייסער קהלת און דער מעכטיקער מחבר פון איוב; אָמאַר כאַיאַם און האַפיז. און זיי פירן אים אַריין אַ באַקרוינטן אין גן־עדן פון אמתער דיכטונג. —

***

נאָך עפּעס, וואָס מען מוז אומפאַרמיידלעך פאַרצייכענען אין אַן עסיי וועגן אַ שרייבער:

— פון וואַנען ציט העשעלעסעס דיכטונג איר אייגנטלעכע יניקה? קודם כל: פון די פייערדיקע אָדערן פון דער אורצייט. פון פינצטער־דזשאַנגלדיקע אוראינסטינקטן און אַטאַוויזמען. דאָס איז אייגנטלעך דער אור־גרונטיקער, טיפער ברונעם פון וועמענס אייזערנע טייכן

יעדער עכטער פּאָעט ציט זיינע הייסע טראָפּנס לעבן וואָס טראָגן אים אַריין אין דער פּאָעטישער אייביקייט.

און, נאָך דער אורצייט, די אורפינצטערניש, קומט דאָס אייגענע פּאָלק. פון די מאַמעשע בריסטן פונם פּאָלק האָט העשעלעס רייך געטרונקען דאָס פייער פון לשון, פּאָלקלאָר און געשיכטע. זיין שפּראַך איז היפּש איינגעטונקען אין דעם פּעטן־און־פינצטערן אָפּגרונט פון פּאָלקס־שאַפן, ווען דאָס הייסע מויל פון פּאָלק קייט צווישן אירע קופּערנע און גראַניטענע ציין דאָס אורלשון און גיט עס פייכטקייט, וואַרעמקייט און דעם כעמיש־אַלכעמישן שטאָף פון פאַרדייאונג.

און דער פּאָעט העשעלעס האָט אויך מיט קרעפטיקע ליפּן און לעבנס־דאָרשטיקייט געזויגן פון דער ברוסט פון מאָדערנער וועלט־קולטור. און ערשט אויף דער אייגענער בלוטיקער האַרץ־קאָוואַדלע שלאָגט ער אויס יעדעס וואָרט און ער איבערגיסט דאָס לשון פון פּאָלק אין זיין אייגענער שעפּערישער שפּראַך און ער האַמערט עס אויס צום אייגענעם, אָריגינעלן, פּערזענלעכן ליד. און ווי מילגרוימען, פּעט און שאַמפּאַניערדיק מיט זון, גיסט ער אָן די זיידענע גילזן פון ווערטער מיטן פייערטריף פון זיין בלוט. און אָט אַזוי בלייבט ירמיה העשעלעס שטיין צו אַ פּאַרטיקן, גאַנצן פּאָעט אין זיין ערשטלינג־בוך: „סאָנעטן פון תוהו ובוהו”. מיר זעען אים ממש פּאַרטיקערהייט, פּונקט ווי ער וואָלט פון דער מוטער־מוזעס־טראַכט אַרויסגעגאַנגען אין זיין פולער געשטאַלט, סטאַטור־און־סטאַטועאַרטיקער פּאַנצערדיקייט. מיר זעען גישט, ווי שוין באַמערקט, די אומגעהויערע און יסורימדיקע עוואָלוציע פונם תוהו ובוהו. מיר זעען אים שוין אויסגעגאָסן פייערדיק־פּאַרגליווערט פון איין שטיק הייסן, בראָנזענעם גאָס — פאַרשטיינערט געוואָרן צו אַ מאַסיוו־און־מאָנאָליטיש שטיק קונסט וואָס הייסט: „ריינע און וואָרע פּאָעזיע”.

ניו־יאָרק, 8טער פעברואַר, 1958.

* * *

דער אמתער קינסטלער שטייט שטענדיק איבערראַשט ווי אָדם, צווישן הימל און ערד, אַ באַגאָסענער מיט לאַווע און פאַרשאָטן מיט אַש פון זון־אויפגאַנג און זון־אונטערגאַנג. פאַרן אמתן קינסטלער איז טאָג און נאַכט — מעשה בראשית. די וועלט קאָכט זיך יעדער רגע. די וועלט קאָכט זיך אין דעם קאָלאָסאַלן קופּערנעם קעסל פון רוימלעכקייט. דער אמתער קינסטלער שטייט שטענדיק אינמיטן הימל און ערד — ווערנדיק צוגעצויגן פוןביידנס מעכטיקע צוציאונגס־כוחות. דער אמתער קינסטלער שטייט שטענדיק אינמיטן וועלט — אין דעם זיך קאָכנדיקן, שטורעמדיקן פייער פון בראשית — ווי אַ קינד און ווי אַ נביא דערשטוינט איבער דעם ווירבל פון קאָסמישע עלעמענטן. קליין שטייט ער פאַר גאָטס לאַנדשאַפט מיט זיין אומגעהויערן תהלים אין האַרצן. —

צום פאַרלוסט פונם דיכטער

ווען איך בין געזעסן אינם מאָריס פיונעראַל האָום, אין ברוקלין, ביי דער לויה פון מיין ליבן חבר און קאָלעגע, דעם פּאָעט י. ה. ראַדאָשיצקי, האָב איך כסדר געקוקט אויף דער לאַנגער טרומנע. איך האָב געזאָגט צו קאָלעגע יחזקאל קייטעלמאַן:

— דענקט איר נישט אַז די טרומנע איז אויסערגעוויינלעך לאַנג?

— ניין! — האָט ער מיר געזאָגט.

און איך האָב אַלץ געטראַכט אַז די טרומנע איז צו לאַנג, פּונקט ווי זי האָלט צוגעפּאַסט געוואָרן צו אַ זייער הויכן, פּאַרצייטישן ריטער. און איך האָב באַטראַכט דאָס פּשוטע האָלץ מיט אַלע זיינע שטריכן פון דער נאַטור. די סענקעס. די אוהאָרן. די הילצערנע אָדערן. איך האָב געטראַכט: ווי שיין איז אַ נאַקעט שטיקל האָלץ! עס האָט עפּעס פון אַ מענטשלעכן גוף. און איז עס נישט טרויעריק וואָס דאָס האָלץ גייט מיט אין קבר אַריין. וואָס איז זיין שולדיק דאָס האָלץ? פאַרוואָס זאָל עס פוילן אין דרערד? דאָס האָלץ האָט ווי געוויינט. עס וויינט, טראַכט איך, יעדער טרומנע אויף איר ביטערן גורל: צו זיין אַ טרומנע. צו זיין אַ בגד פאַר אַ מת...

און אונטער דער טרומיע האָט געלויכטן דאָס הערלעכע פלושענע פאַר־הענגל. האָלץ און איידעלער פלוש. ראַדאָשיצקיס נאָבעלער גייסט זעט עס. איך בין כמעט זיכער אַז ער פאַרפּאַסט איצט אַ ליד וועגן דעם. אָבער, ער שרייבט שוין דאָס דאָזיקע ליד אין הימל. נישט אויף דער ערד...

* * *

איך פאַרצייכן בשעת מעשה אויף אַ שטיקל פּאַפּיר מיט בלייפעדער: עס איז געפערלעך צו זיין אַ פריינט פון מענטשן. מען מוז טראָגן זייערע מעשים. דו מוזט תמיד טרינקען דעם כוס פון פרייד און דעם כוס פון טרויער. און טרויער איז פאַראַן אַזוי פיל ביי יידישע פּאָעטן. און דו ביסט עיכור פון מענטשלעכן טרויער. דו ביסט אַ פריינט פון דיינס אַ פריינט: מוזטו זען ווי ער שטאַרבט. מוזטו גיין אין שפּיטאָל. מוזטו זיך מיט אים געזעגענען. מוזטו גיין זען מיט דיינע אייגענע אויגן ווי אַזוי מען לייגט דיין חבר אין דר'ערד אַריין. „צו די ווערים", ווי דאָס פאָלק זאָגט. און דאָס פאָלק ווייסט ווייל וואָס עס רעדט. יאָ, עס איז שווער צו זיין אַ פריינט. עס איז ממש אַ גיגאַנטישע אונטערנעמונג. אָבער ס'איז אויך אַ זעעליש געפיל אין דיין פריינטשאַפט צו גיין ביזן לעצטן שפּאַן פון דיין פריינטס לעבן. עס איז אַ הייליקער פליכט צו טרינקען ביזן דנאָ דעם בעכער מיט טרויער, מיט גיפט און מיט טרערן. —

* * *

עס איז די סאַמע לעצטע רייזע פונם פּאָעט איבער דער קליינער שטיק וועלט פון ברוקלין ביז לאָנג־איילאַנד. די דאַטע איז: דרייצנטער נאָוועמבער פון יאָר 1957. די שאַרפע קעלטן פון די לעצטע טעג האָבן נאָכגעלאָזט. איך הער ווי פייגל זינגען. די אייביקע פייגל! זיי זינגען ביים וויגל פונם פּאָעט. זיי זינגען ביים קבר פונם פּאָעט. נאַאיווע, גוטע און היימישע פייגל. איך

האָב זיי ברידערלעך ליב. און שטענדיק רירט מיך ביז טרערן זייער פּשוטער יאָנצערט. מיר פֿאָרן און מיר פֿאָרן אָן אָן אויפֿהער. איך זע אייגנטלעך נישט אין פֿאָרויס דעם שוואַרצן אויטאָמאָביל מיט מיין חברס ווייסן גוף. אָבער, איך ווייס אַז ערגעץ אַרום אונז פֿאָרט מיין חבר די לעצטע, שוין די סאַמע לעצטע רייזע אין... זיין לעבן. ניין. שוין אין זיין טויט...

אָפּגעוואַשענע פֿון ווינט און פֿון וואָלקן זענען די שטילע און די רויִקע לאַנדשאַפֿטן פֿון לאַנג־איילאַנד. עס איז היינט דעם פּאָעטס טאָג! ס׳איז דאָס לינדע און דאָס וויאָגעדיקע וועטער פֿון זיין ליד. ער האָט עס אַריינגענומען אין זיין ווערק. אָט דעם בלויען, פּאַרנאַכטיקן, ווייך־טיוליקן הימל. אָט די ערלעכע ביימער שטייען אין זיין ליד. אָט די זון וואָס קאָלערט זיך אַזוי ווי אַ פּעסל וויין צום מערב. אָט די נעפּלדיקע פֿיגורן אויפֿן וועג, ווי אין אַ כינעזישע וואַסערקאָליר, אומדייטלעך. דערציילט דער עסייאיסט משה וויטיעס:

— איך האָב אים שבת בייטאָג באַזוכט אין שפּיטאָל. זונטיק איינס ביי־נאַכט איז ער שוין געווען געשטאָרבן. האָט מיר ראַדאָשיצקי שבת געזאָגט: „אָ, ווען איך קען זיך נאָר אויפֿזעצן, וואָלט איך געשריבן אַזוי פֿיל טייע־רע לידער!״

יאָ, מיר גלויבן עס ראַדאָשיצקין. ער האָט שטענדיק געשריבן לידער. ער האָט געלעבט זיין גאַנץ לעבן מיטן ליד. דאָס ליד איז געווען זיין פֿאַ־מיליע און זיין ליבשאַפֿט צום מיין מענטש און זיין רעאַליזם. מיר קענען זיך קוים פֿאָרשטעלן וואָס אַ דיכטער זעט און פֿילט טאַקע אין מאָמענט פֿון זיין שטאַרבן. ווען ער זעט נעבעך ווי אַזוי די וועלט טוט זיך אויס פֿונם לעבן, וואָס ער האָט כל־ימיו אַזוי הייס באַזונגען. אָ, ווען דער דיכטער קען זיך נאָר אויף אַ ווײַלע אויפֿזעצן פֿונם געלעגער פֿון שטאַרבן... דעמאָלט ערשט וואָלט ער אָנגעשריבן דאָס גרויסע, דאָס לאַנגע, דאָס מעכטיקע ליד... — —

* * *

אָטאָ וויינינגער, דענק איך, איז גערעכט געווען: נאָכן טויט ווערט יע־דער איינציקער מענטש ממש אַ הייליקער און אַ זשעניע. אַפֿילו אַ גענגס־טער ווערט דורך די ביטערע און פֿינצטערע יסורים פֿונם טויט געלייטערט. אויב איינער איז נישט קיין גרויסער דיכטער, ווערט ער עס נאָכן טויט. דאָס מויער פֿון שטאַרבן איז אַזאַ שוידערלעך גיהנום פֿון ליידן, אַז ווער עס גייט אַריין דערין, גייט אַרויס אַ גאון.

איך בין דערין איבערצייגט.

אויב אַזוי, מיר דאַכט זיך, איז גאָרנישט פֿאַראַן קיין גיהנום. אַלע מענטשן וואָס שטאַרבן ווערן אויטאָמאַטיש הייליקע און גאונים. און זיי גייען גלייך אַריין אין גן־עדן.

י. ה. ראַדאָשיצקי, קען מען אויפֿריכטיק זאָגן, איז אָבער געווען נאָך פֿאַרן שטאַרבן, אויב נישט אַ גאון, איז אַ זייער ריינער, לויטערער מענטש. כמעט אַ הייליקער. —

* * *

איך קוק אַריין אין דער טרומנע. איך זע מיין חבר — אַ טויטן. ווייס

דאָס פּנים זיינס ווי קאַלעך און קאַלט סקולפּטירט און פאַרשטיינערט. דער גוף איז קליין, צוריק יינגל געוואָרן. פּונקט אַזוי ווי דעמאָלט ווען ער איז געגאַנגען ביים ברעג פון טייך און וואַלד און דאָס ערשטע ליד איז צו זיין האַרץ געקומען און ער האָט עס אויפן גומען דערשפּירט ווי ווייַן. צוריק יינגל געוואָרן. פּונקט ווי אין זיין היימישן געבורטסשטעטל ראַדאָשיץ. איך קוק אויף אים און איך דערמאָן זיך: ער האָט מיך גערופן אויפן טעלעפאָן יעדער וואָך. טייל מאָל אַפילו עטלעכע מאָל אַ וואָך. אַזוי דורך קנאַפּע צוואַנציק יאָר. מיר האָבן דורכן טעלעפאָן באַהאַנדלט אַ סך ליטעראַרישע נייעסן. אַ סך ניי־דערשינענע ווערק. מיר האָבן דורכגעלופטערט אַ סך מעשים פון ייִדישע שרייבער, גוטע און שלעכטע. איך קוק אים גוט אָן: אין זיינע גע־שלאָסענע, שניי־ווייסע ליפּן איז פעסט פאַרחתמעט אַט דאָס שטיק ייִדישע ליטעראַטור־געשיכטע פון די לעצטע צוואַנציק יאָר. זיין הימלעך קול וועט מער אין מיין טעלעפאָן־אַפּאַראַט נישט קלינגען. דער טעלעפאָן איז דערמיט עפּעס געוואָרן פּוסטער, ליידיקער. עס וועט מיר אין די פרימאָרגנס, אין די עגנדיקע אָדער אין זוניקע באַגינענס, ווען ער פלעגט מיך רופן, פעלן זיין קול. און ווי הונגעריק ער איז תמיד געווען נאָך ליטעראַרישע נייעס. ס'איז וואַרניש צו שטילן זיין הונגער! — פלעג איך טראַכטן...

* * *

ווען מיר קומען ענדלעך אָן אויפן בית־עולם, איז שוין זון־אונטערגאַנג. דאַנקען גאָט וואָס עס שנייט נישט. וואָס עס רעגנט נישט. אַ שלעכט וועטער וואָלט באַליידיקט ראַדאָשיצקין. דאָס איז דווקא דער זון־אונטערגאַנג פון ראַדאָשיצקיס ליד. ראַדאָשיצקי האָט זיין גאַנץ לעבן נאַאיוו באַזונגען די נאַטור.

— און זעט ווי די נאַטור האָט אים צוריקגעצאָלט! — רופט זיך אָפּ משה וויטיעס. — ווי זי האָט אים אויסגעקרימט און האָט אויסגעטרונקען דעם לעצטן טראָפּן בלוט פון זיין האַרצן. ווי אַזוי די נאַטור נאַרט אָפּ דעם דיכטער... זי ווייזט אים אַ שיין פּנים און דער סוף איז אַז זי דערהרגעט אים...

— יאָ, גיי און פאַרשטיי גאָטס דרכים! — טראַכט איך. עס איז עפּעס אַיין גרויסע מיסטעריע. אָבער מיך טרייסט דאָך וואָס עס איז איצט איידע־לער זון־אונטערגאַנג. און טראָפּנס רויטע טינט פון דער זון פאַלן ווי רויזן אינם ליידיקן קבר אַריין. און זיי בעטן אויס אַ ווייך געלעגער פאַרן חתן־פּאָעט וואָס האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט רויזן.

דער זון־אונטערגאַנג איז גאָטס חסד צום דיכטער...

* * *

אָבער, האָבן מיר אַלע אַרויסגעוויזן גענוג חסד צו אונזער חבר? ווי גוט מען איז צו אַ מענטש, איז מען דאָך נישט גוט גענוג צו אַ מענטש. און ווען ער שטאַרבט, פּייניקן אונז אומעטיקע מחשבות: אפשר האָט מען געקענט זיין צו אים בעסער און לייטזעליקער? אפשר האָט מען אים אונטערגעשעצט? וואָרים זיין איצטיקער צושטאַנד פון טויט רופט אַרויס אַ סך רחמנות צו אים... און מיר זענען גענייגט צו חרטה...

* * *

בשעת מיר פֿאָרן אַזוי איבער די לאַנג־איילאַנדער ערב־נאַקטורנע לאַנד־שאַפֿטן, לאָזט מיך אַ פֿראַזע די גאַנצע צייט נישט אָפּ: ער קערט זיך צוריק אים צו דער מאַמע ערד. אָבער, ווידעראַמאָל דער סקעפּטיציזם און פֿאַר־וואורף: איז דען די ערד אַ מאַמע? איז דען נישט בעסער אַז דאָס פֿייער זאָל פֿאַרצערן אויף אַש דעם גוף און אָפּמעקן די שאַנד, די חרפּה און די באַליי־דיקונג פֿון אַ קבר פֿאַר אַ פּאָעט?!...

* * *

י. ה. ראַדאָשיצקי פֿלעגט מיר פֿיל דערציילן וועגן חיים קרולס קבר. ער האָט דעם קראַנקן דיכטער און אייביק־פֿאַרליבטן נאָך מיט יאָרן צוריק צו־געזאָגט אַ קבר אויף זיין קרקע... דער דיכטער האָט עס ביי אים געבעטן. און איך האָב געוואָלט זען חיים קרולס קבר. און איצט שטיי איך טאַקע ביי חיים קרולס מצבה, וואָס איז פֿלאַך איבער דער ערד געלייגט. אינם שטיין זענען אויסגעקריצט צוויי קורצע לידער פֿון חיים קרול. די צוויי לידער וויל איך טאַקע איצט קאָפּירן. זאָגט מיר דער דיכטער חיים לייב פֿוקס אַז זיי זענען פֿאַראַן אין די „כתבים פֿון חיים קרול”. וואָס קומט אייגנטלעך אַרויס פֿון אויסקריצן לידער אויף מצבות פֿון דיכטער? — פֿרעגט איך זיך אַליין. ווער וועט זיי לייענען? ווינט און שטערן! וואָרים ווער דען אַמאָל אַן אייניקל אָדער אור־אייניקל פֿון ראַדאָשיצקין קענען לייענען יידיש?

אָבער, צוריקגייענדיק צום פֿאַקט פֿון אָפּגעבן אַ קבר צו אַ היימלאָזן, בחורישן קאָלעגע, דאָס רירט זייער. עס איז עפּעס נישט קיין געוויינלעכע זאַך: דאָס אָפּגעבן ביים לעבן אַ שטיק אייגן לעבן דעם קראַנקן חבר־דיכ־טער. און נאָכן טויט — דאָט שענקען אים אַ שטיק קבר פֿונם אייגענעם קבר.

און נאָך שפּעטער: דאָט אַליין קומען זיך לייגן ביים חבר־פּאָעט... דאָס אַליין, דענק איך, איז נישט פֿאַרבייצוגיין מיט אַ שמייכל... און ווער עס שמייכלט אין דעם פֿאַל, דעם הייבט אָן צו שטיקן אין דער קעל...

איך לייען איבער עטלעכע מאָל, אָן אַ סוף, די צוויי שטאַרקע לידער אויף חיים קרולס קאַלטן גראַניט. אַלע דריי קברים ווערן איצט צו איין קבר: וואָרים דאָ ליגט אויך ראַדאָשיצקיס ווייב, וואָס ער האָט דערקענט אין די יונגע יאָרן און ער האָט זי תמיד ליב געהאַט... אַלע דריי ליגן שוין איצט צוזאַמען פֿון דאָזיקן רויטן זון־אונטערגאַנג אָן...

* * *

רינה אָפּער, די דיכטערין זאָגט צו מיר מיט אַ זיפֿץ:

— מיין גאָט! ווי ווייט דאָס איז! ווער וועט זיי איצט גיין באַזוכן? ווער וועט וועלן פֿאָרן אַזוי ווייט?...

טאַקע אַזוי. די פֿראַגע מאַטערט דעם געהירן. איך פֿיל אַז איך בין שוין דאָ דאָס לעצטע מאָל. וואָרים ס'איז טאַקע אַזוי ווייט... און איך שעם זיך פֿאַרן דאָזיקן געדאַנק.

און באַלד ראַטעוועט מיך אַרויס אַ צווייטע מחשבה: איך וועל אַהיימ־קומען און איך וועל לייענען זייערע לידער. און ווען איך קום אַהיים ביינאַכט, זוך איך אויס ראַדאָשיצקיס לידער־בענדער. דאָס ערשטע בוך, אין שוואַר־

צע לייוונט געבונדן, איז נאָך אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1927 און עס הייסט „ראַדאָשיץ״. דאָס הייסט: נאָך אין יאָר 1927, לאַנג, לאַנג נאָך פאַרן בראָך און אומגליק פון פוילישן יידנטום, האָט דער פּאָעט פאַרשטאַנען דעם ווערט פון זיין שטעטל און ער שרייבט שוין דעמאָלט:

„עס בלענדט מיר אַקעגן דאָס הייזל, דער גאָרטן,
דער איינזאַמער ווינקל ווו איך בין געבוירן;
און בלאָע פאַרנאַכטן, און העלע פרימאָרגנס,
לעבט אויף צוריק מיין שטעטל ביי מיר אין זכרון.

אין שטעטל דאָרט שטייט נאָך מיין הילצערן וויגל,
דאָרט לעבט נאָך די באָבע וואָס האָט מיך געוויקלט,
געקושט מיינע גלידער און הייס מיך געבאָדן,
געוויגט מיך, געזונגען: איי-לו-לו-לו, — געציקלט.

עס שוועבט נאָך פאַרחלומט אַרום דאָרט מיין יוגנט,
מיין קינדישער גלויבן, איז ריין דאָרטן פאַרבליבן;
איך קאָן דיך, מיין אָרעמע היים, נישט פאַרגעסן,
איך ווייס נישט וואָס ס'ציט מיך — דאָך מוז איך דיך ליבן.״

יאָ, מערקט אייך גוט: עס האָט נאָך דעמאָלט אַפילו געלעבט די באָבע פונם דיכטער.. ווי ווייט און פאַנטאַסטיש דאָס אַלץ זעט איצט אויס!...

פון ראַדאָשיצקיס לעצטן בוך לידער „ליד אין אומרו״, דערשינען אין יאָר 1950, געפין איך גאַנצע צוויי עקזעמפּלאַרן: איינס איז געבונדן אין געלער לייוונט און דאָס צווייטע — אין פּורפּור... אָט ווי דער פּורפּורנער זונאונטערגאַנג... און איך געפין אייך אין מיין שאַנק מיט ביכער די „כתבים פון חיים קרול״... איך לייג זיי אַלע נעבן מיין בעט. —

* * *

יאָ, ביים טויט פון אַ דיכטער זעט מען ווי פאַרט עס איז וויכטיק דאָס אַרויסגעבן ביים לעבן אַ בוך. אָט פיל איך זיך טאַקע אַביסל מוטיקער ביים געדאַנק אַז איך קום אַהיים פון מיין חברס לויה צו מיין חברס לידער... אַז ער בלייבט דאָ נישט אינגאַנצן איבער, אין אָט דעם קבר. או דאָס וועזנטלעכע פון אים האָב איך גאָר אין דער היים: אין אַ פּאָר בענדלעך פּאָעזיע.

און ווי אַזוי עס זאָל נישט זיין דער גורל פון יידיש — אָבער דאָס ליד בלייבט פאָרט איבער...

און בשעת דאָ, ביי דער לויה, איז אַלץ פאַרגענגלעך און טויט, איז דאָך די ליטעראַטור אַ מער סובסטאַנציעלע עקזיסטענץ. ליטעראַטור, און ספּעציעל יידישע ליטעראַטור, וואָס געווייגלעך דאַכט זיך אַז עס איז טויט — לעבט גאָר מיט אַ שטאַרקן, מעכטיקן לעבן! די שפּראַך איז בלויז אַ קלייד. אָבער די נשמה, דאָס פייער פון ליטעראַטור, לעבט אייביק. און דאָס טרייסט מיך געוואַלטיק...

* * *

יאָ, דאָס ליבע אַהיימקומען פון אַ לויה... די פענצטער פון דיין וווינונג זענען שוואַרצע ווי טינט. אָבער דורך זיי זעסטו די גרויסע פייערן פון דער שטאָט. דו פרייסט דיך וואָס דו לעבסט און וואָס דו וועסט אין באַגינען קע־נען מאַכן הייסע קאַווע און אָנגיסן מיט געדיכטן טינט דעם טינטער און זיך נעמען שרייבן... אָ, דאָס טרויעריקע און דאָס ליבע אַהיימקומען פון אַ כּריינטס לויה. דאָס פרייען זיך מיטן לעבן. דאָס וואַשן דיינע הענט און דיין פּנים... דאָס צופאַלן מיט פרישן הונגער צו די ברויט און צייטונגען וואָס די פּאָסט האָט געבראַכט... דאָס דערזען ווי אַזוי אַ טויב שטייט אויף דיין פענצ־טער און עס זוכט דיין שטיקל ברויט... ווי עס בעט מיט תּפילהדיקע אויגן דיין פריינטשאַפט... אָ, דאָס ליבע אַהיימקומען פון אַ לויה... דאָס שעצן דיין דיים, דיין לעבן! דאָס אָפּשאַצן אײַנפּדאָסניי יעדער קרישקעלע לעבן!...

* * *

די פאַמיליע האָט נישט דערלויבט קיין רעדעס פון די נאָענטע ברי־דער־קאַלעגן. און נישט קיין לייענען די לידער פון ראַדאָשיצקין. בלויז איין רעדנער: חיים לייב פוקס, וואָס האָט געקענט ראַדאָשיצקין פון יוגנט אָן און וואָס האָט זייער רירנדיק געהאַלטן דעם הספּד אויף זיין פריינט... אָבער, ווען עס וואָלט זיך געווענדט אין ראַדאָשיצקין, ווייסן מיר ווויל אַז ער וואָלט גערן געוואָלט „הערן" אויך זיינע אַנדערע ברידער־קאַלעגן רעדן און לייענען זיין פּאָעזיע... אַפילו אין טויט וואָלט ער זיך אוודאי געפרייט מיט אַ לויב־וואָרט וועגן זיינע לידער. פאַרוואָס קומט צו באַרויבן אַ פּאָעט פון זיין לעצטן, טרויעריקן, מ'שטיינס גרזאָגטן „באַנקעט"?

דאָס איז, האַלט איך, נישט קיין קליינע עוולה...

ביים קבר גייט אַרום קאָלעגע ל. ראָזאָף מיט אַן אָפן בוך מיט די לי־דער פון ראַדאָשיצקין:

— געוואָלט לייענען אַ פּאָר לידער... נאָר מען לאָזט נישט!

מיר דאַכט זיך אַז דאָס איז אכזריותדיק צום פּאָעט... אוודאי קען מען פאַרשטיין אַז דער צער איז גרויס און מען וויל וואָס שנעלער פאַרענדיקן די לויה... אָבער, ראַדאָשיצקין ווײַט מען שוין נישט זען אַ גאַנצן מיליאָן יאָר... לוינט צו האָבן געדולד און צו אַכטן דעם פּאָעטס גאַנצן לעבן, דורכן שעצן און אָקצענטירן זיין ווערק!

* * *

ווען אַלע באַגלייטער זיצן שוין אין די אויטאָמאָבילן, גרייט אַהיימצו־פאָרן יעדער צו זיין שטוב, לויף איך נאָך צו צום אָפענעם קבר. די אַרבע־טער שטייען אביסל אָפּגערוקט, אין אַ גרופּע. זיי רויכערן. ראַדאָשיצקיס טרומנע שטעקט שוין טיף אין דר'ערד. די באַרימטע פיר איילן וועלט דער־זע איך פאַר מיין געליבטן חבר... דאָס האַרץ ווערט איינגעקלעמט...

וועגן דעם טאַקע האָבן מיר דאָך זייער אָפט גערעדט אויף אונזערע שפּאַצירן אינם קליינעם פּאַרק אין ברוקלין, ווען ראַדאָשיצקי פלעגט אין אָוונט ענדיקן די אַרבעט... דער סוף פונם מענטש...

* * *

אינמיטן בית־עולם שטייט אַ הויז. מיר קומען אַריין דאַוונען מנחה־מעריב. שיקסעס, און גאַנץ רייצנדיקע, אַרבעטן אויף די טייפּ־רייטערס. עס

איז אָבער נישטאָ קיין מנין. בלויז אַכט יידן... דער אידים פונם דיכטער בעט איינעם אַ ייד צוצוקומען צום מנין... לאָזט זיך אויס אַז יענער איז גאָר געקומען צו זיין אייגענעם קרובס לויה... ער האָט נישט קיין צייט... דאַוונט מען מיט בלויז אַכט יידן... דער ראַביי „דערלויבט" צו דאַוונען מיט אַ „מנין" פון אַכט...

און נאָכן שנעלן אָפּדאַוונען לויפט מען משתין זיין אין בית הכסא...
ס'איז אַלץ אַזוי מענטשלעך־רעאַליסטיש...

* * *

עס האָט דאָ אייגנטלעך געפעלט נאָך אַ נאָענטער מענטש צו ראַדאָ־שיצקין: זיין צווייטע טאָכטער... אָבער זיין צווייטע טאָכטער איז אַ „פרינצע־סין" אין אַ שפּיטאָל פאַר גייסטיק־קראַנקע... שוין זינט אַ סך יאָרן. אַוועק אַהין אַ יונגע סטודענטקע — און דאָרטן אַלט און גרוי געוואָרן...

אָט דאָס אומגליק האָט פאַרפינצטערט דאָס לעבן פון איר מוטער און פון איר פאָטער... ווען איך פלעג קומען צו ראַדאָשיצקין, פלעג איך רעדן מיט אים וועגן זיין טאָכטער... ספּעציעל נאָך אַ „וויקענד"־באַזוך ביי זיין קינד איז דער דיכטער־טאַטע געווען שטאַרק צעבראָכן... די טאָכטער פלעגט אים נישט דערקענען אַלס טאַטן... אין איר גייסטיקן צושטאַנד האָט זי גע־גלויבט אַז זי איז דאָס קינד פון אַ דינאַסטיע מלכים...

און ראַדאָשיצקי האָט מיר אויך דערציילט אַז חיים קרול איז געווען פאַרליבט אין זיין טאָכטער... און ער פלעגט מיר פאַרלייענען די סעריע לידער וואָס חיים קרול האָט צו איר געווידמעט, אין זיין בוך „אַרום זיך". יענע צאַרטע און הייליקע לידער געדענק איך גוט... איך זוך טאַקע איצט אויס דאָס בוך און איך לייג עס אויך צו צו מיין בעט... אַריינצונעמען דעם ווייז און דעם סם אין דעם טרויער פון די לידער אין מיין געמיט... וואָרים, ווי ערגעץ געזאָגט אין דער דאָזיקער באַשרייבונג: עס איז נישט קיין קליי־ניקייט און נישט קיין גרינגע זאַך צו זיין עמיצנס אַ פריינט... מען איז דאָך צו עפּעס מחויב...

און שפּעט אין דער נאַכט לייען איך אָט די לידער און איך זאַפּ איין אין זיך דאָס אַש פון ליבעס און פון לעבנס... דעם פלאַם פון לידער וואָס זענען געשריבן מיטן רייסנטן און בלוטיקסטן האַרצנטריף... און מיטן פינק־לענדיקן־גאָלד פון זון־אונטערגאַנג... און מיט דער טרער וואָס קומט פון טיפסטער איבערלעבעניש. — — —

גאָט און דיכטונג

גאָט שטייט מיטן אמתן דיכטער. גאָט פאַרשטייט דעם גרויסן, איינזאַמען און ליבטיקן דיכטער. גאָט איז דאָך דער גרעסטער, דער איינזאַמסטער דיכ־טער פון דער וועלט. און דער גרויסער, ערלעכער דיכטער באַזינגט אין תהלים גאָטס וועלט. גאָט איז דער דיכטער פון אַלע לידער — און אַלע לידער, אַלע פּסאַלמען, ווערן געזונגען צום גרויסן דיכטער פון דער וועלט — צו גאָט. אין דער וועלט זענען פאַראַן אַלערליי קליקעס, מאַכט־גיריקע און מאַכט־זשעדנע, אַלערליי קאָרופּציעס. אָבער מיט זיין איינזאַמקייט איז דער גרויסער דיכטער. אין זיין איינזאַמקייט הילט ער זיך איין און ער דינט זיין דערהאבענעם מייסטער־דיכטער, זיין גרויסן קעניג־דיכטער גאָט.

ניו־יאָרק, 11 דעצעמבער, 1948.

די פאַרבילדלעכונג פון קבלה

שאול ראַסקין, „קבלה אין וואָרט און בילד", מיטן ספר יצירה און פון זוהר, אין גרויסן אַלבום פאָרמאַט.

געבוירן אין יאָר 1878, אין נאַגאַיסק, רוסלאַנד. שטודירט אין אָדעס. באַרייזט איטאַליע, דייטשלאַנד און פראַנקרייך. אַרבעט אַלס אַ ליטאָגראַפער און באַזוכט קונסט-שולן. קומט אין אַמעריקע אין יאָר 1904. באַזוכט ישראל אין 1921. ערשטע אויסשטעלונג אין 1922. שאַפט אין אויל, וואַסער קאָליר און אין גראַפיק. איז פאַרטראָטן אין צען מוזעאומס מיט זיינע ווערק. פאַרעפנטלעכט אילוסטראַציעס צו פּרקי אבות, תהילים, הגדה, געגעזים, קבלה א. אַנד. ווערק.

נאָך אַ סך יאָרן פון ליטאָגראַפיש־קינסטלערישער אַרבעט, אי־לוסטרירנדיק תהילים, די פּרקי אבות, די הגדות און דעם תנך בכלל, איז שאול ראַסקין, דער טיף־אידישער קינסטלער, צוגעטראָטן צו אילוס־טרירן קבלה. דאָס האָט געזאָלט זיין זיין „מאַגנום אָפוס", זיין שוואַנענ־ליד, זיין העכסטע אילוסטראַטיווע דערגרייכונג. ראַסקין האָט פיבערנ־דיק געאַרבעט אין זיין דאָזיקער אונטערנעמונג. ער פלעגט מיר זאָגן אַז דאָס קען פיליכט זיין זיין לעצטע אַרבעט. ער האָט געפילט אַז מיטן אילוסטרירן די קבלה קרוינט ער זיין ווערק. ווייזט אויס אַז אַ גאַנץ לעבן האָט די קבלה אויף אים געהאַט אַן איינפלוס און אַ כישוף. די וועלט פון קונסט איז אַ פּלאַסטישע. אַ רעאַלע. מען האָט צו טאָן מיט אימאַזשן. ווי ראָמאַנטיש און ווי אַבסטראַקט געוויסע קונסט־זשאַנרען זאָלן נישט זיין, מוזן זיי פאָרט געבן אַ פאַרקערפּערונג פון זאַכן. ווי גאָט, וואָס באַשאַפט זיין וועלט פון גאָרנישט, באַשאַפט דער קינסטלער פון זיך אַרויס זיין ווערק. זיין קינסטלערישע עקזיסטענץ.

אָבער קבלה איז די סאַמע אַבסטראַקטע לערע. מען האָט דאָ צו טאָן מיט אידייען און סימבאָלן. נישט צו קלאָר אויסגעדריקט. בלויז ווי פאַר די אַריסטאָקראַטן פון גייסט. בלויז פאַר די פאָר אויסדער־ווילטע חכמים. בלויז פאַר די וואָס ווילן זיך מיטן לייב און נשמה דערהויבן צום אין־סוף, דאָרט וואו דער מענטשלעכער מוח און גייסט באַגעגנט נישט קיין שום שטערונגען מער. וואו ער דערגרייכט צום סאַמע העכסטן. צו די שטראַלן פון גאָט.

צו אילוסטרירן די קבלה, ווי אַזוי אין ליניע, אויף אַ קינסטלע־רישן אופן, צו אילוסטרירן דאָס אַבסטראַקטע, דערמיט האָט זיך שאול ראַסקין געראַנגלט יאָרנלאַנג, ווי ער דערציילט אין זיין פאָרוואָרט צום בוך, און ווי מיר קענען זיך וואויל פאָרשטעלן. עס איז אין דעם פאַל נישט וויכטיק ווי לאַנג ראַסקין האָט זיך געראַנגלט. און ווי אַזוי. וויכטיק איז דאָס ווערק. די רעזולטאַטן. וויכטיק איז זיין טריאומף אָדער זיין דורכפאַל. יאָ, אַפילו פון אַ קינסטלערישן דורכפאַל קענען מיר לערנען.

עס איז אונז נאַטירלעך שווער צו באַשטימען אויף ווי ווייט עס איז ראַסקינען געלונגען זיין ווערק. ווייל וואָס זיינען די מאָסן צו באַ־שטימען אַ קינסטלערישן פּרואוו פון דער דאָזיקער מדרגה? ווער קען

זיך דאָ אונטערנעמען צו משפטן? בפרט ווען די אַרבעט טראָגט די פּאַרדינסטן פון פּיאָנערישקייט. דער תנך איז אילוסטרירט געוואָרן צו אַלע צייטן. אויף וויפל מיר איז באַוואוסט, איז די קבלה צום ערשטן מאָל אילוסטרירט געוואָרן דורך אַ אידישן קינסטלער.

וועלכן קינסטלערישן זשאַנר אויף אויסצודריקן די טיפקייט פון דער קבלה האָט זיך ראַסקין פאַרגענומען? ער אַליין שרייבט אַז ער האָט פאַרגעצויגן דעם·רעאַליסטישן. נאָר דאָס רעאַליסטישע, לויט אים, וואָלט געקענט אַריינברענגען אַ ביסל קינסטלערישע קלאָרקייט אין אַנטפּלעקן די קבלה. מיר ווייסן. אין דעם פאַל נישט צי בי דאָזיקע צייכענונגען און ליטאָגראַפיעס זיינען טאַקע רעאַליסטיש? וואָס מיינט אַזוינס רעאַליזם? די רעליגיעזע ווערק פון וויליאַם בלייק זיינען פול מיט סימבאָלישע פיגורן, וואָס האָבן דערביי די מאָסן פון סקולפּטור. די קאָלאָסאַלקייט פון מעכטיקע, ערדישע פיגורן. אין דער קונסט איז דאָס רעליגיעזע שוין אוראַלט. על גרעקאָ האָט מעכטיק אויפגעשטעלט די הימליש־קריסטלעכע וועלט אין זיין געוואַלטיקער מאַלעריי.

ערטערווייז שלאָגט אָן ראַסקין אַ טאָןוואו מיר פילן דעם אָטעם פון דאָס הימלישע. אָבער, מיר האָבן געזאָגט, מיר זיינען נישט אין אַ לאַגע צו משפטן. נישט דער שרייבער פון די שורות איז אַ קענער אין קבלה (אַגב האַנדלט זיך דאָך דאָ נישט אין שרייבן אַ דיסערטאַציע וועגן קבלה). נישט ער האָט, ווי שוין געזאָגט, די געהיימע פאָרמולע לויט וועלכן מען קען משפטן קונסט פון דעם סאָרט. יעדער איינער אינטעליגענטער איד, וואָס וועט אַריינקוקן אין שאול ראַסקינס קבלה־ווערק, וועט אורטיילן לויט זיינע אייגענע רעאַקציעס.

אָבער, דאָס ווערק האָט אַ גרויסן ווערט פאַר דער געוואַגטקייט און פּיאָנערישקייט. אפשר טאַקע איז נויטיק אַן אילוסטרירנדיקע אַרבעט פון קבלה, כדי צו דערנעענטערן קבלה צום אידישן הויז. האָבן דאָך אידן אין פינצטערע צייטן געלעבט און געפלאַמט און געאָטעמט מיט קבלה. קבלה האָט געגעבן גייסטיקן כוח און קוראַזש צו די אַריסטאָקראַטן פון גייסט. אָבער אויך דאָס פּראָסטע פאָלק איז באַהערשט געוואָרן פון דעם כוח פון קבלה. אַגב, זאָגט זיך אַז דער ערשטער מענטש וואָס האָט שוין שטודירט די קבלה, איז געווען אדם הראשון. קיין געוואַלדיקער מאָן פון קולטור איז אוודאי אדם הראשון נישט געווען... נאָך אדמען קומט שם, דער צווייטער זון פון נח, און שפּעטער אברהם אבינו, און נאָך שפּעטער משה רבינו... עס איז אַלזאָ שטודירט געוואָרן פון יעדער דור, פון יעדן צדיק, אַזוי ווי די קבלה וואָלט פאַקטיש באַשאַפן געוואָרן אין די ערשטע טעג פון וועלט־באַשאַפונג און וואָלט עקזיסטירט אַ גאַנצע און אַ געשלאָסענע ביזן היינטיקן טאָג...

נאַטירלעך איז דאָס אַן אומהיסטאָרישער צוגאַנג, ווייל פאַקטישע קבלה הויבט זיך אָן ערשט אין דרייצנטן יאָרהונדערט, אין שפּאַניע. זי באַקומט איר פולן כוח און דערגרייכט איר העכסטע טריאומף אין צפת, אין ישראל. אָבער, איך האָב געבראַכט די מסורה אַז·שוין אדם הראשון האָט שטודירט קבלה... אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן נישט דווקא מיט די ווייניקע אויסדערווײלטע פון גייסט... ווי געזאָגט, דאָס פאָלק,

לעכצנדיק אין פינצטערניש, אין פיין, אין אונטערדריקונג. „אין די ענגע געטאָ־מויערן, איז אָנגעצונדן געוואָרן פון פייער פון דער קבלה... גאַנצע גרויסע קאַפּיטלעך פון דעם ספר פון אידישער היסטאָריע, זיינען אונטערן צייכן פון קבלה, אַזוי דורך די באַוועגונגען פון משיחיזם, ביז צום וואונדערלעכן חסידיזם.

די קבלה גלויבט אין דער מיסטעריע, אינם כוח, אינם אַלכעמישן כישוף פונם וואָרט. אייגנטלעך איז אין קבלה מער ווי אין וועלכן עס איז אַנדערן ספר אַנטפּלעקט דער געוואַלטיקער כוח פון וואָרט. און וואָס איז דאָס וואָרט, סוף כל סוף, אויב נישט ליטעראַטור. אויב נישט די וואָקאַלע קונסט. אויב נישט די דראַמע. אויב נישט די אָפּערע. אויב נישט די מוזיק. די מאַלעריי. די געוואַלדיקע קראַפט און די הייליקייט פון וואָרט שטראַלט אויף אין דער קבלה. אין קיין שום ספר קומט נישט צום אויסדרוק אַזוי שטאַרק דער ווערט און די מעכטיקע באַדייטונג פון וואָרט, ווי אין קבלה. נאַטירלעך איז פאַר די קבליסטן די העכסטע שאַפונג די תורה. אין דער תורה, גלויבן זיי, האָט יעדער וואָרט די געהיימע אַלכעמיע צו אַנטפּלעקן די סודות פון קרעאַציע. גאָט האָט זיך פשוט באַהאַלטן אין דער תורה. כדי אויפצושליסן די סעקרעטן פון דער תורהס אומגעהייערן סעקרעטן־אוצר, זיינען געקומען די קבליסטן. זיי האָבן געגלויבט אַז די שפּראַך פון דער תורה איז אַ סימבאָלישע. אַ טיף־פאַרהוילענע און יעדעס וואָרט און זאַץ טראָגט געוואַלטיקע קאָנצענטרירטע שטיקער וויסן. דאַך זיינען זיי געווען גלויביקע אין זייער כוח צו אַנטפּלעקן, צו אַנטציפערן, צו אַנטבלויזן די דאָזיקע געהיימע כוחות פון דער וועלט, וואָס זיינען איינגעשלאָסן אין דער מיסטישער טיפקייט פון דער תורה.

דער „ספר יצירה“, וואָס שאול ראַסקין ברענגט און האָט אים אַליין איבערגעזעצט, אין דריי שפּראַכן: אין אידיש, ענגליש און אין העברעאישן אָריגינאַל, איז באמת דער שיר השירים פון וואָרט. אין דעם דאָזיקן ווערק, וואָס פייערט גרויס אַרטיק און אומגעהויער די צוויי און צוואַנציק אותיות פון אידישן אַלף בית, מיט וועלכן דער אויבערשטער האָט קאָמפּאָנירט די גוואַלדיקע דראַמע — דעם אוניווערס — האָט דער קבליסטישער זשעניע געצייכנט דעם רודימענט און דעם אורשפּרונג פון גאָר דער קבלה, וואָס האָט אַ געשיכטע פון טויזנט יאָר, ביז ער איז רייף און גאַנץ געוואָרן. דאָס אות, דאָס וואָרט, איז די אַלכעמיע פונם וועלט־באַשאַף. גאָט בינדט אַלע אותיות אין איין גאָלדענער קרוין פונם אוניווערסאַלן לעבן. דאָרטן, אין דעם העכסטקאָנצענטרירטסטן ספר יצירה, זאָגט דער מחבר, דער פאַנטאַסטישער רבי עקיבא בן־יוסף, וואָס זאָל האָבן געלעבט אין ערשטן אָדער אין צווייטן יאָרהונדערט פון דער מאָדערנער צייט־רעכענונג: „דערהויב דאָס וואָרט און צאָל צו זייער באַשאַפער און דערקען דעם בורא אויף זיין טראָן.“ ער זאָגט ווייטער: „מיט צוויי און צוואַנציק אותיות האָט ער געוואויגן און געפורעמט אַלץ און יעדער זאַך וואָס איז באַשאַפן און דאַרף ערשט באַשאַפן ווערן“.

אין קיין שום ווערק אַנטפּלעקט זיך נישט מיט אַזאַ גראַנדיעזע

מאַכט דער תוך פונם וואָרט ווי אין ספר יצירה. דאָס איז אַ מאַיעסטעטישער כוח. דאָס איז אַן אויפשטראַל פון וואָרט. פאַר וועמענס ליכט מיר שטייען אין געוואַלטיקער שטוינונג. פאַר וועמענס פייערן מיר דערשרעקן זיך. „אַזוי אַרום קומט די גאַנצע וועלט־באַשאַפונג צושטאַנד. פון דעם וואָס איז ניט געווען, ווערט עפּעס. פון לויזע לופט ווערן געוואַלטיקע פאַרמאַציעס. פון ליידיקן רוים — די גאַנצע וועלט. און פון שטומער ערד אַלץ וואָס האָט לעבן. אַלץ ווערט געטאָן מיטן כוח פון זיין נאָמען און דורך די צוויי און צוואַנציק אותיות, אַ סימן אַז אַלע זיינען זיך טיילן פון איין לעבעדיקן גוף".

ווען מען לייענט און מען ווערט געוואויר פון דער קדושה פון וואָרט, ווערט מען ערשט רעכט טרויעריק פון דער שרעקלעכער דעגענעראַציע פון וואָרט אין אונזער צייט. דורך טויזנטער יאָרן האָט אַ פאָלק, און די מענטשהייט, דורכגעטראָגן איין און איינציק ספר און עס באַגלייט אונזער לעבן דורך די צייטן אַזוי ווי די זון באַגלייט אונזערע טעג און די לבנה אונזערע נעכט. איצט שטעלט אייך פאָר אַז דאָס וואָרט ווערט יעדער שטונדע דעגראַדירט צו מיליאָנען פאַרלוירענע און דערנידעריקטע ווערטער אין טויזנטער צייטונגען פון אַלע לענדער, אין ראַדיאָ, אין טעלעוויזיע. אין טעאַטערס, אויף דער פּאָליטישער אַרענע. שוין נישט רעכענענדיק די טויזנטער שונדיסטישע ווערק וואָס דערשיינען יעדן חודש דורך דער גאַנצער וועלט. מען ווערט טרויעריק און פאַרשעמט ווען מען לייענט אַזעלכע הייליקע ווערטער וועגן דער הייליקייט און דער גרויסקייט פון אות — פון וואָרט:

„ער האָט געפורעמט די צוויי און צוואַנציק אותיות אין לשון און אים געוויזן די סודות פון דעם. ער האָט זיי געצויגן דורך וואַסער, געברענט דורך פייער און וויברירט זיי דורך דער לופט. ער האָט זיי געלאָזן שיינען דורך די זיבן פּלאַנעטן און דורך די צוועלף מזלות אין די הימלען."

יאָ, „דער וואָס מאַכט פון זיינע מלאכים — גייסטער און באַדינער—אַ פלאַם־פייער", האָט באַשאַפן דאָס וואָרט און עס געשענקט צו די מענטשן. עס איז קלאָר אַז די קבליסטן, ווי רבי עקיבא בן יוסף, דער וואַרשיינלעכער מחבר פון ספר יצירה אָדער אַזאַ גייסטיקער ריז, ווי אברהם בן שמואל אבולפיה, האָבן דורך גאָטס וואָרט און אות געוואָלט דערקענען גאָט אין זיין וואָרן געשטאַלט. זיי האָבן דורכן וואָרט געוואָלט דערגיין מיט די העכסטע ספיראַלן וואָס טורעמען און ציען זיך אַריין אינם אין־סוף.

אינטערעסאַנט איז אַז די געפאַר פון דעם דאָזיקן, מיט גאָט־אַטאָמען געהאַמערטן לעבן, ווערט שוין אָנגעדייטעט אין דער קבלה זעלבסט. אין אַ סך שטעלן פון תנך. ביי די נביאים. די געפאַר פון מיסברויכן מיטן וואָרט. פון מיסברויכן מיטן געהיימען וויסן. אַפילו אין דעם זעלבן ספר יצירה זאָגט אָן דער מחבר:

„פאַרשליס דיינע ליפּן, דו זאָלסט נישט וועלן רעדן וועגן זיי. און גיב אַכטונג אויף דיין האַרץ ווען דו טראַכסט וועגן זיי. און אויב דיין געדאַנק רייסט זיך פריי פון דיר, ברענג עס צוריק און באַהערש עס;

ווי עס ווערט געזאָגט: „אַנטלאָפן און צוריקגעקערט". און אַזוי איז דאָס געזעץ געשלאָסן".

עס איז דאָ קלאָר אַרויסגעבראַכט: מאַך נישט דיין וואָרט פּאָ־פּולער. ברענג עס נישט צום המון. דו וועסט פאַרלירן דעם אינער־לעכן כוח פון וואָרט. פון פייער פון וואָרט וועט ווערן וואַסער. פון אַ ספר יצירה און פון תהלים און פון איוב און קהלת וועט דאָס וואָרט דערגיין צו דעמאַגאָגיע און פּאָרנאָגראַפיע. צו שונד און צו וואולגאַ־ריטעט. דאָס וואָרט וועט מיאוס מיסברויכט ווערן. עס איז אַ געזעץ: היט אָפּ דאָס וואָרט. צעברעך נישט זיין סוד. היט אָפּ און באַשיץ זיין אייביקע געשלאָסנקייט!

די צרה אין אונזער צייט איז, וואָס דער מענטש קושט נישט מיט הייליקייט, מיט קדושה, די סודות פון קאָסמאָס, נאָר ער האָט מיט ציניזם אַרויסגעריסן אירע אומגעהייערע שיינקייטן און דערהויבענע סודות. ער האָט נישט, ווי אַן עקזאַלטירטער פּאָעט, באַזונגען די שיי־נע פרוי, נאָר ער האָט די סודות פון דער וועלט סאָלדאַטיש אויפגעריסן צום פאַרשוועכן, פאַרשווענדן און פאַרשענדן. ווארים אונזער אַטאָמישע עפּאָכע, די עפּאָכע ווען מען איז דערגאַנגען צום סאַמע היכל פונם צואַמענשטעל פון אַלע וועלטן, ווען מען האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם קדשי קדשים פון דער קאָמפּאָזיציע פון גאָר דער מאַטעריע, ווען מען האָט זיך ענדלעך דערביוועט צו גאָטס טיפסטע סודות — דעם אַטאָם, ווען געוויינלעכע מענטשן אַפילו פאַלן אין שרעק און אין שטוינונג פאַר אויפרייסן און אויסברוכן פון קאָנצענטרירטע, געטלעכע כוחות, וואָס באַשאַפן פלאַמען צוויי מייל די גרויס און פינף מייל די הויך, וואָס באַ־שאַפט שוואַרצע וואָלקנס איבערן האָריזאָנט און רייסט אַרויס אינזלען פון דער ערד און הויבט אויף אין דער לופט אָצעאַנען און וואָס לעשט אויס די נאַכט און צינדט אָן אומגעהייערע זונען אין דער לופט — אונזער אַטאָמישע עפּאָכע וואָלט דאַך, זאָג איך, געדאַרפט זיין די סאַ־מע דערהויבנסטע און עקסטאַטישסטע, ווען זי שטייט פּנים אל פּנים מיט די סודות, פון קרעאַציע. וואָס איז אָבער דער אמת? אונזער עפּאָכע איז די סאַמע אָרעמסטע און אומגליקלעכסטע. די פינצטערע מענטשלעכע אַמביציעס מאַכן אָרעם אונזערע דערהויבענע דערגריי־כונגען. אַנטקעגן אַזאַ שטורמיש און רייך־צעפּראַלטן אוניווערס, אין וועלכן מיר קוקן אַריין מיט טעלעסקאָפּן, אַרומנעמענדיק אַ האַלבן מי־ליאַרד ליכט־יאָר — שטייט אַן אָרעמע, קראַנקע, צעבראָכענע מענטש־הייט, פול מיט שרעק און האַרץ־קלאַפּעניש אַז די דאָזיקע געטלעכע אַנטפּלעקונגען זאָלן חלילה נישט קאָסטן אונזער גאַנצע מי און מאַ־טערניש. פול מיט שרעק פאַרן קבר וואָס מיר גראָבן פאַר זיך אַליין אויס אין קאָסמאָס.

ווי געזאָגט, אין די ראַמען פון דער קבלה, איז דאָס וואָרט, און די מיסטעריע פונם גאַנצן וועלט־באַשאַף, גרויס און הייליק. אין דער מאָדערנער ליטעראַטור איז דאָס וואָרט אויסגעטאָן נאַקעט, ווי אַ הור. דאָס וואָרט פון אונזער צייט דינט דער צייטונג, דעם בולוואַר־בלאַט. עס דינט נישט מער די גרויסע שעפערישע קינסטלער, וואָס ווערן אַלץ ווייניקער אין אונזער צייט. אַמאָל האָט דאָס וואָרט געדינט צום דענ־

קער און דיכטער אַרומצונעמען גאַנצע וועלטן. צו בויען אין וואָרט־קאָנסטרוקציעס סיסטעמען, אין דיכטונג און אין פילאָסאָפיע. מענער ווי דאַנטע, מילטאָן, שפּינאָזאַ און טאָלסטאָי האָבן אויפגעטורעמט אומגעהייערע וועלט־רושטעוואַניעס, דערציילנדיק פון הימלישע וועלטן און שליידערנדיק איר געבורט, איר קאָסמאָגאָניע און די וויזיע פון גאָר דער וועלטס עקזיסטענץ. אין אונזער צייט האָט דאָס וואָרט באַנקראָטירט. נאָכדעם ווי היטלער און געבעלס האָבן עס באַנוצט, איז עפּעס געשען מיטן וואָרט. איר גייסט און כוח איז ווי אָפּגעטאָן געוואָרן . . .

אין זוהר זעלבסט ווערט געבראַכט וועגן דער געפאַר פון אַריינדרינגען אינם פּרדס, אין מיסטישן גאָרטן פון דערקענטניש. „אין פּרדס, דעם מיסטישן גאָרטן פון דער העכסטער דערקענטעניש פון בורא עולם, זיינען אַריין פיר תנאים: בן עזאי, בן זומא, אַלישע בן אבויה און רב עקיבא. בן עזאי האָט אַ בליק געטאָן און איז געפאַלן טויט. בן זומא האָט אַ בליק געטאָן און איז צעמישט געוואָרן. אַלישע בן אבויה האָט אָנגעהויבן אונטערצוהאַקן די פלאַנצן און איז געוואָרן אַן אַפּיקורס. בלויז רב עקיבא אַליין איז אַריין בשלום און איז אַרויס בשלום“.

עס איז פאַראַן אַ טיפע באַדייטונג אין די דאָזיקע ווערטער. אונזער גאַנצער דור, אַריינקוקנדיק אין דער אַטאָמישער מיסטעריע, איז צעמישט געוואָרן. עס פעלט אונזער דור די גרויסע מאָראַלישע קראַפט פון אַ רבי עקיבא. עס איז דעריבער אַ געפאַר דעם מענטשן איבערצוגעבן די סודות פון קאָסמאָס. אויך אין דער ליטעראַטור און קונסט קומען אום אַ סך מענטשן, ווי בן עזאי. דער וואָס רירט זיך צו צו פייער, איז אין גרויס געפאַר... דער וואָס דערקענט אין זיך קאָסמישע קרעפטן, דאַרף וויסן ווי אַזוי זיי צו באַנוצן פאַרן וואוילזיין פון דער מענטשהייט. ער מוז אויך האָבן אַ מאָראַל. ער מוז באַזיצן גאָט אין האַרצן. ווען ער האָט דאָס נישט, ווערן די דאָזיקע געטלעכע כוחות — געפערלעכע עלעמענטן, וואָס זיינען אַ געפאַר צו דער וועלט.

מיט די דאָזיקע פּראָבלעמען, וואָס ווערן אַזוי וואונדערלעך באַהאַנדלט אין ספר יצירה, אין זוהר, האָט שאול ראַסקין זיך פאַרנומען. ראַסקין צייכנט די פּאָרטרעטן פון אַ צאָל באַרימטע קבלה׳יסטן: אברהם בן שמואל אַבולפיה, רבי משה דע לעאָן, ר׳ שמעון בן יוחאי, ר׳ אייזאַק לוריע און ר׳ חיים וויטאַל. דאָס זיינען גליענדיקע און פאַנטאַסטישע געשטאַלטן פון דער קבלה. דער קינסטלער צייכנט אימפּרעסיוו רבי אברהם בן שמואל אבולפיה אין אַ ווירבל פון אותיות, אין אַ שטורעם פון ווערטער, ווען אין הייליקן עקסטאַז דערזעט ער דעם אין־סוף, דערגרייכט ער צו די העכסטע הויכן פון דער געטלעכקייט.

די גאַנצע מיסטעריע פון וועלט־באַשאַף, מיט אירע הייליקע און זינדיקע, אירע נשמות און שדים, אַלע בייזע עלעמענטן, פאַרקערפּערט אין שברי כלים און טייוואָלים; לילית און דעם שטן, גאָר די דראַמאַ פון גוטס און שלעכטס, מעשים טובים און זינד, דאָס נאַטירלעכע און דאָס גראָטעסקע, האָט שאול ראַסקין געצייכנט מיט טאַלאַנט און זיך באַמיט צו געבן אויסדרוק. די גאַנצע הערלעכע פּאָעזיע פון דער

קבלה, פון אידישע פילאָסאָפיע און מיסטיציזם, פון אגדה און מעשה, האָט דער קינסטלער געפּרואווט אַריינפּאַסן אין דאָזיקן וויכטיקן ווערק זיינעם. דערביי האָט אים וואויל גענוצט זיין קינסטלערישע דער־פאַרונג פון אַ לעבן לאַנג; זיין ווילן אַרויסצוברענגען דאָס אידיש־דעקאָראַטיווע פון דעם דורותדיקן אידישן סידור, מחזור און ספר; שאול ראַסקינס פילע רייזעס אין ישראל, וואו ער האָט באַזוכט צפת און טבריה און געמאָלן און געמאַכט ראַדירונגען פון אירע אַלטע שולן און ווינקלען פון מקובלים; די גאַנצע ליבשאַפט זיינע צו דער אידישער טראַדיציע און מסורה; אַלץ איז געקומען צום אויסדרוק אין דאָזיקן ספר. עס איז אַ ווערק וואָס דאַרף זיך געפינען אין יעדער אידישער היים, זייט ביי זייט מיטן תנ״ך, מיט אַנדערע הייליקע אידישע ספרים, מיטן מעשענעם חנוכה־לאָמפּ, מיט די זילבערנע שבת־לייכטער, מיטן בילד פון משה מאָנטעפיאָרע און דר. חיים ווייצמאַן און דר. הערצל... עס איז אַן עלעמענטאַרער באַשטאַנדטייל פון אידישקייט.

שאול ראַסקין איז איצט פינף און זיבעציק יאָר יונג. זיין לעבנס־אַרבעט אַלס אַ טיפּיש־אידישער קינסטלער דאַרף אַוודאי אָפּגעשאַצט ווערן אין אַן אויספירלעכער מאָנאָגראַפיע. ער האָט גרויסע פאַר־דינסטן פאַר דער אידישער קונסט. ראַסקין באַטייליקט זיך אין כמעט יעדער אידישער אויסשטעלונג אין ניו־יאָרק. אין אידישן לערער־סעמינאַר הענגען אַ גרעסערע צאָל פון זיינע בילדער פּערמאַנענט. אין אידישן מוזעאום האָט ער געהאַט אַ גרעסערע איין מאַן אויסשטעלונג מיט אַ יאָר צוריק. אין דעם נייעם אַטראַן קולטור־הויז האָט ער נישט לאַנג צוריק זיך באַטייליקט מיט אַ בילד אין דער ערשטער אויסשטע־לונג. ראַסקין פּלאַנעוועט צו פאַרוואַנדלען זיין פּריוואַטע היים אין אַ פּערמאַנענטע יאָר־אויסשטעלונג פון זיינע ווערק.

ביי זיינע 75 יאָר איז שאול ראַסקין אַן ענערגישער קינסטלער, וואָס איז אַקטיוו געזעלשאַפטלעך און קינסטלעריש. ער איז באַליבט אין געזעלשאַפטלעכע קרייזן. פאַר זיין פשטות, צוגעלאָזנקייט און אָנ־גענעמע פּערזענלעכקייט. זיינע ביכער געפינען זיך אין טויזנטער אידישע היימען. זיינע אילוסטראַציעס צום תנ״ך און צו קבלה אינ־ספּירירן אידן צו לייענען, צו לערנען, אָפּצושאַצן און ליב צו קריגן די אוצרות פון אידישן גייסט.

מיר פאַרענדיקן אונזער אָפּהאַנדלונג מיט שאול ראַסקינס „קרעדאָ״, וואָס ווערט געבראַכט אין אַלבום פון „הונדערט אַמעריקאַנער אידישע מאָלער און סקולפּטאָרן״:

„קונסט איז נאַציאָנאַל אין אָפּשטאַם און אינטערנאַציאָנאַל אין אָפּשאַצונג. דעריבער דערגרייכט דער קינסטלער זיין מאַקסימום אויס־דרוק און דינסט דאַן ווען ער שטרעבט צו זיין דער קינסטלער פון זיין פאָלק — אין מיין פאַל, דער קינסטלער פון מיין אידיש פאָלק.

דערביי זיינען נויטיק דריי באַדינגונגען:

ערשטנס — אַ אידישער קינסטלער דאַרף זיין באַהאַוונט, אַפילו אויסגעצייכנט, אין זיין פּראָפעסיע, דאָס הייסט: אין צייכענען, מאָלן און קאָמפּאָזיציע, כדי דאָס וואָס ער זאָגט, זאָל ציען אויף זיך די גע־העריקע אויפמערקזאַמקייט.

צוױיטנס — ער דאַרף זיך אָפּגעבן מיט אידישע קעגנשטאַנדן אין ייִערע דריי דימענסיעס: פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט.

און ווייל מיר האָבן נישט קיין אייגן היימלאַנד, וועט די אידישע טעמע פאַרנעמען דאָס אָרט פון אַ נאַציאָנאַלער טעריטאָריע, אין דער פאַרמירונג פונם דריטן, און סאַמע וויכטיקסטן פאַרבאַדינג — אַן אויסגעשפּראָכענער אידישער סטיל אין קונסט. (דאָס איז געשריבן געוואָרן מיט עטלעכע יאָר צוריק, פאַר דער גרינדונג פון דער אידישער מלוכה — ש. ט.).

איז אַזאַ אויפגאַבע מעגלעך? יאָ, ווען יעדער קינסטלער זאָל וועגדן זיין האַרץ און זיינע אויגן צו זיין פאָלק. שווער? יאָ. אָבער זינט ווען שרעקן מיר זיך פאַר שוועריקייטן?"

דאָס איז, אין קורצן, שאול ראַסקינס הויפּט־פאָדערונג צום אידישן קינסטלער. ער אַליין איז געגאַנגען אין די דאָזיקע וועגן...

מיר ווינטשן דעם קינסטלער שאול ראַסקין אַז גאָט זאָל אים שענקען אַ סך יאָרן צום לעבן און אַ סך שעפערישע כוחות צום שאַפן.

ניו־יאָרק, נאָוועמבער 13, 1952.

אַ געבעט.

איך גיי און איך האַלט זיך אָן אין הימל — אין דעם גרויסן טויטענעם קלייד פון גאָט. איך גיי אויף דער ערד — דעם פיינפולן גאַנג פון אַלע ליידנדע און מאַרטירערס — און איך האַלט זיך אָן אין גאָט, ווי אַ קליין קינד ביי זיין מאַמעס קלייד, האַלט איך זיך אָן אין גאָט. איך האַלט זיך אָן אין דעם נעפּלדיק־זילבערנעם קלייד פון גאָט. איך האָב מורא אַז איך וועל אומפאַלן. אָ גאָט, לאָז מיך זיך אָנהאַלטן אָן דיין קלייד — וואָס איז אַ פּרעסקאָ פון זון־אונטערגאַנג. אָן דיין קלייד — פאַרשמירט מיט אַלפאַרבן און אַלקאָלירן. פאַרשמירט מיט בלוט פון געקעפּטע און געהענקטע און מיט טרערן־פאַרגאָסענע און אין טרערן־אייז פאַרפרוירענע. אָ גאָט, איך ראַנגל זיך ביי דיינע פיס — ביי דיין זיידענעם קלייד — לאָז מיך נישט אומפאַלן צו דער ערד. אין שלאָף, אָ גאָט, האַלט איך זיך מיט ביידע הענט אָן דעם זוים פון דיין קלייד — אין דעם בלוי פון הימל — אין דעם אייזיקן ליכטן פון דער לבנה — אין דעם אַלץ־באַלעבנדיקן הויך פון דער זון — אָ גאָט, אין שלאָף האַלט איך זיך אָן אין דעם פאַטערלעכן כישוף פון דיין קלייד — אין דעם הייליקן בלוי פון דיין קלייד... אָ גאָט, פאַרלאָז מיך נישט. ווי קעניג דוד'ן — באַשיץ מיך. באַשירעם מיך פון די שטורם־ווינטן פון צווייפל און שלעבטס. אָ גאָט, ווי אַ קליין קינד וואָס האַלט זיך אָן אָן דער מאַמעס קלייד — האַלט איך זיך אָן אין דיין בלויען, אין דיין הימלישן קלייד — איך קוש דיינע פיס, איך טייל אויס צו דיר מיין גאַנצע ליבשאַפט. אַלע מיינע טרערן. אָ, נידעריק צו דער ערד — האַלט איך זיך אָן אין דעם קלייד פון גאָט. —

ניו־יאָרק, נאָוועמבער 13, 1946

אין ליכט פון פּ״ין

(געווידמעט דעם אָנדענק פון די אומגעקומענע אידישע קינסטלער אין פּוילן).

דער קינסטלער הערשל דאַניעלס האָט מיך אַרויפגעפירט אין זיין פּינצטערער מאַנסאַרדע. און דאָרטן האָט ער אויפגעזוכט אַ גרויס קעסטל און האָט עס מיט ציטערנדיקע פינגער געפּרואווט עפענען. מיין האַרץ האָט געציטערט. עס איז געווען איינגעוויקלט אין שטויביקע צייטונגען. אין ברודיקע זשורנאַלן. אין ברעקלעך לייוונט, ווי אין שטיקלעך תכריכים. ער האָט עס ענדלעך קוים פאַנאַנדערגעעפנט. איך האָב דערזען אַ פּאָרטרעט־ביוסט פון אַ מיידל. פון איידעלן, פון בלאַסן מירמלשטיין. און אַזוי ווי דער סקולפּטאָר שיילט אַרויס דאָס פּנים און די הענט און דעם גוף פון אַן אידעאַלן באַשעפעניש, פונם שטומען חומר אויס, פונם עקשנותדיקן שטיין, אַזוי האָט זיך צו מיר איצט אַנטפּלעקט דאָס גאָלדענע פּנים פונם מיידל. עס איז געווען מיט אויסערגעוויינלעכער איידלקייט באַשאַפן. עפּעס אַזוי ווי דער קינסטלער וואָלט קוים געוואָלט אָנרירן דעם שטאָף פון וועלכן ער האָט מיט אַזאַ מייסטערשאַפט אויסגעשניטן די שטריכן פון אַ מיידלש ליבן פּנים. אין אַזאַ איידעלן מאָדעל האָט דער קינסטלער געמוזט זיין פאַרליבט. אַזוי ווי דאַנטע איז געווען פאַרליבט אין זיין בעאַטריטשען, ווען ער האָט איר אימאַזש פאַראייביקט אין דעם אומפאַרלעשבאַרן פייער פון זיין פּאָעזיע. אַזוי ווי דער געהיימנישפולער עגיפּטישער קינסטלער האָט געמוזט זיין פאַרליבט אין יענער הערלעכער קעניגין, נעפערטעטע, ווען ער האָט מיט אַזוי פיל גראַציע און איידעלער שיינקייט אויסגעטאָקט דעם שענסטן פּרויען־פּאָרטרעט אין דער אַלט־עגיפּטישער קונסט. אַזוי ווי יעדער קינסטלער מוז זיין פאַרליבט, אויב ער וויל אַז זיין קונסטווערק זאָל לויכטן מיט לעבן און מיט ליכט.

איך בין געווען שטאַרק גערירט. טרערן האָבן מיך געשטיקט אין האַרצן. פעליקס רובינליכט־ווינאַוער איז געווען איינער פון די אידישע קינסטלער פון וואַרשע, איינער פון די איידעלע מאָלערס און סקולפּטאָרן, וועלכע זיינען אומגעקומען דורך די היטלער־שחיטות. צו־זאַמען מיט זייערע ווערק זיינען זיי אַוועק אין רויך און אַש. און דער־פאַר האָט עס מיך באַזונדערס גערירט. דאָס פּנים פון דעם מיידל האָט געהאַט די עכטקייט פון לעבן. זי האָט ממש געאָטעמט. זי, די איינ־ציקע פון די פאַרפלאַמטע זעקס מיליאָן זעלן, איז געבליבן אָטעמען... און די איידלקייט פון אַ יונגע פרוי האָט פאַרכישופט. אַ בלום אין פרילינג איז נישט אַזוי צאַרט. בלויז דאָס מענטשלעכע פּנים קען אויס־דריקן אַזוי פיל פּאָעזיע. אַזוי פיל איידעלן אידעאַל. אַזוי פיל ליריזם. אַזאַ באַנגען שמערץ וואָס שטראָמט אַרויס פונם לעבן זעלבסט. נישט אַנדערש: דער קינסטלער האָט געמוזט זיין פאַרליבט אין דעם מאָדעל, און אין זיין קונסט. ער האָט אין דעם דאָזיקן ביוסט פון אַ אידישע טאָכטער אַריינגעאָטעמט זיין ליבע־ליד. זיין איידלסטן שיר השירים. —

איך ווייס נישט דעם גורל פון דעם קינסטלערס ווערק. אפשר וועט מען אין דער פוילישער ערד הונדערטער יאָרן שפּעטער געפינען די קונסטווערק פון אידישע קינסטלער. אפשר וועט מען געפינען נאָך אַזעלכע איידעלע פּנימער־ביוסטן פון אידישע פרויען און מענער פון פוילן. איך ווייס נישט גענוי דאָס לעבן און דעם גורל פונם קינסטלער, אויסערדעם וואָס זיין טייערע שוועסטער, בעלאַ בעלאַרינאַ, די באַרימטע אַקטריסע, האָט מיר צוגעזאָגט אין אַ טאָג צו דערציילן וועגן איר ברודער...

***

אין אַ פאַרנאַכט פון חודש נאָוועמבער, ווען איך בין געגאַנגען פון דער פייערונג פון דער דערעפענונג פון פּרץ־סקווער, אין ניו־יאָרק, זע איך ווי עס קומט מיר אַנטקעגן אויף סעקאָנד עוועניו דאָס איי־דעלע געשטאַלט פון דער אידישער אַקטריסע, בעלאַ בעלאַרינאַ. זי זעט אויס ווי אַ פוילישע אַריסטאָקראַטקע. מיר שטעלן זיך אָפּ ביי אַ וואַנט פון אַ הויז. מיט בלייפעדער אויף אַ שטיק פּאַק־פּאַפּיר פאַרצייכן איך מיט הונגער די נאָטיצן וועגן אַ אידישן קינסטלער... דער נאָוועמבער־דיקער ווינט פּאַטשט אונז אין די פּנימער. מיך אַרט שטאַרק וואָס דער ווינט רירט אָן בעלאַרינאַן...

דער מאָלער פעליקס רובינליכט־ווינאַווער איז געווען בעלאַ בע־לאַרינאַס ברודער. דאָס קליינע, פאַרטרוימטע אינגל האָט שוין פון קליינערהייט אָן געהאַט אַ נייגונג צו שניצן אין האָלץ און צו קנעטן אין ליים פיגורן. זיינע דינע, איידעלע פינגער ציען זיך רק צום פורעמען פּנימער און קעפּלעך. ווען ער גייט אין חדר, סקולפּטירט ער דעם רבין, ווי ער קנעלט מיט די קינדערלעך. ער מאַכט אַ ווערקל וואָס שטעלט פאָר ווי אַזוי דער טאַטע מאַכט קידוש. אָדער ווי די מאַמע זיצט שפּעט ביינאַכט ביי אַ קליין דרייער־לעמפּל און זי צערעוועט אַ זאָק. פעליקסן, אָדער ווי מען האָט אים גערופן אין דער היים, פּי־שעלע, ציט כסדר צו קונסט. דער טאַטע האָט שוין פון לאַנג וואויל איינגעזען אַז פּישעלע וועט שוין קיין לייט נישט זיין. אַז קיין גוטס וועט פון זיין זון נישט אַרויסקומען.

צו יענער צייט קומט פאָר אין וואַרשע אַ סקאַנדאַל אין דער פויליש־קינסטלערישער וועלט. דער באַרימטער פוילישער מאָלער, פּראָפעסאָר קסאַווערי דוניקאָווסקי, קונסט־אינסטרוקטאָר פון דער קונסט־אַקאַדעמיע, האָט געשאָסן זיין ליבע־קאָנקורענט, אויך אַ פוילישער מאָ־לער. דער פּראָצעס האָט אויפגערודערט די עפנטלעכע קרייזן. פע־ליקסעס פאָטער, וועלכער האָט זיך געדרייט אַרום די סאָנדעס (געריכטן), טרעפט איינמאָל פּראָפ. דוניקאָווסקין פערזענלעך. ער לאַדט אים איין צו זיך אַהיים. פּראָפ. דוניקאָווסקי באַוואונדערט דעם פּאַטריאַרכאַלישן אויסזען פון דעם טיפּישן איד, וואָס זעט אויס, מיט זיין הדרת־פּנים, מיט זיין גרויסער, שיינער באָרד, אַזוי ווי ער וואָלט אַרויסגעגאַנגען פון תנ״ך, אַזאַ מין פאַרצייטישער איד, ענלעך צו די רבנים פון אַמ־סטערדאַם, וואָס רעמבראַנדט האָט געמאָלן. ווען פּראָפ. דוניקאָווסקי קומט אין הויז, שטעלט מען פאַר אים פאָר פּישעלען. דער פּראָפעסאָר איז באַגייסטערט פון זיינע ערשטע פרואוון אין סקולפּטור. ער פאַר־פליכטעט זיך צו העלפן פּישעלען.

אַזוי אַרום וואַרפט פישעלע אַראָפ די לאַנגע קאַפאָטע און דאָס אידישע היטעלע. ער ווערט אַ תלמיד פון פראָפ. דוניקאָווסקי אין דער קונסט־אַקאַדעמיע. ער מאַכט פילע רעליגיעזע אַרבעטן פאַר די פּויִלישע קאָשציאָלן, אונטער דוניקאָווסקיס אָנפירונג. אָבער פישעלן ציט צו אידישע טעמעס, צו אידישע קונסט, צום אידישן לעבן. ער קומט אין קאָנטאַקט מיט די וואַרשעווער אידישע קינסטלער.

צו יענער צייט עפענען די אידישע קינסטלער אַ סטודיאָ אין וואַרשע. אין דער סטודיאָ וואָס ווערט אַ צענטער פון דער אידישער אינטעליגענץ, קומען די באַוואוסטע קינסטלער אברהם אסטרזשעגאַ, שמעון קראַטקאָ, מאָריץ זיידענבייטל, הענריק בערלעווי און אויך דער יונגער פעליקס רובינליכט־ווינאַווער. פון רוים איז ערשט געהאַט אָנגעקומען ענריקא גליצענשטיין, דעמאָלט שוין אַ וועלט־באַרימטער קינסטלער, וואָס איז אָבער געבליבן דער הייסער און היימישער טור־קער איד. אין דער סטודיאָ קומט פאָזירן דער גרויסער, דער פלאַ־מענדיקער פּרץ. אויך פאַרברענגט דאָרט די יונגע, שיינע און בלאָנדע שוועסטער פון רובינליכט, בעלאַ בעלאַרינאַ, וואָס פאָזירט פאַר שמעון קראַטקאָס דעמאָלט באַרימט געוואָרענעם ווערק „שמיעך״, (דער שמייכל), וואָס איז מיט דערפאָלג אויסגעשטעלט געוואָרן אין דער „זאַכענטאַ״. עס קומט האַלינאַ, די שיינע שוועסטער פון שפּעטער באַ־רימט געוואָרענעם אידיש־פּוילישן פּאָעט, אַנטאָני סלאָנימסקי. אין האַלינאַן איז ברענענדיק פאַרליבט שמעון קראַטקאָ ביז איבער די אויערן. צווישן די געסט געפינט זיך דער מעצענאַט פון אידישער קונסט, שמעון קראַנץ. אויך דער סקולפּטאָר הענריק קונאַ, גליצענשטיינס אַ פריינט און תלמיד.

עס איז דעמאָלט געווען אַ וואונדערלעכע צייט: דער אויפגאַנג פון דער ניי־אידישער ליטעראַטור. פּרץ מיט זיין סוויטע פון יונגע, אויפגייענדיקע ליטעראַרישע שטערנס האָבן געקיניגט אין אידישן וואַר־שע. די אידישע קינסטלער זיינען געווען ענג פאַרבונדן מיט דער אידישער ליטעראַרישער סביבה. שרייבער און קינסטלער האָבן צו־זאַמען געשמידט די מאָדערנע אידישע קולטור. די אינטעליגענץ האָט מיט ענטוזיאַזם באַוואונדערט די שרייבער און קינסטלער. נאָמבערג, אַש, רייזען און קאַציזנע זיינען דעמאָלט געווען די אינגערע נאָוואָס. וויסענבערג, ערשט געקומען פון שטעטל זשעלעכאָוו, איז שוין געווען אַן אויפגייענדיקער גרויסער טאַלאַנט. עס איז געווען דאָס פאָלק. עס איז געווען די הייסע אידישע יוגנט. די אידישע אינטעליגענץ. עס איז געווען רעוואָלוציאָנער ענטוזיאַזם. נאַציאָנאַלער אויפברויז. געזעל־שאַפטלעכער טעמפּעראַמענט. דעריבער האָט דאָס אידישע שאַפן גע־בליט. אין אַזאַ צייט און סביבה אַנטשטייט קולטור. וועקן זיך אויף אוצרות פון פאָלקס־שאַפן און פאָלקס־ענערגיעס. שטראַלן אויף גע־היימע כוחות וואָס האָבן שטילערהייט זינט יאָרהונדערטער גערייזלט אין די אַרטעריעס פון פאָלק. קונסט און קולטור־אויפברויזונגען האָבן געדולד — זיי וואַרטן אויף זייער גרויסער, היסטאָרישער געלעגנהייט. מען טאָר אויך נישט פאַרגעסן אַז די רעליגיע האָט צוזאַמענגעהאַלטן דאָס פאָלק טויזנטער יאָרן. די יוגנט, די רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען,

האָבן מכלומרשט דערקלערט אַ מלחמה דער רעליגיע. זיי האָבן אַליין נישט געוואוסט דעם געוואַלטיקן כוח פון דער אידישער רעליגיע. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען אַז זייער נייע רעוואָלוציאָנערע התלהבות וואָרצלט אין רעליגיע. זיי האָבן נישט געאָנט וועלכע גרויסע באַדיי־טונג זייערע פאָטערס און זיידעס האָבן געהאַט אין דער צעמענטיר־ונג און אויפהאַלטונג פונם פאָלק. זיי האָבן נישט געזען די געוואַלטיקע כוחות וואָס די רעליגיע האָט געגעבן דעם פאָלק. אָבער מען־ער ווי פרץ האָבן עס וואויל געוואוסט און פאַרשטאַנען און באַוואוסטזיניק געשאַפן און געצויגן זייער יניקה פון די נאַציאָנאַלע קוואַלן פון פאָלק, פון היס־טאָרישן אידנטום, און פון דעם נייעם שטראָם פון דערוואַכנדיקן געזעל־שאַפטלעכן אידישן לעבן.

אין דער דאָזיקער סביבה האָט פישעלע פאַרקערט און שטילער־היילט זיך פאַרפולקאָמט אין זיין מאָלערישן ווערק. זיין האַרץ איז געווען נאָבל. זיינע אידעאַלן זיינען געווען אידעלע. זיין לעבן איז געווען געווידמעט צו שיינקייט און צו שעפערישקייט. ער האָט קיינ־מאָל נישט חתונה געהאַט. ער איז געווען פון דער נאַטור דעליקאַט, וואָרעם ער האָט געליטן אויף דער „פּראַלעטאַרישער קרענק“, אויף שווינדזוכט. זיין פאָטערלעכע ליבשאַפט האָט ער איבערגעטראָגן צו אידישע קינדער בכלל. ער איז געוואָרן אַ אידישער לערער אין די דעמאָלט בליענדיקע ציש״אָ־שולן. די קינדער פון דער באַרימטער מע־דעם־סאַנאַטאָריע האָבן אים פאַרגעטערט. ער אָרגאַניזירט קאָלאָניעס פאַר אָרעמע, שלעכט־דערנערטע, אָפּגעשוואַכטע אידישע קינדער. צו־זאַמען מיט יעקב קענערן אָרגאַניזירט ער הילף־אונטערנעמונגען צו דער אידישער יוגנט. ער לערנט די קינדער מאָלן. ער אַנטפלעקט צו זיי די סודות פון שיינקייט. פון קונסט און פון קולטור. אָט אַזוי האָט געשאַפן און געלעבט אַ קינד פון דעם קולטור־רייכן, אוראַלטן און שעפערישן פוילישן אידנטום. אַזוי האָט געלעבט פעליקס רובינליכט־ווינאַווער, וואָס האָט געשטאַמט פון דורות רבנים און אידישע גייסטיקע אַריסטאָקראַטיע.

ווען איינמאָל פאַרט זיינע אַ יונגע שילערין אין ווייטן קאַנאַדע, שענקט ער איר, דער קינסטלער, דעם פּאָרטרעט־ביוסט וואָס ער האָט פון איר געמאַכט. זי איז געווען איינע פון די שילערינס אין די אי־דישע שולן, פון דער אָרעמער אידישער געדיכטעניש, פון געגנשע צי פון סמאָטשע גאַס. זי האָט ליב געקראָגן אידישע קונסט. צוליב אירע זכרונות פון דעם לערער רובינליכט, צוליב איר טייער קונסטווערק, וואָס זי האָט יאָרנלאַנג ביי זיך געהאַלטן און שטילערהייט באַוואונ־דערט.

דער טרויעריקער שיקזאַל האָט געוואָלט אַז דאָס פוילישע אידנ־טום זאָל אומקומען מיט אַ שרעקלעכן טויט. אין דער פוילישער ערד זיינען אידן געצוואונגען געוואָרן זיך מיט די הענט צו גראָבן זייערע קברים. אין פייער זיינען אידן אַריין מיט נאָך לעבעדיקע הערצער און אָפענע פלאַמענדיקע אויגן. דער מערדער האָט אומברחמנותדיק צע־

שטערט די אידישע שולן, די מעדעם־סאַנאַטאָריע. האָט אַרויסגעפירט די אידישע קינדערלעך צום טויט צו זאַמען מיט זייערע לערערס, צוזאַמען מיטן גרויסן נביא פון אידישן קינד, דעם הייליקן און אומשטערבלעכן אידעאַליסט, יאַנוש קאָרטשאַק. די נאַציס האָבן ברוטאַל אויסגעראָטן דאָס אידישע פאָלק. זיי האָבן פאַרברענט, דערשאָסן, געהאָנגען און פאַרגאַזט און צום טויט דערשלאָגן די אידישע אינטעליגענץ, די וואונדערלעכע קינסטלער, די טייערע קינדער. זיי האָבן פאַרניכטעט אוצרות פון יאָרהונדערטער אידישע קולטור און קונסט. די קינסטלער זיינען אומגעקומען צוזאַמען מיט זייערע קונסט־ווערק. די ציפער פון פאַרניכטונג איז אַ שרעקלעכע: עס זיינען אומגעקומען 203 אידישע מאָלערס; 20 סקולפטאָרן; 13 אַרכיטעקטן; 11 קונסט־היסטאָריקער; און טויזנטער אידישע קונסטווערק, פון אידישע מוזעאומס, ביבליאָטעקן, אינסטיטוציעס און רייכע היימען, זיינען ברוטאַל און באַרבאַריש פאַרניכטעט געוואָרן. צווישן די דאַזיקע קדושים איז אויך אומגעקומען דער אידעאַליסט און בעל־חלומות פעליקס רובינליכט־ווינאַווער און אַלע זיינע שאַפונגען.

דאָס איז געווען דער שיקזאַל פון אידישע קונסט און פוילן, וואָס האָט אויפגעבליט מיט אַזאַ שוואונג פאַר די לעצטע הונדערט יאָר.

אָבער אין ווייטן קאַנאַדע איז פאַרוואָגלט געוואָרן אַ אידיש קינד. און זי האָט אין הויז געהאַלטן דאָס פאָרטרעט־ביוסטל פון פעליקס רובינליכט־ווינאַווער. איר הויז איז געוואָרן אַ גאַסט־הויז פאַר אידישע קינסטלער. און דורך איר איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן כאָטש איין און איינציק ווערק, אַזוי ווייט ווי מען ווייסט, פון פעליקס רובינליכטן. און דורך דעם דאָזיקן ווערק וועט אַ אידישער קינסטלער נישט גיין אינגאַנצן פאַרלוירן. ער וועט לעבן בלייבן אין געדעכעניש פון זיין פאָלק...

ווען, אַלזאָ, דער מאָלער הערשל דאַניעלס איז געווען אין מאָנטרעאָל, האָט ער געפונען אין הויז פון דער דאָזיקער פריינדין דעם שוין צעבראָכענעם ביוסט פון דעם אַמאָליקן שטילן קינד, אַ שילערין פון דעם קינסטלער. די אייגנטימערין פונם ביוסט, שוין זינט יאָרן אַ חתונה געהאַטע, און אַליין שוין אַ מאַמע פון קינדער, האָט גערן אויסגעבאָרגט דעם ביוסט. דאַניעלס האָט דעם ביוסט געבראַכט קיין ניו־יאָרק, צו בעלאַ באַלערינאַן, כדי אים אָפּצוגיסן אין בראָנדז... דורך דעם דאָזיקן איינציקן קונסטווערק וועט לעבן דער נאָמען פון אַ וואַרשעווער אידישן קינסטלער... זאָל דער ביוסט געגאָסן ווערן אין בראָנדז. זאָל ער ווי גאָלד לויכטן מיט זיין איידעלן טרויער אין אידישע הייזער און היימען. זאָל דאָס מיידל טרויעריק שמייכלען צו די אידן פון דער צוקונפט און זיי דערמאָנען אין אַ אידישן קינסטלער, אין אידישע קינסטלער פון פוילן, אין יענע געדיכטע אידישע מאַסן וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט פון זיך אַ גרויסע קולטור...

די זון איז פאַרגאַנגען. אירע שטראַלן האָבן אָנגעצונדן די אותיות „פרץ" אויף דער בלעכענער טאַבליצע (טאָפּל). איך בין געווען דאַנקבאַר בעלאַ באַלערינאַן וואָס זי האָט מיר געגעבן אַ ביסל אינפאָרמאַציע וועגן איר איידעלן ברודער... אָבער, בעלאַ באַלערינאַ איז פול מיט

רעמיניסענסן פון יענער גרויסער פעריאָדע אין אידישן לעבן, אין דער אידישער געשיכטע. בעלאַ בעלאַרינאַ אַליין מוז נעמען די פעדער אין דער האַנט און אָנשרייבן אירע דערינערונגען. בעלאַ איז נאָך יונג און שוואונגפול... זי האָט נאָך אַ סך צייט אויף צו שרייבן זכרונות... אָבער, עס איז אַ שאָד אַז אירע זכרונות זאָלן פאַרלוירן גיין... אין אַ טאָג וועט זי זיך מוזן נעמען צו דער אַרבעט.

בעלאַ בעלאַרינאַ טייערע, נעמט זיך צו דער פעדער! פאַרשרייבט אַ מעכטיק קאַפּיטל אידישע קולטור און אידיש לעבן אין פאַרמלחמה־דיקן פוילן, אַ קאַפּיטל פון דער אידישער געשיכטע וואָס די נאַציס האָבן פאַרניכטעט און וואָס אידן אַליין, די אידן אין אַמעריקע, די אידן אין ישראל, שליסן צו אויף אייביק...

די זון פאַרגייט. פּרץ־אותיות לויכטן פלאַמענדיק אַרונטער... נאָר, פאַרחושכט איז עפּעס דאָס פּרץ־געסל.. די איינוואוינער דאָ זיי־נען דאָך סלאַווען און איטאַליענער... עפּעס אַ שוואַרצע קראָ שוועבט הויך איבער די בלייערנע וואָלקנס... אפשר שוועבט זי פון וואַרשע, פון גענשער בית־עולם, וואו עס ליגן פּרץ, אַנ—סקי און דינעזאָן... איך גיי מיט דער שלאַכטענער דאַמע בעלאַ בעלאַרינאַ דורך סעקאָנד עוועניו, פאַרביי די „קאַפע ראָיאַל״, וואו גאָר די שרייבער פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, וואו גאָר די אַקטיאָרן פון אידישן טעאַטער, זיינען געזעסן. געזעסן און אַוועקגעגאַנגען, צו די בית־עולמס אין ברוקלין, אין לאָנג איילאַנד... עס פּוסטעווען די אַמאָליקע אידישע טעאַטער־געביידעס... מיר גייען איבער אַ בית־עולם פון אידישן טעאַ־טער, אידישע ליטעראַטור, אידיש לעבן..

טייערער לייענער, לעצטער לייענער־פּרינץ פון אידיש... דו וועסט דאָך מיר אַנטשולדיקן פאַר אַ מאָמענט פון יאוש, פאַר אַ רגע פון טיפן טרויער, פאַר דעם טראַגישן פּעסימיזם וואָס ווייעט פון מיינע מיט טרערן און אַנגסט־געבראָכענע שורות...

אַהיים גייט די אידישע גרעפין בעלאַ בעלאַרינאַ... מיטן בלאָנדן קאָפּ האָר און בלאַסן, איידעלן פּנים... איך גיי איבער די אומעטיקע גאַסן... איבער מיר פלאַטערט צאַרט דער גייסט פון דעם אידישן קינסטלער פעליקס רובינליכט־ווינאַוער.. זיינע אויגן זיינען פול מיט טרערן און מיט אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט פאַר די דאַזיקע שורות...

ניו־יאָרק, נאָוועמבער 24, 1952.

זון־אונטערגאַנג

די זון גענענט צום ראַנד פון דער ערד. זי איז אַ ריזיקער גאָלדענער בעכער וואָס קערט זיך איבער און איר ברוינער ווייַן פאַרגיסט ווי אַ ים די גאַנצע ערד. און אַלע פאַאַטן ווערן שיכור פונם ווייַן. עס שטראָמט דער פלאַמענדיקער ווייַן איבער אַלע לאַנדשאַפטן און ער צינדט אָן אַלע לאַנד־שאַפטן. די זון גיסט זיך אוים אין רוים ווי אַ בעכער מיט ליקער. —

ניו־יאָרק, פעברואַר, 1949

די יידן פון מאַנע קאַץ

אַן אינטערוויו מיטן באַ־
רימטן מאָלער

מאַנע קאַץ איז אַן אָפטער גאַסט אין ניו־יאָרק. מען קען אים אָפט
זען אין היגע ליטעראַרישע קרייזן און אין יידישע הייזער. מיט זיין לייב־
טער, פלינקער פיגור און קאָפּ גרויע, לאַנגע האָר, מיט זיין גוטן הומאָר
און גוטן אָפּטימיזם איז מאַנע קאַץ דער אמתער „פליענדער האָלענדער"
פון דיי ידישע מאָלערס. זיין פּערמאַנענטער וווינאָרט איז פּאַריז, ווו ער האָט
אין סעפּטעמבער פון יאָר 1951 געקרוגן פון דער פראַנצויזישער רעגירונג
דעם „לעזשיאָן ד'האָנעאור". געוויינלעך איז אַזאַ ערנטיטל נישט נאָר פאַרן
קינסטלערס גוטער מאָלעריי, נאָר אויך פאַר זיין לאָיאַליטעט און פּאַטריאָ־
טיזם צו פראַנקרייך. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין קאַמף קעגן
היטלערס אַרמייען, האָט זיך דער מאָלער פריייווויליק באַטייליקט אַלס פראַנ־
צויזישער סאָלדאַט. צווישן די באַרימטע מאָלערס וואָס האָבן געקרוגן דעם
לעזשיאָן ד'האָנעאור", זענען: קיסלינג, בראַק, מאַטיס און דזשאַק ליפּ־
שיטץ. מאַנע קאַץ האָט באַזוכט כמעט אַ האַלבע וועלט. לעצטנס איז ער
געווען אַפילו אין סאַוטה־אַפריקע, ווו ער האָט געהאַט אַן אויסשטעלונג.
און איצט פאָרטער אָפּ אויף אַ רייזע קיין אַרגענטינע. און דאָס נישט מיט
קיין שיפן אָדער באַנען. ער פליט. דער עראָפּלאַן איז זיין שיף דורך דער לופט.

אין זיין סטודיאָ, אויף די זיבן און פופציקסטע גאַס, די קונסט־בער־
זע פון ניו־יאָרק, שטייען לייוואַנטן אין פאַרשידענער גרויס: אַ טייל ריזיקע,
וואָס קאַץ האָט אָנגעצונדן מיט פאַרבן, אַ טייל קלענערע און אַפילו קליינע.
די סטודיאָ שמעקט מיט פאַרבן. אין די צוויי צימערן שטייען עטלעכע אַנ־
טיטשנע קאָמאָדן. אין אַ ווינקל איז פאַראַן אַ שאַפקעלע מיט יידישע ביכער:
מעןסטנס וואַרפן זיך אין די אויגן עטלעכע דיקע בענדער שלום־עליכם. עס
זענען אויסגעשטעלט עטלעכע סקולפּטורן אין קליי. עס הענגען בילדער אויף
די ווענט. איינער אַזאַ קליינער קאַנוועז, פּרעכטיק איינגעראַמט אין אַ סאָלי־
דער ראַם, שטייט אין אַ ווינקל. דאָס גאַנצע שטיק לייוואַנט איז פאַרנומען
מיט צוויי יידן — צוויי פלאַמען. זיי זענען אָנגעטאָן אין קאַפּאָטעס פון פייער.
אַזעלכע שטאָלצע יידן, אָנגעצונדן מיטן פייער פון דעם אייביקן יידישן
גייסט, האָב איך שוין לאַנג נישט געזען.

מאַנע קאַץ, ווען איך בעט אים, דרייט אויס עטלעכע קאַנוועזעס און
אָט איז איינער: כלי־זמרים. דאָס זענען יידן שטראַלנדע. יידן גאָלדענע. יידן
פלאַמענדע. יידן פאַרכאַפּטע אין די פלאַמען פון זון־אונטערגאַנג. פאַרזענקטע
אין די פלאַמען פון דער יידישער געשיכטע. יידן עקסטאַטישע. יידן אידעאַ־
ליסטישע. די יידישע כלי־זמר, איר הערט זיי שפּילן אַן אַלט, יידיש ליד,
אַזוי ווי פון די פלאַמען אַרויס. מאַנע קאַץ איז דער ראָמאַנטיקער פון אַ
מין הערלעכן ייד, אין פאַרביקן טראַכט און לשון, וואָס עקזיסטירט שוין
נישט. מאַנע קאַץ איז דער פּרץ פון אַ פלאַמענדיקן ייד אין דער מאָלעריי.

אַ דריטע בילד: אַ סצענע פון אַן אָקסנקאַמף. דאָס רויטע שטיק טוך
— מיט וועלכן דער טאָרעאַדאָר האָט ערשט געריצט דעם שטיר, ליגט צו

דער ערד געפאלן, ווי א פלאם וואס פארלעשט זיך. דער טונקעלער שטיר טראגט דעם טויטן טאָרעאַדאָר אויף די הערנער. טאָרעאַדאָר איז נישט אין גלאַנץ און גלאָריע. אין רייך־רעקאָרירטן קאָסטיום, ווי מאָלערס מאָלן אים געוויינלעך. אין זיגערישן רייץ. טאָרעאַדאָר איז דאָ א מת. א פינצטערער מרוף. א שוואַרצע שווערע מאַסע. דער אָקס טראָגט אים אויף די הערנער זיגעריש און טרויעריק. דער יידישער קינסטלער דריקט דאָ אויס זיין פּראָטעסט אנטקעגן אָקסנקאַמף. אַנטקעגן עפנטלעכן מאָרד וואָס הערצט די בלוטן. די אַטמאָספערע איז פלאַמענדיק. אָבער דער צוגאַנג, די אינטערפּרעטאַציע, איז יידיש. מאַנע קאַץ זאָגט מיר שפּעטער:

— ווען כ׳האָב געזען די אָקסנקאַמף־סצענע, האָב איך זיך געפילט אויפן פּלאַץ פונם אָקס, ווי א פאַרפאָלגטער ייד, וואָס וויל נישט שטאַרבן.

אין דעם דאָזיקן בילד דריקט דער יידישער קינסטלער אויס דאָס אינסטינקטיווע נקמה־געפיל פון דעם ייד אנטקעגן דער וועלט פון גרויזאמקייט. ווען גאָיא האָט געמאָלן אָקסן קאַמף־סצענעס, האָט ער אויך אויסגעדריקט פּראָטעסט קעגן דעם דאָזיקן שפּיל פון רציחה און מאָרד.

מאַנע קאַץ האָט אויך דאָ עטלעכע סקולפּטורן. ווי ער דערציילט מיר, האָט ער דאָס גאַנצע לעבן געוואָלט מאַכן סקולפּטור־אַרבעטן, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט. אייגנטלעך האָט ער דאָס אָנגעהויבן צו מאַכן ערשט אין אַמעריקע, בעתן צווייטן וועלט קריג. מאַנע קאַץ זאָגט: — אין פּאַריז זיצט מען אין די פרייע צייט אין קאַפע. דאָ, ווען מען האָט ביינאַכט נישאַ אַמאָל ווו צו גיין, האָב איך אָנגעהויבן צו מאַכן סקולפּטור.

איצט גרייט מאַנע קאַץ צו אַן אויסשטעלונג אין פּאַריז פון זיינע סקולפּטור־אַרבעטן. אין די סקולפּטורן מערקט זיך א נערוועזער אומרו. יידישער סענסיטיווער גייסט און טיפער אומעט. יידישע שפּאַנונג און יידישער שמערץ. איין פּנים פון א ייד איז ברייט און שטורמיש אויפגעריכן צום הימל. דריקט עס אויס שטוינונג אויף זיין גרויסער זעאונג פון גאָט? צי דריקט עס אויס פיינלעכע איבערראַשונג אויף דעם גרויל פון גאָטס וועלט? איין סקולפּטור שטעלט פאָר משה רבינו, אין א העפטיקער, דראַמאַטישער פּאָזע, שליידערנדיק די לוחות צום אָפּגרונט. עטלעכע סקולפּטורן שטעלן פאָר כלי־זמרים. דער ייד הערט זיך טיף איין צו זיין טשעלאָ. דער ייד שפּילט אויף דער פידל און ער איז לויטער נגינה. דאָס איז דער ייד וואָס האָט די גרויקייט, די פינצטערניש, די שווערע זאָרגן פון שטעטל דערטרונקען אין זיין וווּנדערלעכן ניגון. דאָס איז דער יאַשאַ חפץ פון שטעטל וואָס האָט ביי דער יידישער חתונה אויסגעשפּילט זיין גרויסן טרויער און גרויסע פרייד. אַלע סקולפּטור־אַרבעטן פון מאַנע קאַץ זענען נערוועז. קאָנצענטרירט. סענסיטיוו און אינטענסיוו.

דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע פון מאַנע קאַץ׳ס אַרבעטן, אין מאָלעריי און אין סקולפּטור, איז זיין יידישער אומרו. זיין יידישער פּראָטעסט. זיין יידישע אומצופרידנקייט. זיין יידישער כאַראַקטער. אין דער יידישער קונסט בכלל איז נישטאָ די זאַטקייט פון פעטע גויים וואָס זיצן רואיק אין סאַלאָן און זשלאָקן פון קופּלעס ביר און טעפּ וויין. דער יידישער מאָלער האָט אַריינגעטראָגן אין דער וועלט־מאָלעריי דאָס עיקר־כאַראַקטעריסטישע

פון זיין זשעניע: אומרו, שטורם, פּראָטעסט, נערוועזיטעט, אומצופרידנ־קייט. ער האָט שטענדיק, דער יידישער מאָלער און סקולפּטאָר, געבראָכן די רואיקע ליניע, די סאָלידע פאָרם, די גייסטיקע זאַטקייט, דעם גויאישן פיליסטעריזם — מיט זיין יידישן גייסט פון מרדה און פּראָטעסט. יידישע קונסט איז רעוואָלט. איז דאָס פּערמאַנענטע ברעכן פון דער מאָנאָטאָניע פון פאַרגליווערטקייט און סטאַגנאַציע. און מאַנע קאַץ איז אַ טיפּישער פאָרשטייער פון דעם אייביק־יידישן, רעוואָלוציאָנערן, קאָסמיש־אומרואיקן כאַראַקטער.

עס איז נישט קיין צופאַל וואָס מען שרייבט צו רעמבראַנדטן, דעם טראַגישן קינסטלער, דעם פילאָזאָף, דעם דיאָגנעס, דעם נביא אין דער וועלט־מאָלעריי, יידישע אָפּשטאַמונג. ווייניקסטנס האָט רעמבראַנדט פאַר־קערט צווישן יידן. האָט רעמבראַנדט געמאָלן די רעליגיעזע פאָרשטייער פון דער אמשטערדאַמער יידישער קהלה. האָט רעמבראַנדט אין דער נאַכט אַן איינזאַמער שפּאַצירט אין די שמאָלע, אַלט־פרענקישע גאַסן פון דער יידי־שער געטאָ און האָט פאַרנומען דעם ריטם פון דער יידישער געשיכטע. האָט אויף רעמבראַנדטן געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג דער אַלטער טעסטאַ־מענט...

אײדער איך טרעט צו צום אייגנטלעכן אינטערוויו מיט מאַנע קאַץ, וואָלט איך וועלן געבן אַ נאָטיץ פון ביאָגראַפישן כאַראַקטער. ביז זיין פופצנטן לעבנס־יאָר האָט מאַנע קאַץ פאַרבראַכט אין זיין געבורטסשטאָט קרעמענטשוג, פּאָלטאַוועַר גובערניע. ער איז דאָרט געגאַנגען אין חדר. שפּעטער אין דער ישיבה. צום ערשטן מאָל איז ער אַוועקגעפאָרן שטודירן מאָלעריי אין דער קונסט־שולע אין מירגאָראָד, (גאָגאָלס געבורטסשטאָט). אַזוי ווי דער יונגער מאַנע קאַץ איז געווען פרום, און ער האָט קיין טריפות נישט געוואָלט עסן, איז ער דאָרט נישט לאַנג פאַרבליבן. זיין צווייטע רייזע איז געווען קיין ווילנע. אָבער אויך דאָרט איז ער לאַנג נישט פאַרבליבן. ווייל ער האָט שטאַרק געבענקט אַהיים. און די בענקשאַפט האָט אים צו־ריקגעבראַכט קיין קרעמענטשוג. צום דריטן מאָל איז ער געפאָרן קיין קיעוו, וווּ ער האָט דריי יאָר שטודירט אין דער דאָרטיקער קונסט־שולע. אין יאָר 1913 פאָרט מאַנע קאַץ קיין פּאַריז. אין יאָר 1914 קומט ער צוריק קיין רוסלאַנד. ער לערנט אין דער קונסט־שולע אין סט. פּעטערסבורג. אין די יאָרן 1919־1920 איז מאַנע קאַץ פּראָפעסאָר אין דער כאַרקאָווער קונסט־שולע, וווּ ער האָט אויך געהאַט זיין ערשטע איין־מאַן־אויסשטעלונג. אין יאָר 1920 קומט מאַנע קאַץ צוריק קיין פּאַריז, און זינט דעמאָלט וווינט ער שוין אין פּאַריז. דעם ערשטן מאָל האָט ער באַזוכט פּאַלעסטינע אין יאָר 1928. אין דער צייט פון דער יידיש־אַראַבישער מלחמה, ווען ס'האָט זיך ערשט געהאַט געשאַפן די יידישע מלוכה ישראל, האָט מאַנע קאַץ גע־האַט דאָרט זיין ערשטע אויסשטעלונג. זינט דעמאָלט איז ער שוין זעקס מאָל געווען אין ישראל. —

עס איז געווען אין אַ פיינעם נאָכמיטאָג פון די לעצטע טעג פון פעברואַר, ווען איך בין געקומען צו מאַנע קאַץ'ן, אין זיין ניו־יאָרקער סטודיאָ. איך האָב געהאַלטן אין האַנט אַ צעטל מיט פראַגן, גרייט זיי איי־בערצולאָזן צום קינסטלער, און ער זאָל מיר אַ טאָג שפּעטער צושיקן זיי־

נע געשריבענע ענטפערס. אָבער מאַנע קאַץ האָט בעסער געוואָלט ענטפערן דירעקט. און איך זאָל טאָן די מלאָכה פון שרייבן. מיין ערשטע פראַגע איז געווען:

— פונוואַנען נעמט זיך ביי אייך דער דראַנג צו קאָלירן? האָט אייער פאָטער געהאַט אַ נייגונג צו פאַרבן? איז אין אייער משפחה געווען, אויף וויפל איר ווייסט, אַ דראַנג צום מאָלערישן?

— איך בין דער ערשטער און איינציקער מאָלער אין מיין פאַמיליע. די דינאַסטיע פון מאָלעריי הייבט זיך אָן מיט מיר. צי עמעץ האָט גע־מאָלן אין מיין פאַמיליע? אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, קיינער נישט. מאָלן איז אַ נאַטור־זאַך. מען קען זיך העכסטנס אויסלערנען צייכנען. אָבער נישט מאָלן.

— האָט איר אין אייער לעבן געלייענט מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ, רייזען? האָבן זיי אייך באַווירקט קינסטלעריש? צי האָט איר אַ שייכות צו זיי אויף וועלכן עס איז אופן אין אייער מאָלעריי?

— די יידישע קלאַסישע ליטעראַטור, ספּעציעל מענדעלע, פּרץ, אַש און רייזען האָבן געשפּילט זייער אַ וויכטיקע ראָלע אין מיין לעבן. וואָרים טראַכטנדיק וואָס איך בין אַליין געווען אַ ישיבה־בחור, הגם ס'האָט שוין דאָרט געהערשט אַ מער מאָדערנער גייסט, אָבער מיינע יידישע געשטאַלטן האָב איך מער גענומען פון דער ליטעראַטור, ווי פון לעבן זעלבסט. דערפאַר טאַקע זענען זיי אין מיינע ווערק אַזוי ראָמאַנטיש. אַזוי אידעאַליסטיש. יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב באַזוכט פּוילן, האָב איך געזען אַז מיינע מאָלערישע טיפּן שטימען מיט די יידן פון די פּוילישע שטעטלעך. מיינע כאַראַקטערן זענען נישט געווען קיין פאַלשע, קיין אויסגעטראַכטע. ווייל איך האָב זיי געשעפּט פון דער יידישער ליטעראַטור. בכלל בין איך אַ גרויסער ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור און פון יידישע שריפטשטעלער.

— מיין יידישקייט האָב איך נישט געמאַכט. עס איז געקומען אינס־טינקטיוו, פון הארצן, פון מיין גייסט. יאָרנלאַנג האָט מען מיך פאַרפאָלגט פאַר מאָלן יידישע בילדער. מען האָט מיך גערודפט פאַר מיין עקשנות. מיט מיינע יידישע בילדער וויל איך נישט באַווייזן דאָס אַנעקדאָטישע, די לע־בערלעכקייט, נאָר די גרויסקייט פון דעם יידישן מענטש און דעם יידישן גייסט. איך האָב געוואָלט מאָלן די גרויסקייט פון אַ ייד, אין זיין דערשיי־נונג, אין זיין באַוועגונג. אין זיין לעבן. איך האָב געוואָלט מאָלן זיין שיינ־קייט. אין קינסטלערישער פאָרם, פאַרשטייט זיך, אין פאַרבן און ליניעס.

— אין די צוואַנציקער יאָרן האָבן מיך אַ טייל אויסגעלאַכט און אַ טייל פאַרשאָלטן. קומט צוגיין אַ ייד פון קרעמענטשוג און שטעלט גאָר אויס קאַנוועזעס מיט יידן. אין דער צייט ווען די יידישע קינסטלער, וואָס זענען געקומען נאָך פּאַריז, צו לערנען קונסט, און זיי זענען געוואָרן באַאיינפלוסט פון דער טעאָריע פון מאָדערנער מאָלעריי, אונטער דער דירעקטער ווירקונג פון פּיקאַסאָ, בראַק און מאַטיס — אין וועלכער זיי האָבן פאַרגעסן זיך אַליין, האָבן פאַרלוירן זיך אַליין. האָב איך געפילט עפּעס אַן אינער־לעכן געשריי: יאָ, ס'איז זייער אינטערעסאַנט, ס'איז זייער וויכטיק אַלץ וואָס איך זע — אָבער איך בין איך. איך בין מאַנע קאַץ פון קרעמענטשוג, דער זון פון ר' לייזער קאַץ. און מיין גרעסטן פאַרגעניגן און קינסטלערישע באַפרידיקונג האָב איך געהאַט אַז איך האָב געמאָלן יידישע בילדער. און

דער קינסטלער וואָס מאָלט אָן פּאַרגעניגן, קען קיינמאָל נישט דערגרייכן דעם הויכן ניוואָ אין דער מאָלעריי.

— נאָך מער צרות ווי פון די גויאישע קריטיקער האָב איך געהאַט פון אונזערע אייגענע יידן. זיי האָבן נישט געוואָלט זען דאָס קינסטלערישע אין מיין מאָלעריי. איך פלעג צו זיין טענהן: פאַרגעסט צי עס איז א ייד. ענטפערט מיר: איז עס מאָלעריי צי נישט? די גויים דאַקעגן האָבן אָבער יאָ געאורטיילט צי עס איז מאָלעריי. און זיי האָבן געזען אויך דאָס וואָס איז מער ווי מאָלעריי. רעמבראַנדט, על גרעקאָ און גאָיאַ, זיי האָבן דאָך עפּעס מער ווי בלויז מאָלעריי. זייער מאָלעריי האָט דאָך א טיפערן זין. עס האָט א פילאָזאָפיע. עס איז באַהויכט פון א ספּיריטועלן גייסט. עס שטייגט אריבער די גרענעצן פון בלויז קונסט.

— צוואַנציק יאָר צייט האָט קיינער נישט געוואָלט קויפן מיינע יידישע בילדער, ווייל איך האָב געמאָלן יידן. און איצט, אַז די וועלט זוכט שוין מיינע יידישע בילדער, פרעג איך זיך אַליין: בין איך א מאָלער — צי נישט? ווארים אויב מען רופט מיך, וואָס איך האָלט עס פאַר א גרויס; כבוד: „אונזער נאַציאָנאַלער מאַנע קאַץ".

— אָבער, איך האַלט אַז צו זיין אמת נאַציאָנאַל מוז מען זיין אינ־טערנאַציאָנאַל. אוניווערסאַל. האָב איך טאַקע לעצטנס געמאַכט אַן אויס־שטעלונג אין פּאַריז — אַן איין יידישן בילד. עס זענען געווען אויסגע־שטעלט בלויז בלומען און לאַנדשאַפטן פון פּאַריז. אין איינע פון די פראַנ־צויזישע צייטונגען איז געווען אַן ארטיקל וואָס האָט געהייסן: „פּאַריז — אָן יידן". און דער קריטיקער שרייבט: איך טו א קוק, עס איז אַן אויס־שטעלונג פון מאַנע קאַץ — אָן אַן איינציקן יידן. —

(כדי אייך צו אילוסטרירן די פּאָפּולאַריטעט פון מאַנע קאַץ אַלס מאָלער פון יידישע בילדער, איז אינטערעסאַנט דער אַנעקדאָט וואָס מאַנע קאַץ דערציילט אַליין:

— אַנומלט קומען צו מיר א פּאָרפאָלק און זיי בעטן ביי מיר אונ־טערצושרייבן מיין נאָמען אויף א בילד.

— אָבער, עס איז דאָך נישט מיין בילד, — זאָג איך.

— וואָס הייסט ס'איז נישט אייער בילד, וווּנדערט זיך דער מאַן, אָבער עס זענען דאָך יידן געמאָלן אויפן בילד...)

— צי דענקט איר, מאַנע קאַץ, באַווירקט די ליטעראַטור דער מאָלע־ריי? צי האָט מאָלעריי א ווירקונג אויף דעם ליטעראַרישן שאַפן?

— עס איז א קעגנזייטיקע ווירקונג. אָט בין איך דאָך באַווירקט גע־וואָרן פון די יידישע קלאַסיקער. צווישן ליטעראַטן און מאָלערס איז פאַראַן א נאָענטערע באַציאונג ווי צווישן מוזיקערס און מאָלערס. מאָלערס האָבן זייער אָפט אילוסטרירט די ווערק פון שריפטשטעלערס און פּאָעטן. און שריפטשטעלער און פּאָעטן האָבן פאַרפאַסט דערציילונגען און פּאָעמען אונטערן איינפלוס פון מאָלעריי.

— איז פאַראַן א יידישע קונסט — אָדער בלויז יידן אין דער וועלט־מאָלעריי?

— מיר הייבן ערשט אָן. מיר האָבן ערשט עטלעכע גרויסע יידישע קינסטלער. פאַראַן א סך מאָלערס וואָס זענען זייער ערנסטע קינסטלער,

וועלכע גייען אויפן וועג פון דער אלוועלטלעכער קונסט.

— האבן אויף אייך געהאט וועלכע עס איז ווירקונג מאריץ גאטליב, שמואל הירשענבערג, אדער אנדערע יידישע קינסטלער?

— דאס איז זייער א גוטע פראגע. מען האט אזא פראגע מיר קיינמאל נישט געשטעלט. איך בין צופרידן וואס איר פרעגט מיך דאס. אויף מיר האט מער געווירקט, אין זינען פון טעמאטיק, הירשענבערג ווי גאטליב. מיין גאנצע עוואלוציע אין קונסט איז מער, פארשטייט זיך, פראנצויזיש. (ד״ה אלוועלטלעך). נאר גאטליב איז פאר מיר געווען צו טעאטראליש. צו אריסטאקראטיש. צו פויליש. הירשענבערג איז געווען מער מיסטיש, מער פרימיטיוו און ערלעך. הירשענבערג איז אונז נענטער. ער קומט פון דער ישיבה. ער קומט פון אונזער יידישן לעבן. ער מאלט דעם ישיבה־בחור. דעם לאמעד־וואווניק.

— וועלכע מאלערס פון דער וועלט זענען אייך צום נאענטסטן? וועלכע פערזענלעכקייטן האבן געלאזן אין אייער לעבן דעם שענסטן איינדרוק?

— מיין טאטע. ער איז געווען א שמש אין דער שול אין קרעמענטשוג. אלע יארן איז ער געווען א שמש און מען פלעגט אים רופן „ר׳ לייזער", דאס מיינט אז ער איז געווען א ייד א תלמיד־חכם. ער פלעגט לערנען מיט יידן בין מנחה למעריב. ער איז געווען א חובבי־ציון. מיין טאטע איז געשטארבן אין יאר 1917. שטעלט אייך פאר אז נאך ביז איצט, איך בין דאך שוין נישט קיין יינגעלע, און מיין טאטע איז דאך געשטארבן וועלכע פינף און דרייסיק יאר, איז נאך ביז איצט, אז עס קומען אויף שוועריקייטן און פראבלעמען אין מיין לעבן, מאראלישע, אדער אנדערע, חלום איך פון מיין פאטער. האף איך אויף זיין באשייד. און, ער העלפט מיר. מיין אידעע, מיין צוואה איז: אז נאך מיר וויל איך אז עס זאל זיין א פרייז אויפן נאמען פון ר׳ לייזער קאץ. ווארים אלץ וואס איך האב אין זיך עפעס הייליקס און טייערס, קומט פון מיין פאטער. מיין מוטער איז אויך געווען אן אמתע אשת־חיל. זי האט ליב געהאט די קינדער. זי איז געווען זייער א שיינע פרוי. איך האב אויך צוויי ברידער אין ישראל: דער ערשטער מרדכי כץ, איז קארעקטאר פון דער ארץ־ישראלדיקער צייטונג „הארץ". ער איז אויך א דיכטער און איינער פון די גרעסטע קענער פון דער העברעאישער שפראך. דער צווייטער, צמח קאץ, האט א פאמיליע מיט ארום זיבן קינדער. ער איז א פרומער ייד און ער וווינט אין ירושלים, אין מאה שערים", (דער קווארטאל, ווו פרומע יידן וווינען). לאנגע יארן איז ער געווען א מילך־פירער. ער פלעגט ארומפארן אויף אן אייזעלע און צעטיילן מילך אין יידישע הייזער. איצט טוט עס זיין זון און ער אליין ארבעט אין דער „תנובה".

— איך וועל אייך דערציילן צוויי אנעקדאטן: ווען איך בין געווען לעצטנס אין ישראל, קומט צו מיר צו מיין שוועגערין, צמחס ווייב, און באדויערנדיק וואס איך בין איצט נישט פארהייראט, זאגט זי צו מיר מיט געבעט אין איר קול:

— וואס שלעפסטו דיך ארום אויף דער וועלט איינער אליין? איך וויל דיך חתונה מאכן. כ׳האב פאר דיר א טייערן שידוך: א מידל א גאלד — פונקט אין דיינע יארן... (מאנע קאץ איז 65 יאר אלט. ש. ט.)

א צווייטן מאָל, ווען איך בין געקומען אין ישראל, זאָגט זי ווידער צו מיר:

— נו, ביסטו שוין געקומען דאָ זיך צו באַזעצן?

— וואָס וועל איך דאָ טאָן? — פרעג איך איר.

— וואָס הייסט? דו מוזט טאַקע זיין אַ קינסטלער דעם גאַנצן לעבן? דו ביסט געווען ביז איצט אַ קינסטלער — גענוג! איצט וועסטו אַרבעטן מיט אונז אין דער „תנובה"...

— ווו וואָלט איר זיך וועלן באַזעצן? ווו וואָלט איר וועלן זאָל זיין אייער פּערמאַנענטע היים?

— מיין פּערמאַנענטע היים איז פּאַריז. איך וווין שוין דאָרט דרייסיק יאָר. מיין אַטעליער אין פּאַריז איז אַ יידיש מוזעאום.

מאַנע קאַץ ווייזט מיר פאָטאָגראַפיעס פון זיין סטודיאָ: איך זע גרויסע מנורות, מעשענע און זילבערנע חנוכה־לאָמפּן, די ווענט זענען באַפּוצט מיט פּרוכתן. אַפילו די בענקלעך און דאָס בעט זענען דעקאָרירט מיט פּאַרביקע, סאַמעטענע פּרוכתן. דער יידישער קינסטלער, לעבנדיק אין אַ גויאישער אַטמאָספערע, מוז אין זיין סטודיאָ זיך אויפבויען זיין יידישע וועלט. עס איז אין דער יידישער וועלט פון זיין סטודיאָ, פונוואַנען ער שעפּט זיין אינספּיראַציע, די אינספּיראַציע פון דורותדיקן יידישן גייסט.

— וואָס איז אייער רעליגיעזע קאָנצעפּציע? איז פאַראַן אין אייער שאַפן אַ רעליגיעזער עלעמענט?

— אויב איר פאַרשטייט אונטער רעליגיע אַז מען דאַרף דאַווענען אָדער גיין אין שול אַריין, בין איך אַבסאָלוט פריי פון די אַלע זאַכן. אָבער, אַז איך אַרבעט, אַז איך ענדיק אַ בילד, און עס איז מיר געלונגען, פיל איך עפּעס ווי צו דאַנקען עמיצן וואָס איז שטאַרקער פון מיר. אויף יידיש וואָלט מען געזאָגט: דעם רוח הקודש. אָבער די גרעסטע פרומקייט איז פאַרט די ליבשאַפט פון איין מענטשן צום אַנדערן. און אפשר טאַקע דערפאַר, אין מיין אַטעליע אין פּאַריז, הענגען צוזאַמען פּרוכתן, מנורות און אַלטע רעליגיעזע סקולפּטורן פון אַנדערע פעלקער און רעליגיעס.

— ס'איז גוט, זאָג איך צו מאַנע קאַץ'ן, אַז איר קענט לעבן שיין פון אייער קונסט. אַזאַ קינסטלער ווי רעמבראַנדט, לעבנדיק און שאַפנדיק אין דער הויפּט־שטאָט פון זיין לאַנד, אין האַרצן פון זיין פאָלק, איז פונדעסטוועגן אויסגעגאַנגען פאַר הונגער און ער האָט אַפילו פאַזירט אַלס מאָדעל פאַר זיין אייגענעם תלמיד, כדי צו פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן.

— היינט צו טאָג לעבן גאַנץ גרויסע קינסטלער יאָ פאַרמעגלעך. קינסטלער ווי פּיקאַסאָ, מאַטיס, שאַגאַל, רואָ , לעבן זייער גוט. אין זיין צייט האָט אַ וואַן־גאָג דורך זיין גאַנצן לעבן נישט פאַרקויפט קיין איינציק בילד. נאָך זיין טויט זענען די פרייזן פון זיינע בילדער געשטיגן אַזוי הויך, אַז פאַר אַן איינציקן בילד וואָס מען האָט פאַרקויפט, וואָלט ער געהאַט צו עסן אַ גאַנץ לעבן. עס דערמאָנט זיך מיר אַן אויסשטעלונג פון וואַן־גאָג. עס זענען געקומען רייכע דאַמען, באַהאָנגען מיט פאַבעלהאַפטער צירונג. מענער אין סמאָקינגס. די רייכע געזעלשאַפט האָט זיך אויסגעצייכנט געוויילט ביי די מאַרטירער־בילדער פון וואַן־גאָג. אָבער אים, וואַן־גאָגן אַליין, וואָלטן די וועכטער זיכער נישט אַריינגעלאָזן צו דער אויסשטעלונג... ער

האָט קיינמאָל אין זיין לעבן קיין סמאָקינג נישט געהאַט...

איך האָב נאָך מאַנע קאַץ'ן געוואָלט פרעגן עטלעכע פראַגן. נאָר אינ־מיטן שרייבן זיינע ערנטפערס האָט ער גאָר מיך אָנגעהויבן צו אינטערוויר־אירן. אויף איינע פון זיינע פראַגן, ווי אַזוי איך לעב, ווו מען פאַרברענגט, צי עס איז פאַראַן אַ יידישע סביבה, האָב איך אים געענטפערט:

— אַן אינערלעך רייכער מענטש קען זיך נישט לאַנגווייליקן. דאָס לעבן איז רייך און שיין און געוואַלטיק. צו עפענען אין דער פרי די אויגן און אָנצוקוקן דעם הימל, איז אַ געוואַלטיקע געשעעניש. יעדער שעה איז פאַראַן אַן אַנדערער הימל, מיט נייע וויבראַציעס און מאָלערייען אויף זיין בלויען קאַנוועז. איך באַדויער שטאַרק וואָס מענטשן קוקן נישט אין הימל כאָטש איין מאָל אין טאָג. זיי וואָלטן געזען אַ פאַרשטעלונג, פיל רייכער ווי די טעלעוויזיע קען אים געבן. נו, און דאָס לעבן זעלבסט; אין אַזאַ שטאָט ווי ניו־יאָרק, דאָס זען יעדער טאָג נייע פנימער פון פעלקער און ראַסן. יעדעס פנים — אַ געשניצט קונסטווערק. צו גיין שפּאַצירן אין טיפן פאַרק. צו מערקן יעדן טאָג אַן ענדערונג אין דעם מיליאָניק־פּאַכן אָרגאַניזם פון פאַרק. צו באַמערקן די ענדערונגען פון ווע טער, דאָס שפּילן זיך פון ווינט און לופט, זון און וואָלקן. דאָס ציטערן פון אַלע עלע־מענטן און לעבנס אין דער נאַטור. באמת, איך בין פאַרנומען גאַנצע פיר און צוואַנציק שעהן פון מעת־לעת מיטן באַ טראַכטן די שיינקייטן פון גאָט, מאַניפעסטירט אין דער וועלט. און ערשט די גרויסע קונסט, די מאָ־לעריי, די מוזיק, וואָס שפּילט כסדר אויף נייע וויסטאַס און האָריזאָנטן פון גאָטס וועלט. ווי האָט געזאָגט געטע: „די נאַטור האָט געוואָלט וויסן ווי זי זעט אויס — האָט זי באַשאַפן דעם מענטש כדי דאָס איר צו זאָגן". ניין, איך לאַנגווייליק זיך נישט אין דער דאָזיקער וועלט, וואָס אויב זי איז אוודאי נישט די בעסטע פון די וועלטן, ווי לייבניטץ האָט געוואָלט האָבן, איז זי אָבער זיכער נישט די סאַמע מיאוסטע פון די וועלטן...

עס איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע פרייד און אַ קינסטלערישע סאַ־טיספאַקציע זיך נענטער צו באַקאַנען מיטן מענטש און קינסטלער מאַנע קאַץ. אוודאי האָט מאַנע קאַץ שווער געאַרבעט פאַר דער אָנערקענונג פון זיין קונסט. מיר זענען געווינט צו זען מערסטנס דעם טריאומף פון אַ קינסטלער, אויב טריאומף קומט צו אים. אָבער עס איז אַ זייער לאַנגער, שווערער וועג פון דעם מאָמענט אַן וואָס אַ קינסטלער, נאָך דערצו אַ יידי־שער קינסטלער, אַנטדעקט אין זיך דעם ערשטן דראַנג צום מאָלן, דעם כישוף פון פאַרבן, דעם געהיימנישפולן צויבער פונם פענדזל — ביז צו די טעג פון זיין רייפן שאַפן, ווען יעדער זיכערער שטריך פון זיין פענדזל אויפן ליינוואַנט באַדייטעט שעפערישע אַרבעט. עס איז אַ לאַנגער, מיפולער, עוואָלוציאָנערער וועג. יעדער אַנטוויקלונג, יעדער עוואָלוציע אין דער נאַ־טור גייט אַן לאַנגזאַם און פאָדערט אַ סך קרבנות. בפרט די עוואָלוציע פון אַ קינסטלער. דאָס דערגיין צו זיך זעלבסט. דאָס געפינען זיך. איך האָב געקענט אַלטע קינסטלער וואָס זענען דערגאַנגען צו זיך ערשט אין די סאַמע לעצטע יאָרן, ביים ראַנד פון אַן אַנדער וועלט.

מאַנע קאַץ האָט הומאָר. האָט וויץ. האָט יידישן אָפּטימיזם. יידישע

באוועגלעכקייט. אָבער אַט טוט ער זיך אַ פאַרטראַכט, אַט דערזעסטו אין אים אַ מאָמענט פון שווערן, יידישן געמיט, פון מידקייט אפילו, פון טרויער. דער שטענדיק שמייכלענדיקער, רירעוודיקער, הומאָרפולער מאַנע קאַץ קען נישט אין מאָמענטן פאַרבאָרגן אַ טיפע ערנסטקייט. דאָס איז דער קינסטלער אין אים. דאָס איז דער ערנסטער געמיט פון אַ ייד, אַ גלאָבוס־טרעטער, וואָס זוכט אין לעבן, זוכט נאָך אַפילו אין זיין קונסט, זוכט דעם פאַנטאָם פון גליק, זוכט און באַוועגט זיך שטורמיש אין דער סימפאָניע פון לעבן און קונסט, גייט שקלאַפיש נאָך זיין שטערן, דרייט זיך עליפּטיש אַרום זיין שיקזאַל, אַרום דעם גורל פון אַ יידישן קינסטלער, וואָס האָט דערגרייכט כבוד, מעדאַלן, רייכקייט און אַפילו וועלט־רום. פיליכט איז די דאָזיקע ערנסטקייט, דער דאָזיקער אומעט, אַ גייסטיקע ירושה פון זיין טאַטן, דעם שמש, וואָס ווען ער האָט אָפּגעטאָן אַלע הצטרכותן אין דער שול, ווען ער האָט אָפּגעלערנט מיט די שטעטלדיקע יידן אַ בלאַט גמרא צי משניות, ווען ער האָט פאַרענדיקט די אַרבעט פונם גרויסן טאָג — איז ער געבליבן שטיין איינזאַם אין דער שול, גאַנץ אַליין, אַליין מיט גאָט און מיט זיין שיקזאַל, און ער האָט זיך פאַרטראַכט איבער וועלט און מענטש און איבער דעם דרך פון אַלע מענטשן און אַלע מזלות אונטער דער זון... און דאָס איז געווען דער מאָמענט פון גרויסן און טיפן חשבון־הנפש...

ווען איך זאָג מאַנע קאַץ'ן דאָס וואָס איך האָב אין אים באַמערקט, דעם שטריך אין זיין פיזיאָנאָמיע און כאַראַקטער פון דורותדיקן יידישן טרויער, זאָגט ער מיר אַז איך האָב מערקווירדיקערהייט „געטראָפן" וואָס ער האָט ערשט געמאָלן אין אַ בילד. ער דרייט אויס איינס פון זיינע פריש־געמאָלטע קאַנווועזעס און איך דערזע אַן איינזאַמען ייד, גאַנץ אַליין, אין אַ פינצטערן חדר. דער ייד, מיט טרויעריקע אויגן, ווי ברייט־אויפגעריסענע ווונדן, מיט אַ גרויסע פייערדיקע באָרד, זיצט ביי אַ ריזיקן ספר אַ פאַר־טראַכטער. דער ייד דערמאָנט אין רעמבראַנדטס „דער פילאָזאָף". פינצ־טערניש און איינזאַמקייט איז אינם חדר. דאָס מאַכט דער ייד זיין חשבון־הנפש מיט מענטש, וועלט און גאָט. דאָס איז די שטימונג פון מאַנע קאַץ, ביי זיין זיבן און פופציקסטן לעבנס־יאָר...

ווי געזאָגט, אַ קינסטלער ווי מאַנע קאַץ איז נישט קיין צופאַל. ער וואָרצלט טיף אין דעם גייסט און געביין פון זיין פאָלק. דער טאַטע דער שמש גיט אים אין לעבן דעם באַלאַנס, די פילאָזאָפיע, דעם גלויבן און די שטאָלצע שפּראַך פון זיין קונסט. און נישט נאָר דער שטילער טאַטע דער שמש. גרויסע זיידעס האָבן דעם מאָדערנעם קינסטלער באַפוילן צו מאָלן און אויסצודריקן זייער שטאָלץ און זייער זעאונג. דורות גאַנצע פאַרזאַמלען זיך אין זיין אָנגעצונדן ווערק. און דערפאַר, אין די רייפערע יאָרן, פאַר־טראַכט זיך דער קינסטלער איבער זיין פאַרגאַנגענהייט און איבער דעם קוואַל פון זיין ווערק. ער רעפלעקטירט איבער זיין אָפּשטאַם. אַ גאַנץ לעבן, אין שטורם, קיין צייט נישט געהאַט צו טראַכטן. געווען פאַרנומען מיטן שלאָגן זיך פאַר זיין ווערק און פאַר זיין גייסטיקער און פיזישער עקזיס־טענץ. ערשט ווען מען האָט דערגרייכט אַ געוויסע זיכערקייט אין לעבן,

א געוויסן רעזולטאט און נצחון אין זיין קונסט, שטעלט מען זיך אָפּ א ווײַלע און מען הייבט אָן צו טראכטן איבערן אָנפאנג פונם גרויסן גאנג אין לעבן. און דעמאָלט קומען אנטקעגן טאטעס און זיידעס, און ווייטע דורות, און מען פילט אז די דאָזיקע כוחות וואָס האָבן אין דיר מיט אזא שטורם געשלאָגן און מיט אזא פייער געבריט, זענען נישט געווען בלויז פון זיך אליין, נאָר מען האָט זיי געשעפּט פון אייגענע און בלוט־נאָענטע, מען האָט די כוחות פאַרן גרויסן פאַרמעסט, פאַרן מעכטיקן געראנגל, גע־נומען פון א סך מענטשן, פון פילע דורות, פון דעם גאנצן פאָלק און פון זיין גרויסער, הערלעכער און הערלעכער היסטאָריע...

רעגן אין פּאַרק

עס רעגנט אין פּאַרק. עס רעגנט אין מיין האַרץ, ווי אין ליד ביי ווערלען. איך קום אָנצוגיין צו א נישע אין א מויער. אין דער נישע שטעל איך זיך אוועק — אין מיין בראָנדזענעם אימאַזש. איך וויל נישט מער צוריק גיין צו דער וועלט. איך וויל דאָ שטיין בלייבן, אין בראָנדזענעם גליי־ווער. עס רעגנט אין דער וועלט. אויפן טייך גליווערט א זילבערנע שוואַן. עמעץ טוט א קראַץ מיט זיין נאָגל איבערן הימלישן קאַנוועז און די לבנה לויכט אויף ווי א בלום פון פייכטן גאָלד...

* * *

עס זענען פאַראַן אימאַזשן און שטימונגען וואָס גיבן זיך נישט צום פּאַפּיר אפילו פאַר די איידלסטע ווערטער, וואָס דו קענסט קוים אויסדריקן אין דיין וואָרט־אַפּעראַ. אימאַזשן און שט־מונגען וואָס דו באַהאַלסט בלויז פאַר זיך אליין — ביזן לעצטן טאָג, כדי זיי צו שרייבן אין א שפּראַך גרע־סער ווי די מענטשלעכע. —

ניו־יאָרק, 24 מאַי, 1950

פּעברואַר

די זון שיינט אויף. דער ווינטער האָט כמעט געטאָן זיין ווערק. א צאָל מענטשן זענען פאַרשנייעטע געגאַנגען צו זייערע קברים. א צאָל קינדער האָבן געעפנט זייערע קינדערשע אויגן. די זון שטראַמט מיט פעסער אָקע־ווים. די פעלקער גרייטן צו א נייע שלאַכט. נאָר בלויז דער דיכטער שטייט שטענדיק אינמיטן וועלט און ער גאַפט איבערן גרויסן נס. יעדער קינד איז צו אים א גייענדיקע בלום. ער באַגריסט יעדער יונגע מוטער מיט איר געווינס. בלויז דער דיכטער שטייט אין כישוף און אין שטוינונג פאַרן אומגעהויערן ווערק פון גאָט.

ניו־יאָרק, פּעברואַר, 1949

* * *

עס וועלן צייטן פאַרגיין און דיין בלייכער גוף וועט וויאַנען און זיך אין שטויב פאַרוואַנדלען. אָבער אָן אויג וועט שטענדיק זען דיין הערלעכ־קייט, די מלוכה פון דיינע שיינקייטן. קיינער אינם וועלטאַל וועט נישט קענען אויסמעקן דיין דערשיינונג — דיין יוגנט — דיין הערלעך־געפורעמטן גוף — דעם אויסגעטראַכטן דורכן געניוס פון לעבן. זאכן און סצענעס גייען קיינמאָל נישט פאַרלוירן. דאָס שיינע בלייבט אויף אייביק אינם זכרון פון דער וועלט. —

ניו־יאָרק, 11 דעצעמבער, 1948

איליאַ שאָר

איינדרוקן פון זיין מאַלעריי־אויסשטעלונג

די מאַלערייען וואָס האָבן צו מיר געבראַכט צום מערסטן פרייד, זיינען יענע אין וועלכע איליאַ שאָר האָט געמאָלן די אינגלערישע אימ־פּרעסיעס אין אידישן שטעטל. יענע רעמיניסענסן וואָס זיינען שוין איצט טהיסטאָריע. זיין מאַלערישע ליבשאַפט, זיין קינסטלערישער זכרון, גייט צו דער שול. שמחת תורה אין אַ שול. אידן טראָגן די תורה מיט לירישער צאַרטקייט. אידן טראָגן די תורה אַזוי ווי אַ געליבטע. ווי דריקן זיי צאַרט די געליבטע צום האַרצן... די געליבטע איז אָנגעטאָן אין דעם שענסטן קלייד. אין דעם זוניקסטן און גאָלד־באַצירטן מענטעלע. אין אַ סאַק פון שטראַלן. גאָלדענע אותיות לויכטן אַרויס ווי די זונען. אויב אידן טראָגן די תורה ווי אַ געליבטע, איז שוין מעגלעך, אַז שולמית, די וואונדערלעכע העלדינע פון שיר השירים, איז דאָס אידישע פאָלק, וועלכעס גאָט אומהאַלדזט. אינגלעך טראָגן די שמחת־תורה־פענדלעך ווי בוקעטן. איין אינגל וויל הויך, נאָך העכער פון אַלע אינגלעך, אויפ־הייבן זיין פאָן. אידישע פרויען, פון דער ווייבערישער שול, קוקן אַראָפּ מיט ליבשאַפט. זיי ציטערן אין זייד און אין סאַמעט. גאָלד לייכט פון די הערצער און העלדזער. עס איז אַ וואונדערלעכע דעמאָנסטראַציע פון אידישע ליבשאַפט צו דער תורה. דו ווילסט אַריינגיין אין דער פּראָצעסיע און זיך באַטייליקן מיט אַלע אידן אין דעם גאַנג פון דער אידישער געשיכטע. דו ווילסט דריקן צום האַרצן די געליבטע תורה. דו ווילסט קושן איר גאָלדענע קלייד. שמחת תורה ביי אידן — דאָס איז די פיעסטא פון גאָטס וואָרט וואָס שטראַלט אַראָפּ אויף דער ערד.

פורים און שמחת תורה. אסתר איז די קעניגין פון פורים. די תורה איז די קעניגין פון שמחת תורה. פּאַרוואָכיקטער איד פון די בלייערנע דאגות פון אַ גאַנץ יאָר! דו מעגסט היינט איבערדרייען אַ כוסה... דו מעגסט כאַפּן אַ שנאַפּס לכבוד דיין קעניגין... עס איז דער טאָג ווען אַ פלאַש מיט פלאַמיקן ווין ווערט געעפנט און זיין קאָרק זעצט ברויזיק ביזן פולאָפּ. ווען אַ בינטל שטראַלן האָבן דערטאַפּט אין אַ ווינקל די פילי־זשאַנקע מיט ווישניאַק. ווען אפילו אין די ראַמען משה מאָנטעפיאָרע און באַראָן ראָטשילד זיינען זיך משמח. אידישע שמחה! אידישע פייערונג מיטן לעבעדיקן, שטראַלנדיקן אות. דאָס בילד פון שמחת תורה איז געמאָלן מיט אַ אידנס זידנדיק בלוט, נאָך פוילן, נאָך פּאַריז, נאָך שטודיום און וועלט־מאַלעריי און וועלט־ליטעראַטור. אַ איד באַ־העפט זיך מיט אַ מאָמענט שטילקייט און טראַדיציע אין ניו־יאָרק. און עס קומט צו אים אין סאַמעטענע לאַטשן צוגיין די שול. און אידן שטראַלן גאָלדן אויף. אָ! אַזוי פיל טייערע אידן. עס איז אַ מחיה צו קוקן אויפן בילד.

אַ צווייטע מאַלעריי: מען עפנט דעם אָרון קודש. אידן זיינען אין עקסטאַז, ווי מע וואָלט געעפנט די שערי רחמים. די הימלישע טויערן ברייט צעפראַלן זיך. איין איד איז אַריינגעשמאָלצן געוואָרן מיטן קאָפּ

און טלית אינם אָרון קודש, אַזוי ווי אַ פּאַמניק פון גאָלע גאָלד אין אַ גרויסן פלאַם־פייער. עס ברענען גאָלדענע מנורות ביזן הימל. דער דאַך מיט די בלויע שוואַלבן צינדט זיך אָן און גאָט דערזעט מיט טרערנ־פולע אויגן ווי אידן צינדן זייער גרויסע אילומינאַציע צו גאָט. אַ איד האַלט זיך צו דאָס וויינענדיקע פּנים מיט די הענט. אָבער זיין צעשניטענע, בלוי־אָדערדיקע, אַרבעטסזאַמע, בעטנדיקע האַנט איז אַ אידיש פּנים. אַ שטיק פּאַרמעט אויף וועלכן אַ האַנט האָט פאַרשריבן אידישע זאָרגן און דאגות פרנסה. אָפענע שטיקער ספרים באַהעפטן זיך מיט ליכט. די געלקייט פון די בלעטער קריגן אַ גאָלדענעם תיקון. אידישע אותיות מישן זיך אויס מיט שטיקער שבתדיקן טאָג, וואָס שטראַלט אריין דורכן פענצטער פון דער גרינער לאָנקע. אַ פּייזאַזש פון תהלים פאַראייניקט זיך מיט אַ פּויליש שטיק פעלד און ווערט צו אַ מאָלערישן אָבראַז. אידישע תפילה לייכט אויף אין געמיט פונם קינסטלער מיט טויזנט ליכט. דאָס בילד איז אַ קאַרנאַוואַל פון קאָלירן. אַ יום־טוב פון מאָלעריי. דאָס איז איין גאַנג, איין ליניע, פון מאריץ־גאָטליבס יום־כיפור אין שול. דורך שמואל הירשענבערגס ישיבה־אומעט. דורך גליצענשטיין, מינקאָווסקי, זיידנבייטל, טרעמבאַטש — דורך די דערמאָרדעטע הונדערטער אידישע מאָלערס און סקולפּטאָרן אין פּוילן. דער גאַנג פון אידישע קונסט, פון גאָטליבס „יום־כיפור", דורך מאַרק שאַגאַלס וויטעבסקער פידל און ציג און זייגער־אידיליעס — און מאַנע קאַץ'ס אַנגעצונדענע אידן — ביז איליאַ שאָרס שמחת תורה־שול־פאָרטרעטן. שול־פּייזאַזשן. און פּונקט ווי גאָטליב איז געווען באַווירקט, טראָץ זיין מעכטיקן זשעניע, פון מאַטייקאָ און פון רעמבראַנדט, איז איליאַ שאָר באַווירקט פון די קינסט־לערישע שטרעמונגען און שטרעבונגען פון זיין צייט, פון זיין מאָלערישער סביבה, פון בראַק, פון פּיקאַסאָ, פון די פּאַריזער מאָדערניסטן. ער איז אַנגערירט פונם מאָדערנעם גייסט אין דער מאָלעריי. װאָרים ער מאָלט דעם נאַאיוויסטן פאָלקלאָר מיט דער ראַפינירטעט פון אַ מאָדערנעם קינסטלער.

אָט איז אַ מאָלעריי פון אַ אידישע חתונה. דער אופן און זשאַנר פון מאָלן, די בונטקייט פון פאַרבן, די אומרואיקייט פון קאָלירן, דאָס ליד וואָס שאָלט פון דעם קאַנוועז, ווייזט די גרויסע געשעעניש אין אַ אידישער משפחה, ביי אידישע משפחות. פּאָעזיע און קליינשטעטלדיקע טינט־בלויע נאַכט מישן זיך אויס. פּאָלקלאָר און ראָמאַנטיק. בלאַסע כלה. בלאַסער חתן. ביידע, חתן און כלה, שטייען אונטער אַ וואַל. דער וואַל איז פון שטערן־ליכט. דער וואַל איז פון דורכזיכטיקן זילבער. דער וואַל איז צאַרטער ווי דער צאַרטסטער זייד. ס'איז פאַראַן אַזוי פיל פּאָעזיע, אַזוי פיל שיינקייט אין דעם ליינוואַנט וואָס איז איינגעריסט אין פייער. חתן־כלה שטייען אינמיטן, אונטער דער וואונדערלעכער חופה. אַ קבר איז פּירקאַנטיק. אויך די חופה איז פּירקאַנטיק. מען וויינט ביי דער לויה. מען וויינט פון שמחה ביי אַ אידישע חתונה. מען זעט נישט קלאָר די פּנימער פון די משפחות. זיי זיינען פאַרבאָרגן אין דער טיפעניש. אין דער נאַכט. די כלה ציטערט אונטער איר וואַל. דער חתן ציטערט. ער טוט איר אָן אויף דער ווייסער, דער זילבערנער האַנט, אויף דעם

אַלבאַסטערדיקן פינגער, דאָס גאָלדענע פינגערל. ווי זיי ציטערן ביידע אַזוי ווי אַ ווינט וואָלט זיי געהאַלטן פעסט אין זיינע אייזערנע הענט. ווי זיי ציטערן אין דער אומהיימלעכער נאַכט. ווען זיי טרעטן אַריין אין דעם פּראָזאַאישן לעבן. אין דעם שווערן אידישן פאַמיליענלעבן. ווען עס ברעכט זיך פּלוצלינג איבער די פּאָעזיע פון דער יוגנט, ווען זיי גייען אַריין אין דער מיפּולער, ביטערער אַרבעט און גרויקייט פון לעבן און פון ציטערניש. עס ציטערן ביידע: חתן און כלה. און דער וואַל, דער דורכזיכטיקער וואַל, הילט זיי ביידע איין, די אידישע חתן־כלה. עס ציטערט דער נאַכטיקער סאָד מיט זיינע פרומע, אידישע ביימער. עס ציטערט די דינע לבנה. זי כליפּעט אונטער אַ וואָלקן. אַ פרומע נאַכטיגאַל זינגט אין סאָד אַ קאַפּיטל תהלים. זי זינגט אַ אידיש פאָלקס־ליד. פון קבר איז אָנגעקומען אַ נישט־דערגאַנגענער פּאָעט און ער שיט מיט גראַמען אַלאַ בדחנות. אַ איד שפּילט אויף אַ גרויסער, רויטער טשעלאָ. דו זעסט די חתונה פון „דיבוק". דו זעסט די מיסטעריע פון פּרץ: און מענדעלע און שלום עליכם שטראַלן אויף. קלאַסישע ליטעראַטור ציטערט אויף. אַזוי מאָלט איליאַ שאָר: בונט, אידיש, וועלטלעך, מאָדערן.

„נעמי" איז פּאָרטרעט פון פּיצל מיידעלע. אפשר איז עס רענואַרס אַ גליענדיקער פּאָרטרעט פון אַ קינד? ניין. בלויז אַ אידיש מיידעלע, פּאָסט־טרעבלינקע, קען זיין אַזוי בלאַס און אַזוי וואונדערלעך און טרויעריק־שיין.

„בלוי שטיל לעבן" — מיינט בלויע שטילקייט. בלוי שטיק לעבן. דאָס בילד האָט שטילע פּאָעזיע. אין דינעם, דורכזיכטיקן גלאָז אָטעמט דין די דינע, איידעלע פלאַנץ. זי צעשפּרייט זיך אַרום. זוכט לעצטע אָטעם־עקספּאַנסיע. דער קינסטלער צייכנט דין די שטימונג פון איידל־קייט און סובטילקייט. די שטילע בלויקייט באַשאַפט וואונדערלעכע שטילקייט פון געמיט. עס איז בלויע פּאָעזיע. עס איז דער קינסטלער וואָס הייבט אַרויס פון דער רעאַליטעט די סאַמע מכלומרשט אומוויכטיקע זאַכן. ער גיט זיי רעכט פון זיין, פון תיקון. ער לאָזט זיי נישט אונטער־גיין און פאַרמעקט ווערן. ער לאָזט זיי נישט פאַרגעסן ווערן. וואָרים אַ מאָמענט שפּעטער איז שוין די פלאַנץ פאַרענדערט. טויט. אָבער אויפן קאַנווע אָטעמט זי אייביק איר זויערשטאָף. דאָרט, אין דער גאָלדענער ראַם, וואוינט אַ שטילע פלאַנץ וואָס איז צו אייביקייט געוואָרן. איר דערשיינונג זינגט אַ ליד פון לעבן. פון לעבן, וואָס איז אַזוי טייער צום קינסטלער און וואָס די פּראָפּעסיאָנעלע וועלט־מערדער און וועלט־קצבים מאָרדן זינט דער אַנטשטייאונג פון דער וועלט און זינט דעם קאָסמישן אויפשטראַל פון לעבן אין די פייכטע און פעטע טאָלן פון דער ערד. זיי מאָרדן אויס מיליאָנען לעבנס און זיי אַליין קענען אפילו קיין קרישקע לעבן נישט באַשאַפן. און דאָס איז דער קינסטלער: ער קומט אָפּראַטעווען שטיקלעך לעבן פון דעם אָצעאַן פון פאַרגעסעניש. בלייב שטיין, טייערער מאָמענט לעבן פון אַ פלאַנץ. דו מאַכסט מיך אויפציטערן פאַר גליק. איך וועל דיך לאָזן אויפציטערן אין אַל דיין שיינקייט — אויף מיין סענסיטיוון אָבראַז. איך וועל דיך מיט פאַרב אַריינקלעפּן אין מיין שטיק טוך. מיט טרערן דיך וואַרעם אַריינפאַרבן און אַריינריסעווען

אינם לײַנוואַנט. לײַנוואַנט — נישט פאַר קײן תכריכים גענײט — נאָר פאַר קינסטלערישער הערלאַיק פון לעבן.

און אָט איז אַ בילד פון אַ פרוי אין בעט.. בײַם בעט שטײט דאָס קלײנע טישל מיטן בוקעט. אויף דער קאָלעכדיקער וואַנט הענגט אַ מאָלערײַ. אין צימער הערשט טיפע שטילקײט. די קאָלירן באַרואיקן די נערוון. דאָס געמיט פילט גוט אין דער אַטמאָספערע פונם צימער. דאָ וואוינט אַ שטילע פרוי וואָס ליגט איצט אין בעט. דער שולטער פון דער פרוי איז צאַרט און דין געצײכנט. געמאָלן מיט ליבשאַפט איז די פרוי, ווײַל דער קינסטלער מוז ליב האָבן דאָס וואָס ער מאָלט. נישט מיט שנאה קען מען באַשאַפן, נאָר מיט ליבע. מיט דעם זינגענדיקן שיר השירים אין האַרצן צינדט מען אָן שאַפונג. מיט גאָלד פון צערטלעכקײט רופט מען אַרויס ליבע. מיטן זילבער פון פרײַנטשאַפט שאַפט מען פרײַנטשאַפט. מיטן אײַזן פון מענטשלעכקײט קאָוועט מען מענטשלעכקײט. מיטן ערץ פון עכטקײט באַשאַפט מען קינסטלעריש לעבן. אַ מימאזע־בלום וועט זיך צוריקציען און אײַנשרומפּן ווען דו וועסט זי פרעך באַרירן. פרוי און בעט און וואַנט און טישל מיטן בוקעט בלומען האַרמאָנירן אויף אַ זעלטענעם אופן. די גאָלדענע ראַם שליסט אָפּ אַ מאָמענט שטילקײט און פרויאיש־אינטימע אַטמאָספערע. אַ דאַנק אײַך, הער קינסטלער, וואָס איר האָט מיך אַרײַנגעלאָזט מיט די אײדעלסטע כוונות אין דעם שטילן חדר פון דער שטילער פרוי. גאָרנישט איז דאָ פרעך אָדער וואולגאַר־רײַצנדיק. אַלץ איז דאָ הײליק און רײן. —

און אַזוי קען מען מיטן טינט פאַרצײכענען די אימפּרעסיעס וועגן אַלע בילדער פון אליאַ שאָרס אויסשטעלונג: „מײַן טיש" האָט עלעגאַנץ און ראַפינירטקײט פון אַ מאָדערנעם קינסטלער. „פּאָרטרעט פון אַ פרוי" איז אַ ליד. אַ וואונדערלעך ליד פון שטילקײט. „נומער 17" איז שטיל און אײדל און מיט אַרטיסטישן געשמאַק און וואוילגעפיל... פּאָרטרעט פון אַ איד" איז אַ פּאָרטרעט פון שטאָלצן אידישן גײַסט. אין דער גאָלדיק־הילצערנער ראַם איז אײַנגערעמט דאָס ספּיריטועלע פּנים פון אַ איד וואָס מען קען אין אים לײענען די היסטאָרישע גבורה פון גרעץ און פון דובנאָווס אידישע געשיכטע. אין דעם צאַרטן, אײדל־געמאָלענעם אידישן פּנים איז פאַרשריבן אַן עפּאָפּײע פון אידישן גײַסט און פון אידישע העלדישקײט. „סינאַגאָג־הינטערגרונט" האָט טויזנט חן, רײַך־קאָליר, מולטי־פאַרביקײט און פאָלקלאָריש־רעליגיעזע סביבה און שטי־מונג. בונט געמאָלן.

דאָס זײַנען מײַנע אײַנדרוקן. אויף שנעל פאַרצײכנטע, טאַקע אין דער גאַלעריע, פון אליאַ שאָרס דערפרישנדיקע מאָלערײַען. זײַן ווערק אָטעמט מיט פּאָעטישן געמיט און מיט אײַנגעהאַלטענע, באַשײדענע טענער, דורך וועלכע דער קינסטלער דערגרײכט די פײַנסטע קינסט־לערישע רעזולטאַטן.

***

אליאַ שאָר איז אויך אַ זילבערשמידט. זײַנע זילבערנע קונסט־ווערק האָבן דעם חן פון די פּרימיטיווע קונסטווערק פון די הענט פון אַלט־אידישע קינסטלער אין די פּויליש־גאַליצישע שטעטלעך. טאַקע וועגן די אידישע קונסט־בעלי מלאכות אין די שטעטלעך האָט אליאַ

שאַר לעצטנס געהאַלטן אַ רעפּעראַט אין אידישן מוזעאום. עס איז געווען אינטערעסאַנט צו הערן וועגן די דאָזיקע נאַאיווע קונסט־אויסאַרבעטער. וועגן די אַלע וואָס פלעגן מאַכן די חנוכה־לאָמפּן, יד'ן, לייכטער און זיל־בערנע און גאָלדענע כוסות. אויך גאָלדשמידן, גראַווירער, קריצער, מעטאַל־אַרבעטער; די פלעכטער, שמידער און „מיעסיאַנדזניקעס", וואָס האָבן אין די גרויסע טעג און אין די לאַנגע נעכט אויסגעאַרבעט די וואונדערלעכע קונסט־ווערק, וואָס האָבן באַשיינט און באַפּוצט אידישע הייזער און אידישע ימים־טובים. זיי האָבן אַלע געצויגן זייער יניקה פון דער אידישער טראַדיציע אין קונסט־שמידעריי און שניצעריי. דער רום פון די דאָזיקע אַרטיזאַנען איז געגאַנגען ווייט און ברייט. אידן פלעגן אפילו מאַכן לייכטער און חנוכה־לאָמפּן אויף באַרג. אין דעם וועג פון די דאָזיקע שטילע און באַשיידענע קונסט־פּראָדוצירער, וואָס האָבן יאָרהונדערטער לאַנג געשאַפן אידישע קונסט־אוצרות, וועלכע געפינען זיך אין אַ סך מוזעאומס פון דער וועלט, און וואָס זיינען איצט, דורך די היטלעריסטישע רויבער און מערדער, פאַרניכטעט און אויסגערויבט געוואָרן — אין דער טראַדיציע פון זייער קונסט־שאַפונג גייט איליאַ שאַר אויך אין זיין זילבער־ און גאָלד־אויסאַרבעטונג. נאָכמער: ער האַלט אַז דאָס איז דער איינציקער וועג וועלכן די אידישע קונסט־בעלי מלאכות דאַרפן נאָכפאָלגן. אַנשטאָט די ארץ ישראלדיקע קינסטלער, וואָס שאַפן איצט גאָר אונטערן איינפלוס פון די דייטשע קונסט־שמידער.

איליאַ שאַרס טאַטע האָט געהייסן נפתלי שאַר און איז געווען אַ שילדן מאָלער. די פּרימיטיווע שילדן זיינען אַלע פאַרשוואונדן צוזאַמען מיטן פּוילישן איד. ווער געדענקט נישט די שילדן־מאָלער אין פּוילן. די אָקסענע קעפּ פון וועמענס העלדזער די רויטע פאַרב פלעגט טריפן ווי וואַקס. שאַר דערציילט, אַז עס פלעגט זיין אַ מין ספּעציעלער אָקסע־נער קאָפּ, מיט סאַמעטענע אידישע אויגן. ווען מען פלעגט אַ קוק טאָן אויף אַזאַ אָקסענעם קאָפּ, האָט געגלוסט צו וויינען. ווען איליאַ שאַר, שוין נאָכן שטודירן אין דער קונסט־שולע, קומט אַהיים, הייסט אים זיין פאָטער אויפמאָלן אַן אָקסענעם קאָפּ. שאַר, פאַרשטייט זיך, האָט געוואָלט באַווייזן פאַרן טאַטן וואָס ער קען און ער האָט אויפגעמאָלן אַזאַ אָקסע־נעם קאָפּ. אָבער דער פאָטער האָט געזאָגט אַז עס טויג נישט.

די שילדן־מאָלערס פלעגן אויך מאָלן שילדן פאַר די אייער־הענדלער. מען פלעגט אויסמאָלן אַ הון מיט אייער. איך אַליין געדענק גוט די דאָזיקע שילדן פון שניידערס און שוסטערס, פון קצבים און סטאָליערס. וואו געפינט מען היינט אַזאַ נאַאיוו־געמאָלענעם שילד? איך וואָלט אים אַריינגענומען אין מיין קאָלעקציע און אויפגעהאַנגען צווישן די סאַמע בעסטע קונסטווערק וואָס איך באַזיץ אין מיין קאָלעקציע. ס'האָט זיך די געמאָלענע מאַנעקינס געגלוסט צו קושן און פון דעם בראָנדזענעם ברויט אויף די בעקערישע שילדן האָט זיך געוואָלט אָראָפּשניידן אַ וואַרעמען פּענעץ ברויט און פון אַן אומגעלומפּערטע פלאַש מיט וואָדקאַ האָט זיך געוואָלט אַ שלונג טאָן און אינם הילצערנעם בעט פונם סטעל־מאַך־שילד האָט זיך געוואָלט וואַרעם אַריינרוקן אין דער ווינטערדיקער שניי־נאַכט. אָ, נאַאיווע פּאָעזיע פון די טייערע אידישע שילדן, וואָס

נאאיווע אידישע מאַלאַרזשעס האָבן מיט דיקער פאַרב געמאָלן און אויס־
געדריקט זייער הונגער און זייער דורשט נאָך אמתער און עכטער קונסט...

אין די זילבערנע און גאָלדענע בשמים־ביקסלעך פון איליאַ שאָר
שמעקט עס מיט דער קונסט פון די דאָזיקע אומבאַקאַנטע בעלי־מלאכות
וואָס האָבן זייער לעבן אַריינגעשמידט און אַריינגעהאַמערט אין די מאַ־
סיווע, מעטאַלענע פאַרמען פון זייער אידישער קונסט. אין איליאַ שאָרס
ראַפינירטער מאַלעריי איז אוודאי אויך פאַראַן דעם טאַטנס שילדן־
מאַלערישע האַנט, וועמענס חלום פון קינסטלערישער מאַלעריי, זיין זון,
אליהו שאָר, האָט פאַרווירקלעכט און אַריינגעטראָגן אין דער וועלט פון
אידישער מאַלעריי. אין דער מאַלעריי פון דער וועלט.

איליאַ שאָרס פרוי, רעשע, אַ שיינע און אַ בלאָנדע אידישע טאָכ־
טער, איז אַ מאַמע פון שאָרס צוויי חנעוודיקע קינדער נעמי און מרים.
אויך זי איז אַן אייגנאַרטיקע מאַלערין. אין אירע שטילע דורכזיכטיקע,
מאַלערייען איז פאַראַן פיינער געמיט און קלאָרקייט פון קאָליר. זי מאָלט
מיט פרויאישער צאַרטקייט אירע פרעכטיקע פייזאַזשן.

ניו־יאָרק, 8 פעברואַר, 1953.

איליא שאָר : כלי־זמר

MOSESSOYER

— קענט איר מיר זאָגן ווען באַשטימט איר האָט אָנגעהויבן צו מאָלן? ווען האָט אייך דאָס לעבן געגעבן דעם ערשטן אימפּולס צו מאָלעריי? ווען זענט איר געוואָרן באַוווסטזיניק פון קונסט? — האָב איך זיך געווענדעט מיט פראַגן צום מאָלער משה סאָיער.

— זינט איך געדענק מיך, בין איך פאַרנומען מיטן פּענדזל. מיין פּאָטער, וואָס האָט געהייסן אברהם שוער, פלעגט שיין מאָלן און צייכענען. ער פלעגט מאָלן חיות, פייגל און ספּעציעל: פערד. ער איז געווען אַ ספּעציאַליסט אויף פערד. ווען ער וואָלט געלעבט אונטער אַנדערע אומשטענדן, וואָלט זיין מאָלערישער טאַלאַנט זיך צעבליט.

משה סאָיער גיט צו וועגן זיין פּאָטער, מיר ווייזנדיק אַ פּאָרטרעט וואָס ער האָט פון אים געמאָלן:

— ער האָט אויסגעזען אַזוי ווי ער וואָלט אַרויסגעגאַנגען פון אַ רעמבראַנדט: גרויסע, ברוינע אויגן, אַ פאַרקלערט פּנים, אַ בלאַסע הויט. אַ ווייס בערדל האָט אַרומגעצירט זיין פּנים.

פון טאַטן אַלזאָ האָבן די דריי ברידער, רפאל, משה און יצחק סאָיער, געירשנט זייער טאַלאַנט. זייער פּאָטער, אברהם שוער, איז געווען אַ יידיש־העברעאישער שרייבער. ער האָט געשריבן מעשהלעך פאַר קינדער. איין בוך זיינס, אין העברעאיש, הייסט „דור הולך". ער איז אַלט געווען צוויי און זיבעציק יאָר.

— ווען מיין פּאָטער איז געשטאָרבן, טרעף איך אָן אויפן גאַס דעם באַרימטן סקולפּטאָר עגריקאָ גליצענשטיין. ער האָט געקענט מיין פּאָטער זייער גוט. און ער פרעגט מיך:

— ווי אַלט איז געווען אייער פּאָטער?

— צוויי און זיבעציק יאָר!

— אַ, איך האָב נאָך צוויי יאָר צו לעבן! — זאָגט דער גרויסער קינסטלער.

— ווען גליצענשטיין איז געווען 72 יאָר אַלט, קומט ער אום פון אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע.

איך דערמאָן זיך דערביי: אויך מיין פּאָטער, מאָטל מענענבוים, האָט געמאָלן. ער איז שטענדיק געווען איינגעשמירט אין פאַרבן. זיינע אַרבל זיינען געווען פאַרפלעקט אין שטיקער זון־פאַרגאַנג. ער האָט אויף אַ פּריימיטיוון אופן געמאָלן ביימער, בלומען און מענטשן. ער האָט געמאָלן באַטשאַנעס (שטאַרכן) מיט זילבער־לאַנגע פּיס און שאַרפע, דינע שנאָבלען. וואָלט ער געלעבט אין אַן אַנדערע סביבה, גלויב איך אַז ער וואָלט אַרויסגעוואַקסן צו אַן אמתן מאָלערישן טאַלאַנט. פון מיין פּאָטער האָב איך גענומען ליבשאַפט צו מאָלעריי. איך האָב ליב דעם ווערקשטאַט פון אַ קינסטלער. דאָרט ווו עס וואַלגערן זיך פּולקאַם־פאַרענדיקטע אַרבעטן מיט ערשט־אָנגעהויבענע קאַנוועזעס. דאָרט ווו אויף די לייוואַנטן ברענען זון־פאַרגענג און נודם פון ערנסטיש־צאַרטע פרויען לויכטן אַהאָפּ מיט זייערע גאָלדענע לייבער. איך אָטעם איין מיט פאַרגעניגן דעם ריח פון פאַרב און

טערפענטין. איך וואָלט מיט די הענט מיינע אויסגעשמירט דעם הימלישן קאַנוועז.

ווען אברהם שוער, מיט זיין גאַנצע פאַמיליע, א פרוי און זעקס קינדער, האָבן באַשלאָסן אויסצוואַנדערן קיין אַמעריקע, אַזוי ווי אַ ביבלישע פאַמיליע, זענען זיי פאַרפאָרן קיין לוצין, אין וויטעבסקער גובערניע, וווּ ער אַליין איז געבוירן געוואָרן. דאָרט האָט ער זיינע זין איינמאָל מיטגענומען צו אַ יידישן קרעמער, ביי וועמען ער האָט געקויפט וואַסער־קאָלירן. דער קרעמער, וויסנדיק אַז זיינע זין מאָלן, האָט זיך געווענדט צום פאָטער:

— איר קענט קריגן פון מיר די וואַסער־קאָלירן אַ מתנה, ווען אייערע קינדער וועלן פאַר מיר מאָלן אַ בילד פון איוואַן דעם גרויזאַמענס שלאָס...

די יונגע סאָיערס האָבן געמאָלן דעם שלאָס און זינט דעמאָלט האָבן זיי געמאָלן אפשר אַרום פופציק בילדער פון דעם היסטאָרישן פּאַלאַץ פאַר די איינוווינער פון דעם שטעטל לוצין, אין וויטעבסקער גובערניע, פון וואַנען עס שטאַמט אַגב מאַרק שאַגאַל.

בשעת משה סאָיער זיצט נעבן מיר און ער דערציילט מיר פון זיין לעבן, מיר ענטפערנדיק אויף מיינע פראַגן, בין איך פאַרכאַפּט און פאַרכישופט פון די בילדער אויף די ווענט. דער מאָלער ראַדט. ער ברעכט אָפּ, ווי פון אַ גרויסן לעקאַך, שטיקלעך דערינערונגען פון זיין לעבן. פון דעם גרויסן לעבן פון אַ קינסטלער. אָבער איך בין פאַרכישופט פון אַ קאַנוועז מיט אַ יידישער טאָכטער ביים טיש מיט אַ בוקעט רייך־געמאָלטע בלומען. איר בלאַסע הויט גלוסט זיך מיר. באַרירן מיט מיינע ליפּן. דער פּערפיום פון אירע טונקעלע האָר וויל איך קרעפטיק אַריינאָטעמען אין זיך. די פּערפיומיקע פייכטקייט פון אירע טונקעלע האָר. עס ווילט זיך מיר אָנרירן מיט מיין האַנט איר דינע, איידעלע האַנט. די איידעלע האַנט פון אַ פרוי איז ווי אַ דינער בוקעט מיט בלומען. איר האַנט איז ווי אַ ליליע. עס ווילט זיך מיר זאָגן צו דעם בלאַסן, צאַרטן מיידל:

— עס איז גוט וואָס איר זענט דאָ... עס איז הימלעך מיט אייער רייצנדער עקזיסטענץ. איר אָטעמט אַרויס פונם קאַנוועז אַזוי וווּנדערלעך פּרוואַיש־וואַרעם. איר שפּרייט אין דער קליינער שטוב אַזאַ עראָטישן רייץ. איך האָב אייך ליב, מיין שטילע פּרינצעסין...

און אויף נאָך אַ בילד פאַלט מיין בליק. אַ גרויסער קאַנוועז מיט דריי איידעלע נייטאָרינס ביי די מאַשינען. זיי דערמאָנען מיך אין פּרץ'ס נייטאָרינס. דאָס זענען די דריי בלאַסע נייטאָרינס, מיט זייער בלאַסער הויט און שטילע, איידעלע פיגורן. אין זיין קינדהייט האָט משה סאָיער אוודאי געמוזט הערן דעם טרויעריקן ניגון פון די דריי נייטאָרינס, וואָס ווערן גרוי און אַלט ביי די מאַשינען. זיי קריגן גרויע צעפּ און זיי פאַרנייען זייער שיקזאַל. ס'איז אין אים, ווי אַ דיבוק, אַריין אַ ליד און ס'איז אַרויס פון זיין געמיט אין דער דאָזיקער שטילער, אומפּרעטענציעזער מאָלעריי.

אַלע פרויען־פיגורן פון משה סאָיער זענען געמאָלן אויסערגעוויינלעך איידל. די פרוי איז זיין פּאָעזיע. די פרוי ציטערט אויף צאַרט און וויאָלאָנטשעליש אין אַלע זיינע בילדער. די פרוי איז זיין שטילע ליד. די פרוי מיט דער טונקעלער בלוזקע און אינם רויטן קלייד. די בלאַסע פרוי אין שוואַרצן קלייד. די פרוי, די איידעלע פרוי אויפן קאַנוועז פון אוניווערס. געמאָלן מיט די פאַרבן פון דעמערונג. ווי שיין איז די פרוי ווען געמאָלן

שיין און שטיל אויף סאַיערס בילדער. עס איז נישט די אָנגעצונדענע ווענוס פון טיציאַן. און נישט באַטיטשעלים רייך־געמאָלטע סימאָנעטא, וואָס גייט דורך אַזוי ווי אַ חלום דורך אַלע בילדער. סאַיערס פרויען־מאַ־ דעלן טרעף איך אָן אין גאַס. ער לאַדט זיין איין אין זיין מאַלעריי פון קליי־ נעם פּאַרק, וווּ זיי זיצן אין פאַרנאַכט, מידע פון דער אַרבעט, דאָרטן ווו די אַש־גרויע טויבן שפּאַצירן אַרום. זיין מאָדעל קען איך פון ניו־יאָרק. סאַיער טוט אָן דאָס אַרבעטער־מיידל אין אַ קרוין פון פּאָעזיע. זי לויכט בלאַס אויף זיין מאַלעריי.

וויניק בלומען. גאָרנישט, דאַכט זיך. קיין לאַנדשאַפטן. ער לעבט, דער קינסטלער, אין ניו־יאָרק. ס׳האָט די שטיינערנע ניו־יאָרק נישט קיין ווייכע, קיין מאָלערישע לאַנדשאַפטן. בלויז די שטילע, מאַלערישע פרויען זענען אירע לאַנדשאַפטן. אַ פרוים שלאַנקער גוף — אַ פּייזאַזש. איר קלייד — אַ גאָלדענער פעלד. איר פּשוט, בלייך פּנים — סאַיערס לאַנדשאַפט.

דאָך גייט אַראָפּ פון אַ בילד אַ בוקעט מיט בלומען און גריסט זיך צו מיר פריינטלעך. סיער מאָלט דיקע, געלע זון־בלומען. ווו האָב איך גע־ זען דיקע, ליידנשאַפטלעכע זון־בלומען? ביי וואַן גאָג. די באַרימטע „זון־ בלומען”, געמאָלן מיט פייער און ליידנשאַפט. שוואַרץ־פאַרברענטע אַזש...

צאַרטע, דינע פרוי שטייט אין גאָרטן דין ביי אַ דינעם בוים. זי איז די הויכע, די גאָלדענע פלאַנץ. זי איז דער דינער בוים אין גאָרטן. זי וואַקסט אַרויס פון דער ערד. זי רירט אָן דעם הימלישן סופיט מיט איר גאָלדענעם קאָפּ. נישט פון שיר־השירים׳ס האָניק־שמעקנדיקע סעדער קומט זי פייכט און האַלב־נאַקעט אַרויס, צו זוכן דעם קעניגלעכן געליבטן אין דער טווי־ בלאַסער און טינט־בלויער נאַכט. דאָס איז אַ פרוי פון ניו־יאָרק אויף אַ ווײַלע געבליבן שטיין פאַרן דמיון פונם מאָלער. גיי ווייטער דיין וועג, צו־ פעליקער מאָדעל. ווער פאַרלוירן אין לעבן מיט מאַן, מיט קינד, מיט דיין גאַנץ שיקזאַל. נאָר איך, קינסטלער, אַרעסטיר דיך יום־טובדיק אין מיין מאָלעריי. די גרינע צווייגן זענען די גראַטעס פון דער מאַלערישער טור־ מע. דאָ בלייבסטו שטיין, טייערע, צו האַלטן אייביקע קאָמפּאַניע מיין ווינקל־גאָרטן, די פּאָר מאָגערע ביימער... אומפּרעטענציעז שטעל איך דיך אַריין אין מיין מאָלעריי, פּשוטע, ערדישע פרוי; שיין אַזוי ווי דו ביסט אין לעבן. דו אַליין ביסט שענער ווי אַלע אויסגעטראַכטע אימאַזשן.

און סאַיערס מאָלעריי באַווייזט ווי דאָס פּשוטע לעבן קען זיין שיין. מען באַדאַרף נישט צוטראַכטן קיין שום אויסערגעוויינלעכעס. ס׳איז יע־ דער יונגע פרוי שענער ווי אַ געטין. ס׳איז יעדער פרוי און קינד — אַ מאַדאָנע מיטן קינד. מאָל דאָס פּשוטע לעבן, און דו זינגסט דיין געזאַנג צו דער גרויסקייט און שיינקייט פון לעבן.

מישה סאַיער זיצט נעבן מיר. ווי פון אַ לירע בישופט ער אַרוים אין אָפּגעבראָכענע, שטילע רייד די פיגור פון זישע לאַנדוי.

— ווען איך בין געווען יונג און קיינער האָט מיך נישט געקענט, האָט זישע לאַנדוי געגלויבט אין מיר. און דאָס וועל איך אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן...

משה סאַיער איז דעמאָלט אַלט געווען אַרום צוואַנציק יאָר. זיין זון דוד, וואָס איז געווען פאַרליבט אין לאַנדוי, איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קינד פון אַרום פיר יאָר. עס איז געווען אין די טעג פון די „יונגע” די

גאלאנטן און עסטעטן פון די „יונגע" האבן דעמאלט נעקעניגט און געפרינצעוועט. עס גייען אויף די אוונטן אין „קאפע ראיאל". דעמאלט איז עס זישע לאנדוי ארויסגעגאנגען ווי א פאעט און אן אידעלער מענטש צו זיינע פריינט. דעמאלט, ווען די קליינע סאיער־פאמיליע איז געוועזן ארעם, און אומבאקאנט, אויף די טרעפ פון גאנצע זעקס גארנס, אין אן אלטן הויז פלעגט ארויפגיין א מאן וואס איז געוועזן יונג און בלאנד און פעט און פון וואנדערשיינעם אויסזען, אבער שוין קראנק מיט א טויט־לעכער קראנקהייט: זיין הארץ איז געוועזן אנגעגריפן. זישע לאנדוי, וואס האט געהאט בלויע אויגן, ווי בלויע שטילער הימל, אין פארנאכט, ווען די זון פארגייט, איז אליין געוועזן זייער ארעם. דאך פלעגט ער קומען מיט גאנצע פעקלעך מיט שפייזן: קאנסערוון מיט פלייש, מיט זופן, מיט גרינצייג און מיט פרוכטן. זיי פלעגן עסן מיט גרויס אפעטיט פון דעם מאלצייט וואס ער האט געבראכט. נאכדעם, ביז טיף אין דער בלויער נאכט, פלעגט לאנדוי זיצן און לייענען פראנצויזישע פאעזיע: ווערלען, רעמבא, באדלער און פראספער מעריִמע. פון אים האט סאיער געלערנט די שיינקייט פון אמתער גרויסער פאעזיע. די סאיערס זענען געוויינלעך אויפגעצויגן געווארן אויף רוסישע ליטעראטור. און דא האט לאנדוי געעפנט א פאנאראמע פון וואנדערשיינער וועלט־דיכטונג.

זישע לאנדוי פלעגט די סאיערס נעמען אין רעסטאראנען. אין יאפאנישע און כינעזישע פלעצער. ער פלעגט עסן פיל. עס איז אין אים געווען אן אומדערזעטיקטער הונגער פאר מאכלים. אפשר איז דאס נאך געווען א רעזולטאט פון די טעג ווען ער איז געווען שטארק הונגעריק.

אפשר א ז פון

די דאזיקע ציטן אין אים געבליבן א גרויסער, אן אומדערזעטלעכער הונגער. ער פלעגט שטענדיק זאגן:

— איך וועל שטארבן יונג!

און, ער האט פארויסגעזען זיין פריצייטיקן טויט. ער, דער סענסיטיווער פאעט, האט ממש אנגערירט זיין טויט, ווי קיטס...

זישע לאנדוי איז געווען אויסערגעוויינלעך פאראינטערעסירט אין קונסט. ער האט שטארק ליב געהאט מאלעריי.

איינמאל האט משה סאיער געבראכט זישע לאנדוין אין דער סטודיא פון זיינעם א פריינט, דעם יונגן קינסטלער לואי ריבאק. דער יונגער קינסטלער איז געווען אין א גרויסער נויט און סאיער האט געטראכט אז זישע לאנדוי וועט ביי אים עפעס קויפן. לאנדוי האט דערזען א קליינע אויל־מאלעריי. עס איז אים שטארק געפעלן.

— וויפל קאסט דאס בילד? — פרעגט דער פאעט.

דער מאלער, א באשיידענער, זאגט אים דעם פרייז. זישע לאנדוי הייבט זיך אן צו דינגען מיטן מאלער אז דאס בילד איז ווערט מער... און ער גיט אים צוויי מאל אזוי פיל וויפל דער מאלער האט געפאדערט...

ווען לאנדוי גייט אוועק, קוקן זיך ביידע מאלערס איבער: דעם יונגן קינסטלערס אויגן שטראלן, א דערפרייטער און א דערמוטיקטער פון

לאַנדויס אײדעלער באַציאונג און פּערזענלעכקײט.

משה סאָיער האָט געמאָלן זישע לאַנדויס פּאָרטרעט.

— ער זעט דאָ אויס אַזוי זוי אָסקאַר װײַלד! — גיט צו דער קינסטלער.

אײנמאָל פֿרעגט חיה'לע, זײַן טאָכטער, זישע לאַנדוין:

— טאַטע, װען דו װעסט שטאַרבן, װאָס װעסטו טאָן מיט אַלע דײַנע קונסט־בילדער?

— זײ װעלן געהערן צו דיר, צו דײַן מאַמען, צו דײַן שװעסטער!

— זאָגט זישע לאַנדוי.

— די אײנציקע זאַך װאָס איך װאָלט װעלן האָבן פֿון דיר, איז סאָיערס פּאָרטרעט.

— און װאָס װעט זײַן װען דו װעסט שטאַרבן פֿריער פֿאַר מיר? — האָט זישע לאַנדוי אַ מעלאַנכאָלישער געפֿרעגט.

— דאָס אַרט מיך נישט. נאָר אויב דו שטאַרבסט פֿריער, װײַל איך האָב סאָיער'ס פּאָרטרעט...

אַרום זישע לאַנדוין פֿלעגן זיך דרײען אַ סך פּאָעטן: אַבֿרהם טאַבאַטשניק, אַבא שטאָלצענבערג. און אויך דער עלטערער יוסף ראָלניק, װעלכן מיר האָבן אַלע געהאַלטן פֿאַר אַ גוטן פּאָעט. אויך די מאָלערס בנימין קאָפּמאַן און יהודה טאָפּעל זענען געװען נאָענטע פֿרײַנט פֿון זישע לאַנדוי. און מאַני לײב.

װען סאָיער פֿלעגט קוקן אויף מאַני לײבן, װי ער זעט אויס אַ יונגער, אַ שלאַנקער, זײער אַ שײנער, פֿלעגט ער טראַכטן אַז ער װעט שטאַרבן יונג... װײַל די דאָזיקע װעמען די געטער ליבן שטאַרבן יונג...

— מאַני לײב פֿלעגט אַלעמאָל זאָגן אַז װען ער װעט אַלט זײַן פֿופֿציק יאָר, װעט ער שוין מער נישט לעבן. װען ער איז אַלט געװען זעכציק יאָר, האָב איך אים אײנמאָל געטראָפֿן אין סאָבװײ, אַן עטװאָס פֿאַרעלטערטן, אַ גרוילעכן — אָבער נאָך אַלץ דער שײנער פּאָעט מאַני לײב...

אויף אַ קאַנװעז װײַזט זיך אַ מײדל די שײנע אויגן אירע. מיר טוט דאָס װײ. פֿאַרװאָס זאָלן אַ װוּנדערלעך מײדלס שײנע אויגן װערן פֿאַרטרערנט? אַ שײנע מאָדעל טאָר נישט קאַליע מאַכן אירע כּלה־שײנע אויגן מיט געװײן.

— אפֿשר קען מען איר מיט עפּעס העלפֿן? — פֿרעג איך דעם קינסטלער. װײנט זי װײַל עמעץ האָט זי באַלײדיקט?

— נײן. זי איז אַ טענצערין װאָס װײַזט זיך אָפּ איר פּנים. רעמבראַנדט האָט אַ בילד פֿון אַ פֿרוי װאָס װײַזט זיך אירע אויגן מיט אַ האַנטטוך און זי װײנט... איך װעל אײן אַ טאָג מאָלן אַזאַ בילד...

מיר װערט בעסער אויפֿן האַרצן װאָס דאָס מײדל װײנט נישט װײַל זי איז געװאָרן באַלײדיקט. דאַך װילט זיך מיר צוגײן צום מײדל און איר אויפֿהײבן פֿון דער ערד און איר אױעקזעצן װי אַ קעניגין, אויף אַ טראָן. זי איז זיכער שענער װי די קעניגין פֿון לאַנד...

און נאָך אַ קאַנװעז פֿאַנגט מײַן אויפֿמערקזאַמקײט: אַ זיסער פּאָרטרעט פֿון אַ מײדל פֿון בלוט און מילך. זי האַלט זיך אין אויסטאָן איר דינע העמדל. איר לײב, די יונגקײט און די צאַרטקײט פֿון אירע בריסטן, שטעלן אָפּ דעם אָטעם... װען זי װעט שוין פֿון לאַנג זײַן אַלט און טרויער

ריק, און די נאַטור וועט איר אָנטאָן דאָס קלייד פון פּאַרוויאַנעטקייט — וועט אַ ראָמאַנטישער צושויער זי אָנקוקן מיט צאַרטקייט און מיט ליבשאַפט דאָ אויפן פּאָרטרעט, ווו זי בלייבט אויף אייביק שטיין אין איר קינדישער חנעוודיקייט...

משה סאָיערס קונסט האָט נישט די דעגענעראַציע און די ברוטאַליטעט פון אַ סך פון מאָדערנע קינסטלער. זיין קונסט איז פּשוט און פריש און גרויס. זיינע נוד־פרויען זענען הייליקע פרויען פון פּשוטן לעבן. עס איז אַ וועלט פון מאָלערישער שטילקייט אין זיינע לייוואַנטן. ער טוט זיינע מאָדעלן נישט וויי. ער פאַרשעמט זיי נישט. ער מאָלט זיי מיט דער שיינקייט וואָס גאָט האָט זיי געגעבן. זאָגט דאָך עמעץ וועגן קונסט: גאָט באַשאַפט דאָס לעבן. דער קינסטלער גיט עס פאָרם.

סאָיער האָט אין הארצן אַ טיף געמיט און פּשטות. ער פירט שטענדיק אַרויס אויפן לייַנוואַנט זיין אייגענעם מאָדעל פון אַ פרוי. זיין שטילע געשטאַלט.

מיר רעדן וועגן הערמאַן גאָלד, אויף וועמענס גוף די ערשט־צוגעלייגטע ערד איז נאָך פריש און ווייך. סאָיער האָט גאָלדן אויך געקענט פון יענער צייט. ער פלעגט דעמאָלט אַרומגיין מיט אַ בלאָנד מיידל. זי איז געווען אַ שיינע, אַן איידעלע מיידל. זי פלעגט וויינען... זיי זענען געווען אַ מאָדנע, נישט צוגעפּאַסטע פּאָרפּאָלק... ער — מיט זיין ווילד־צעשויבערטע באָרד. מיט זיינע וויצן. זי האָט אים ליב געהאַט און האָט אָפט געוויינט...

משה סאָיער האָט באַציאונג און טיפע דאַנקבאַרקייט צו די יידישע פּאָעטן פון יענער צייט, באַזונדערס, ווי שוין דערמאָנט, צו זישע לאַנדוי. עס איז איצט געטער־דעמערונג. זיי גייען איינציקווייז שלאָפן, די פרינצן פון דער פּרעכטיקער גרופּע „די יונגע”. זיי גייען איינזאַמע שלאָפן. ווייזט אויס אַז עס איז דעמאָלט געווען אַ נאָענטערע קאָאָפּעראַציע צווישן מאָלעריי און ליטעראַטור. מאָלערס ווי וואָלקאָוויטש, קאַפּמאַן, טאָפּעל און די ברידער סאָיער געדענקען גוט יענע טעג, ווען עס איז געווען קעגנזייטיקער איינפלוס, באַווירקטע שעפערישקייט. פּאָעזיע און מאָלעריי האָבן זיך נאָענט אָנגערירט דאָס איז געווען לאַנג צוריק... נישט איצט... דער יידישער מאָלער איז איצט איינזאַם... דער יידישער דיכטער איז איצט איינזאַם... זייערע וועגן זענען זיך צעגאַנגען. נאָר ווען עס קומט אַ יידישער שרייבער אין דער סטודיאָ פון אַ יידישן מאָלער, פון אַ משה סאָיער, דערמאָנט ער זיך אין יענע צייטן... עס זענען נישט געווען קיין צופיל פרייִלעכע צייטן קיינמאָל: ס׳האָט געפעלט ברויט אין הויז. ס׳האָט געפעלט אָנערקענונג. מען האָט געשטעלט די ערשטע טריט פון אַ קינסטלער... נאָר יונגט איז געווען. אַמביציע האָט געגליט אין הארצן... יעדן איינעם, וואָס האָט אין יענע גורלדיקע טעג אויסגעשטרעקט אַ האַנט, איז מען טיף דאַנקבאַר געווען...

די גאַנצע צייט, ווי געזאָגט, בין איך פאַרכישופט פון משה סאָיערס שטילער און איידעלער קונסט. נישט נאָר פון די דאָזיקע לייוואַנטן וואָס שטייען צו מיר מיט אָפענע פּנימער, נאָר אויך פון די וואָס זענען אויס־

געדרייט צו דער וואַנט צו. מיין דמיון דרייט זיי אויס און קוקט אין זיי אַריין. איך עס יעדעס פּיצל פאַרב. איך טרינק יעדעס פּיצל ליכט. איך אָטעם איין דעם ריח פון „פּעינט". דאָס צנ וואָס מיין פאָטער האָט אין האַרצן געשטרעבט, אָנצורירן דאָס גאָלד און דאָס זילבער און דעם פייער פון פאַרבן, דאָס שטרעב איך אויך. אַן אַלטע שטיק האָלץ, דורכגעפּרעסן פון מאָלן. אַ בלעכערנע וואַזע מיט אויסגעטרוקנטע פּענדזלען. אַן אַלט בוך מיטן אויפשריפט פון אַ מחבר אויפן שער־בלאַט. אַ פּרוי וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון אַ קאַנוועז מיט איר הונט אויף אַ שפּאַציר. די פענצטער פון שטוב וואָס זענען פול מיט די ניואַנסן פון פאַר־גייענדיקן מאַיאָוון טאָג; די ווענט פאַרשטעלטע מיט מאָלערייען; אַן אַלטמאָדישער מינטער אין וועלכן עס הויערט דער פינצטערער כאַאָס פון טינט; צע־קוועטשטע פאַרב־פּאַלעטן מיטן אָפּדרוק פון דעם מאָלערס פינגער־צייכנס; די פּאָליטרע מיט פאַרגליווערטע פּעינט, ווי שטיקער בלוט נאָך אַן אָפּעראַציע; די זון וואָס פאַרגייט אויף די דעכער פון גרעניזדזש ווילעדזש און די זון וואָס פאַרגייט אין אַ קאַנוועז פון סאָיער; דער גרינער פּלוש פון אַן אַלטע שטול וווּ עס זיצט דאָס דינע, איידעלע מאָדעל אין איר וווּנדער־לעכער נאַקעטקייט; אַ וואַזאָן וואָס איז פאַרוויאַנעט אין זיינע פּיזישע בלעטער — אָבער וואָס האָט אַ ווונדערלעכן גרין אויפן ערשט־אָנגעהויבענעם קאַנוועז; אַלץ, אַלץ אָטעם איך אַריין און נעם אַריין אין זיך מיט ליבשאַפט און מיט דאַנקבאַרקייט. עס איז ווי מיין טאַטנס נשמה וואָלט אין מיר זיצן ווי אַ פאַרשאָלטענער דיבוק און דאָ פאַרברענגען אין אַ קינסטלערס סטודיאָ און וואָלט שטילערהייט און צערפּול מורמלען צו מיר:

— גיי נאָך נישט אַוועק. זיי נאָך דאָ אַ ווײַלע, אין דעם קינסטלערס סטודיאָ. איך האָב דאָ גרויס פאַרגעניגן. מיין לעבן ציטערט דאָ אויף אויפדאָניי. איך אָטעם אויף מיטן פרילינג פון פאַרבן און פון אַמביציעס. איך ריר ווידער אָן זשעדנע, מיט ציטערנדיקע הענט, די אַלע מאָלערישע זאַכן צו וועלכע מיך האָט טיף אין האַרצן ווי מיט כישוף געצויגן. גיי נאָך נישט אַוועק, זון מיינער. עס איז מיר אַזוי גוט צו אָטעמען דאָ מיט דיינע לונגען און מיט דיינע הענט אַלע זאַכן און פאָרמען צו באַרירן און מיט דיינע אויגן ווידער צו זען אַלע זאַכן... עס איז מיר אָנגענעם אַ ווײַלע צו לעבן אין דעם פייער פון שאַפן...

אָט אַזוי רעדט צו מיר אַרויס מיין פאָטער פון מיין האַרץ, אין משה סאָיערס סטודיאָ.

עס איז געווען פאַרנאַכט ווען איך האָב פאַרלאָזן משה סאָיערס סטודיאָ. עס איז מיר געפעלן די שטילע פאַרזעגלעכקייט משה סאָיער. אַ געוויסע שטילקייט, אַ מין מעלאַנכאָליע, באַהערשט זיין וועזן. דאָס איז אַ שעפערישע מעלאַנכאָליע. פון דער דאָזיקער טיפער שטילקייט, באַשיידנקייט און מעלאַנכאָליע גייט אַרויס עכטע, מענטשלעכע קונסט. איז מיר געפעלן סאָיערס שטילע ווייב, אַ געוועזענע טענצערין, וואָס האָט געדינט צום קינסטלער אַלס פּרעכטיקע מאָדעל. אַ סך פון די דאָזיקע מאָלערייען,

ווי געזאָגט, זענען פול מיט די אײדעלע גלידער פון איר גראַציעזן גוף... אירע האָר זענען בלאָנד און איר שמייכל איז פון גאָלד אויף איר גאָלדענעם, צאַרטן פנים...



מאָזעס סאָיער : מוטער און קינד

קאַלירן קומען צו איר פון אַלע וועלט־האָריזאָנטן

איינדרוקן פון אַ באַזוך ביי דער קינסטלערין

עס איז געווען אַ בלויע נאַכט, איינע פון די סאַמע לעצטע טעג פון דעצעמבער, 1952, ווען איך בין געגאַנגען דורך די געסלעך פון גרעניטש ווילעדזש צו דער וואוינונג פון רבקה ענדזשעל. די לבנה האָט זיך שאַרף אַרויסגעשניטן איבער דעם פאַסטעלישן הימל, אַזוי ווי אַ פאַפירענע בלום אין אַ טעאַטער־דעקאָראַציע. אויף מעקדוגאַל סטריט, וואו עס וואוינט די קינסטלערין, האָט געהערשט טיפע שטיל־קייט. די שטילקייט פון אַכטצנטן יאָרהונדערט. דער סטיל פון דעם הייזער־געבוי, די אַלטמאָדישע אַרכיטעקטור, די באַשיידנקייט פון די קליינע פענצטער און קליינע טירן, די גרינע לאָדנס איבער די פענצ־טער, האָבן מיך צוריקגעפירט צום אַכטצנטן, צום אָנהויב נײַנצנטן יאָרהונדערט. אין די קליינע רעסטאָראַנען, אין די טיי־פּלעצער, אין די ווינקלענדיקע און טיפע וויין־קעלערן, זיינען געזעסן פאַרטראַכטע מענטשן. באמת, אין איינעם אַ טיי־הויז, האָט זיך מיר געדאַכט, זיצן סערוואַנטעס און ריטער דאָן קיכאָט. מחבר און כאַראַקטער האָבן אַ געמיטלעכן שמועס וועגן וועלט־עסקים. סערוואַנטעסן האָט געפעלט זיין רעכטע האַנט, וואָס ער האָט פאַרלוירן אין עפּעס אַ שלאַכט ביי לעפּאַנטאָ. מיט איין האַנט, דער לינקער, האָט ער פונדעסטוועגן אָנגעשריבן די בעסטע נאָוועלע פון דער וועלט־ליטעראַטור. ביי דאָן קיכאָטן ווידער איז דער קאָפּ געווען אַ ביסל פאַרנעפּלט . . .

ביי אַ טישל איז געזעסן אַ שפּאַניער, ענלעך צו דאָן כאָזע, און לעבן אים, אין אַ פלאַמיקן קלייד, קאַרמענסיטאַ, פונקט ווי זי וואָלט נאָר־וואָס אַרויס פון די פירענעאישע בערג, צי גאָר פון דער „קאַרמען"־אָפּערע. עס איז מיט אַ ווענעציאַנישע גראַפין געזעסן אַ זייער שיי־נער, שטאָלצער מאַן, ענלעך אויף לאָרד בייראָן, מיטן קרומען פוס און דעם קאָפּ פון אַפּאָלאָ. זיין פנים איז געווען בלאַס ווי די לבנה. זיין האַנט איז געווען בלאַס ווי זיין פנים. אין די פענצטער פון די קאַ־פעען זיינען געשטאַנען וואַזעס און אורנעס. סטאַטועטקעס פון פאַר־שיידענעם כאַראַקטער. אַלע רעסטאָראַנען האָבן אויסגעזען ווי דעק־קאָראַציעס צו דער אָפּערע „לאַ באָהעם".

איך בין אַרויפגעגאַנגען די טרעפּ פון אַן אַלטן הויז. איך האָב אויפן צווייטן גאָרן אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר מיטן נומער עלף. ס'האָט אַ קליינע פרוי געעפנט די טיר. דאָס איז געווען די קינסטלערין רבקה ענדזשעל. זי האָט מיך אַריינפאַרבעטן אין איר וואוינונג. עס זיינען געווען דריי פיטשינקע צימערלעך. אַ בעטלער לעבט אין אַ גרעסערן און שענערן אַפּאַרטמענט. די ווענט זיינען געווען פאַרהאָנגען מיט בילדער. אין די ווינקלען פון אַלע דריי צימערן זיינען געשטאַנען בערג מיט מאָלערייען. אַ פרעסקאָ איז געהאָנגען אין דער קיך און האָט פאַרנומען, מ'שטיינס געזאָגט, די גאַנצע וואַנט. עס איז געווען אין די צימערן אַ סך שטויב. עס איז געווען שווער צו אָטעמען.

אָבער באַלד האָט די קליינע און ליבע רבקה ענדזשעל, מיט איר כאַראַקטעריסטישע באַוועגלעכקייט, פלינקייט און ענערגיע מיר אָנגעהויבן וויַיזן אירע בילדער אין דריטן קליינעם צימער. אַ שפּאַרונע פון פענצטער איז געווען אָפן. איך בין געזעסן אויף אַן אַלטער אָפּגעריבענער קאַנאַפּע. דאָס ליכט איז נישט געווען פּאַסיק אויף צו באַליכטן מאַלערייען. אָבער ווי נאָר איך האָב דערזען די ערשטע מאַלערייען, איז מיר וואַרעם געוואָרן אין האַרצן. דאָ איז פאַר מיר געשטאַנען אַ גרויסע קינסטלערין. מיט אַ רייכער פּאַלעטע, מיט אַ גרויסער פאַנטאַזיע, מיט אַ פענדזל פון וועלכן עס טריפט פייער און גאָלד, מיט אַ זייער איידעלער סענסיטיווקייט, מיט דער פּאָעטישסטער און צאַרטסטער באַציאונג צו נאַטור, צו די ניואַנסן, צו די דינסטע טענער פון דעם דרויסן. כ'האָב דערזען שטיין פאַר זיך אַ קליינע פרוי, אַ גרויסע קינסטלערין, וואָס האָט באַוויזן, אין דער גרויסער וועלט פון מאַלעריי, צו גיין מיט איר אייגענעם לויטערן, אָנגעצונדענעם שטעג אין דער קונסט. וואָס גייט איר פּרעכטיקן גאַנג דורך פּאַרקן פון פלאַמען.

עס איז שווער אויסצורעכענען די טעמעס פון אירע בילדער, נאָך שווערער איז צו באַשרייבן דאָס וואָס איך האָב אין דעם דאָזיקן אָוונט געזען אין איר הויז. ווי אַ טייוול האָט זי מיר אָפּגעדעקט אוצר נאָך אוצר. איך שרייב „ווי אַ טייוול", מעטאַפאָריש. אין דער אמתן איז פאַר מיר געשטאַנען אַ ליבע, טייערע, אידישע פרוי, וואָס האָט מיט פרייד און מיט ליבשאַפט מיר געוויזן די בריליאַנטן פון איר וואונדערלעכן מאַלעריי־אוצר.

רבקה ענדזשעלס בילדער, ווי מערקווירדיק, דערמאָנען אין די גרויסע קינסטלער פון דער וועלט: אין באָטיטשעלי, אין דאַנטע גאַבריעל ראָזעטי, אין גאָגען, אין רענואַר, אין שאַגאַל. און דאָך זיינען עס בלויז רבקה ענדזשעלס בילדער. אַ גאָלדענער מלאך האָט זיי געמאָלן אין אינספּירירטע שטונדן. קאָלירן, דאַכט זיך, קומען צו איר צוגיין פון אַלע וועלט־האָריזאָנטן, און זיי בעטן זיך אַריין אין אירע מאָלערייען. זי שטעלט זיי דאָרטן אַוועק אויף אייביק. לויט איר אויפפאַסונג און אַראַנזשירונג. לויט איר פאַרשטיין און לויט איר קינסטלערישער פּראַקטיק. איך האָס אויסצוזאָגן ווי אַלט רבקה ענדזשעל איז. אָבער צוליב אַ ליטעראַרישע פּראָזע פאַרצוכט איך אויף מיין דזשענטעלמענישקייט. איך וויל זאָגן: אין משך פון קנאַפּע דריי צענדליק יאָר האָט אַ אידישע פרוי אָפּגעבראַכן פון גאָטס אוניווערס שטיקער נאָך שטיקער גאָלדענע לאַנדשאַפט און זיי אַריינגעפּאַסט מיט אַ מערקווירדיקן ריטם און אויסערגעוויינלעכער גראַציע אין די ראַמען פון אירע ווערק. זי האָט פיל געלערנט פון זיך אַליין. זי האָט דורך איר גאַנץ לעבן מיט גרויס ענערגיע געאַרבעט. און זי האָט גאָטס שטראַלנדיקע וועלט גוט באַהאַנדלט. גאָט קען זיך נישט באַקלאָגן. זי האָט פון לופט און ווינט און וואָלקן און בוים און זון און פון מענטשלעכן פנים געמאַכט וואונדערלעכע קונסט.

עס איז פאַראַן אַ לעגענדע אַז ווען די רוסישע צאַריצאַ יעקאַטע־

רינאַ די צווייטע איז מיד געוואָרן פון דעם ראָמאַנס מיט מענער, האָט זי זיך פאַרליבט אין אַ פערד . . . גאָוגען דערמאָנט עס אין זיין טאָג־בוך. אויף אָט דער טעמע האָט רבקה ענדזשעל עטלעכע אויסערגעוויינלעך־פרעכטיקע בילדער. די צאַריצאַ ווערט פאַרגעשטעלט ווי אַ וואונדער־לעכע פרוי. נישט ווי אַ פרוי פון גרויסער מאַכט — נאָר אַ באַ־וועלטיקטע פון דער מאַכט פון ליבע. זי שטייט אינמיטן קאַנוועז ווי אינמיטן רוים, אין אַ ריטם וואָס איז קאָסמיש. אין אַ זייט פונם קאַנוועז שטעקט אַרויס זיין פרעכטיקן, צאַרטן קאָפּ דאָס פערד. פערד און צאַריצאַ האָבן אַ געהיימע פאַרשטענדעניש . . . עס איז פאַ־־אַן אוניסאָן, האַרמאָניע אינם בילד.

אויף אָט דער טעמע האָט רבקה ענדזשעל נאָך עטלעכע בילדער: די פרוי און דער האָן. וועלכע אויסערגעוויינלעכע באַציאונג פון צאַרטקייט צווישן פרוי און האָן. האָן, מיט פלאַמיקע פליגל. פרוי לעגט צאַרט און גאָלדן איר גאָלדענעם קאָפּ אויפן שולטער פונם פלאַמיקן האָן. עס איז אַ וואונדערלעכער שיר השירים. עס איז געמאָלן מיטן איידעלסטן גאָלד פון ליבע. עס איז אויף דעם אוראַלטן, מיטאָ־לאָגישן מאָטיוו: לעדאַ און דער שוואַן. ריטם איז פאַ־־אַן אין אַלע ענדזשעלישע מאָלערייען. וואָרים רבקה ענדזשעל איז געווען אַ באַ־לעט־טענצערין. איר חוש און טאַלאַנט פאַר טאַנץ און מוזיק האָט זי אַריינגעטראָגן אין איר מאָלעריי.

פאַראַן ביי איר אַ פּאָרטרעט פון אַ מאַדאָנע. איז ער געמאָלן גרויסאַרטיק. אַ וואונדערלעך פרויען־פנים עפנט זיך ווי די זון. אַ גרויסע גאָלדענע רויז צירט דעם קאַנוועז. זאָל איך זאָגן אַז די רויז איז אַזוי שיין ווי די זון? שפּיגלט עס נישט אָפּ דעם אמת. די רויז איז אַ גרויסע, רויטע בלום, ווי אַ פלאַם. זאָל די רויז זיין דער סימבאָל פון דער מאַדאָנעס פאַסיע? זאָל די רויז אויסדריקן די גרויסע, אונ־טערדריקטע ליידנשאַפט פון אַ פולע, שיינע פרוי? די רויז קען־סטו נישט מער קיינמאָל אין לעבן פאַרגעסן. דו פאַרגעסט אַז דאָס איז אַ מאַדאָנע. דאָס איז אין דער אמתן די פרוי מיטן גרויסן אידעאַל. די פרוי וואָס טראָגט אין האַרצן אַ ליבע צו אַ דערלייזער פון אַלע ליידנדע און אינערלעך מיט טויט־וואונדן פאַרבלוטיקטע. עס איז די מאַגדאַלענאַ מיטן גאָלדענעם קאָפּ האָר וואָס דערמאָנט אין אַ געדיכטן וואַלד ווען די האַרבסטיקע זון באַלייכט זיין רייך גאָלד. עס איז די פרוי וואָס חלומט דעם ספּיריטואַלן פּרינץ. דעם קעניג אין דעם רייך־גאָלדענעם מאַנטל. מיטן סצעפּטער פון גליק פאַר די מענטשן.

קליינע פנימער ווי קליינע פלאַמען לויכטן אין אַלע ווינקלען פון איר שטוב. פרויען־פנימער ווי גאָלדענע פלאַמען. מענטשלעכע פּני־מער ווי זוניקע פייערן. ווי געלע, ווי גאָלדענע פייערן.

זי מאָלט בלאַסע פרוינפּנימער אַנטקעגן גרויסע, אָנגעצונדענע בלומען. וואו וואַקסן די בלומען מיט אַזאַ פייער? אין וועלכע רייכע און שפּעדיקע טאָלן שפּראָצן זיי אַרויס מיטן מאָרגנרויט? וואַקסן זיי אין האָנאָלולו, וואו די קינסטלערין האָט פאַרבראַכט מיט איר מאַן און טאָכטער? די בלומען וואַקסן אין גאָרטן פון איר האַרץ. די דאָזיקע בלומען נעמט זי נישט ביי גאָט. אַפילו נישט אין סעמיראַמיס׳ס לופט־

גערטנער האָבן זיי נישט געבליט. די דאָזיקע בלומען שפּראָצן פּלאָ־מענרייך אין רבקה ענדזשעלס אייגענעם האַרצן. זי ברעכט זיי אָפּ פון זיך אַליין און שטעלט זיי אַריין גרויסאַרטיק אין די וואַזאָנען פון אירע מאָלערייען. אַלץ ברעכט זי אָפּ פון זיך, ווי אָדם האָט אָפּגעבראָכן די גאָלדענע חוהן פון זיין פלייש און האָט זי אין דער וועלט אַריין גע־שטעלט. ווי יעדער געליבטער ברעכט שעפעריש אָפּ זיין אידעאַל, זיין כלה־מאָדעל, פון זיך אַרויס און שטעלט זי אַריין אין דער ראַם פון זיין גרויסן חלום.

פאַראַן ביי איר אַ מאָלעריי פון אַ כלי־זמר. ער זיצט אינמיטן וועלט אַ מידער. ער איז איינגעשלאָפן אויפן שליאַך פון וועגן. די פידל שטייט אינמיטן זיין גוף, ווי זיין האַרץ. שאַגאַליש? ניין. רבקה ענדזשעל האָט אים גענומען פון אידישן פאָלקלאָר. פון די אידן פון קאַלוואַריע, וואו זי איז געבוירן געוואָרן. זי האָט אים אַרויסגענומען פון דעם פאָלקס־ליד: אידל מיטן פידל און שמערל מיטן באַס. זי האָט אים, דעם אַנגעצונדענעם כלי־זמר, גענומען פון דאָרט פון וואַנען זי האָט גענומען די אײדעלע רעמיניסענסן פון אידישע ימים־טובים, וואָס זי מאָלט מיט אַזוי פיל רירנדער פּיעטעט. דעם שטראַלנדיקן סדר. דאָס כפּרות שלאָגן מיט הינער ווי מיט שטיקער מאָלעריי. דעם יום־טוב סוכות. און דעם הערלעכן טאָג פון שמחת תורה.

רבקה ענדזשעל, ווי געזאָגט, איז געבוירן געוואָרן אין קאַלוואַריע, צו אַ טאַטן אַ למדן און אַ געלערנטן. ער לעבט ביז צום היינטיקן טאָג אין ברוקלין, שוין אַ איד איבער די אַכציקער, דאַנקען גאָט. דער דאָ־זיקער איד האָט געהאַט מאָלעריי־פייער אין זיינע הענט. ער האָט, דערציילט זיין ליבע טאָכטער, געשטיקט און געוועבט אָרנאַמענטן אויף טישטוכער. ער האָט אויך געשריבן אין אידיש און אין העב־רעאיש. איין בוך זיינעם, אין ידיש, ווייזט מיר זיין טאָכטער. עס איז אַ פּאָפּולאַריזאַציע וועגן אַסטראָנאָמיע. עס איז אַ דיקער בוך. „איש פּשוט״, אַ פּשוטער מענטש, איז מר. ענדזשעלס ליטעראַרישער פּסעוו־דאָנים. קיין ספק נישט אַז ער האָט איבערגעגעבן זיין קינסטלערישן טאַלאַנט צו זיין רבקהלען. דאָס צו וואָס דעם טאַטן האָט אינסטינקטיוו געצויגן, האָט זי באַוואוסטזיניק און מיט רייכקייט רעאַליזירט: מאָלעריי איז געוואָרן איר לעבן.

איינס פון רבקה ענדזשעלס פיינסטע ווערק איז: איר טאָכטער. ווען איך בין אָנגעקומען אין הויז, איז איר טאָכטער, בלימעלע, ערשט געהאָט אָנגעקומען פון פּאַריז. אין אַ קליינעם צימערל, אין אַן איי־זערנעם בעט, איז בלימעלע געלעגן, אַזוי ווי אַ מאַדאָנע, אַ פּאַרקילטע מאַדאָנע. פון דער שיף איז זי אַראָפּגעגאַנגען אַ פּאַרקילטע. די מאַמע האָט געמאָלן גליענדיקע פּאָרטרעטן פון איר טאָכטער. די פּאָרטרעטן הענגען אַרום דעם בעט פון בלימעלען, ווי פייערדיקע שיר המעלותן. זיי זאָלן עס באַשיצן איר קינד. מוטער רעדט צאַרטינקע, שטילינקע רייד צו דער טאָכטער. זי ווייזט איר די נייע מאָלערייען, וואָס זי האָט געמאָלן, זינט איר טאָכטער איז געווען אין פּאַריז. טאָכטער לויבט און ליבט איר מוטערס מאָלערייען. בלימעלע איז געבוירן געוואָרן

אין האַוואַי, פּרעציזער, אין האָנאָלולו. האָנאָלולו איז דאָך אַרייַן אין אידישן פֿאָלקלאָר. אין אידישן שפּריכוואָרט: „אַזש אין האָנאָלולו״. און דאָך האָט רבקה ענדזשעל, מיט איר מאַן, אַ נאַוואַל־אַרכיטעקט, אַנגעשפּאַרט אין האָנאָלולו. זעכצן מאָנאַטן איז זי דאָרטן געווען. זי האָט אויסגעשטעלט אירע בילדער אין דער דאָרטיקער האָנאָלולו־אַקאַדעמיע פֿון פֿיינער קונסט. זי האָט דאָרט געמאָלן אירע לאַנדשאַפֿטן וואָס פֿאַרכישופֿן דאָס געמיט. זי האָט דאָרט געמאָלן איר ליבע טאָכטער, איר בלימעלע. אין בעט ליגט בלימעלע ווי אַ מאַדאָנע. אין אירע שטילע, ברוינע אויגן איז פֿאַראַן חלום. איר יונגע פֿיגור איז מיידלש צעבליט. מען אָנט דורכן לויזן פֿעניואַר די פֿיינקייט פֿון אירע יונג־פּרווילעכע גלידער. איר פּנים איז אידל געשניצט. און פֿון אירע לויזע האָר טראָגט זיך אַ פֿיינער אַראָמאַט. זי האָט שטודירט אויף אַ „סקאָלערשיפּ״ אין דער פּאַריזער סאָרבאָנע. זי איז רבקהלעס אַ קינד. רבקהלעס אַ לעבעדיקע מאָלעריי. מוטער רעדט צו דער טאָכטער זיידענע רייד. מוטער רעדט צו בלומעלען ווי אַ פֿויגעלע צו איר ניי־געבוירנס. מוטער מאָלט בלימעלעס צענדליקער פּאָרטרעטן אין רייכן גאָלד און פֿייער.

ווען מען רעדט וועגן דער מוטער, וויל איך אויך פֿאַרצייכענען: ווען רבקה ענדזשעלס מאַמע איז געשטאָרבן, האָט די קינסטלערין געמאָלן איר זעלבסטפּאָרטרעט. אין טונקעלע פֿאַרבן, אַ זאַך וואָס זי טוט זעלטן. וואָרום אירע שטענדיקע קאָלירן זיינען אין פֿלאַם־פֿייערן. דער פּאָרטרעט האָט אַ טיפֿע ערנסטקייט. רבקהלעס קליין פּנים איז אַרומגענומען פֿון געוויין און פֿון אַ דינעם, סענסיטיוון שמייכל. דער פּאָרטרעט האָט זיין טיפֿן טרויער, זיין טיפֿע, טראַגישע שיינקייט.

ווען היטלער האָט מאַסנוויז צעבראָכן אונזער אידיש פֿאָלק אין פּוילן, האָט עס רבקהלען טיף געריִרט. אין זעקס פּאַנעלן האָט אַרויס־געבראָכן דער יאָמער פֿון אַ אידישע קינסטלערין, פֿון אַ אידיש קינד, אויפֿן בראָך פֿון אַ פֿאָלק. אין די זעקס פּאַנעלן האָט די קינסטלערין ווירדיק געמאָלן די אידישע טראַגעדיע: דער פֿינצטערער טאַנץ פֿון קינדער — אויף אַ הינטערגרונט פֿון פֿלאַמען. זי האָט געמאָלן אידישע מוטערס און טעכטער — אידישע פֿרויען, שוואַנגערע, פֿון וועמענס בייכער עס לויכטן אַרויס אידישע קינדער־עמבריאָנען. זי האָט געמאָלן אידישע טאַטעס און זיידעס — אין פֿינצטערער טראַגעדיע. אָבער קיינמאָל נישט געפֿאַלן. גייסטיק דערהויבן. אַנגעטאָן אין הימלישן פֿייער. אין גייסט פֿון דער אידישער היסטאָריע זיך דערהויבנדיק.

דאָס באַווייזט עטוואָס: אַז דאָס נאַציאָנאַלע, אין ריכטיקן מאָמענט, ברעכט זיך אַרויס, טראַנצדעם וואָס רבקה ענדזשעל איז אַן אוניווערסאַלע קינסטלערין. אין טראַגישן מאָמענט דערפֿילט דער קינסטלער די אָנגעהעריקייט צו זיין שטאַם, צו זיין פֿאָלק. און דער יאָמער ברעכט זיך אַרויס פֿון האַרצן ווי די פֿייערן פֿון אַ וואולקאַן. קונסט, סוף־כל־סוף, איז נאַציאָנאַל־אוניווערסאַל. זי איז אַזוי, ווען זי איז עכטע, אמתע קונסט. די קונסט פֿון רבקה ענדזשעל איז עכטע, אמתע קונסט.

רבקה ענדזשעל איז אַ גרויסע קינסטלערין. וועגן דעם איז ביי מיר קיין שום צווייפל נישט געווען אין דעם מאָמענט ווען איך האָב גע־קוקט אויף דעם סאַמע ערשטן בילד וואָס זי האָט מיר געוויזן. איך קען נישט זאָגן אַז מיט יעדן בילד איז דער איינדרוק ביי מיר גע־וואָרן שטאַרקער. ווייל, ווי געזאָגט, ביים ערשטן בילד דערזען איז מיין איינדרוק געווען שוין שטאַרק גענוג אַז רבקה ענדזשעל איז אַן עכטע קינסטלערין, וואָס שאַפט אויסערגעוויינלעכע מאָלערישע שיינקייטן.

ניו־יאָרק, דעצעמבער 30, 1952.

אין טרויעריקע וועטערן.

... אין שלעכטע וועטערן צינד איך אָן מיינע גרויסע שטערן אויפן הימל. ווי אַ גאָט, דעקאָריר איך אין אייביקן גאָלד מיין הימל און מיין ערד. אַלע שטערן אין הימל ברענען ווי אַ ריזיקע מנורה פון גאָלד. איך צינד אָן אַלע שטיקער גאָלד אין דער הימלישער לאַנדשאַפט. איך פאַרב אָפּ די ביימער און איך פאַרוואַנדל זיי אין ריזיקע בלומען. איך שטעל אוועק די בערג ווי גיגאַנטישע סקולפּטורן. דער טייוול פאַרעט זיך אַרום ווי אַ סולטאַן אין מיין וועלט־האַרעם און ער טיילט ריזיקע באָקאַלן מיט וויין...

ניו־יאָרק, 27 יאַנואַר, 1949

די פרוי וואָס פאַרשטעלט איר פנים.

איך האָב פריער געזען גיין אַן איינזאַמע פרוי. איר פנים איז געווען שטאַרק פאַרהילט. באַהאַלטן. בלויז רויטע פלעקן פון איר קרעציקן פנים האָבן אַרויסגעפלאַמט. די פרוי האָט געוואָלט באַהאַלטן איר פנים פון דעם ליכט פון טאָג. פון אַ מענטשלעכן אויג. זי האָט געוואָלט באַהאַלטן איר פנים פון דער וועלט.

איך האָב אָנגעקוקט די פרוי מיט גרויס באַדויערן. אירע אויגן זענען געווען פול מיט טרערן. זי איז אַמאָל געווען אַ שיינקייט. מען קען עס זען פון איר הויכע און שלאַנקע פיגור. פון איר אידעלער גראַציע. איצט וויל זי פאַר דער וועלט באַהאַלטן איר פנים, איר עקזיסטענץ. זי שעמט זיך פאַר לייטן. זי וואָלט וועלן אָפּמעקן פון דער וועלט איר פנים.

ביינאַכט, ווען די שאָטנס פון אונטן פאַרשפרייטן זיך, ווען דאָס ליכט פון די שטערן איז נישט שאַרף גענוג אָפּצודעקן אַ מענטשן־פנים, שלייכט די איינזאַמע דאַמע אַרויס. זי שלייכט פאַרביי גאַסן און הייזער. זי גייט אַריין אין דער טיפעניש פון פאַרק, וווּ עס זיצן די פאַרליבטע יונגע פאַר־לעך און קושן זיך. פאַרביי די וואונדערלעכע אַלייען גייט די איינזאַמע, די פאַרשאָלטענע, די געפייניקטע פרוי. און ווער עס דערזעט אין דעם לבנה־ליכט איר פנים, הייבט אָן שנעלער צו שטעלן זיינע טריט... — — —

איך האָב זי פריער באַגעגנט. און מיין האַרץ איז פאַרגאָסן געוואָרן פון טרערן אויס רחמנות צו איר, צו דער טרויעריקער, פאַרשאָלטענער פרוי...

ניו־יאָרק, דעצעמבער 13, 1947

אַ קרוין פאַרן נשיא

אין טאָג ווען עס איז באַוואוסט געוואָרן איבער דער וועלט אַז פרעזידענט חיים ווייצמאַן איז נפטר געוואָרן, בין איך געווען אומ־געוויינלעך טרויעריק. איך האָב געהאַלטן אין לייענען עטלעכע ביכער און איך האָב זיי אַלע אָוועקגעלייגט. די האַנט האָט זיך געצויגן צום תנ"ך. דער ווינט, דורכן פענצטער אַנקומענדיק און אַריינווייענדיק, האָט נערוועז געמישט די בלעטער פונם אַלטן ספר.

— ווינט ברודער, מיש די בלעטער, געפין דו אַליין די ריכ־טיקע טרייסט אין דער שוואַרצער שעה! — האָב איך צום ווינט גע־רעדט. — מיש אויף דאָס גרויסע וואָרט. טרייסט אַ יונגן איד פון אַן אַלטן פאָלק. וואָרעם עס איז ביי אונז געשטאָרבן אַ קעניג. אַרום זיין וואונדערלעכן קאָפּ האָט גאָט געשטעלט אַ רייף פון שטראַלן. דעם חיים ווייצמאַנישן קאָפּ האָט געפּאַסט אַ גאָלדענע קרוין. אַ גרויסע קרוין, ווי פאַר דוד המלך...

דער ווינט האָט הייזעריק אונטערגעברומט: „אַ גרויסע קרוין, ווי פאַר דוד המלך...

— און, ווי דוד איז געווען באַליבט ביים פאָלק, אַזוי איז ווייצמאַן געווען באַליבט ביים פאָלק. קינד־און־קייט האָבן ליב געהאַט דעם נשיא. ער האָט די דאָזיקע ליבע דעראָבערט דורך שווערער מי און מאַטערניש. ער האָט געפירט דאָס פאָלק דורך שווערע און פינצטערע צייטן. ער איז געווען דער מעכטיקער אַרכיטעקט פון זיין אוראַלטן חלום: אַ אידישע מלוכה. צו אים זיינען געקומען אידן פון אַלע קאַנטן. אַן אים האָבן זיך געקלעפּט אידישע שטאַמען. די פאַרלוירענע שבטים זיינען ווידער צו אים געקומען... ווי אין די צייטן פון דוד המלך:

„און גאַנץ ישראל האָבן זיך איינגעזאַמלט צו דודן קיין חברון, אַזוי צו זאָגן: דיין ביין און דיין פלייש זיינען מיר דאָך. נאָך פון נעכטן און אייערנעכטן, נאָך ווען שאול איז געווען אַ מלך, ביסטו גע־ווען דער וואָס האָט אַרויסגעפירט און אַריינגעפירט ישראל. און גאָט דיין האַר האָט צו דיר געזאָגט: דו זאָלסט פיטערן מיין פאָלק ישראל, און דו זאָלסט זיין אַ פירשט איבער מיין פאָלק ישראל"...

דער ווינט האָט אַלץ געמישט די בלעטער. פּלוצלונג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב געזען דעם אָפענעם תנ"ך. דער צייג־פינגער פון ווינט איז טאַקע געבליבן שטיין ביי „דברי הימים". און טאַקע וועגן די טעג פון דוד המלך האָט זיך דאָרט גערעדט. ס'האָבן זיך אַרויסגעבראָכן פון תנך גרויסע רייד. מעכטיקע קאַפּיטלעך. ס'האָט אַרויסגעשטראַלט דער וואונדערלעכער קעניג דוד. עס איז געווען אין די טעג פון דער גענצלעכער פאַרניכטונג פון טראַגישן קעניג שאול. איבער די בערג פון גלבוע האָבן די פלשתים אָפּגעשניטן שאולס פאַרטרערטן און פאַרבלוטיקטן קאָפּ. זיי האָבן זיין קאָפּ און זיינע וואָפן געטראָגן צו זייער געץ דגון: „זיי האָבן זיין שאַרבן אויפגעשטאָכן אין הויז פון דגון."

דוד, דער ניי־געקרוינטער קיסר, געפינט זיך אין חברון. אידן קומען צו אים פון אַלע ווינקלען פונם לאַנד, פון אַלע בערגער און טאָלן. עס פליִיצן אונזערע היסטאָרישע אידעלעך איבער אַלע וועגן. דוד גייט פאַרניכטן די שונאים. דוד גייט בויען אַ גרויסע, רייכע מלוכה. דוד גייט שיין מאַכן ישראל. אין אַ ווינקל פון זיין שלאָפצימער, ביים בעט, שטייט די גאָלדיקע האַרפע אַ ביסל פאַרשטויבט. דו ווינט, וואָס דו מישסט איצט די צאַרטע, תנ״כישע בלעטער, דו באַרירסט קוים די סטרונעס פון דער האַרפע. דוד איז איצט פאַרנומען. אַנשטאָט די האַרפע, האַלט ער פעסט אין זיין האַנט די גרויסע שווערט. זיין וויזיע פון אַ גרויסע אידישע מלוכה פלאַמט. און אידעלעך, קרעפּקע, רויטע, צעפלאַמטע אידעלעך, שטראָמען פון אַלע זייטן, פון אַלע שמעקנדיקע טאָלן פון ישראל.

דער ווינט מישט איבער אַ בלאַט.

— אַ דאַנק דיר, גוטער, האַרציקער ווינט. דו זעסט וואָרום אַז איך קען נישט איבעררייסן מיין שרייבן, ווי דער פּיאַנאָ־שפּילער קען נישט ביים שפּילן איבערמישן אַ בלאַט פונם נאָטן־בוך. דו מוזסט מיר העלפן. נו, וואָרט אַ ווײַלע. דאַכט זיך אַז כ׳האָב דאָ דערזען אַ פּאָר פיינע אידעלעך. אָט שרייבט דער מחבר פון „דברי הימים״:

„און דריי פון די דרייסיק הויפּט־לייט האָבן אַראָפּגענידערט צום פעלז צו דודן אין דער הייל פון עדולם; און די מחנה פון די פלשתים האָט געלאַגערט אין טאָל רפאים. און דוד איז דענסטמאָל געווען אין דער פעסטונג, און די וואַך פון די פלשתים איז דענסטמאָל געווען אין בית־לחם. האָט דוד געגלוסט, און ער האָט געזאָגט: ווען עמעצער גיט מיר טרינקען וואַסער פון דעם ברונעם פון בית לחם וואָס אין טויער! האָבן די דריי דורכגעבראָכן אין לאַגער פון די פלשתים, און האָבן אָנגעשעפּט וואַסער פון דעם ברונעם פון בית־לחם וואָס אין טויער, און גענומען און געבראַכט צו דודן. אָבער דוד האָט עס נישט געוואָלט טרינקען, און ער האָט עס אויסגעגאָסן פאַר גאָט. און ער האָט געזאָגט: באַהיט מיך מיין גאָט פון דאָס צו טאָן! דאָס בלוט פון די דאָזיקע מענטשן מיט זייער לעבן זאָל איך טרינקען? וואָרעם מיט דער סכנה פון זייער לעבן האָבן זיי עס געבראַכט. און ער האָט עס נישט געוואָלט טרינקען.

דאָס האָבן געטאָן די דריי גיבורים.״

נו, וואָס זאָגט איר נישט צו אַזאַ מין העלדישע טאַט פון דריי קרעפּקע, דרייסטע אידעלעך? צו ברענגען אַ שעפּ וואַסער דעם קעניג פונם ברונעם וואָס איז אַרומגערינגלט פון דער מערדערלעכער וואַך פון די פלשתים. דאָס וואַסער האָט יעדער מאָמענט געקענט פאַר־וואַנדלט ווערן אין זייער אייגן פאַרגאָסן בלוט. דער קעניג איז גע־ווען גרויסמוטיק און מענטשלעך. די טעכטער פון ישראל וואָלטן באַ־דאַרפט פאַרדעקן מיט קושן די פּנימער פון די העלדישע מענער...

און ווי געפעלט אייך גלאַט אַזוי אַזאַ מין קליין אידעלע: „און אַבשי דער ברודער פון יואבן, ער איז געווען דער הויפּט פון די דריי; און ער האָט אויפגעהויבן זיין שפּיז אויף דריי הונדערט, און זיי דער־שלאָגן; און ער האָט געהאַט אַ שם צווישן די דריי״. מיר איז גוט

געוואָרן אויפן האַרצן פון אַזאַ מין אידישן יונג. אפשר, האָב איך געטראַכט, איז אַזאַ מין איד, מיט זיין מעכטיק־געהאַמערטן, קאָוואַלישן פנים, געווען מיין אור־אור־עלטער־זיידע? פון זיין נאָמען אַליין טריפט מיט צעשמאָלצענעם בראַנדז. פון זיינע אויגן גייט פייער. אויסגע־לייגט ווי די קעלבער ליגן דריי הונדערט ביטערע שונאים פון אידן וואָס ער האָט מיט איין שפּיז דערשלאָגן. כ׳וואָלט געווען אַ בעלן אויפצוזוכן די דאָזיקע שפּיז אין וועלכן מוזעאום. איך וואָלט מיט אַזאַ שפּיז געוואָלט שרייבן פּראָזע...

עס ווערט ווייטער דערציילט אין די בלעטער פון „דברי הימים":

„בניה דער זון פון יהוידען, דער זון פון אַ העלדישן מאַן פון פיל אויפטוען, פון קבצאל, ער האָט געשלאָגן די צוויי מזבחות פון מואב, און ער האָט אַראָפּגענידערט, און האָט דערשלאָגן אַ לייב אין אַ גרוב אין אַ טאָג פון שניי. און ער האָט דערשלאָגן אַ מצרישן מאַן, אַ מאַן פון אַ גרויסן וואוקס, פינף איילן (די הייך); און אין דעם מצריס האַנט איז געווען אַ שפּיז אַזוי ווי דער שטאַנג פון וועבער, און ער האָט אַראָפּגענידערט צו אים מיט אַ רוט; האָט ער אַרויסגעריסן דעם שפּיז פון דעם מצריס האַנט, און האָט אים געהרגעט מיט זיין אייגענעם שפּיז."

ביידע טאַטן זיינען פּורכטבאַר. שטעלט איך פאַר די שלאַכט פון אַ מאַן מיט בלויזע הענט און באַרוועסע פיס אַנטקעגן אַ משוגענעם לייב אין אַ פעלד פון שניי, אַ לייב וואָס זעט דעם טויט פאַר די אויגן. די טעמע בעט זיך אויף אַ מאָלעריי. מאַן שטייט אַנטקעגן דעם קעניג פון די חיות און ער גייט אים אומברענגען. זיין ברומען דערשרעקט די וועלט. וועלכע שרעקלעכע איינזאַמקייט דער איד האָט פּלוצלונג דערפילט ווען ער איז געשטאַנען אין דאָזיקן שרעקלעכן דועל, אין דעם פירכטלעכן געראַנגל, איינער אַליין, אַנטקעגן דעם פייערדיקן לייב. וועלכע אימהדיקע ציטערניש עס גייט דורך דעם אידס ביינער...

שפּעטער זיצט דער איד צופוסנס פון דעם פאַרוואונדעטן לייב. דאָס פעלד פון שניי ווערט פייער־רויט פון דעם לייבס שטראָמענדיק בלוט. פון טויזנט הייסע וואונדן שטראָמט זיין בלוט ווי פייער. אינמיטן הימל שטייט אַ האָניק־מאַטע די זון — אַן אומגעהייערע וואַקסענע אויג. גרוי־סע, טיפע שטילקייט איז באַפאַלן די וועלט. צופוסנס ביי זיין קרבן זיצט אַ איד. פון זיין האַרצן גייט גרויסער, פלייצנדיקער יאָמער. ער האָט דאָס אַלץ געטאָן פאַר זיין קעניג. קעניג דוד! נעם אַראָפּ דיין שווערע קרוין פון דיין קעניגלעכן קאָפּ. טו זי אָן אַ ווילע אויפן קאָפּ פון דעם דאָזיקן פּרעכטיקן און מעכטיקן אידישן גיבור...

יאָ, דוד האָט אים שפּעטער באַלוינט: „און דוד האָט אים אויפ־געזעצט איבער זיין לייב־וואַך."

„און פון די גדים האָבן זיך אָפּגעשיידט צו דודן, צו דער פעס־טונג אין דער מדבר, העלדישע גיבורים, חייל־לייט פאַר מלחמה, וואָס האָבן געקענט האַלטן אַ פאַנצער און אַ שפּיז, מיט פנימער ווי פנימער פון לייבן, און אַזוי ווי הירשן אויף די בערג אין פלינקייט. — — — דער מינדסטער איבער הונדערט, און דער גרעסטער איבער טויזנט.

דאָס זיינען די וואָס זיינען אַריבער דעם ירדן אין ערשטן חודש ווען ער איז געווען פול איבער אַלע זיינע ברעגן, און האָבן פאַריאָגט אַלע פון די טאָלן צו מזרח און צו מערב.״

איך זע אין דער נאַכט די פאַנצערס און די שפּיזן, געפּוצטע מיט זאַמד און מיט וואָרעמען מענטשלעכן אָטעם. און שטעלט אייך פאָר די דאָזיקע פּנימער, וואָס האָבן געהאַט פּנימער פון לייבן. זייערע בליקן האָבן דערשראָקן דעם שונא. עס איז געווען אין די דאָזיקע פּנימער אַנטשלאָסנקייט, קראַפט און גלויבן. דוד המלך האָט אין אָנהויב אַפילו געצווייפלט צי די דאָזיקן קופערנע יונגען און אייזערנע חברה־לייט קומען טאַקע צו אים מיט געטריישאַפט אין די הערצער. ווער ווייסט, טאָמער חלילה האָט זיי דער שונא אונטערגעשיקט. טאָמער זיינען זיי אין האַרצן קעניג שאולס לייט. און דער מחבר דערציילט טאַקע:

„און פון די קינדער פון בנימין און יהודה זיינען געקומען צו דער פעסטונג צו דודן. און דוד איז זיי אַרויס אַנטקעגן, און ער האָט זיך אָפּגערופן און האָט צו זיי געזאָגט: אויב איר זייט געקומען אויף שלום צו מיר, מיך צו העלפן, וועט מיין האַרץ זיין איינס מיט אייך; אויב אָבער מיך צו פאַרנאַרן צו מיינע פיינט, אָן אַן אומרעכט אין מיינע הענט, זאָל דער גאָט פון אונזערע עלטערן צוזען און משפטן. האָט אַ גייסט אָנגעקליידט עמשי דעם הויפּטמאַן פון די עלצטע: „פאַר דיר, דוד, און מיט דיר, זון פון ישין! שלום, שלום צו דיר, און שלום צו דיינע העלפער; וואָרעם דיין גאָט טוט דיך העלפן״. האָט זיי דוד צוגענומען, און האָט זיי געמאַכט פאַר הויפּטלייט פון דער מחנה.״

אידלעך האָבן געשטראָמט פון אַלע שבטים צו קעניג דוד. צענדליקער און הונדערטער טויזנטער. „פון טאָג צו טאָג איז מען געקומען צו דודן אים צו העלפן, ביז די מחנה איז געווען גרויס, אַזוי ווי אַ מחנה פון גאָט.״ דודס רום אַלס מיליטערישער פירער איז געוואַקסן. דאָ וואו די מחנות האָבן זיך נישט געקענט אַן עצה געבן מיט די פלשתים, האָט זיי גאָט אַרויסגעהאָלפן. גאָט האָט זיך מטריח געווען, אָנגעטאָן פאַנצער און שפּיז און אַליין אויסגעקאָסעט אַ האַלבע אַרמיי פונם שונא. פאַרטיק געוואָרן מיט שטיקל אַרבעט, האָבן דודס מענטשן שוין צורעכט געמאַכט די איבעריקע טיילן פון דעם שונאס אַרמיי. קעניג און גאָט זיינען געווען נאָענט. אויפן באַרג איז גאָט געווען כדי צו רעדן מיט זיין קנעכט. הינטער די בוימלעך איז ער געשטאַנען. די וועלט־לאַנדשאַפט איז געווען קליין.

„און די פלשתים האָבן זיך ווידעראַמאָל פאַרשפּרייט אין טאָל. האָט דוד ווידער געפרעגט ביי גאָט, און גאָט האָט צו אים געזאָגט: זאָלסט ניט אַרויפגיין נאָך זיי; דריי זיך אַוועק פון זיי, און זאָלסט קומען אויף זיי פון אַקעגן די מוילבער בוימער. און עס וועט זיין ווי דו וועסט הערן אַ גערויש פון טריט אין די שפּיצן פון די מוילבוימער, דענסטמאָל זאָלסטו אַרויסגיין אין מלחמה, וואָרעם דאָס איז גאָט אַרויסגעגאַנגען דיר פאָראויס צו שלאָגן דעם חיל פון די פלשתים״. — — —

אפשר האָט זיך דאָס אַלץ איבערגעחזרט אין די קריטישע טעג

פון חיים ווייצמאַן און דוד בן גוריון. אידן זיינען געקומען פון מרחקים. „מענטשן מיט נעמען אין זייערע פּאַטערהייזער". אידן „וואָס קענען אַרויסגיין אין חיל, וואָס קענען אָנריכטן אַ מלחמה מיט אַלערליי כלי־מלחמה, און זיך אויסשטעלן ניט מיט אַ האַלבן האַרצן". ס'האָבן געקעמפט ווי די לייבן אידן אַנטלאָפענע פון די פייערן פון קרעמאַטאָריעס. אידן פון אוישוויץ און מאַידאַנעק, אידן פון כעלמנאָ און טרעבלינקע. אפשר די זעלביקע גלגולים פון דודס קרעפקע און מעכטיקע אידעלעך. און אויך יענע אידלעך אין דודס צייטן, וואָס האָבן „געבראַכט ברויט אויף אייזלען, און אויף קעמלען, און אויף מוילאייזלען, און אויף רינדער, מעלשפּייזן, געפּרעסטע פייגן, און ראָזינקעס, און וויין, און אויל, און רינדער און שאָף לרוב". די דאָזיקע אידלעך האָבן איצט געבראַכט דורך די מדבריות שפּייז קיין ירושלים צו די באַלאַגערטע אידן און שפּייז קיין תל־אביב און האָבן נישט געלאָזט זייערע קעמפנדיקע ברידער אויסגיין פון הונגער. און אפשר איז אויך גאָט אין די איצטיקע טעג „אַרויסגעגאַנגען דיר פאָראויס צו שלאָגן דעם חיל"... אפשר האָט גאָט אויך איצט מלחמה געהאַלטן מיט די מחנות אַראַבער פון עגיפּטן, פון איראַק, פון עבר־הירדן...

יאָ, דער ווינט מישט די זיידענע, די וואונדערלעכע בלעטער פון תנ"ך. יעדעס וואָרט איז גאָלד. יעדער שורה איז אַ טרייסט. די זעסט דעם לאַנגן וועג פון דער אידישער געשיכטע. עס איז איין וועג, פון אָנפאַנג פון אברהם און פון יצחק און פון יעקב, ביז אויף אונזערע טעג. אַוודאי קענסטו נישט פאַרשטיין דעם זין פון זעקס מיליאָן פאַרסמאַליעטע זעלן, וואָס יאָמערן טאָג און נאַכט פאַר דיינע אויגן. אַוודאי קענסטו נישט אויסטייטשן ווי עס פאָרן זיך קרייץ־צוגן קעגן אידן, אינקוויזיציע, אויטאָדאַפעען און די פייערן פון טרעבלינקע און אָשוויענטשים — מיטן צוזאָג וואָס דער רבונו של עולם האָט געגעבן צו יעקב אָבינו. אָבער עס איז איין גרויסער, געוואַלטיקער גאַנג, דורך טיפע ליידן, צו פייערלעכקייט און טריאומף. פון די טעג פון דוד ביז צו די טעג פון חיים ווייצמאַן איז איין גענוי־אָנגעצייכנטער וועג פון דער געטלעכער השגחה. און טיפער גלויבן איז אין מיין האַרצן. דער ווינט מישט די גרויסע בלעטער פון תנ"ך. אויפן הימל גייען אויף גרודעס מיט פּראָסטיק־ווייסע שטערן. דער גרויסער, דער בריליאַנטענער מילך־וועג לויכט אויף. אַזוי איז אונזער גאַנג אין דער געשיכטע. ווי דער לויכטנדיקער מילך־וועג וואָס ציט זיך ווי אַ פייער־שטראָם דורך די הימלען.

פייערדיקע שטערן האָבן זיך צוזאַמענגענומען און געשאַפן אַן אומגעהייערע קרוין. דאָס איז די קרוין פאַרן נשיא, פאַר קעניג חיים ווייצמאַן. עס איז די אַלטע, די היסטאָרישע קרוין. ס'האָט דיזראַעלי זי רייך באַשריבן אין זיין „דוד אַלראָי". ס'האָט די קרוין געטראָגן שאול המלך, ווען שמואל הנביא האָט אים געזאַלבט פאַר קעניג. און שפּעטער האָט זי אָנגעטאָן אויף זיין שיינעם קאָפּ דער קעניג דוד. און נאָך שפּעטער — שלמה המלך, דער וואונדערלעכער דאָן זשואַן, דענקער, דיכטער און גרויסאַרטיקער קאָלעגע...

די דאָזיקע גרויסע, גאָלדענע קרוין, באַזעצט מיט די שטערן פון אַלע הימלישע קאָנסטעלאַציעס, זי וועט אייביק לויכטן אויפן הימל פון דער מענטשלעכער היסטאָריע. אייביק איז די אידישע קרוין, ווי אייביק עס איז דאָס פאָלק און זיינע קעניגן פון גייסט...

ציטאַטן — פון יהואָשעס תנ״ך־איבערזעצונג.

ניו־יאָרק, 18 דעצעמבער, 1952.

דאָס פענצטער

דער ערשטער אַפּריל. עס איז נישט קיין ליגנט. אין פענצטער האָט די צאַרטע פרוי אַרויסגעשטעלט אַ גרופּע וואַזאַנען. זיי האָבן פּשוט צעלויכטן די גאַנצע גאַס. איך איינער בין געשטאַנען אַן אַנגעטוענער אין הוילע כּישוף אין מיין פענצטער. איך האָב אַריינגעאָטעמט דעם פּאַרפיום פון די רויזן, פון די פליושענע און סאַמעטענע און זיידענע בלומען. די זון איז דווקא נישט געווען אינם שענסטן גאָלדענעם געשמאַק. עס איז געווען ווי זי וואָלט געטראָגן אַ מאַסקע פון זייד. אַ מאַסקע פון אַ זיידענעם וואָלקן.

עס איז געווען אַביסל נעפּלדיק. טייל שטיקלעך הימל זענען געווען ווי וואָלקנס גרויע, זילבערדיקע. און אַ טייל שטיקלעך הימל — פיינע געמאָלענע פּאַסטעלן. עס איז געווען קענטיק אַז דער טאָג איז נישט דעצידירט. אַז דער קאַמף צווישן ווינטער און זומער איז פּירכטערלעך, הגם אויסערלעך האָט אַלץ אויסגעזען צו זיין מילד און פרילינגדיק. איך האָב געקוקט צום פענסטער פון די בלומען, אַזוי ווי אַ דאַמע קוקט אַרויס צום דועלן־שטרייט, אין וועלכן עס באַטייליקט זיך די שלאַנקע געשטאַלט פון איר געליבטן ריטער. יעדער זשעסט מיט די שווערטן — און איר האַרץ ווערט צעשטאָכן פון שרעק. אירע אויגן זענען פאַרגאָסן מיט טרערן.

אונטערן פאַרהאַנג האָט זיך באַוועגט אַ פרוי אין אַ האָניקדיק־ברוינעם פּעניואַר. איך האָב געפילט איר אָנוועזנקייט דורכן פענצטער. עס איז געווען ווי אַ גרויסע זון וואָלט זיך דאָרטן באַוועגט. און טאַקע באַלד האָט די פרוי אַרויסגעשטעלט איר גאָלדענעם קאָפּ. זי האָט געהאַט אַן אויסגעשלאָפן, גאָלדן פּנים. זי האָט געהאַט זיסע ווייבלעכקייט און גילדערנע סאַטירישקייט אין איר פּנים. די קינבאַקן שאַרפע. די אויגן — מאַנגאָלישע. פון אַ דורכזיכטיקן קאָליר. און עס איז געווען אַ יום־טוב צו קוקן אויף איר וווּנדערלעך אויסגעגראַווירט און אויסגעמאָלן פּנים — און אויף די בלומען וואָס האָבן אַריינגעאָטעמט די פייכטע לופט, און די זון־שטראַלן וואָס האָבן ווי וואָלן צאַרטע אַרומגענומען איר פּנים; און די אומזיכערקייט פון דעם ערשטן אַפּריל־טאָג; די שטיקער זון און די שטיקער וואָלקן — און די פייכטע ערד און דער שניי — אַלץ איז געווען וווּנדערלעך, ווי אַן אויסגעכישופטע מאָלעריי, ווי אַ בילד פון דזשיאָרדזשיאָנע, אין דאָזיקן הערלעכן טאָג... אומרעגולער, אָבער פאַרגאָסן מיט פאַרב און מיט שטימונג...

איך בין געשטאַנען אַ פאַרכישופטער ביים פענצטער — איינגעהילט אין דעם לאַר פון פרילינג, ציטערנדיק פון שיינקייט און אינספּיראַציע...

* * *

ניו־יאָרק, אַפּריל 8, 1948

די פען פון יום־הדין

„די זינד פון יהודה איז אויפגעשריבן מיט אַן
אייזערנער פען, מיט אַ דימענטענעם שפּיץ;
אויסגעקריצט אויפן טאָוול פון זייער האַרצן,
און אויף די הערנער פון אייערע מזבחות״.
(ירמיה, קאַפּיטל י״ז, יהואש־איבערזעצונג).

שוין אַלס קליין אינגל האָב איך געטראַכט פון דעם גראַנדיעזן ספר פון די דורות, וואָס דער וואָס לעבט אייביק לייענט אין דעם קאָס־מישן און פאַרכטיקן יום־הדין. עס איז אפשר געווען דאָס סאַמע ערשטע בוך אין דער גרויס־הימלישער ביבליאָטעק, ביי וועמענס גראַנדיעזע און אומגעהויערע בלעטער, גרויסע און ברייטע ווי די גרינגע טאָלן, טיפע ווי די בלויע הימלען, איך האָב אַרומגעבלאָנדזשעט און געלייענט די טריפנדיקע אותיות, די אַלטע, הייליקע לשון־קודש־דיקע בוכשטאַבן, מיט נעמען, מיט דאַטעס פון געבורט און טויט, מיט ברענענדיקע זינד און מיט די לויטערע מעשים פון גאָר די מענטשן און פון די פעלקערשאַפטן פון דער ערד.

דאָס ספר איז פאַר מיר געווען גרויס און אומענדלעך און טיף ווי אַ פינצטערער וואַלד. איך האָב קלאָר געזען זיינע טאָוולען, געשניטענע פון דיקע שטאַמען פון אוראַלטע בוימער. און די גאַנצע מענטשהייט, אַלע שטאַרבנדיקע דורות, זיינען געווען איינגעשלאָסן אין דעם דאָזיקן קאָלאָסאַלן ספר. דאָס גאַרע מענטשלעכע לעבן פון דער ערד איז געווען פאַרשריבן אינעם הימלישן בוך. און ווען איך פלעג זען אַרומגיין קאַליקעס און קריפּלען, משוגעים און פאַרזעסענע כלות, אַלטע בחורים וואָס ווערן וואַזיניק און קרומע בלועדיקע בעט־לערס וואָס לויכטן אין זון־אונטערגאַנג ווי זיילן פון פלאַמען; ווען איך פלעג זען אַלערליי שיכורים און באַגרעבערס; כלערליי גראַטעסקע טיפּן און געשטאַלטן פון שטעטל; פלעג איך שטענדיק אין מיין חלום אַוועקגיין צום דאָזיקן אומגעהויערן ספר און נאָכקוקן אין די ברייטע בלעטער, צי אויך זיי, די דאָזיקע טרויעריקע שאָטנס פון דער ערד, זיינען דאָרט מיט געדיכטן, מיט פינצטער־פייערדיקן טינט באַשריבן... צי אויך זיי, די אומגליקלעכע און באַליידיקטע, האָבן אַ פּלאַץ אין די אַלטע, געטלעכע בלעטער. צי אויך זיי, די אויסגעקרומטע און די איי־ביק־פאַרשעמטע, די איינזאַמע און די יסורימדיקע מענטשן, די פון לעבן באַעוולהטע און די פון דער נאַטור אַוועקגעוואָרפענע און די פון ביקן שטורעם־און־שיקזאַל געשלאָגענע — צי אויך זיי ווערן מיט טינט פאַרטריפט און מיט דער געטלעכער פען פאַראייביקט אין דעם גרויסן ספר פון לעבן...

און איך פלעג טראַכטן אַז ווען, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, איך וועל שוין זיין אויף „יענער וועלט״, וועל איך זיך ווידער פאַרגנבענען צום דאָזיקן ספר און איך וועל אים לייענען מיט גע־וואַלטיקער שפּאַנונג. איך וועל אפשר פּרואוון ענדערן דעם גורל פון די אומצייליקע מאַסן מענטשן פון דער געשיכטע. איך וועל פּרו־

בירן דאָרט מיט אַ בליציק־שאַרפער פעדער אַריינקריצן און אַריינ־באַשירעמען רייכקייט און וואוילטאָג פאַר די אָרעמעלייט און קבצנים. איך וועל דאָרט מיטן פייער און בלוט פון מיין האַרץ אַריינקריצן אַ סך גוטע און געזונטע יאָרן פאַר די דאָזיקע וואָס זשיפּען נאָך מיט די לעצטע קאַרגע טראָפּנס לעבן... און פאַר די גבירים און אַדירים וועל איך פאַרשרייבן די מעדיצין פון אָרעמקייט. עס זאָל היילן זייער פּוסטע גאווה און זייער פאַררוסנקייט... יאָ, איך וועל אַמאָל מיט דער קראַפט פון מיין פען אומענדערן דעם גאַנג פון דיגורלות. איך וועל מיט מיין ליטעראַריש־פּראָפעסיאָנעלער פעדער מאַכן ממש אַ גאַנצע רעוואָ־לוציע אין דעם ספר פון לעבן. איך וועל אויסמעקן און פאַרענדערן גאַנצע דיקע זאַצן. איך וועל שיעור נישט מאַכן די גראַנדיעזע וועלט־קאַרעקטור...

אין דעם גרויסן טאָג פון קאָסמישן משפט, אין דעם הייליקן און פאַרכטיקן יום־הדין, האָב איך געציטערט, ווען גאָט האָט מיט זיינע אַלטע, קנאָכיקע הענט באַרירט די בלעטער פונם אומגעהויערן ספר... טראָפּנס טינט טריפן שטראָמיק, ווי פינצטערע ניאַגאַראַ־וואַסערפאַלן, פון זיין גענדזענער פעדער... זיינע געוואַלדיקע, געטלעכע הענט זיי־נען פאַרשמירט מיט טינט, ווי מיט פינצטער־רויטן בלוט... און יעדעס מאָל, ווען גאָט מישט אויף אַ נייעם בלאַט, ציטערן אויף די דורות ווי באַוועגט פון אַ פייערדיקן שטורעם־ווינט... און איך, קליינטשיק אינגל, ציטער מיט אין דעם געוואַלטיקן טאָג מיט די שיקזאַלן פון פעלקער און יחידים...

און ברענענדיקע ליכט טריפן אויס זייער הייסן חלב אויף די ברייטע מאַרגינעזן פון די בלעטער און זיי באַלויכטן די גיגאַנטישע גאָלדענע קרוין אויפן אומגעהויערן קאָפּ פונם רבונו של עולם, פונם מייסטער פון די וועלטן... און איך זע ווי אומציילקע נעמען ווערן אַריינגעשריבן און ווערן אויסגעמעקט... עס גייט אָן אַ געוואַלטיקע טעטיקייט פון מענטשלעכע גורלות... דאָ, אויפן מאַסיוון ווערקשטאַט ווערן געהאַמערט שיקזאַלן פון מלחמה און פון שלום, פון ערד־ציי־טעריניש און פון פאַרפלייצונג, פון פייער און פון אייז, פון הונגער און פון זאַטקייט, פון שפע און פון טריקעניש, פון געזונט און פון פעסט, פון רו און פון שטורעם, פון לעבן און פון טויט...

***

עס איז אפשר פון דעם דאָזיקן אומגעהויערן חלום, די אַמביציע צו וועלן פאַרענדערן דעם שיקזאַל פון די מענטשן אין דעם געוואַלטיקן ספר פון לעבן, וואָס דער שרייבער פון די שורות האָט זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן פאַרגענומען צו ווערן אַ שריפטשטעלער. און זינט דעמאָלט, אויף זיין באַשיידענעם אופן, פאַרשטייט זיך, האָט ער די אַמביציע צו קאָרעגירן די בלעטער פון דעם לעבנס־מאַנוסקריפּט... זינט דעמאָלט באַמיט ער זיך צו באַוועגן מיט זיינע כאַראַקטערן און זיי פּאַטערלעך צו פירן, זיי האַלטנדיק מיט ליבשאַפט ביי די הענט, דורך טרויער און דורך גהינומדיקע וועלדער פון יסורים; דורך טאָלן פון טרערן און דורך טייכן בלוט און געוויין — צו דער זון. עס איז פון

דעם דאָזיקן גרויסן חלום, וועמענס ליכט טריפט טאָג און נאַכט איבער זיינע ברייטע בלעטער, וועלכע ער באַשרייבט פינצטער און געדיכט... ער פּרוּווט מאַכן דורך זיין גאַנץ שעפעריש לעבן די גורל־דיקע וועלט־קאַרעקטור מיט זיין פּען... ער וויל איבערשטעלן מעכ־טיקע בוכשטאַבן, שווערע ווי די פעלזיקע גראַניט־שטיינער, אומגעהויערע פאַר זיינע קאַרגע און אָרעמע כוחות... ער האָט די אַמביציע צו פאַרענדערן משפּטים און גאַנצע פּסוקים פונם קאָסמישן קאָדעקס. ער וויל איבערבויען שיקזאַלן. ער חלומט איבערצושטעלן דעם גאַנג און דאָס לעבן פון דורות. ער וויל איבערדרוקן דאָס מעבל פון דער וועלט־געשיכטע. ער וויל מאַכן מיטן וואָרט — מעשה בראשיתדיקע רעוואָלוציע. און טראַצדעם וואָס דער גרויסער חלום פאַרבלענדט זיין רעאַליטעט, הגם ער ווייסט וואויל ווי אומעכטיק און הילפלאָז עס איז דאָס מענטשלעך־געטלעכע וואָרט אין אַ וועלט פון רשעות און ברוטאַליטעט, דאָך ברענט אין אים דער באַוואוסטזיין אַז עס איז פאַרט דאָס ברענענדיקע וואָרט וואָס באַלויכט די וועלטן און וועט סוף כל סוף טריאומפירן איבער די פינצטערנישן. און ווען דער מחבר וועט אין אַ נאַכט פון פינצטער־פייערדיקן ווינט און רעגן, פון וויסטער וועלט־איינזאַמקייט און פון שטורעם, זיך אומקערן מיט זיין נפש צום אַלמעכטיקן, וועט עס זיין מיט זיין פאַרזשאַווערט־אָפּגענוצטער פעדער און מיט זיין ציטערנדיקער און צעבראָכענער האַנט:

— רבונו של עולם! — וועט ער אויסשרייען, — אַלמאַכטיקער גאָט פון הימל און פון ערד! איך האָב געפּרוּווט מאַכן קוים אַ ברעקל פון דער אומגעהויערער וועלט־קאָרעקטור. גאָט! — וועט ער מיט אַלע זיינע רמ״ח־אברים אויסציטערן און אויסשטורעמען, — איך האָב געטריי און מיטן גאַנצן לייב און נפש געדינט צו דיין מעכטיק וואָרט. איך האָב זיך קיינמאָל מיטן וואָרט נישט לייכטזיניק און קינדעריש געשפּילט — נייערט איך האָב דערמיט פאַרבלוטיקט און זיך געוואָרגן און זיך בלוטיק געראַנגלט דאָס האַרץ, אַזוי ווי אַ סאָלדאַט אויפן שלאַכטפעלד... גאָט אַלמאַכטיקער! וועלכע עס זאָל נישט געווען זיין מיינע זינד, קען איך אָבער שטאָלץ און אומדערשראָקן זאָגן: איך האָב דורך מיין גאַנץ לעבן געזוכט צו אומענדערן די פּסוקים פון דיין אומגעהויערן לעבנס־ספר... איך האָב דאָרט מיט אָנגעצונדענע גאָלד־קרוינען באַקרוינט די אומגליקלעכע און יסורימדיקע. איך האָב געשענקט מיין אויפגעשניטענע צונג צו די שטומע און צו די פאַרשטיינערטע. און זיי האָבן דורך דעם אויפבראַך און אויפבליץ פון מיין וואָרט געוויינט און געלויכטן און אויסגעשטורעמט זייערעווילדע, מענטשלעכע טרויערן...

אָט אַזוי וועט דער מחבר רעדן צו גאָט אין דער נאַכט פון זיין פינצטערן שטאַרבן, ווען זיין נשמה וועט ציטערנדיק אויפשטייגן צום גרויסן געטלעכן כישוף פון דער הימלישער וועלט און צום געמיט פונם אַלמאַכטיקן, וואָס האָט מיט זיינע אייגענע, הייסע הענט אויס־געקנאָטן אַלע גופים און אויסגעדיכטעט אַלע נשמות און אויסגעחלומט אַלעמענס גורלות... אָט אַזוי וועט ער רעדן צום רבונו של עולם אין דער פינצטערער נאַכט פון זיין ערדישן סוף.

***

דאָס איז געווען די פרימיטיווע פאַרשטעלונג פון גאָט און פון זיין ריכטן די מענטשן אין מיין קינדהייט. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך ממש דערזען אין גאָט אַ קאָלעגע־קינסטלער. אַ אין גרונט אוניווערסאַלן שריפטשטעלער... דער רבונו של עולם שאַפט דורך יעדער באַציאַנאַלער לשון־סימפאָניע און פאָלקלאָר. ער דערגייט צו אַלוועלטלעכקייט, צו אוניווערסאַליזם — דורך די פעלקער. ער, דער אומגעהויערער, קאָסמישער מחבר שאַפט די גראַנדיעזע אוניווערסאַלע נאָוועלע. דאַנטע, שעקספּיר און באַלזאַק אימיטירן גאָט אין זייערע קאָמעדיעס און טראַגעדיעס.

איז די דאָזיקע קאָסמישע ליטעראַטור אין גרונט בלויז אַ שפּיל אַזאַ? אַן עקספּערימענט בלויז פון גייסטיקער עוואָלוציע? צעוואָרפט דער רבונו של עולם די פיגורן פונם הימלישן שאַך־ברעט איפּדאַסניי אין יעדן דור, כדי אַנצופּאַגגען אַ שפּאַגאַל־נייעם וועלט־שפּיל? איז גאָט בלויז אַ קאָלאָסאַלער שריפטשטעלער פאַר אונז, ליטעראַטן, פּונקט ווי ער איז אַ קאָלאָסאַלער מאַטעמאַטיקער פאַר די מאַטעמאַטיקער און אַ קאָלאָסאַלער אַרכיטעקט פאַר די מענטשלעכע אַרכיטעקטן? איז דאָס מענטשלעכע און חיהשע און אינסעקטישע לעבן בלויז רוי־מאַטעריאַל צום הימלישן קינסטלער?

דאָס זיינען, דאַכט זיך, קינדישע מחשבות. פונדעסטוועגן טראַכט איך: אפשר שרייבנדיק דינען מיר גאָט אין זיין העכסטער טוונג. אפשר איז דאָס שרייבן אַ געטלעכער פּראָצעס טאָקע — און נישט בלויז אַ קינדערישע פאַרשטעלונג. און דער געניאַלער שרייבער איז ממש אַ שותף צו גאָטס וועלט־באַשאַף און גאָטס קאָסמישער הערשאַפט. אפשר איז טאָקע גאָט נישט בלויז שעפער, נאָר אויך לייענער. ער לייענט געטנוי די וועלט־ליטעראַטור און ער בויט די וועלט לויט מענטשלעכע אידעאַלן און פאַרשטעלונגען. אפשר פאַרנעמט ער די טענות פון די נביאים...

***

איך האָב אָנגעהויבן איינצוזען אין שפּעטערדיקע יאָרן ווי אַזוי שטיקער קינדהייט קריגן זין און באַדייטונג צום רייפנדיקן קינסטלער. ווי אַזוי דער קינסטלער שעפּט דורך זיין גאַנצן שעפערישן לעבן דווקא פון די סאַמע באַאיווסטע, מכלומרשט אומוויכטיקע געשעענישן אין זיין לעבן, וואָס וואַקסן שפּעטער אויס צו סימבאָלן און זיי באַהערשן דאָס גאַנצע קרעאַטיווע לעבן פונם שעפער און זיי דיקטירן און דערצידירן זיינע ווערק.

עס איז אין מיר פּלוצלונג אויפגעגאַנגען דאָס באַוואוסטזיין, דאָס געוואויר ווערן, אַז אַלץ וואָס איך האָב ביז איצט געשריבן, איז אַ רעזולטאַט פון די סאַמע ערשטע איינדרוקן, אין דעם בראשית פון מיין לעבן. אַז די שטורעמווינטן, שנייען און זאַווערוכעס וואָס ווייען אין מיינע ווערק זיינען פון די ערשטע אורשנייען און אויפשטורעמס פון מיינע אוראַלטע זיידעס און באָבעס. אַ גרויס געוואויר ווערן איז אויפגעגאַנגען אין מיר. אַ געוואַלטיק ליכט האָט באַלויכטן מיין נשמה. און עס האָט מיך געצויגן צום סאַמע קאָרזשן פון מיין קינדהייט. צום שורש. צו די ערשטע פנימער וואָס מיינע אויגן האָבן אין זיך

אַריינגענומען. צו די ערשטע בוימער, שוועלן און פלויטן. צו די גאָר ערשטע איינדרוקן. צו די סאַמע וואָרצלען פון מיין זיין. צו די ערשטע וואָלקנס וואָס כ'האָב דערזען אויפן הימל און די ערשטע וועטערן אויף דער ערד. איך האָב געוואָלט זיין וואָס נענטער צו מיין אור־לעבן, צו די ערשטע קוואַלן וואָס האָבן גענערט מיין גייסטיק לעבן.

***

די דאָזיקע איבערגעשריבענע ווערטער זיינען אַ מין פאָרוואָרט צו אַ צוקונפטיק בוך, אין וועלכן דער מחבר חלומט צו מאַכן אַן אימפולסיווע און הייסע פאַרצייכנונג פון אַלץ, אָדער ווייניקסטנס: פון בלויז אַ היפּשן טייל, וואָס ער איז געווען אימשטאַנד זיך צו דערמאָנען אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון זיין לעבן. פון זיין גאַנץ לעבן אָן, ביז צום דאָזיקן טאָג פון גליטש און געפּרווירענעם רעגן און שניי, ביז צום סאַמע היינטיקן שלעכטן און געפּערלעכן וועטער, וואָס דער מחבר נעמט אויך מיט ליבשאַפט אַריין אין די בלעטער פון זיין פּראָזע — אַזוי ווי ער נעמט אַריין אַלע וועטערן פון זיינע טעג און נעכט אין דעם בוך פון זיין לעבן...

ניו־יאָרק, 9 יאַנואַר, 1956.

שפּעט ביינאַכט

שפּעט ביינאַכט לייג איך זיך אַוועק אויפן בעט מיט אַ פּיראַמידע פון ביכער ביי דער זייט. וועלכער גרויסער סאָציאַליזם הערשט דאָ. אָט איז דער אַלט־רוימישער חכם־אימפּעראַטאָר מאַרקוס אוירעליוס. און אָט איז דער פּשוטער חכם פון דער ערד, פון דער נאַטור, טהאָראָ; אָט איז דער רויבער פון פּאַריז, פראַנסואַ ווילאָן און אָט איז אַ ליכ־טיקער באַנד פון קלוגן פּרץ.

עס ליגן די בריוו פון וואַן גאָג, דער מאַן מיט דער רויטער באָרד און צעשרפהטן מוח; אָט איז ראָמען ראָלאַן מיט די פייערדיקע אויגן פון אַ נביא און אָט איז די קליינע, דינע, ציטערנדיקע און צאַרטע מאַריאַ באַשקירטסעף, מיט דער פולקאָמענער פיגור, מיט אַזאַ גע־וואַלטיק פייער אין איר האַרצן, אָרומגענומען מיט אַזאַ גרויסער ליבע צו קונסט...

שפּעט ביינאַכט, אין טיפער איינזאַמקייט, ליג איך ווי אַ סאָלדאַט אויפן אייזערנעם בעט, מיד פון אַלע מענטשן — און איך פאַרוויל אין דער געזעלשאַפט פון דורות. דאָס איז די איינציקע פאָרם פון אומ־שטערבלעכקייט, וואָס דער מענטש האָט זיך פאַרשאַפן. און דאָ הויזן צוזאַמען אַ רוימישער אימפּעראַטאָר, אַ גריכישער דענקער, אַ פראַנ־צויזישער פּאָעט, אַן אַמעריקאַנער פרייהייט און נאַטור־ליבהאָבער, צוזאַמען מיטן פּאָעט פון רייסען, משה קולבאַק. איך רעד און איך פאַרוויל מיט די דאָזיקע אַלע שפּעריש מענטשן. איך שמייכל צוזאַמען מיט סענעקאַ און אַנאַטאָל פראַנס. איז דען פאַראַן אַ גרעסערער פאַרגעניגן ווי די געזעלשאַפט פון ביכער ?...

אַרלען, דעם שרייבערס ווייב

עס איז אַ קילער אָוונט אין אַפּריל. איך זיץ באַקוועם אין דער וואוינונג פון מיין פריינט, אַ יונגען נאָוועליסט. אויפן וואַנט הענגט רענואַרס אַ בילד. אַ טונקעלע, אָריענטאַלישע פרוי אין אַ בליענדיקן, פיל־קאָלירטן קלייד, אין אַ לויזער, נאַכלעסיקער פּאָזע... אין אַ צושטאַנד פון גליענדיקער ליידנשאַפט. איר פּנים איז ווי אַ טונקעלע בלום. איר קערפּער איז מאַסיוו. אַ דענקמאָל אין בראָנדז. זי אָטעמט הייס. זי איז ווי אַ וואַלקיריע פון עראָטיק.



אין אַ צווייטן ווינקל הענגט איינזאַם און פאַרלאָזן דער זעבסט־פּאָרטרעט פון ווינסענט וואַן גאָג. אין בענקשאַפט צו אַ פרוי. אין הונגער נאָך ליבע. אין באַגער נאָך אַ פאַמיליע. דער קאָפּ ברענט ווי די זון אין תמוז. עס צינדן זיך הייס זיינע שלייפן. ס׳לויכט זיין רויטע באָרד. זיין שטערן גליט מיט זון. וועלכע שרעקלעכע מיזערע עס ברענט אין זיינע אויגן. אָן איינזאַמער גאון מאָלט זיין זעלבסטפּאָרטרעט — אָן אייביקער אויסגעשריי פון וויטיק און פּראָטעסט אַנטקעגן דער זאַטער וועלט. ער שיינט ווי צו זאָגן מיט דעם פינצטערן פייער פון זיינע טרויעריקע אויגן:

— „עס איז אוממעגלעך צו לעבן אַליין. איך האָב זיך געיאָגט נאָך דער אַלטער מויד, נאָך דער מאָדעל, אָבי ניט צו לעבן אַליין. אָבער איך האָב רעזיגנירט. איך האָב געלאַנדעט אין משוגעים־הויז. איך מאָל די לעצטע לאַנדשאַפטן מיטן בלוט פון מיין האַרצן. באַלד וועל איך גיין אין פעלד און איך וועל זיך אַריינשיסן אַ קויל אין קאָפּ אַריין".

אין דעם אַפּרילישן אָוונט לויכטן ביידע: דער איינזאַמער האָלענדישער מאָלער, וואָס האָט זיך טאָקע אין אַ טאָג דערשאָסן אויף אַ פעלד אין האָלאַנד, ווען זיין מוח האָט געברענט מיט זון און מיט העלישע קאָלירן — און עס לויכט די וואונדערלעכע אַדאַליסטקע פון רענואַר, וואָס בענקט נאָך אַ מאַן און זי שטראַלט אין איר עקזאָטישער שיינקייט...

פרישע בעז־ווינטלעך דרינגען אַריין דורכן פענצטער. די נאַטור איז פול מיט פּערפיום. עס לאַכן אַנגענעם די פרויען און די קינדער אויף דער גאַס. פרילינג מיינט: פרוי. עס מיינט קינד. עס מיינט בוים. עס מיינט בעז. עס מיינט: האָפנונג. די פרוי וואַרפט אַראָפּ אירע חיהשע פוטערס. די דיקע מאַנטלען. די פרוי ווערט לייכטער

און גראַציעזער. דו קענסט זען אירע פאַרמען. די קאַנטורן פון איר צאַרטן גוף. די פרוי גייט אַרום אין אַ זיידענע קלייד אויף דער ערד. זי טוט זיך אָן אין שטראַלן פון דער לבנה. אין דעם נעפּל־זילבער פון די וואַלקנס. און דער פרילינג איז איר פּרעמיערע. איר גאַלאַ־באַל... פרוי גייט אַרויס אין גאַס אויף צו כישופן, זוניקן, רופן און שטראַלן.

זי איז לעבעדיקע מאַלעריי. זי איז ביידע: זון־אויפגאַנג און זון־אונטערגאַנג. זי איז אַ גייענדיקע לאַנדשאַפט. אַ פּייזאַזש וואָס אָטעמט...

עס איז אַ ניו יאָרקער גאַס, מיט וואָלקנקראַצערס, וואָס באַרירן מיט זייערע שפּיצן כמעט די לויזע, די נאַכלעסיקע וואָלקנס, באַרירן ממש די אייזערנע ריפּן פון גאָט... אָבער די צאַרטע פרוי ציט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון מענער אַפילו אויף אַ ברוטאַלן הינטער־גרונט פון וואָלקנקראַצערס... עס איז אייביק די זעלבע פרוי: פון ירושלים, פון בבל, פון מצרים, פון רוים, פון אַטען... זי וואַכט ביי דער נאַכט נעבן די טויערן הינטער דער שטאָט. זי שטייט אַ רייצנדיק־פאַרפירערישע צווישן די מצבות פון אַלטע בית־עולמס. זי שטייט ביי די זיך קרישלענדיקע און מיט מאָך באַגרינטע ווענט פון פאַר־צייטישע פעסטונגען מיט איר פאַרשייטן און וואונדערלעכן שמייכל. זי שטייט ביי די גאָלדענע אַריינגאַנגען פון טעמפּ׳לען: די געטין, אויף אַ ווילדע אַרויסגעגאַנגען צו זינדיקן.

אירע אויגן לויכטן בליציק און גיריק אַרויס אין דער נאַכט ווי די אויגן פון דער חיה... זי רופט דעם היציקן און פאַרשקלאַפטן גיגאַנט, דעם איינזאַמען מאַן, צו גליק און צום טויט... מאַן גייט אַ שטומער, אַ געהאַרכזאַמער, אַן איינזאַמער שקלאַף, באַטרונקען און באַכישופט פון דעם אומגעהויערן כוס פון ליבע...

— אָט זיינען די פאָטאָגראַפיעס פון מיין פרוי, אַרלען. דו קענסט זיי דורכקוקן! האָט זיך מיין פריינט, דער יונגער נאָוועליסט, צו מיר געווענדט, מיר צוואַרפנדיק אַ פּעקל בילדער.

איך מיש די בילדער. אָט איז דאָס ערשטע בילד: אַ פרוי מיט אַ נאַקעטער, צאַרטער פלייצע, אַזוי ווי פון קילן מאַרמאָר. איך טראַכט פון געוויסע סקולפּטור־ווערק פון ראָדען, אין וועלכע ער האָט געלאָזט, ווייס ווי ערשט־געפאַלענער, בתולה׳דיקער שניי, אויפלייכטן דעם צאַרטן פרויענגוף...

אַ צווייטע בילד פון דער פרוי, מיט טרויעריק־עראָטישע אויגן, אויגן פון אַ דורכזיכטיקן גרין, אין וועלכע עס מיניען זיך אַלע קאָלירן און אַלע שטימונגען פון אַ פרויאיש־קאַפּריזנער און קאָמ־פּליצירטער פערזענלעכקייט. אַ דריטע בילד שטעלט פאָר אַ פאַר־חלומטע פרוי, אין עקסטאַז פון תאווה... די פרוי איז ממש דאָ דערפירט צום העכסטן מאָמענט, צום אָרגאַזם... פול מיט פיזישן געגוס. אַ פירטע בילד: אַ ווילדע, מיט צעשויבערטע האָר, מיט אַ בלאַסער הויט פון איר דינעם פּנים, אַזוי ווי זייד... מען קען אין די אַלע בילדער דערקענען די שטימונגען, די קאַפּריזן, די מוזיק און דעם צויבער פון דער פרוי... איר קינדישקייט און איר מיידלשקייט... דעם

הייסן וואולקאַן אין איר פון אַ העטערע און דעם טרויער פון חוה...

— ווען איך האָב זיך מיט איר באַקאַנט אין ווישי, אין דער שפּעטערדיקער טרויעריק־באַרימטער פראַנצויזישער הויפּטשטאָט, איז איז זי אַלט געווען אַכצן יאָר. נאָר זי האָט שוין געהאַט הינטער זיך היפּשע יאָרן פון געשלעכטלעכער דערפאַרונג. זי איז געווען אַ יונגע שיינקייט, אַזוי ווי אַ קליינע געצין, וואָס האָט געוואָלט איינשלינגען אין זיך אַלע פריידן פון דער ערד, אַלע זוניקע גענוסן פון ליבע... איך קען זי קיינמאָל ניט פאַרגעסן. מיט וועלכע פרויען איך טרעף זיך איצט, דערמאָן איך זיך אין אַרלען... אין איר קליינער, צאַפּלדיקער און גראַציעזער געשטאַלט. אין איר צאַרטער און מילך־ווייסער הויט. אין אירע אויגן, אַזוי ווי קליינע, גאָלדענע רעגנבויגנס. אין איר דין־געשניצטן, צאַרטן און זיידענעם פּנים, אַזוי ווי אַן איידעלע בלום אין די ערשטע וואָכן פון פרילינג. אין איר שלימותדיקער פיגור און אין אירע תענוגים וואָס זי פלעגט געבן און אויפנעמען...

— איך געדענק דעם ציטער פון אירע דינע נאָז־פליגל בשעתן אינטימען גענוס... אַזוי ווי דער ציטער פון איידעלע שמעטערלינגען אין אַ פאַרנאַכט ווען די לופט טריפט מיט גאָלדענעם חלב... און דער עקסטאַז פון אַרלענס אויגן, געווענדט צו דער זון, צו אַ געהיימער לעבנס־זון, צו וועלכער מיר טוליען זיך אַלע אין די מאָמענטן פון לוסט און שמערץ, ווען דאָס לעבן טרינקט אויס אונזערע פייערדיקע לעבנס־זאַפטן... איך געדענק דעם ציטער פון איר קערפּער, די געהיימע פרויען־זשעסטן, דעם צאַפּל פון אירע בריסט און פון אירע קניעס, דער זיסער אומהאַלדז פון אירע דינע, פּרעכטיק־געשניצטע און ווייסע הענט... איך געדענק — דורך אַלע פרויען פון מיין לעבן — איין און איינציקן זיסן קערפּער, איין גאָלדענעם פּנים, איין גליענדיקן ווען — אַרלענס...

— די פרויען און די מענער פון ווישי קוקן אויף איר, ווען זי גייט אַדורך דעם בולוואַרד, מיט טריפנדיקער זון פאַרגאָסן, אָדער אַזוי ווי אַ פייכטע, שמעקנדיקע בלום, אין אַ זומערדיקן רעגן... און אונזער הויז איז כמעט שטענדיק באַלאַגערט מיט געסט, מיט באַרימטע מאָלערס און שריפטשטעלערס, וועלכע זיינען אַלע פאַרליבט אין אַרלענס גראַציעזן געשטאַלט... פאַרליבט אין דער דאָזיקער רייצנדיקער ווייבס־פּערזענלעכקייט... זי נעמט אויף אירע געסט מיט עכט־פראַנצויזישן חן. זי רעדט נאָר דאָס פראַנצויזישע לשון. דעם פיינסטן, דעם שאַרמאַנסטן, דעם עלעגאַנטסטן פראַנצויזיש. זי שטראַלט אין מענערישער געזעלשאַפט אַזוי ווי אַ קליינע און בראַנדזענע בודאַ־געטין...

— די ערשטע פּאָר יאָר פון אונזער פאַמיליען־לעבן איז זי אַ פלאַמענדיקע פרוי... עס איז ניט מעגלעך צו לעשן איר הייסע עראָטיק... איר אומגעשטילטע, אָריענטאַלישע ליידנשאַפט. אָבער שפּעטער הייבט זי שוין אָן אַביסל צו צאַנקען... זי הייבט זיך אָן צו פאַרלעשן, אַזוי ווי אַ שטערן וואָס האָט צו פלאַמיק געגליט... זי קילט זיך ביסלעכווייז אָפּ. עס באַפאַלן איר שוין אויך קראַנקהייטן.

אַ מאַטע לעבנס־מידקייט טרעט איין. פון איר געוויינלעך שטענדיק פריילעכן געשטאַלט הויבט שוין אָן פרי צו ווייען מיט מרה־שחורה...

— זי האָט אַ לוקסוסדיקן אויטאָמאָביל. זי פאָרט אַרום טאָג און נאַכט. מיט אַ סך פריינט, מיט אירע פאַרערערס... דו קומסט אין אָוונט אַהיים אין דיין הויז, אַ מידער פון דער שווערער האַרעוואַניע, פון אַרומפאָרן איבער די פראַנצויזישע שטעטלעך מיט וואַרע, קענסטו קיין לייטישן מאַלצייט ניט געפינען. אין דער שטוב איז צעוואָרפן דאָס אַש פון אַ סך אויסגערויכערטע ציגאַרעטן... בלויז מיטן איבער־בלייב פון געטרונקענעם ווײַן, ווי מיט פלאַם פאַרגאָסענע כוסות... בלויז צעטראָטענע רויזן, סאַמעטענע רויזן, צעטראַטענע און צע־דריקטע אַזוי ווי מיינע טעג און מיינע פינצטערע נעכט... עס איז דאָ געווען ליבע, ליידנשאַפט און אַרגיע... די בעטן, די קאַנאַפּעס, די פּלושענע שטולן און די פּערסישע און טערקישע טעפּיכן, אַלץ, אַלץ איז צעטראָטן, צעקנייטשט, געשענדעט און פאַרשעמט, ווי אַן אַרמיי פון רייטערס און פערד און העלפאַנטן שווערע וואָלט דורכ־געגאַנגען דורך אַ שטילן לאַנד און וואָלטן צעטראָטן און צעשענדעט דעם גרינעם פּלוש פון די פעלדער, דעם סאַמעט פון די וועלדער, דעם זייד פון די לאָנקעס, די גאָלד־געליישטע לאַנדשאַפטן און די טייערע און הייליקע שטילקייטן פון אַ לאַנד אין שלום און אין גליק...

— און, דו ביסט תמיד איפּערזוכטיק... דו ווייסט קיינמאָל ניט מיט וועמען זי פאַראַט דיך... דו האָסט קיינמאָל ניט קיין איינציקן קעגנער פאַר זיך — נאָר אַ סך... אין וועמענס פאַרעטערישן האַרצן זאָלסטו שאַרף אַריינצילן די פייער־קויל פון דיין רעוואָלווער? ווער איז דער אמתער שולדיקער אין דיין צעריסענעם און פאַרשעמטן פאַמיליען לעבן? אפשר זאָלסטו צילן דיין רעוואָלווער אינם פעלדזיקן האַרץ פון שיקזאַל...

— פונוואַנען אייגנטלעך שטאַמט איר ליידנשאַפט, איר ווילד, איר קאָכעדיק בלוט? פון איר פאָטער. איר פאָטער שלאָפט אין יעדן האָטעל מיט אַן אַנדערע פרוי... דער דאָזיקער מאָדערנער און אידי־שער קאַזאַנאָוואַ האָט דריי טעכטער: אַלע דריי זיינען פייערדיקע און אומגליקלעכע וואַקיריעס. איינע האָט אַ מאַן אַ שלימזל. ער פאַרדינט נעבעך ניט און זיין פרוי איז געצוואונגען צו ווערן אַ דאַמע אין אַ האָטעל, אַ מין דעמי־פּראָסטיטוטקע... דער מאַן פון דער צווייטער טאָכטער שטאַרבט פּלוצלונג. און אויך זי ווערט אַן אויס־געלאַסענע דאַמע אין אַ געוויסן קרייז פון קינסטלער, וואו זי פאַזירט, רויכערט, טרינקט און ווערט אויסגענוצט... די דריטע און די יונגסטע, אַרלען, איז צו מיין טרויעריקן „גליק" — מיין ווייב...

— איך האָב געזען אַז מיין לעבן ווערט רואינירט נעבן אירן... איך האָב אין אַ טאָג ענדלעך באַשלאָסן, נאָך אַ סך שלאָפלאָזע נעכט און נשמהדיקע שלאַכטן מיט זיך אַליין, מיט איר זיך צו גטן. עס איז ניט געווען קיין שום אַנדערער אויסוועג. אָבער גלייך נאָכן גט האָבן מיר געשפּאַצירט אַהיים ווי צווי צום טויט־פאַראורטיילטע... און מיר האָבן געפייערט אונזער גט מיט אַן אמתער נאַכט פון ליבע...

און אַזוי פלעג איך זי אויך שפּעטער באַגעגענען און מיט איר ליידנ־שאַפטלעך פאַרברענגען. עס איז פיל בעסער געווען צו זיין איינער פון אירע צאַלרייכע געליבטע ווי איר גערועצלעכער מאַן...

— און, מיט דער צייט, דורך ברענענדיקע יסורים פון אייפערזוכט און בענקשאַפט צו איר, האָב איך זיך איינגאַנצן באַפרייט פון דער דאָזיקער תאווהדיקער און אומגליקלעכער פרוי. אָבער, איך האָב זי קיינמאָל ניט געקענט פאַרגעסן. זי איז אויף אייביק געבליבן שטיין אין דער נישע פון מיין האַרץ — אַ קליינע, בראָנדזענע סטאַטועטקע, מיט טויזנט ליידנשאַפטן, טויזנט טעמים, טויזנט קאַפּריזן און טויזנט פאַראַטן...

איינמאָל דערציילט מיר דער אַלטער סקולפּטאָר דזשעראַרד, וועלכער איז געווען אַ גרויסער פאַרערער פון אַרלען, און פאַר וועמען זי פלעגט אָפט פּאָזירן, אַז אַרלען האָט זיך געעפנט אַ בלומענ־געשעפט...

— גיי דורך, — זאָגט דער סקולפּטאָר, — די קליינע קירכע מיטן גרינעם קופּאָל ביי מאָנפּאַרנאַס. אַרלען שטייט דאָרט אין איר בלומענגעשעפט, אַזוי ווי אַ רויז צווישן בלאַסע ליליעס... אַזוי ווי אַ גאָלדענע, אַ פייערדיקע רויז... זי האָט אַ סך באַזוכערס... זי מוז אַוודאי פאַרקויפן אַ סך בלומען... מען קויפט ביי איר רייכע בוקעטן מיט בלומען פאַר אַקטריסעס און פאַר זינגערינס; פאַר חתונות און פאַר באַנקעטן... און גרויסע, זשאַלאָבנע בלומענקרענץ פאַר לויות און פאַר קברים...

דער אַלטער קינסטלער האָט איראָניש געשמייכלט. און איך בין אין אַן אָוונט צוגעגאַנגען צו דער קליינער קירכע, אויף מאָנפּאַרנאַס — ביים ראָג איז געווען אַ געשעפט פון בלומען... בלויער בעז האָט פריש און פריילינגדיק אַרויסגעשטראַלט פון דער וויטריע... אַ סך געסט האָבן איר געבראַכט גאַנצע בערג מיט בלומען און זי האָט זיי פאַרקויפט צו אַנדערע געסט... די טיר האָט זיך געעפנט און אין אַ ווילע אַרום האָב איך אַן אויפגעציטערטער געזען ווי עס איז אַרויסגעקומען אַרלען, באַגלייט פון אַן עלעגאַנטן, פראַנצויזישן אָפיציר... אָבער נאָך פאַר דעם האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט זי צו זען אינעווייניק, צווישן די בלומען... איך שוווער אַז ווען מען האָט צו יוליוס צעזאַר געבראַכט דעם קויש מיט בלומען, און פון דאָרט איז אַ נאַקעדיקע די וואונדערלעכע קעניגין קלעאָפּאַטראַ, האָט זי ניט שענער אויסגעזען ווי אַרלען, צווישן אירע בלומען־מתנות...

— און מער האָב איך זי זינט דעמאָלט ניט געזען. זי לעבט שוין איצט אַוודאי ניט. די נאַציס האָבן איר געמוזט אומברענגען אין אַ שאַנד־הויז... זיי האָבן איר ערגעץ־וואו דעפּאָרטירט... האָבן מיר מיינע פריינט געשריבן...

— מאַדנע! באַלד נאָך מיין אָנקומען אין אַמעריקע בין איך געפאָרן קיין באָסטאָן אויף אַ לעקציע צוזאַמען מיטן באַרימטן נאָוועליסט ש. דער מעכטיקער שריפטשטעלער איז דעמאָלט געווען פאַרנומען מיטן שרייבן אַ ראָמאַן איבער היסטאָרישע אידישע העלדן אין אַ

געוויסן אָפּשניט פון דער אידישער געשיכטע. און, ווי עס איז געווען די אייגנשאַפט פון דעם קינסטלער, איז ער געווען, בשעתן שרייבן, אינגאַנצן באַהערשט פון יענער עפּאָכע און פון אירע גרויסע געשטאַלטן. קיין שום אַנדער זאַך האָט פאַרן שרייבער איצט ניט עקזיסטירט. ער האָט געלעבט אינגאַנצן מיט דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, מיט די דראַמאַטישע געשעענישן, מיט די פיגורן וואָס פּילן אויס די האַנדלונג אין זיין ראָמאַן. ער קריגט זיך מיט זיינע נעגאַטיווע כאַראַקטערן. ער שלאָגט זיך מיט זיי אין אַ טיטאַנישן געשלעג. ער לויבט זיינע פּאָזיטיווע העלדן. ער אומהאַלדזט זיך מיט זיי. ער פירט זיי ארום דורך פּאַלאַצן און אָפּגרונטן. ער לעבט אינגאַנצן דאָס לעבן פון ווינע רובענס־פלאַמענדיקע מענטשן. ער דיסקוטירט הילכיק און העפטיק מיט זיי. ער רופט זיי ביי די נעמען. דער גרויסער קינסטלער איז מאַנאַגאַמיש. ער פאַראַט ניט זיין ווערק. ווי טאָלסטאָי, ווי באַלזאַק, איז ער ביז איבערן פלאַמיקן און אַנגעצונדענעם קאָפּ אַריבער פאַרזונקען אין זיינע ראָמאַנען, אין דער עפּאָכע וועלכע ער שילדערט און ער עפנט זי ברייט פאַנאַנדער אויף די ברייטע בלעטער פון זיין ראָמאַן, אַזוי ווי אַ ריזיקע און אַ געוואַלטיקע פרעסקאָ. ער לעבט מיט זיין שעפערישער פאַנטאַזיע אינגאַנצן אין דעם היסטאָרישן פּעריאָד פון דער וועלט־געשיכטע. ער גיט יעדער קאַפּיטל פון זיין ווערק צו טרינקען דאָס בלוט פון זיין האַרצן. און ווען אַלע קאַפּיטלעך האָבן, ווי די וואַמפּירן, זיך אָנגעטרונקען ביז פּלאַצן פון זיין ריזיקן קוואַל פון בלוט, איז דאָס ווערק געשלאָסן און מחבר גייט אַוועק זיך אָפּרוען, אַן איינגעדאַרטער, אַן איינגעקרומטער, אַן אויסגעמאַטערטער פון דער גרויסער קינסטלעריש־קאָסמישער אַרבעט...

— לאַנדשאַפטן זיינען פאַרבייגעפלויגן דורך די פענצטער. לאַנדשאַפטן — פעטע און זאַפטיקע. זיי שמעקן מיט קליינשטעטלדיקער רואיקייט און אידיליע. און בשעת דער צוג שטעלט זיך אָפּ אין איינער פון די שנעל־פאַרביילויפנדיקע שטעטלעך, באַשטייגט פלוצלונג אונזער איינזאַמען וואַגאָן אַ יונגע פרוי... איך בין ממש פאַרגליווערט געוואָרן פון שטוינונג און פון איבעראַשונג. און אַזוי אויך מיין פריינט, דער גרויסער ראָמאַניסט, וואָס איז געווען אַ פאַרערער פון אַרלענען... מיר האָבןביידע פלוצלונג איבערגעריסן אונזער שמועס וועגן זיין נאָוועלע, וואָס ער האַלט איצט אין שאַפן, וועגן די שטורעמדיקע כאַראַקטערן פון זיין עפּישן ראָמאַן...

— אין אַ ווינקעל פון וואַגאָן, איך וואָלט געקענט שווערן, איז זיך שטיל געזעסן אַרלען... דערזעלבער וואונדערלעכער צעשויבער פון איר קאַשטאַניש־ברוינעם קאָפּ האָר... דערזעלבער הייסער בליק פון אירע אויגן — אָט בלוי ווי דער הימל אין אַ שטילן, תפלה־דיקן פאַרנאַכט; אָט גרין־פייכט ווי די לאַנדשאַפט, און אָט פּורפּורצאַרט ווי דער פּורפּורענער בוים פון בעז... און איר פּנים, מיט דער צאַרטער, דער גאָלדיק־זיידענער הויט... און אַפילו אינם זעלבן ווייכן, טונקעל־גרינעם מאַנטל, אַזוי ווי זי וואָלט געבאָרגט דעם מאַנטל

ביים גייסט פון אַרלען...

— מיר האָבן ביידע געציטערט פון אויפרעגונג. עס איז געווען אַזוי ווי אַרלען וואָלט זיך צו מיר באַוויזן, אַ טרויעריקע, אַן אומגליק־לעכע, אין דעם ווינקעל פון וואַגאָן, און זי וואָלט זיצן שטיל און געהיימנישפול, פאַרזונקען אין רעמיניסענסן... עס איז געווען אַזוי ווי זי וואָלט קומען פון יענער וועלט, פון דעם אומעטיקן און שטומען לאַנד פון שאָטנס... — — —

***

מיין פריינט, דער שרייבער, האָט אַוועקגעשטעלט פאַר מיר אַ טאַץ מיט רויטע עפּל. יעדער עפּל איז געווען געפאַרבט ווי אַ רייכער זון־אונטערגאַנג, געמאָלן מיט דעם בונטן פּענדזל פון דעם גאון פון דער נאַטור, אויף דער צאַרטער הויט פון די עפּל... אַ קליינער באַנד פון באַדלערס מייסטערהאַפטע „בלומען פון שלעכטס", אין געלער און אין ווייכער לעדער געבונדן, איז געלעגן אָפן, און אַ גרין־זיידענע בענדל האָט אָנגעצייכנט דאָס ליד, דאָס שענסטע ליד...

רענואַרס ליידנשאַפטלעכע פּרוי איז שוין איצט געווען אין דעם העכסטן עקסטאַז און דער אָרעמער בחור, דער מאַרטירער וואַן גאָג, איז געזונקען אין אָפּגרונט פון דער טיפסטער פאַרצווייפלונג. רויט און פלאַמיק האָט געפלאַמט אַרום זיין בלייכן און פאַרמעטענעם פּנים זיין באָרד, די פאַרבלוטיקטע באָרד, וואָס טראָפּנס בלוט פונם אויפ־געשניטענעם אויער איז איבער דער באָרד גערונען... איך האָב געטראַכט: דער דאָזיקער איינציקער זעלבסטפּאָרטרעט פון וואַן גאָג דערציילט אַ מער טיפערע געשיכטע פון זיין טראַגישן לעבן ווי די גאַנצע סענסאַציאָנעלע ליטעראַטור אַרום אים... עס איז דער קינסט־לער וואָס שרייבט אין זיין ווערק זיין אייגענע געשיכטע: בעעטאָווען האָט געשריבן זיין לעבן אין זיינע מוזיקאַלישע שאַפונגען. יעדער בילד פון וואַן גאָג איז אַ גרויסע, גליענדיקע בלאַט פון זיין אומגליק־לעכער לעבנס־געשיכטע.

די אמתע ליידן און ראַנגלענישן פון אַ גרויסן קינסטלער ווייסט קיינער ניט. די ביאָגראַפן ברענגען בלויז אַרויס דאָס סאַמע דראַמאַ־טישסטע און דאָס סענסאַציאָנעלסטע...

מיין פריינט, דער נאָוועליסט, האָט גערויכערט ציגאַרעט נאָך ציגאַרעט און האָט זיך פאַטעטיש געהילט אין די גרויע און נאַכלעסיקע רויך־רינגען... אַזוי ווי ער וואָלט אין די גרויע און בלויע רויכיקע רינגען געזען זיך ספּיראַליש אויפדרייען און אויספורעמען זיך פון אַ געשטאַלט... דאָס כישופדיקע געשטאַלט פון אַרלען...

דאָס רוישיקע און זילבערנע געלעכטער פון פרילינגדיקע פרויען אויף דער גאַס איז ווי פּלוצלונג אָפּגעשטעלט געוואָרן. אַ טויטע שטילקייט איז איינגעטראָטן... די שטילקייט וואָס צייכנט אויס אַ בית עולם...

ווען איך בין שפּעט ביינאַכט אַהיימגעגאַנגען, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק אַז איך בין אַרומגערינגעלט פון ווייעגדיקע שאָטנס...

שאָטנס פון רענואַר, פון וואַן גאָג, פון טולוז־לאָטרעק, פון דעם אַלטן נאָבעלן סקולפּטאָר וואָס האָט פאַראייביקט אַרלענס גראַציעזן גוף אין לויטערע מאַרמאָרנע ווערק... און דער צאַרטער, שפּינגעוועבס־טיקער יאָמערנדיקער שאָטן פון אַרלען, פאַרוועבט אין דער פלאַמענ־דיקער נעץ פון ליבע, וואָס האָט געהאַט אָנגעגרייט פאַר זיך אַ פּלאַץ אין די פייערן פון גיהנום... אָבער וואָס איז, צוליב אירע גרויסע אומענטשלעכע יסורים, איר מאַרטירערישן טויט, אַריין אַ שטאַלצע צווישן די מיליאָנען הייליקע שאָטנס מיט קרוינען אויף די קעפּ — אין גן עדן...

דער העברייאישער אַקטיאָר

אַז איך קום אויף סעקאָנד עווענױ, דריי איך זיך אַרום דער אַמאָליקער ליטעראַרישער „קאַפע ראַיאַל". אַנשטאָט יידישע שרייבער — זיצן איצט פּאָרטאָריקאַנער און זיי פּרעסן הויזן. עס איז איצט פון דער באַרימטער ליטעראַרישער קאַפע געוואָרן אַ „קלינינג־סטאָר"... וועלכע ביטערע איראָניע!

עס איז אָקטאָבער. פון די בוימער פאַלן די בורשטינענע בלע־טער. אין די געוועלבטע בלעטער לייען איך שירים און דערציילונ־גען פון די דיכטער און נאָוועליסטן וואָס זיינען דאָ יאָרן לאַנג געזעסן. אין די בלעטער זע איך די פּאָרטרעטן פון אַלערליי יידישע שריפט־שטעלער און אַקטיאָרן. ווען איך בין דאָ דאָס ערשטע מאָל געקומען אין הערבסט פון יאָר 1934, האָב איך נאָך דערוויסט פּנימער פון זישע לאַנדוי און דילאָן, פון מאני לייב און משה נאַדיר, פון אברהם רייזען און דוד איגנאַטאָוו, פון פּרץ הירשביין און ה. רויזענבלאַט... געזעסן דאָ אַ גאַנצע יידישע ליטעראַטור... און די בלעטער ווייען, ווייען ווי דער שניי פון פאַראַיאָרן...

אַנטקעגנאיבער ליגט דאָס אוראַלטע בית עולם מיט די פלאַכע מצבות. פון איין קבר שפּאַנט אַרויס מאַרטאַ, די געליבטע פון באַ־רימטן אַמעריקאַנער קלאַסיקער וואַשינגטאָן אירווינג. זי איז יונגער־הייט געשטאָרבן פון שווינדזוכט. איך קוש איר בלייכן פּנים... איך נעם איר אונטערן אָרעם... מיר גייען ביידע שטילערהייט שפּאַצירן אויף סעקאָנד עווענױ...

איך זע שוואַרצס „פיונעראַל היים"... דאָ ווערן באַגראָבן די יידי־שע אַקטיאָרן... דאָ קומען זיי נעבעך צוגיין מיטן טויט אין האַרצן... זיי לייגן זיך אַוועק און זיי הייסן זיך באַגראָבן אין דער קאַלטער, פינצטערער ערד... און איך זע הונדערטער, הונדערטער מאַסקעס פון יידישע אַקטיאָרן און אַקטריסעס... זיי זיינען אַלע דאָ געזעסן אין „קאַפע ראַיאַל", געטרונקען קאַווע מיט שמאַנט און האָבן זיך קעגנ־זייטיק באַרעדט... וואו זיינען זיי איצט?

און בשעת איך גיי אַזוי אַרום אין דעם ווינט פון געלע, אָקטאָ־בערדיקע בלעטער, און איך פרעג: „וואו זיינען זיי אַלע איצט? אין וועלכע הימלישע רעגיאָנען שוועבן זיי אַרום?" — קומט אָן דער

העברייאישער אַקטיאָר, דער משוגענער... יאָרנלאַנג פלעגט ער קומען אין „קאַפע ראַיאַל", אַריינפאַלן אַזוי ווי אַ ווינט, מיט ווינטיש־צע־שפרייטע פּאָלעס, מיט איין האַנט אַן אומגעוויינלעך־לאַנגער און מעכ־טיקער, ווי די האַנט פון קיסר מאַקבעט, וועלכע ער פלעגט אויס־שטרעקן צו די שטאַם־געסט:

— וואו זיינען מיינע אַכציק מיליאָן?...

אונטער אַט דער מכלומרשט אומזיניקער פראַזע האָט דער משוגענער אוודאי באַהאַלטן זיין ביטערן חרפה־געפיל... מען פלעגט שוין וויסן אַז ווען ער מאָנט די „אַכציק מיליאָן", מיינט ער אין דער אמתן אַ ניקל אָדער אַ דיים... און מען פלעגט אים צוואוואַרפן, ווער מיט אַ פריינטלעכן, רחמנותדיקן בליק, און ווער מיט ביטול און בי־טערניש אַפילו, מיט אַן אַפּטשעפּ־זשעסט, די קאַרגע, די אָרעמע מטבע...

געקראַגן די פּאָר מטבעות, פלעגט דער משוגענער ייד שנעל אַרויסלויפן פון קאַפע... און ער פלעגט עפּעס שטאָלצערהייט דע־קלאַמירן... ער פלעגט פאַרטראָגן „האַמלעט" אין העברייאיש... און מענטשן פלעגן דערציילן, אַז אַט דער משוגענער איז אַמאָל געווען אַ גרויסער, העברייאישער אַקטיאָר... און ער פלעגט שפּילן אין שעקס־פּירס שטאָלצן רעפּערטואַר... נאָר אין איין טאָג, דערציילט מען, איז ער אַראָפּ פון גלייכן וועג... ער איז משוגע געוואָרן צוליב אַן אומ־גליקלעכער ליבע...

און איצט, נאָך אַזוי פיל יאָרן, זינט די „קאַפע ראַיאַל" האָט זיך פאַרמאַכט, קומט מיר ווידער אַנטקעגן אין דער רעגנדיקער נאַכט דער העברייאישער אַקטיאָר... ער דערקענט מיך און ער שטרעקט אויס צו מיר זיין אומגעוויינלעך־לאַנגע האַנט און ער שרייט אויס:

— וואו זיינען מיינע אַכטציק מיליאָן?!...

— איך ווייס נישט, קאָלעגע, וואו עס זיינען דיינע — און מיינע!

— אַכציק מיליאָן... צי די זעקס מיליאָן פאַרשרפהטע, יידישע נשמות... מיר האָבן זיי שוין לאַנג־לאַנג צוריק פאַרלוירן... זע, ווי דאָרטן דער הימל איז פאַרפלאָמט...

און, איך גיב דעם העברייאישן אַקטיאָר אין זילבערנעם קוואָדער, און ווי נאָר ער דערפילט דעם מעטאַל פון דער מטבע אין זיין לאַנ־גער, אַקטיאָרסקער האַנט, וואָס זעט אויס נישט ווי די פיזישע האַנט זעלבסט — נאָר ווי איר שאָטן, אַנטלויפט ער אַזוי ווי אַ טראַגישער קעניג איבער דער נאַקטורנער און אומעטיקער גאַס... געלע בלע־טער פליען אין דער לופט, ווייען אויף זיין גרייז־גרויען פרינצלעכן קאָפּ... איך קוק אים נאָך. ער גייט אַזוי ווי אויף דער בינע, מיט אַ העלדישער פּאָזע... פרינץ האַמלעט... קיסר ליר... דער ווענע־ציאַנישער טראַגישער סוחר שיילאָק... ער זוכט זיינע פאַרלוירענע אַכציק מיליאָן... ער דעקלאַמירט שעקספּירס געוואָלטיקער פראַזע... און איך דערמאָן זיך ווי שרעקלעך אַלט ער איז געוואָרן... ווי זיינע האָר זיינען דורך דער צייט ווייס געוואָרן ווי שניי...

זוכנדיק זיינע אַכציק מיליאָנען, איז ער דערווייל גרוי געוואָרן ווי אַ טויב, דער העברייאישער אַקטיאָר פון שעקספּירס רעפּערטואַר,

וואָס שפּילט אויס אויף דער ניו־יאָרקער סעקאָנד עוועניו די טרויע־ריקע ראָלע פון אַן אומעטיקן, פאַרלוירענעם לעבן...

ניו־יאָרק, נאָוועמבער 26, 1956

*

איך האָב עפּעס אַ טיפן אָפּשיי פאַרן וואָרט, פאַר די האָרן פון די אותיות. עס טרעפט, שפּעט ביינאַכט, איך גיי אַהיים איבער אַ טונקע־לער גאַס. זע איך ווי אַרבעטער שטעלן איבער די אותיות אין אַ קינאָ־טעאַטער. זיי שטעלן אויס די נעמען פון די אַקטיאָרן, דעם טיטול פון דער דראַמע. אַ פאַרכישופטער דריי איך זיך אונטער די ריזיקע אותיות. עפּעס ווייעט עס אויף מיר מיט דער מיסטעריע פון וואָרט. די אותיות הויבן אָן צו שטראַלן מיט עלעקטריציטעט. זיי פּרואוון פאַרגיסן מיט פלאַמען די פינצטערניש פון דער נאַכט. מעג עס שנייען, צי רעגענען. מעג ברודיק זיין דער שניי אויף די טראָטואַרן און שאָסייען. אידיאָ־טיש שטיי איך אונטער דעם ליכט פון דער רעקלאַמע. עס איז דאָך אַלץ קאָמערציעל. עס שטעקט דאָך נישט קיין קונסט אין די ווערטער וואָס לויכטן וואָרעם. נאָר ביים אַריינשטעלן די אותיות האָב איך געציטערט. אַ טיפע מורא און אַנגסט האָט מיך אַרומגענומען...

איך ווייס נישט צי ציטער איך אַזוי ווייל עס דערמאָנט מיך אין יענע שטורעמס און בליצן, ווען די אידן האָבן אָנטפאַנגען גאָטס תורה פון די צאַרטע אָרעמס פון משהן. צי ציטער איך נאָך מיט דער ציטערניש פון די נשמות וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען און געזען ווי אויף די פעלזיקע לוחות איז געקריצט אַ שטאָלצע שפּראַך פון געזעץ. איי־ניקע פון די אותיות פון דער תורה האָט מיך געמוזט צוזאַמען מיט אַ בליץ אָנרירן, באַרירן מיין האַרץ. און זינט דעמאָלט בין איך פאַר־כישופט און פאַרשאָלטן פון דער מיסטעריע פון וואָרט...

איך בין יאָרן לאַנג געווען אַ זעצער. יעדן דאָנערשטיק פלעגן מיר אַרבעטן אַ גאַנצע נאַכט, כדי פאַרטיק צו מאַכן די צייטונג. אַ פאַרכישופטער פלעג איך שטיין ביים קאַסטן שריפט. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געשריבן. אָבער, מיך האָט געפייניקט אַ טיפע אומ־צופרידנקייט מיט די אַרטיקלען וואָס איך פלעג זעצן. איך האָב גע־פילט אַז די דאָזיקע בלייערנע אותיות אַנטהאַלטן טיפערע תורות ווי די פּראָסטע אַרטיקלען פון פּראָווינציעלע שרייבער. איך האָב גע־וואוסט אַז גרויסע רעליגיעס זיינען — ווערטער. אַז מעכטיקע נביאים — זיינען אָנגעצונדענע רייד. אַז געזעצגעבער האָבן זיך אַנטפּלעקט אין וואָרט — איך האָב געפילט אַז אין דער טיפעניש פון די בלייערנע בוכשטאַבן שלומערן גרויסע קונסטווערק. מעכטיקע פּאָעמען. אַז עס שלאָפט אין זיין שטראַלנדיקע פּאָעזיע. און איך האָב געפילט מיין שייכות צו די אותיות. זייער מאַכט איבער מיר האָט זיך אָנגעפאַנגען מוראדיק און שטראַלנדיק צו אַנטפּלעקן. ווען איך פלעג אין באַגינען פאַרלאָזן די דרוקעריי, פלעגט הערלעך זיך אויפברעכן אויפן הימל דער נייער טאָג. ווי אַ פלאַמענדיק איי האָט זיך גענומען פּיקן די זון אונטער דער בלאַסער, בלויער הימל־שאָל. איך בין געווען אומגליקלעך. פאַרוואָס האָב איך בעסער דורך דער נאַכט נישט געשריבן מיין איי־גענע צעפלאַמטע פּאָעזיע? די אותיות האָבן מיר קיין רו נישט גע־געבן...

עס טרעפט, דו גייסט מיט פריינט אין אַ מוזעאום. זיי ציט צו די שטראַלנדיקע קונסטווערק פון איטאַליענישן רענעסאַנס. זיי קוקן אויף מנורות פון בראָנז. אויף באַקוועמע מעבל פונם ראַקאָקאָ. נאָר איך שטיי ערגעץ אין אַ ווינקל ביי ליימיקע טאָוולען. אין גראַניט זיינען אַריינגעקריצט מאָדנע אותיות, וואָס דערציילן געהיימע געשיכטעס פון ביזאַרע לענדער און קעניגן. איך קני און איך בויג זיך איין ני־דעריק צום פאַרקריצטן שטיין. דאָרט האָט אַ האַנט מיט צען טויזנט יאָר צוריק אַריינגעשריבן אַ וואָרט לדורות. אַ שטערבלעכע מענטשנ־האַנט האָט פאַרצייכנט אַ שטיק עפּיק פון אַ פאָלק. אַ דראַמע פון אַ קיסר. אַ כראָניק פון אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע. עס נעמט מיך אַרום די אומהיימלעכע ציטערניש פאַר דער שטאָלצער שפּראַך פון עפּעס אַ פּרימיטיווע ראַסע וואָס דערציילט פון שלאַכטן און נצחונות. עס איז ווי פון שטיין וואָלט פלוצלונג אויפלויכטן אַ געוואַלטיק פּנים פון אַן אורמענטש, אַזוי ווי די לבנה לויכט אויף ביים פולן חודש...

דער פּראָסטער מאַן זאָגט

● אין פרימאָרגן זאָגט דער פּראָסטער, דער גרייז־גראָער מאַן:

— די ביימער זיינען גליקלעך. אין הערבסט פאַר־וועלקן די בלעטער. זיי פאַלן אַראָפּ אַזוי ווי גאָלדענער שטויב. דורכן ווינטער שלאָפן זיי זייער טיפן שלאָף. און אין פרילינג דערוואַכן זיי. זיי לעבן אויף צום נייעם לעבן. אָבער נישט אַזוי איז מיטן מענטש... ער ווערט אַלט און ער פאַרגייט אויף אייביק. גאָט לאָזט אים אַראָפּפאַלן פונעם גרויסן לעבנסבוים. ער קערט זיך קיינמאָל נישט אום צוריק צום לעבן. די ערד נעמט אריין זיינע קנאָכנס. עס ווערט אַש און שטויב פון זיין עקסיסטענץ.

דאָס זיינען די רייד פון דעם פּראָסטן מאַן. אַזוי האָב איך זיי געהערט און פאַרצייכנט. דאָס איז די סומירונג פון זיין גאַנץ לעבן. קלינגט דאָס ניט אַזוי ווי די רייד פון תהלים? פון איוב צי פון קהלת? אַזוי רעדט ער, דער פּשוטער און פּראָסטער מאַן וועגן דעם גורל פונעם מענטש אויף דער ערד.

איך קוק אים אָן. ער איז אַלט און גרוי און שווער. אים ציט אַ פינצטער געוויכט צו דער ערד. ער וועט באַלד אַראָפּפאַלן פונעם גרויסן בוים פון לעבן. מיר קומען אויפן זכרון די ווערטער פון ספר איוב:

„וואָרום איך בין פול מיט ווערטער,
מיך דריקט דער גייסט פון מיין לייב.
זע, מיין לייב איז ווי ווייַן וואָס איז ניט געעפנט,
ווי נייע לאָגלען ווערט ער צעפּלאַצט.
איך וועל ריידן, און מיר וועט פרייער ווערן,
איך וועל עפענען מיינע ליפּן און ענטפערן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

באַלד וואָלט מיך אַוועקנעמען מיין באַשעפער.“

היימישע אַנטיקן

פון די זאַכן וואָס מען האָט צעטראָגן, ווען מיין אַלטע מאַמע איז אוועק פון דער היים אין מושב זקנים אַריין, האָב איך גענומען אַ יאַפּאַנישע שקאַטולקע מיט קליינינקייטן. אַ לאַנגע צייט האָב איך נישט געוואוסט וואָס דאַרט טוט זיך. געפילט אַ ווייטיק זיך צוצורירן צו דער מאַמעס זאַכן. אָבער אין אַן אומעטיקן אָוונט, האָב איך אויפגעעפנט די שקאַטולקע און עס איז מיר געוואָרן היימלעך און טרויעריק אויפן האַרצן.

אָט איז אַ שטיקל קרייד וואָס געפינט זיך שוין אין אונזער הויז אַרום אַ פיר צענדליק יאָר. קליינערהייט נאָך, אין דעם פּוילישן דערפל דזשאַרזשין, לעבן זוואָלין, די שטאָט וואו עס איז געבוירן געוואָרן דער פּאָטער פון דער פּוילישער פּאָעזיע, יאַן קאָכאַנאָווסקי, האָב איך זיך געשפּילט מיטן דאָזיקן שטיקל קרייד. איך האָב פאַרשריבן די ווענט פון די דאָרפישע הייזער. איך האָב געצייכנט מענטשנפיגורן מיט גראָ־טעסקע פּנימער, מיט ריזיק־הויכע פיס, מיט מייללאַנגע הענט.

איינמאָל האָט מיין גוטע מוטער מיר געוויזן דאָס שטיקל קרייד. זי האָט געשמייכלט און האָט געזאָגט צו מיר:

— דערקענסטו דאָס שטיקל קרייד, שיעלע?

— ניין, טייערע מאַמע, איך דערקען עס נישט.

איך נעם דאָס שטיקל קרייד אין האַנט. עס איז לייכט און אָנגע־נעם אָנצורירן. די קאָנטורן זיינען ווייך פאַררונדיקט. עס איז ווייך און עס גלעט די האַנט ווי פּליוש. גאַרנישט ווי די שפּיציקע, שאַרפע שטיינדלעך.

— ווען מיר האָבן געהאַט אַ שפּייז־געוועלבל אין דזשאַרזשין, האָב איך מיטן שטיקל קרייד פאַרצייכנט אויף אַ שוואַרצער טאַבליצע די רעכענונגען, די חובות וואָס די פּויערן זיינען מיר שולדיק גע־בליבן. דו פלעגסט דיך, אַלס קליין אינגעלע, מיט בלאָנדע האָר, זיך שפּילן מיטן שטיקל קרייד. דו פלעגסט פאַרשרייבן און פאַרמאַזשען אַלע דאָרפישע ווענט. די פּויערן פלעגן זיך בייזערן אויף דיר... זינט דעמאָלט זיינען שוין אַדורך אַ טך יאָרן... דער טאַטע איז געשטאָרבן. הייעלע, דיין שוועסטער, איז שוין לאַנג אויפן עולם האמת. אַזוי אויך דיין ברודער יונה... איך בין אַלט געוואָרן... דו ביסט אויסגעוואַקסן אַ דערוואַקסענער מאַן... און פון אַלע זאַכן, דורךביידע וועלט־מלחמות, איז ביי אונז אַלץ געבליבן דאָס מאַטע שטיקל קרייד...

מיין מוטער צערטלט דאָס שטיקל קרייד צווישן אירע געלע, אויסגעמאַטערטע פינגער. אויך איך נעם דאָס אין האַנט אַריין און עס איז ביי מיר היילקער ווי דער שטיין פון קאַאַבאַ, אין מעקאַ, וועלכן די מאַהעמאַדאַנער האַלטן הייליק, ווייל מאַהאַמעטס הענט־צייכנס זעען זיך אָן אויפן לייב פונם פיִנצטערן שטיין...

הייסט עס אַז מיין ליטעראַרישע קאַריערע האָט זיך אָנגעהויבן מיטן דאָזיקן שטיקל קרייד... מיין האַנט האָט געצייטערט, בשעת איך האָב געהאַלטן דאָס שטיקל קרייד... דער ווינט און דער רעגן האָבן שוין

לאַנג פאַרווישט די ווייסע צייכנס אויף די טונקעלע ווענט פונם פּוילישן דאָרף. איך בין אויסגעוואַקסן אַ שרייבער... איך האָב שוין זינט יענער צייט פאַרנוצט פּעסער מיט טינט... איך האָב זיך בלוטיק פאַרשפּילט און געראַנגלט מיטן וואָרט, ווי מיט פייער...

איך קוק טיפער אַריין אינם שקאַטולקעלע, וואָס קומט פון יאַפּאַניע. דער קינסטלער וואָס האָט געמאַכט דעם מאָדעל. האָט געהאַט אַ ראַפּינירטן חוש פאַרן שיינעם, פּרעציזן און בלומענאַרטיקן. צאַרטע פייגל זיינען אין רייכע קאָלירן אויסגעמאָלן אויפן דינעם דעקל. שמעטערלינגען וואָס זיינען אַזוי צאַרט און מולטיקאָליריק ווי בלומען. בלומען וואָס האָבן די סענסיטיוויטעט און פאַרבנחכמה ווי שמעטערלינגען. און אָט זע איך קלעצלעך מיט גאָרן. אַ גאַנץ לעבן האָט מיין מוטער פאַראַכטן, געבייט, פאַרצירעוועט זאַקן, אונטערוועש, נאָז־טיכלעך, העמדער. זי האָט געלעגט לאַטעס אַפילו אויף אַנצוגן, פּאַלטאָנען און שיך. גראַף לעאָ טאָלסטאָי האָט זיך געוואָלט אַראָפּלאָזן צום פּרימיטיוון און פּשוטן לעבן פונם רוסישן פּויערל, האָט ער, דער אַריסטאָקראַט, פאַראַכטן און געבייט שטיוול. אָבער מיין מוטער האָט פאַראַכטן שיך אויס אָרעמקייט, ווי יוחנן הסנדלר, ווי דער פּאָעט האַנס זאַקס, ווי דער באַרימטער מיסטיקער יאַקאָב בעהמע. ווי דער פּאָעט מאַני לייב...

איך קוק אויף די אָרעמע שטיקלעך גאַרן, אין ווייסן, אין שוואַרצן, אין גרינעם און אין רויטן... זיידענער, דינער פּאָדים... אַלע קלעצלעך גאָרן זיינען היפּש אויסגענוצט. אַ סך פּאָדעם האָט די מאַמע פון זיי אָפּגעצויגן. געלעגט דיקע, מאַסיווע לאַטעס, איינע אויף די אַנדערע. פאַרצירעוועט לעכלעך. צוגענייט קנעפּלעך. איינגענומען אַ ניי שפּעלטל — אַ וואונד אין אַן אַלטן מלבוש, וואָס האָט וואויל געדענקט אימפּעראַטאָר נאַפּאָלעאָנען...

אַזוי דורך אַ גאַנץ לעבן לאַנג. ווען אַלע אין שטוב זיינען שוין טיף געשלאָפן, האָט די אָרעמע, גוטע מאַמע געאַרבעט ביז אין די שפּעטע נעכט, האָט פאַרלוירן די ראיה פון אירע אויגן ביים צירעווען און שטריקן. איך געדענק נאָך גוט יענע נעכט: די מאַמע זיצט ביים אויוון, אונטער דער גרויסער קאַפּע. דאָס קליינע דרייער־לעמפּל לויכט מיט אַ קאַרגן שיין דורך דעם פאַרקאָפּטשעטן גלעזל. אין אויוון זעגט אַ ורמעטיק און האַרבסטיק די גריל... דער פריינט פון די אָרעמע מענטשן... אויפן וואַנט קלאַפּט דער זייגער. די מעשענע וואַגעס באַרירן די ערד... אַן איינגעבויגענע אומעטיקע פיגור דזשאָבעט מיט אַ נאָדל אין אַ זאָק... מיין מאַמעס שאָטן אויפן וואַנט איז גראַנדיעז... ערשט אין באַגינען, ווען די לבנה אויפן נאַכטיקן הימל פלעגט ווערן בלייך; ווען די זון פלעגט אויפגיין און מיט די ערשטע שטראַלן באַרירן דער מאַמעס פיינפולע, פייכטע אויגן, פלעגט זי זיך שאַרן אַן אָנגעבויגענע צום בעטל, כדי זיך צוצולעגן...

אין באַזונדערע פלעשלעך פון מעדיצין זיינען באַהאַלטן דינע און גרעבערע נאָדלען, נאָדלען מיט קליינע לעכלעך און מיט גרעסערע. געוויסע לעכלעך פון נאָדלען זיינען געווען געגילדעטע. קליינערהייט, ווען איך פלעג זען מיין מוטער איינפעדעמען די נאָדל, פלעג איך זאָגן מיט געבעט צו איר:

— מאַמע, לאָז מיך איינפּעדעמען!

און איך פלעג מיט מײַנע ראָזעווע, דינע פינגערלעך פּרוּוון איינ־פעדעמען דעם גאָרן אין דער נאָדל. אָפט פלעגט עס מיר טאַקע באַלד געלינגען צו טאָן. אָבער אַמאָל פלעגט דאָס דויערן לענגער. אַמאָל צוליב דעם צו דיקן גאָרן. אַמאָל, צוליב דעם צו קליינעם לעכל... איצט, אין טאָג פון מײַן מאַמעס לוויה, גייען אַרויס אַלע נאָרישקייטן פון דער פאַרגאַנגענהייט און זי דערמאָנען זיך, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיין וויכטיקע זאַכן...

וואָס פאַר אַ אַנטיקן דאָ געפינען זיך בכלל, אין דער קליינער יאַפּאַנישער שקאַטולקע. אָט זיינען העקעלעך, מיט וועלכע מען פלעגט זיך אין אַמאָליקע יאָרן באַנוצן פאַר בלוזקעס. די בלוזקעס פלעגן זיך פאַרהעקלען ביז אַרויף, ביזן האַלז צו. די העקעלעך פלעגן אַמאָל פאַרוואונדן די צאַרטע הויט פון אַ דאַמע... פונדעסטוועגן האָבן די הע־קעלעך געהאַט זייער חן. (ווער האָט דעמאָלט געקענט חלומען פון די היינטיקע „זיפּערס"). און אָט זיינען זאַטשאַסקעס, לויט דעם זעלבן סיסטעם ווי די העקעלעך. אָבער אַנדערש געפאָרעמטע. איך פלעג אַמאָל צוזען ווי מיינע בײדע שוועסטערן, חייעלע און מירעלע, נייען קליידער פאַר די פוילישע פּרויען. איך פלעג באַטראַכטן די אַלע זאַכעלעך. עס פלעגט טרעפן: איך פלעג כאַפּן אַ קוק אונטערן ווענטל און דערזען ווי אַזוי אַ מיידל מעסט אָן איר נײַ קלייד... דאָס יונגע מיידל פלעגט רויט ווערן ווען זי פלעגט זען דעם אויפבליץ פון נייגע־ריקייט אין מיינע אינגלשע אויגן, באַוואונדערנדיק די אידעלע קאָנ־טורן פון אירע גלידער, די גראַציעזקייט פון איר יינגן גוף... אַמאָל, דערזעענדיק מיך, פלעגן זיי אַרויסלאָזן אַ הילכיקן קוויטש, אַ געלעכ־טער... זאָלן מיר די מיידלעך און שיינע פּרויען נאָך אַזוי פיל יאָרן, האַרציק אַנטשולדיקן פאַר מײַן נישט דיסקרעטער האַנדלונג...

אין דער שקאַטולקע זיינען אויך פאַראַן אַלערליי געווײנלעכע און אײַך פאַנטאַסטישע קנעפּ. זיי זיינען זיכער אַזוי אַלט ווי דאָס שטיקל קרייד. און אפשר נאָך עלטער. ס'איז דאָ פאַראַן אַ מוזעאום פון קנעפּ. אַלערליי פאַרביקע קנעפּ. פון אַלערליי פאָרמען און מאָסן. קנעפּלעך ווייסע, חנוודיקע, צאַרטע און קאָלירטע, אַזוי ווי עס זיינען געווען חנעוו־דיק און צאַרט אין גראַציעז די יונגע טרעגערינס זייערע, די סטודענט־קעס וואָס פלעגן דעקלאַמירן פּושקינס, לערמאָנטאָווס און ניעקראַסאָווס פּאָעזיע. קנעפּלעך וואָס דערמאָנען אין ווייבלעכע גראַציעס. קנעפּלעך פון העמדער און פון ווייבלעכע אונטערוועש, אַ בית עולם פון קנעפּ פון מענטשן וואָס זיינען שוין לאַנג אויף יענער וועלט... קנעפּ פון סאָלדאַטן. פון די גראַנדיעזע אַרמייען פון צאַר און פון קייזער. קנעפּ וואָס האָבן געדינט זינלאָזע און בלוטיקע מלחמות...

און עס זיינען דאָ פאַראַן קליינע, גאָלדענע אַגראַפקעס, לאַנגע נאָדלען מיט פּערלדיקע קעפּ, דינע האָרנאָדלען, רינגען פון מעטאַלענע קייטלעך. און אַלערליי גלידער פון צירונג. פאַראַן דאָ אויך אַ פיינער פינגערהוט, אַזאַ וואָס איז אַמאָל געווען געניקלט און איצט זעען זיך אַרויס זיינע רויטלעכע פלעקן פון מעש, ווי גאָלדענע אינדזלען אין דער וויכסל... מײַן מוטער האָט געניצט דעם פינגערהוט אַלע אירע

יאָרן. איך טו אים אָן אויפן פינגער... מיין האַנט ציטערט. מיינע אויגן ווערן פייכט...

און אייזערנע קיטלעך זיינען דאָ פאַראַן, וואָס זיינען געווען העכ־גערס צו פּאַלטאָנען. פּרעכטיקע ספּינקעס, צו ווייסע קעלנער און צו עלעגאַנטע מאַנזשעטן... אַלערליי דינגע גראַווירונגען צירן די ספּינ־קעס. עס דערמאָנען זיך יענע צייטן ווען גאָלדענע ספּינקעס האָבן געלויכטן אין די שטייפע מאַנזשעטן פון געשטאָלטענע מענער. ווי עלעגאַנט ס׳האָבן זיך באַוועגט די הענט פון מענער, פון אַריסטאָקראַטן, דאָן זשואַנען, דיפּלאָמאַטן און פאַרשידענע הויכשטאַפּלערס ביים טרינ־קען, ביים טאַנצן מיט פּרעכטיקע, גראַציעזע און העל־הויטיקע דאַמען, ביי די רונדע גרינע טישן, ביי די רולעטקעס, אין גרינע ליבע־גערטנער, ביים שפּילן קאָרטן, ביים אַרומנעמען די דאַמע און איר קושן אין געט־לעכן בלייכן פּנים...

צווישן די אומשולדיקע, מיידלשע קנעפּלעך פון מאַטן פּערלמוטער און פון האָרנבייַן זעען זיך אויך פינקלדיקע איידלשטיינער, אַרויסגע־פאַלענע „אויגן״ פון אַלטע, פּאַרצייטיקע בראָשקעס, פון צירונג וואָס מען פלעגט געבן אַלס כלה־מתנות, פון גאָלדענע רינגלעך, פון בראַס־לעטן און אויער־רינגלעך פאַר די איידלסטע פּרויען, וועלכע מען האָט ליב געהאַט... אָט איז אַ פיינער, גרינער אַמעטיסט, בייז און גיפטיק, אָבער אַ דורכזיכטיקער ווי קרישטאָל. אָט איז אַ וויין־רויטער רובין, וואָס פאַרצערט אייך מיט זיין קאַלטן פלאַם, ווען איר קוקט אים אויפ־מערקזאַם אָן... אָט איז אַ וואונדערלעכער טורמאַלין־שטיין, אַ שטיק קאָנצענטרירט פייער. און אָט איז אַ ריזיק ־גרויסער איידלשטיין, דורכזיכטיק אַזוי ווי אַ כוס מיט אַלטער וויין אין פייער פון דער זון דורכגעלויכטן, ווען די כוסות זיינען אויסגעפּוצטע און געשליפענע...

עס איז דאָ פאַראַן אַ סך שיינקייט, איבערגעבליבענע פון פאַרגאַנ־גענע יאָרן... אַלע זאַכן פון דער שקאַטולקע האָבן געהערט צו מיין מוטער און צו מיינע שוועסטערן... און דאָך דאַכט זיך מיר אַז יאָרהונ־דערטער זיינען פאַרביי... וויפל מענטשלעכע געשיכטע איז דאָ איינגע־שלאָסן! ווי שנעל זאַכן און צייטן בייטן זיך...

איך קוק אויף דעם קליינעם מוזעאום פון שניידעריי... און עס ווערן פייכט מיינע אויגן. עס דערמאָנען זיך מיר די יאָרן פון דער קינדהייט, פון דער פריער, צאַרטער יוגנט, פון מיין מוטער, וואָס איז געווען אַמאָל אויך אַ יונגע מיידל, וואָס איז אויך געווען אַמאָל אַזאַ זאָרגלאָזע, הגם דאָס איז מיר זייער שווער זיך פאָרצושטעלן... וואָרום די מאַמע, ווי איך האָב זי געקענט, אין דעם געלן, אָפּגעבלאַקירטן קלייד, וואָס זי האָט געטראָגן דורך אַלע יאָרן, זינט איר חתונה, איז איי־ביק געווען אַ טרויעריקע און דערשלאָגענע. עס דערמאָנען זיך מיר מיינע שוועסטערן, אַזעלכע שלאַנקע און ווייסע. ווי די זונען, שוין יונגערהייט נייענדיק ביים מאַשין, זייערע יונגע יאָרן פאַרנייענדיק, אַזוי ווי די דריי טרויעריקע נייטאָרינס, אין פּרצעס ליד...

אַ כישופמאַכער האָט געעפנט די יאַפּאַנישע שקאַטולקע, האָט צעשאָטן די גלאַנציקע שטיקלעך גלידער פון צירונג און פון קליידער־מעכאַניזמען. מיט זיינע ביינערדיקע הענט, אין שוואַרצע הענטשקעס,

צעוואָרפט דער בישופמאַכער די שיינע זאַכן און מיט זיי צוזאַמען שווימט ווידער אויף די פאַרגאַנגענע צייט... עס איז פרילינג אין דרויסן. די פייגל זינגען. אַ בלאַסע גרינקייט פאַרציט זיך איבער די צווייגן פון די בוימער. די זון לויכט אַן אויסגעצוואָגענע. עס הערן זיך יונגע שטימען פון פרויען און פון מענער, ווי אין אַן אָפּערע... דער מאַגיקער מיט דער שוואַרצער, זיידענער מאַסקע אויפן געהיימנישפולן פּנים שמייכלט איראָניש... דורך די לעכער קען מען דערזען זיינע קלוגע און טרויעריקע אויגן... ער נעמט אַן מיט דינע הענט אין די שוואַרצע הענטשקעס יעדעס מאָל אַן אַנדערע זאַך און שטעלט עס אַוועק אינם קאָנצענטרירטן ליכט פון אַ געהיימנישפולן פּראָזשעקטאָר. ער פירט אַדורך אַ פאַנטאַסטישע פאַרשטעלונג. און אין טונקעלן הינטערגרונט זיצט אַ פאַרכישופט פובליקום. אַלע די וואונדערלעכע מענער און פרויען. עס זיצן מיין מוטער רחה־לאה און מיינע בײדע שוועסטערן מירעלע און חײעלע... עס איז אַ גרויס פובליקום וואָס זיצט שוויגנדיק אין דער פינצטערניש און באַטראַכט אָטעם־פאַרכאַפּנדיק יעדער קליי־ניקייט וואָס בליצט אויף אין דעם בישופמאַכערס פינצטערע הענט... אַ זיפצן און אַ שטיל געוויין ציטערט אויף פון איינער אַ פרויס סענטי־מענטאַל האַרץ, און דאָס רייסט איבער די טיפע שטילקייט פון דער מאָדנער פאַרשטעלונג וואָס עס אַראַנזשירט דער געהיימער רעזשי־סאָר — צייט...

און אויבן אויפן הימל, ציטערט גאָלדיק דער דינער שניט פון דער לבנה — אַ שלאַנקער כוס מיט ווײַן, וואָס אַ פאַרליבטער פּרינץ שטרעקט אויס צום זיסן, צאַרטן מויל פון זיין בלאַסער געליבטער און ער בעט איר טויזנט מאָל אַז זי זאָל פאַרזוכן פונם גאָלדענעם כוס כאָטש אײן קליינטשיקן טראָפּן וויין... — — —

שטענדיק, ווען איך עפן אין אַן איינזאַמער נאַכט פון ווינט און פון רעגן די יאַפּאַנישע שקאַטולקע, און מיינע פינגער בלאָנדזשען אינם בערגל מיט שניידערישע רעליקוויעס פון מיין מוטער און פון מיינע שוועסטערן, קומען מיר טרערן אין די אויגן... און מיר דאַכט זיך אין אַזעלכע מאָמענטן אַז איך בין נישט געווען גענוג גוט צו מיין מאַמען, אין די טרויעריקע טעג פון איר עלטער, פאַר אירע טויזנ־טער גוטסקייטן, פאַר איר גאַנץ מאַרטירעריש לעבן, וואָס איז געווען אַ כסדרדיק זיך מקריב זיין פאַר אירע קינדער. אַן אומענדלעכע היי־ליקע מאַרטירערשאַפט פון אַ אידישע מאַמע פון די טויזנטער מאַמעס אין דער מדינה פון קרוינפוילן...

און עס שווימט אויף דאָס ווייסע שטיקל קרייד, פול מיט מוסר:
— דו האָסט אַלעמען באַשריבן... אַלע מענטשן האָסטן אָפּגעגעבן צייט און געמיט... אָבער דאָס לעבן און די מעשים פון דיין אייגענער מאַמען האָסטו פאַרשוויגן... נעם מיך אין דיין האַנט און שרייב אַן די לעבנס־געשיכטע פון דעם גרעסטן פון אַלע מענטשן: פון דיין מאַמען . . .

ניו־יאָרק, מאַי, 1942.

דער מאַסקנבאַל

עס האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון ניי־יאָר. היינט ביינאַכט קומט פֿאָר דער מאַסקנבאַל. די בחורים אין דער מענער־אָפּטיילונג פון סאַנאַטאָריום זיינען געווען פֿאַרנומען מיטן צוטראַכטן פֿאַר זיך אָלערליי מאַסקעס און קאָסטיומען. איינער האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַרן טערקישן סולטאַן. דער צווייטער — פֿאַרן סולטאַנס וויזיר. איינער האָט זיך פֿאַרשאַפֿט די מאַסקע פון קאַזאַנאָווא, אַרומגערינגלט אין הייטערן ווענעציע מיט אַ גאַנצע רייע עלעגאַנטע דאַמען, וואָס האָבן פֿאַרערט דעם גרויסן קאַוואַליער. איינער איז געווען פּרינץ רודאָלף, וואָס גייט אַרום אַ מעלאַנכאָלישער, אַזוי ווי עס וואָלט אַ בלוטנדיקע וואונד ביי אים אין האַרצן געגריזשעט. איינער, אַ בלאָסער בחור פון ברוקלין, איז געווען שטאַרק צעקאָכט. ער האָט אָרגאַניזירט זיינע צוויי קראַנקע קאָלעגן זיך צו פֿאַרקליידן אַלס מוסקעטירן. צוזאַמען זיינען זיי געווען די דריי מוסקעטירן, פון באַרימטן בוך פון אַלעקסאַנדער דיומאַ דעם עלטערן. דריי קראַנקע, פֿאַרוואונדעטע מוסקעטירן, בלוטיק פֿאַרוואונדעטע אין די לונגען... עס זיינען געווען אַ סך יונגעלייט וועלכע האָבן זיך פֿאַרקליידט אַלס פּראָסטע פישערלייט, אַלס סוחרים, אַלס מאַטראָסן. איינער האָט געשפּילט די ראָלע פון אַן אַלטן איטאַליענער. ער האָט זיך ערגעץ וואו פֿאַרשאַפֿט אַ גאָלדענעם פּאַפּוגייער. און דער פּאַפּוגייער האָט פֿאַראויסגעזאָגט די צוקונפט, דעם שיקזאַל פון די מענטשן.

גאָר באַזונדערס אייגנאַרטיק זיינען די וואָכן ערב דעם ניי־יאָר צוגעגאַנגען ביי די שווינדזיכטיקע דאַמען־פּאַציענטן. די געביידע, וואו זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן, איז געשטאַנען אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ. אין שיינע, זומערדיקע טעג פלעגן זיך די פּאַציענטן פוןביידע געשלעכטן צוזאַמענטרעפן אין די גערטנער, כדי צוזאַמען צו שפּאַצירן אין שאָטן פון די געדיכטע ביימער... גייענדיק אין רעסטאָראַן, פלעגן זיך די מיידלעך און די יונגעלייט צוזאַמענטרעפן און פון דאָרט אויס שוין צוזאַמען אויסגיין איבער דער גרינער ערד, איבער די קאָלאָראַדער פעלדער, וואָס פלעגן זיך ציען וויי‌ט, וויי‌ט, ביז צו די גרויסע בערג. נאָר אין ווינטערצייט פלעגט מען רעדוצירן די בעגעגענישן נאָך מיידלעך בלויז צום באַזוך. אין באַשטימטע שטונדן פון דער וואָך פלעגן די מענער באַזוכן זייערע באַקאַנטע פרייל‌נס. און אַזוי אויך פֿאַרקערט.

ביי די פרויען, ווי געזאָגט, האָט עס זיך שטאַרק געטאָן אַרום דעם מאַסקנבאַל פון ניי־יאָר. די פרויען זיינען אַוודאי געווען געפֿאַרבט און פֿאַרשטעלט נאָך פון פריער, פון דעם רעזשיסאָר פון לעבן זעלבסט. פון גאָט אַליין גרימירט און פֿאַרמירט. ס׳האָט דער פיבער פון שווינדזוכט זיי צוגעגעבן קינסטלעכע, פלאַמענדיקע קאָלירן. יונגע מיידלעך, פון דער נאַטור עמאַציאַנעלע, זיינען זיי געווען נאָך עמאָציאָנעלער אין פיבער, אין דער צוגרייטונג פון זייערע מאַסקעס און קאָסטיומען. האָט איין מיידל געלייענט עמיל זאָלאַס „נאַנאַ״, האָט זי זיך גענומען

צוגרייטן פאַר דער ראָלע פון נאַנאַ, פאַר דער לוסטיקער און פאַרשייטער געשטאַלט. האָט אַ צווייטע מיידל געלייענט „דאָריאַן גרעי״, פון באַרימטן ענגלישן שריפטשטעלער אָסקאַר וואַילד, האָט זי זיך אָפּגעזוכט אַ חבר, וואָס האָט, אונטער איר כישופדיקער ווירקונג, זיך פאַרקליידט אַלס דער עלעגאַנטער דאָריאַן גרעי, און זי האָט געשפּילט די ראָלע פון דער קליינער אַקטריסע, וואָס שפּילט „שלעכט״ איר שעקספּירישע ראָלע אין טעאַטער און באַגייט זעלבסטמאָרד אויס ליבע צו דאָריאַן גרעי. האָט אַ דריטע מיידל געלייענט אַ דערציילונג פון גואי דע מאָפּאַסאַן, האָט זי זיך אַריינגעטראַכט אין דעם אינהאַלט, זיך פאַרקערפּערט אין דעם טראַגישן גורל פון דער איינזאַמער העלדין און זיך געגרייט איר צו אימיטירן אויפן מאַסקנבאַל.

די מיידלעך האָבן זיך וואָכנלאַנג געגרייט. זיך אָנגעמאָסטן די קאָסטיומען. געניית, געשטריקט און געוועבט, זיך געצירט אין שטיקער זייד, סאַמעט און פּליוש און האָבן אַרויפגעצויגן אויף זייערע קראַנקע, דעליקאַטע גופים קאָסטיומען וואָס האָבן זיי געמאַכט אויסזען פאַנטאַסטיש און רייצנדיק. איינע האָט אויסגעזען אַזוי ווי אַ פּירשטין וואָס איז זייער בלייך אויפן פּנים און פון וועמענס אויגן ס׳שלאָגט אַן אומעט. אַ שטאַרבנדיקער אומעט. אַ צווייטע מיידל האָט פּאָזירט אַלס דעם סולטאַנס טאָכטער, וואָס איז פאַרליבט אין דעם פאַרבלייכטן זינגער, וועמענס לאַנגע, דינע פינגער ציטערן אויף דער ציטאַרע, אין איידעלער באַגלייטונג פון זיין מעלאַנכאָלישן ליד. אַ דריטע מיידל האָט געשפּילט די ראָלע פון מעטערלינקס מאָנאַ וואַננאַ, און אַ פערטע איז געווען די שוועסטער פון צעזאַרע באָרזשיאַ, די פלאַמענדיק־שיינע און ליידנשאַפטלעכע לוקרעציאַ, וואָס גנבעט זיך אַרויס פונם קעניגלעכן פּאַלאַץ אין דער לבנה־נאַכט, וואַנדערט דורך טונקל־באַלויכטענע און געדרייטע געסלעך, גייט אַריין אין הייזער וואָס זיינען באַלויכטן מיט רויטע לעמפּלעך, כדי זיך איבערצוגעבן אין די אָרעמס פון מערדער און רויבער, פון שיכורים און פון וואַגאַבונדן.

געשיכטע, ליטעראַטור, דראַמע און פּאָעזיע זיינען אויפגעגאַנגען אין דער צעהיצטער פאַנטאַזיע פון די מיידלעך. זיי האָבן ליידנשאַפטלעך גערעדט, דיסקוטירט, אַרויפגעפּאַלן איינע די אַנדערע אויף די העלדזער, זיך געקושט און געוויינט פאַר פרייד און שמערץ. ס׳האָט יעדע איינציקע פון די מיידלעך געוואָלט דורך מאַסקע און קאָסטיום אַנטלויפן פון דער טרויעריקער ווירקלעכקייט. זיי האָבן געוואָלט זיין דאָס וואָס די נאַטור האָט זיי נישט געמאַכט. זיי האָבן געחלומט צו פאַרוואַנדלען זייער מאָנאָטאָן לעבן אין אַ פאַרביקן, דראַמאַטישן טעאַטער. זיי האָבן געבענקט צו שפּילן דראַמע אין לעבן. אויסצוברייטערן די דימענסיעס פונם שפּיטאָל־לעבן. אַרויסצושטופּן די אייזערנע ווענט פון הויז. אַרונטערצושליידערן דעם דאַך. זיך אָנטאָן אין פאַרביקע לאַנדשאַפטן. אויף די קעפּ צו טראָגן גאָלדענע קרוינען מיט פינקלענדיקע דימענטן. עס איז דער אייביקער, פאַטעטישער קאַמף פונם לעבן אַנטקעגן זיין גרויער רעאַליטעט. אָ, ווי פאַטעטיש זיינען די איידעלע פּויסטן פון די שטומע און שטילע קעמפער פון לעבן וואָס קלאַפּן אין די אייזערנע טירן פון שיקזאַל...

דער ניי־יאָר־טאָג איז אָנגעקומען. און באַלד אין דער פרי האָט אָנגעהויבן צו גיין אַ גרויסער שניי. מאַנאַטאַן איז דער שניי געפאַלן איבער דער פאַסיווער ערד. אַ וואונדערלעך־שטילער שניי וואָס האָט די אַמביציע די וועלט וויס אָפּצוקאַלכן, די לאַנדשאַפטן צו פאַרענדערן, צוצוגעבן דער וועלט אַן אויסזען פון אומשולדיקן שניי. די אַמביציע צו באַשאַפן אַ נייע וועלט, די וועלט פון שטילן, מאַנאַטאָנעם שניי, וואָס קומט מכלומרשט מיט דער זיכערקייט אַלע וועלט־ווינקלען צו דערגרייכן, מיט מיליאָנען באַרשטן און פענדזלען אַלץ איבערצופאַרבן און דאָך דויערט דאָס אַלץ אַ קורצע ווײַלע. נאָך איידער דער שניי לייגט זיך רעכט אַנידער אויף די ערדישע לאַנדשאַפטן, הויבט ער שוין אָן צו שמעלצן און ברודיק צו ווערן.

ווי געזאָגט, באַלד פון פרימאָרגן אָן איז געגאַנגען אַ וואונדערלעכער שניי. ווי אַ קאָנפעטי, אַ דינער קאָנפעטי אויף אַ גרויסן באַל, איז דער שניי געפאַלן. געפאַלן מיטן ריטם פון אַ ליד. דער ווינטער האָט זיך אָנגעהויבן מיט זיין פולער קראַפט און דער פעטער שנייער האָט אין דער שלאַכט פאַרן ווינטער געוואָרפן אַלע זיינע פינקלענדיקע אוצרות. די זון האָט נאָך שענער, ליכטיקער געמאַכט דעם שניי, אָבער האָט אים אויך געשמאַלצן מיט זיינע הייסע קושן. האָט אים ביסלעכוויז צוריק פאַרוואַנדלט אין וואַסער און ערד, פונוואַנען ער איז געקומען...

דער טאָג איז אָבער נישט געווען גענוג קאַלט אויף אָפּצוקילן די געמיטער פון דער קראַנקער יוגנט וואָס האָט זיך געגרייט צום ביינאַכטיקן מאַסקנבאַל.

איידער דער אָפיציעלער מאַסקנבאַל האָט זיך אָנגעהויבן, בין איך געגאַנגען אויף באַזוך צו מיין פריינדין אין דער געביידע פון די פרויענפּאַציענטן. זי איז געווען פאַרקליידעט ווי אַ קליינע, צאַרטע מאַדאַם דע פאַמפּאַדור. עס איז געווען אַזויפיל גראַציע אין איר איידעלער פיגור. אין איר קאַלעך־בלייכן פנים. אין אירע זיידענע קליידער פונם ראָקאָקאָ־פּעריאָד.

אין דעם צימער פון מיין פריינדין האָט אויך געוואוינט אַ קריסטלעכע פּאַציענטין, וואָס האָט זיך פאַרקליידעט אַלס דער טויט. זי איז געווען אַ שלאַנקע און אַ הויכע. איר דינע, שלאַבעריקע פיגור האָט גוט געפּאַסט פאַרצושטעלן דעם מלאך המות. אין איר קאַלעך־בלאַסער מאַסקע פון טויט האָבן אַדורכגעלויכטן פון איר פנים די פיבער־ברענענדיקע, טרויעריקע אויגן.

דאָס איז געווען גענוג אָנצויאָגן אַן אימה אויף די מענטשן און צו דערפילן דעם טויט אין זייער מיטן.

די לעצטע וואָכן, זיך גרייטנדיק צום מאַסקנבאַל, זיינען אַ סך פּאַציענטינס קראַנק געוואָרן. די אויפרעגונג האָט זיי קיין גוטס נישט געטאָן. צווישן די געפערלעך־קראַנקע האָט זיך אויך געפונען דאָס קריסטלעכע מיידל, עוועלין. עוועלין איז געלעגן אין בעט און מיט פיבער זיך געגרייט צו שפּילן די ראָלע פונם מלאך המות...

לעבן עוועלינס בעט איז געשטאַנען אַ הויכער מאַן, פאַרקליידט אַלס אַ גלח. באַזוכנדיק מיין פריינדין און רעדנדיק מיט איר, האָב איך

דאָך נישט געקענט אָפּרייסן מיינע אויגן פון דעם הויכן מאַן וואָס האָט זיך אַזוי געלונגען פאַרשטעלט אַלס אַ קאַטוילישער גלח. זיין פּעטע מאָרדע האָט רויט געלויכטן. זיינע אויגן זיינען געווען פון ליידנשאַפט און פון וויין פאַרגאָסענע. די לאַנגע, שוואַרצע זשופּיצע איז געלעגן אַזוי ווי אָפּגעגאָסן אויף אַ פעסטן, מאַסיוון קערפּער. זיין ריזיקע, זיין מאָנומענטאַלע פיגור האָט האַרמאָנירט מיט זיין גלחישער ראָל. מכלומרשט זיסלעך, אָבער אויך אָפּיציעל און באַהערשנדיק, איז ער געשטאַנען איבער דעם אייזערנעם בעט פון עוועלין און עטוואָס שטילערהייט, כמעט שעפּטשענדיק, צו איר גערעדט. זי איז געווען בלייך און דער־שראָקן. און טרערן זיינען גערונען פון אירע גרויסע, בלויע אויגן...

— וואָסאַראַ מוסטערהאַפטער גלח ער איז! — האָב איך געטראַכט.

— און ווי גלענצנד ער האָט זיך פאַרקליידעט אַלס גייסטלעכער. און ווי אויסגעצייכנט ער שפּילט די ראָלע. ווען איך זאָל נישט וויסן אַז דאָס איז אַ פאַרשטעלטער, וואָס איז געקומען צו זיין עוועלינס מאַסקיר־טער באַגלייטער, איר שאַפּעראָן, אויפן היינט־ביינאַכטיקן מאַסקנבאַל, וואָלט איך געקענט שווערן אַז דאָס איז אַן אמתער גלח... — —

ביינאַכט האָט זיך אָנגעפאַנגען דער מאַסקנבאַל. דער שניי איז ווי אַ ווייסער קאָנפעטי געפאַלן איבער דער וועיך־פאַרשנייטער און אידילישער ערד. געפאַלן איבער די געאָרעמטע פאַרלעך, וואָס האָבן אויף די נאָך־אומבאַטראָטענע, פאַרשנייעטע שטעגן שפּאַצירט צום זאַל. די גאַנצע וועלט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שניי. נאָר דאָ, אויף דעם איינזאַמען אינזל, צווישן קראַנקע מלאכים, האָבן אין דער נאַכט זיך צעלויכטן די לאָמפּן. ווי ווייסע אַבאַזשורן, לופטיקע און ווינטיקע, האָט זיך אַרום זיי דער שניי געדרייט און געטאַנצט. דער פיבער האָט געפלאַמט אַזוי ווי אַ געהיימע זון און וואָלט געצונדן די געמיטער פון די פּאַציענטן. פאַרלעך האָבן פאַנטאַסטיש שפּאַצירט פאַרביי די פאַרשנייט־פאַרגליווערטע בוימער, ווי אויסגעהאַקטע אין זילבער. זיי האָבן מיט הנאה געטראָטן איבער די נאָך נישט באַרירטע וועגן פון שניי. קושן האָבן שטיל געקלונגען אין דער פאַרכישופטער נאַכט פון ניי־יאָר...

דער סאַלאָריום איז געווען רייך דעקאָרירט מיט קאָלירטע פּאַ־פּיר, מיט אילומינאַציעס. דער זאַל איז אָנגעפילט געוואָרן מיט די פאַרשטעלטע פאַרלעך. עס האָבן זיך אָנגעפאַנגען די טענץ. די פאַרלעך האָבן ענדלעך אָנגעהויבן שטיל און פאַרכישופט צו טאַנצן. האָבן זיך איצט געדרייט פאַנטאַסטיש און אומערדיש אין אַ גרויסן, אַן אומ־ענדלעכן טאַנץ, וואָס פירט אין די הימלישע, גרינע אַלייען פון ליבע, פירט אין וואָלקנדיקע און פליושענע פאַרקן, צווישן מחנות געקרוינטע און שטראַלנדיקע מלאכים, פירט זיי אין די באַלויכטענע שטעגן פון ליידנשאַפט און פון זיסן געניס...

דער סאַלאָריום איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואונדערלעכן גן־עדן. די דאָזיקע וואָס האָבן פינצטער געליטן אויף דער ערד, באָדן זיך איצט אין פרייד און אין זון. אָן דער באַגלייטונג פון שטילער מוזיק. יעדעס פאַרפאַלק איז אַזוי גליקלעך. זיי אָטעמען מיט פּערפּיור־מיקער לופט. די כוואַליעס פונם לעטהע־טייך שטראָמען זאַכט און לופטיק, כדי די געמיטער זאָלן פאַרגעסן די יסורים פון דער ערדישער

עקזיסטענץ. די מוזיק איז שטיל און אָנגענעם. די מוזיק פליסט אַזוי ווי אַ גאָלדענער טייך איבער אַלעמענס געמיטער. די מוזיק שטילט איין און זי דערהיצט... דערהיצט און שלעפערט איין אין די גאָלדענע אָרעמס פון חלום און לײַדנשאַפט...

עס איז שוין שפּעט בײַנאַכט. אין די שויבן פון דעם סאַלאָריום קלאַפּן די שניי־פלעקלעך. די וואָס קומען אַריין פון דרויסן, זייַנען פאַרשנייט און געפרוירן. נאָר דאָ איז נאָך אַן אינזל פון וואַרעמקייט און פון זומער — אינמיטן דעם גרויסן ווינטער. און די גאַנצע צייט ציען אַלעמענס בליקן און אויפמערקזאַמקייט דאָס מאָדנע פּאַרפּאָלק: דער טויט און דער גלח... זיי טאַנצן צוזאַמען און זיי אַמוזירן זיך די גאַנצע צייט צוזאַמען... קיינער האָט זיי נישט דערקענט און אַלע האָבן באַוואונדערט דאָס מייסטערהאַפט־פאַרשטעלטע פּאַרפּאָלק... זייער ליבע און האַרמאָניע איז אַן אויסגעצייכנטע.

דער טויט און דער גלח פאַרשטייען זיך גלענצנדיק... נאָך פון די צייטן פון די קרייץ־צוגן און אינקוויזיציעס... ווען די קירכע האָט געשאָכטן און געירשנט דאָס פאַרמעגן פון די קרבנות...

אין די שפּעטע שעהן האָט מען אָנגעהויבן צו טיילן פּרייזן פאַר די בעסטע קאָסטיומען. דעם ערשטן פּרייז האָבן באַקומען דער טויט און דער גלח... זיי זייַנען צוזאַמען דערשינען אויף דער סצענע. די אויפגערעגטע מענטשן, די דזשורי־לייט, די אַראַנזשירער פונם אָוונט, די איינגעלאַדענע געסט פון שטאָט, אַלע האָבן האַרציק אַפּלאָדירט דאָס פּאַרפּאָלק וואָס האָט זיך אַזוי גלענצנד פאַרשטעלט. און בשעת מען האָט ממש געריסן שטיקער פונם ריזיקן גלח, בשעת צו דעם געשטאַלט פון טויט האָט זיך אינסטינקטיוו קיינער נישט געוואָגט צו דערנענטערן — האָט דער „גלח" געבעטן אַ וואָרט... און ווי גרויס איז געווען די איבעראַשונג ווען ער האָט געזאָגט, אַז דער פּרייז קומט בלויז צו דער פּאַציענטין, צו עוועלינען, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט אַלס דער טויט, בשעת ער אַליין האָט זיך גאָרנישט פאַרשטעלט... ער איז אַן אמתער גלח פון דער קירכע „דאָס הייליקע האַרץ"...

דאָס פּובליקום האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוואַלדיקן אַפּלאָז און טומל. אָבער רואיק האָט זיך דער גלח אַראָפּגעשפּאַצירט פון דער סצענע, געאָרעמט מיטן טויט, מיט עוועלין...

ערשט אין באַגינען זייַנען זיך די פּאָרלעך, מידע און פאַר־שוויצטע, צעגאַנגען. דער שניי־שטורעם האָט אויפגעהערט. אַ בלאַסער פלעק פון דער לבנה האָט אָפּגעבלאַקירט אויפן הימל. איבער די שניי־פעלדער האָט מען געזען גיין די טונקעלע, אימפּאָזאַנטע פיגור פון דעם ריזיקן גלח. ער האָט מיט געמאָסטענע טריט זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון דער שטאָט, עטלעכע מיילן ווייטער, צו זיין קירכע...

צומאָרגנס אין דער פרי האָט אַ קראַנקן־שוועסטער געבראַכט די איוב־בשורה: אַז עוועלין איז אין באַגינען געשטאָרבן. דער גלח איז ווידער דערשינען ביי איר טויטנבעט ביז דער לעצטער מינוט. ער האָט איר די טויטע, די אָפענע אויגן פאַרמאַכט... — — —

ווייזט אויס אַז אויך זי, עוועלין, האָט זיך אויפן מאַסקנבאַל נישט פאַרשטעלט. זי האָט געשפּילט רעאַליסטיש די ראָלע פון טויט... עוועלין און דער גלח זיינען געווען דאָס סאַמע רעאַליסטישסטע פּאָרפּאָלק אויפן פאַנטאַסטישן מאַסקנבאַל.

אָבער קיינער פון די פאַרשטעלטע איז אין דער אמתן נישט געווען פאַרשטעלט... אַלע האָבן גשפּילט רעאַליסטיש זייערע ראָלן. די מאַסקעס זיינען געווען זייערע אמתע הייליקע פּנימער...

מאַנוסקריפּט אין דער לופט

איז דען פאַראַן אַ גרעסערע שיינקייט ווי צו זען אין קלאָרן, דורכזיכטיקן באַגינען ווי מחנות פייגל פליען צוזאַמען?! אָט ציען זיי זיך איין אין געשוועב אַזוי ווי אַ שוואָם. אָט ציען זיי זיך אויס און זיי צעשפּרייטן זיך, כדי אין אַ מאָמענט שפּעטער זיך ווידער צוזאַמענצוציען זיך. אַ טשאַטע שוואַרצע פייגל אַזוי ווי מיט טינט געפאַרבטע און פאַרשריבן אויפן האָריזאָנט. אַזוי ווי מיסטעריעזע אותיות אין דער לופט... אַזוי ווי אותיות פון אַ וווּנדערבאַרן און געהיימניספולן מאַנוסקריפּט...

שרייבן מיטן קאָסמישן פייער

אין באַגינען האָט שרעקלעך געדעגנט. איך האָב אין האַרצן געבעטן, אַז עס זאָל רעגענען לאַנגע שעהן, כדי איך זאָל קאָנען שרייבן מיטן קאָסמישן פייער פון די משוגענע בליצן. מיט דער גרויסער רעגנפייכטקייט פון די נאָכלעסיקע וואָלקנס, וואָס דער ווינט האָט פאַרגעסן אָפּצווישן פונם הימל. שרייבן מיט דעם אַנריר פון שטיקער נאַסע הימל אין מיינע פענצטער. מיטן הייסן טריף פון רעגנדיקן האָניק איבער מיין דאַך. מיטן געזאַלצענעם שווייס פון מיין פּנים און מיטן פייערבלוט פון מיין האַרצן.

אַנדערע לעבנס אין אוניווערס

דער מענטש טראַכט גאָרנישט פון אַנדערע לעבנס אין אוניווערס: ער דענקט נישט, אַז אַ מלחמה איז אַ פאַרברעכן אַנטקעגן דער חיה, דעם פויגל און דעם פיש... אין זיין משוגענער גאווה גלויבט ער, אַז ער איז דער אַלמעכטיקער דיקטאַטאָר איבער דער גאַנצער ערד...

פרוי גיסט וואַסער אין דער לופט

אַ פרוי ברענגט אַרויס אַ קריגל און זי גיסט וואַסער אין אַ קלאָרן גלאָז אין דער קלאָרער לופט. דער פרויס דין־געשמידטע האַנט איז ווי ברוינער גאָלד. די זון כאַפּט זיך זילבערדיק אַריין אין דעם בריליאַנטענעם טריף פונם וואַסער אין דער לופט. די פאַרכישופטע פרויען־האַנט גיסט נישט מער קיין וואַסער — נאָר שטראַלנדיק זילבער אין דער לופט. איך שטעל צו דאָס דורכזיכטיקע גלאָז צו מיינע דורשטיקע ליפּן. איך טרינק דעם צעפּלאָסענעם זילבער אין אַ גלאָז פון לופט. אין אַ כוס פון זון. איך טרינק אינמיטן רוים זילבער פון אַ שטראַלנדיקער פרויען־האַנט...

דער מאַמעס קופּערנער טשייניק

די מאַמע פלעגט טרינקען טיי פון אָט דעם אַלטפרענקישן, קופּערנעם טשייניק. ווו איז זי אַצינד, די ליבע פרוי?! עס דערפרייט נישט מער אירע קאַלטע געדערים קיין גלאָז וואַרעמע טיי... אָ, אָרעמע פרוי!...

דער בוים אין גן עדן

דער בוים איז אַ ריזיקער. ער איז אין דער אמתן אַ צוזאַמענשטעלונג פֿון עטלעכע גרויסע, שטאַרקעביימער, וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגענומען אין אַ מעכטיקן בונד, כדי צוזאַמען צו וואַקסן, כדי אין די הייסע, זומערדיקע חדשים צו פֿאַרשפּרייטן קילן, מחיהדיקן שאָטן איבער דער ערד. איבער די מענטשן פֿון דער ערד.

— אוי, אַ מחיה! — זאָגט די אַלטע פֿרוי, ווען דאָס ווינטל הויבט אָן קיל צו בלאָזן, ווען די מעכטיקע צווייגן פֿונם בוים הויבן זיך אָן צו באַוועגן און זיי שפּרייטן לופֿט און שאָטן, זיי נעמען אַרום דעם מין מענטש מיט פֿאָטערלעכער און מיט אורשטאַמיקער ליבשאַפֿט.

די אַלטע פֿרוי זיצט אַ קלייניטשקע, אַ געהויקערטע, אויף דער באַנק, אונטערן דיקן און טינט־שוואַרצן שאָטן פֿונם אַלטן בוים. זי זיצט נאָענט צו דער ערד, אַזוי ווי אַ קליין קינד. זי האָט הנאה פֿון דעם ריזיקן בוים. דער בוים טוט צו איר פֿיל גוטס מיט זיין גרויסקייט, מיט זיין אומגעהויערער באַשיצונג. מיט זיינע קילנדיקע און רייך־באַבלעטערטע צווייגן. „וואָס פֿאַר אַ טייערער בוים! עס איז גאָרנישט אָפּצושאַצן!" — שעפּטשעט זי יעדעס מאָל אַרויס.

די אַלטע פֿרוי איז אויף אַ ווילע, אין דעם גרויסן שבתדיקן נאָכמיטאָג אַרויסגעגאַנגען אין פּאַרק. איר טאָכטער האָט איר געהייסן, האָט איר ממש באַפֿוילן צו גיין זיך אָפּרוען אין גאָרטן. איר טאָכטער איז פֿאַראַליזירט געוואָרן ווען זי איז אַלט געווען בלויז אַ יאָר צוויי. זינט דעמאָלט איז זי אַזוי ווי אַ געליימטע. זי מוז שוין איצט זיין אַ היפּשע, דערוואַקסענע פֿרוי. זי געדענקט זיך בישט אַנדערש ווי אַ פֿאַראַליזירטע פֿון קליינערהייט אָן. און זינט דעמאָלט וואוינען מוטער און טאָכטער צוזאַמען. די פֿרוי איז אַלט געוואָרן, קליין געוואָרן, אויסגעצערט געוואָרן לעבן איר צעבראָכענעם קינד, באַדינענדיק איר קינד, בעטנדיק כל ימיו צום רבונו של עולם מיט אַ צעבראָכענעם האַרצן פֿאַר איר קינד. „אָט דאָס איז דער גורל פֿון אַ מענטש!" — טראַכט איך...

— דער וואָס לעבט אייביק, ער טוט דאָך ריכטיק באַטיילן צו די מענטשן זייערע גורלות. וועמען צו פֿרייד און צו פֿאַרגעניגן, און וועמען נעבעך צום פֿינסטערן און ביטערן טרויער. וועמען צו אַ בלישטשעדיקע קרוין פֿון ריינעם גאָלד אויף זיין קאָפּ און וועמען נעבעך צו דער תליה אינעם בלויען באַגינען. דער וואָס זיצט אויבן, אין די הימלען, זעט דאָך אַלע מענטשנזעלן און ער ווייסט דאָך וואויל וואָס ער טוט...

ער האָט מיר נעבעך צוגעשיקט מיין גרויס אומגליק, מסתמא ווייסט ער וואָס ער טוט... ער איז דאָך אין גרויסער און אין דערבאַרעמדיקער גאָט. ער זעט דאָך אַלעמענס ביטערע יסורים. אַלעמענס טיפֿע, ברענענדיקע וואונדן זיינען תמיד אָפֿן פֿאַר זיינע רחמימדיקע אויגן...

די אַלטע פֿרוי זיצט קליין און געהויקערט צו דער ערד געבויגן. פֿאַראַיאָרן, ווען זי האָט זיך געפֿאַרעט אין דער קיך, בשעת עס איז

געוואָרן טונקל פונם צופאַלנדיקן אָונט, האָט זי זיך אויסגעגליטשט. זי האָט זיך צעבראָכן דעם רעכטן אָרעם. זי ווייזט מיר ווי זי קען נישט באַוועגן מיט איר אָרעם. איך קוק אויף איר און מיר דאַכט זיך אַז איך זע אַ גרויסן פויגל, וואָס ווייזט מיר אין פעלד זיין צעבראָכענעם, זיין פאַרוואונדעטן פליגל. דער פויגל איז ווי אַ מענטש מיט אַ צעבראָכן, מענטשלעך פנים... גרויסע טרערן רינען פון זיינע אַלטע, טרויעריקע אויגן...

— „אוי, אַ מחיה!" — אָטעמט אָפּ די אַלטע פרוי, יעדעס מאָל וואָס דער לינדער ווינט באַריִרט אירע אַלטע, צעבראָכענע גלידער. און איך טראַכט אַז דער גרויסער בוים איז ממש אַ הייליקער, וואָס קויפט זיך אויס פאַר זיין בוימערשער נשמה אַ חשובן פּלאַץ אין גן עדן מיט זיין באַשיצן די אַלטע פרוי. און וויפל אומצייליקע אַלטע קראַנקע פרויען און מענער האָט ער שוין אין פאַרלויף פון זיין הונדערטער יאָריקן, לאַנגן לעבן באַשיצט. האָט ער שוין גוטס געטאָן אין משך פון זיין שווערן, מיט מעשים טובים באַלאָדענעם לעבן. איך אַליין קום שוין צום בוים זינט שיינע עטלעכע יאָר. יעדעס מאָל אַז איך דערפיל זיך אַ ביסל דערשלאָגן, נערוועז און איינזאַם, צום אַלטן פריינט מיינעם, צום געוואַלטיקן בוים טראָגן מיך מיינע מידע פיס. איך ווייס אַז ער האָט פאַר מיר אַ וואָרעמען געפיל. אַן אַלטע, פעסטע פריינטשאַפט. עס איז נישט אַ צופעליק וואָרט און זשעסט וואָס פאַלט אַמאָל פון מענטש צו מענטש, ווען מען באַגעגנט זיך אין גאַס. דער בוים וואַרט אויף מיר... ער שטייט פעסט פאַראַנקערט אין זיין האַרטער ערד מיט זיין שטאָלענעם וואָרצל. און ער שעפּט זיין יניקה פון די טיפע קוואַלן פון דער גאַנצער ערד. פון די אוראַלטע, אונטערערדישע טייכן און שטראָמען, פינצטערע ווי טינט און געדיכטע ווי בלוט. ער באַגריסט מיך האַרציק מיט זיין אוראַלטער פריינטשאַפט, אַזוי ווי ער וואָלט מיך שוין קענען פון די גרויע און פייערדיקע אורצייטן אָן...

ווען איך קום צו דעם בוים, זיץ איך שעהנלאַנג אין זיין קילן שאָטן. אונטערן שאָטן פונם גוטן, טייערן און געטרייען בוים, אָט אַזוי ווי איך זיץ טאַקע איצט און איך שרייב מיין דערציילונג אונטערן צאַרטן גלעט פון זיינע ברייטע צווייגן־הענט...

אונטן, ביים דיקן שטאַם פונם בוים, באַוועגן זיך די מוראַשקעס אין אַ שנעלן, אַ דינאַמישן גאַנג. אַ טייל מוראַשקעס־קנעכט זיינען באַלאָדן מיט וויכטיקער לאַדונג, וואָס זיי צעטראָגן אין באַשטימטע פּלעצער. עס באַוועגן זיך אויך אַלערליי אינסעקטן. צום דיקן שטאַם פונם בוים קומען אויך צו טויבן און אַלערליי קלענערע פייגעלעך. די פייגעלעך כאַפּן אַ שלענגעלע און זיי פייניקן עס מיט זייערע שאַרפע שנאָבלען. אין טויט־קאַנוואַולסיעס, און ביטערער שרעק, אין אומגעהויערער אימה, בויגט זיך, קאַרטשעט זיך און וואַרפט זיך נעבעך דאָס אָרעמע ווערעמל. אָבער קיין שום הילף און קיין שום רחמנות איז נישטאָ, כאָטש שריי אַ גרויס און אַ פינצטער געשריי צום רבונו של עולם וואָס האָט דיך באַשאַפן און אויף דער וועלט מיט זיין וואַרעמער האַנט געבראַכט. און ער האָט דיך אין אַ פינצטערער נאַכט אָפּגעבראָכן פון דעם אומגעהייערן פעלז פון לעבן. קיין שום הילף איז

נישטאָ, און דאָס פֿייגעלע, וואָס זעט אויס אין די טרערנפֿולע אויגן פּונם ווערעמל ווי אַ ריזיקער מאָנסטער, שלינגט ענדלעך אײַן דאָס אָרעמע באַשעפֿעניש ממש, נאָך לעבעדיקערהייט. שפּעטער פֿליט דאָס פֿייגעלע אַוועק. אָן אַנדערש מאָל לאָזן זיך אַראָפּ צוזאַמען מיטן פֿויגל זײַנע ערשט־געבוירענע קינדערלעך. די קליינע פֿייגעלעך פּיש־טשען און זיי האַלטן זייערע שנעבעלעך אָפֿן. דאָס מוטער־פֿייגעלע צערײַסט אַ ווערעמל און זי וואַרפֿט עס אַרײַן אין די אָפֿענע פּיסקעלעך פֿון אירע קינדערלעך. באַלד פֿליען אַלע צוזאַמען צוריק אַוועק.

קוקנדיק אויף די מוראַשקעס, אויף די אינסעקטן, אויף די כּלערליי ווערעמלעך, טראַכט מען פֿון די פֿעלקער וואָס באַוועגן זיך אויף דער ערד, זינט די גרויע אורצייטן אָן, צופֿוסנס פֿון די ריזיקע, אוראַלטע ביימער. פֿעלקער אין גרויען אַלטערטום, פֿעלקער און די טיפֿע און פֿינסטערע יאַרטויזנטער פֿון דער עקזיסטענץ פֿון דער ערד. זיי האָבן געקעמפֿט, געליטן, געשטריטן, געזוכט חיונה, זיך געשלאָגן מיט דער אַרומיקער גרויזאַמער נאַטור, מיטן פּרימיטיוון לעבן און זייער מערסטנס אומגעקומען אין דער שלאַכט פֿאַרן זײַן. און די ביימער שטייען אַזוי ווי מאָנומענטן פֿון דעם געוואַלטיקן לעבן וואָס האָט זיך אַרום זייערע פֿיס דורך די שווערע יאַרטויזנטער געדרייט, גע־ווירבלט און געשטורעמט.

דאָס איז וועגן גאַנצע פֿעלקער, צו דיר אומבאַקאַנטע, וועגן ווע־מענס שיקזאַלן דו האָסט געלייענט אין דיקע, מאָסיווע, היסטאָרישע בענדער. דאָס איז וועגן גאַנצע וועלטן. בלויז גאָט איז אימשטאַנד צו זען די גרויסקייט פֿון זייערע טראַגעדיעס. די עפּישע ברייטקייט, דער אומגעהייערער פּאַרנעם פֿון זייערע געוואַלטיקע קאַמפֿן און גע־ראַנגלען.

אָבער איין און איינציק מענטשנשיקזאַל — ווי איז עס אימשטאַנד דיך צו דערשיטערן. בלויז איין און איינציקער מענטשנשיקזאַל פֿון אַלע מיליאָנען מענטשלעכע גורלות אַרויסגענומען. לעבן דיר זיצט זי, די אַלטע פֿרוי, וואָס באַזיצט אין איר האַרצן אַזוי פֿיל מענטשלעכע דאַנקבאַרקייט צום וויגט, וואָס ציטערט יעדעס מאָל אויף דורך דער וועלט, אַזוי ווי אַ גוטער מלאך, וואָס ברענגט טרייסט און לינדערונג מיט זײַנע אידעלע פֿליגל. און וואָס בענטשט דעם בוים אין איר סאַמעטענער, תּחינהדיקער שפּראַך, און וואָס דאַנקט גאָט פֿאַר איר ביטערן גורל, פֿאַר אירע פֿינצטערע יסורים, פֿאַר איר בראָך. וואו נעמט עס אָן אומגליקלעכער מענטש אַזויפֿיל אומדערשיטערלעכע גע־טרײַשאַפֿט צו גאָט? ווי קען עס אַ מענטש אַזוי שטאַרק אײַנשטימען מיט דער אַכזריותדיקער אוניווערסאַלער פֿירונג פֿונעם רבונו של עולם?...

— דער וואָס לעבט אײביק, ער ריכטעט די גאַנצע וועלט אין שלום און אין גערעכטיקייט! — חזרט איבער די אַלטע פֿרוי איר פֿעסטע איבערצײַגונג אין דער גערעכטיקייט פֿון גאָט.

— אין „שלום און אין גערעכטיקייט!" — חזרסט דו איבער פֿאַר זיך אַליין אין טרויעריקן צווייפֿל און אין ביטערער איראָניע. און דו טראַכסט וועגן דער אַלטער פֿרויס טאַכטער. עס וואָלט געווען פּונקט ווי אין אַ שונדיסטישן ראָמאַן, ווען איר פֿאַרקריפּלטע טאָכטער

וואָלט דווקא זיין אַ שיינע פרוי, ווען זי וואָלט האָבן גאָלדענע האָר און בלויע אויגן... ווען זי וואָלט זיצן אויף איר הילצערנעם וויגשטול אַזוי ווי אויף אַ קעניגלעכן טראָן עס זיצט אַ שטאָלצע פּרינצעסין... דאָס וואָלט געווען ליטעראַטור, מאָלעריי... אָבער נישט דאָס גרויע, דאָס קאַלטע לעבן, אויף דער גרויער, אויף דער קאַלטער ערד... איר צעבראָכענע טאָכטער מוז דאָך דווקא נישט זיין קיין ראָמאַנטישע שיינקייט. ווי אַזוי קען זי דאָס זיין נאָך אַ סך יאָרן איינזאַמקייט און צו זיין געצוואונגען צו לעבן אָן אומנאַטירלעך, וויסט לעבן...

— זי האָט זיך אירע גוטע פריינט. זי האָט טייערע פריינדינעס, וועלכע קומען צו איר זי אָפּט באַזוכן. אויך צווישן מענער האָט זי פריינט: דאָקטוירים, פּאָעטן און אַדוואָקאַטן. זי באַקלאָגט זיך נישט. זי לעבט רואיק אין איר וועלט... זי לייענט אַ סך און זי קען אויסגעצייכנט ליטעראַטור! — אַזוי דערציילט מיר באַרימעריש די אַלטע פרוי.

אין פּאַרק איז פול מיט קינדער. עס איז שיין צו קוקן אויף די דאָזיקע גרויסע פּילפּאַרביקע ליאַלקעס. זיי זעען אויס אַזוי ווי מלאכים. מען קען זיך נישט פאָרשטעלן אַז די דאָזיקע קינדער וועלן אַמאָל קראַנק זיין. אַז זיי וועלן מיט דער צייט אויך ווערן אַלטע, גרויע לייט. אַז עס זיינען פאַר זיי אָנגעגרייט אין דער צוקונפט אַלערליי ביטערע יסורים און שרעקלעכע איבעראַשונגען. ווי מלאכים זיינען זיי איצט, אין זייער ריינקייט, ציכטיקייט און מאָלערישקייט. דער פּאַרק איז פול מיט אָט די קינדער. און די יונגע מאַמעס זעען אַליין אויך אויס אַזוי ווי קינדער. עס איז פאַראַן אַרום זיי די פּאָעזיע, די ראָמאַנטיק, די אידילקייט, ווי אַרום קינדער. עס איז ווי גאָט אַליין וואָלט זיי ערשט מיט זיינע אייגענע הענט געקושט, געצוואָגן און זיי געוואַשן אַזוי ווי גרויסע בלומען אין אַ שטראַלנדיקן טייך פון גאָלדענע כוואַליעס.

און ווידער קוקסטו זיך אַרום אויף דער קליינער וועלט פון איבּסעקטן. זיי דרייען זיך און זיי מאַרשירן ווי סאָלדאַטן צופוסנס אַרום דיר, בשעת דו ביסט פאַרטאָן אין דיינע מחשבות. אַ קליינע, אָבער אַ ריזיקע וועלט פון לעבן עפּנט זיך אויף פאַר דיר, ווען נאָר דו האָסט צייט און דאָס געמיט זיי צו באַטראַכטן. אַ געוואַלטיקע וועלט פון מיליאָנען און מיליאַסן לעבנס, וועלכע באַוואוינען אויך, אַזוי ווי דו, די גרויסע ערד און פון וועלכע דו ביסט קוים באַוואוסטזיניק אין בלויז זעלטענע מאָמענטן פון דיין אייגענעם לעבן.

און אין אייגענע ליידן און יסורים דערקענסטו די וויטיקן פון די איינוואוינער פון דער גאַנצער ערד, מענטשלעכע און חיהשע. אָסקאַר ווילד האָט נישט געזען די יסורים פון דער וועלט, ווען ער האָט זיך געבאָדן אין האַניק, אין ווין און אין גאָלדענעם ליכט פון דער זון. ערשט דעמאָלט ווען ער איז טיף געפאַלן, ווען ער איז אין קערקער געזונקען נידעריק און טיף צום שטויב פון דער ערד, האָט ער זיך געטויגט צו די געפאַלענע און צו די נידעריקע פון דער ערד און ער האָט פאַרנומען דעם דונער פון זייערע קרעכצן און דאָס געשריי פון זייערע ביטערע יסורים.

פרינץ גאטאמא בודא האט נישט געוואוסט פון די ליידן פון די מענטשן אזוי לאנג ווי ער איז געווען אין דעם קעניגלעכן פאלאץ, ארומגערינגלט אלס יונגער און שטראלנדיקער פרינץ פון ווייך, ווייב און געזאנג. בלויז ווען ער איז אין איין טאג ארויסגעגאנגען אויף א שפאציר, דארטן וואו עס לעבן אין געדיכטע מאסן די ארעמע מענטשן, די פאריאס און די קרעציקע, איז אים באפאלן די מענטשלעכע לייד און דאס צעבראכענע מענטשלעכע געוויין איז אים אנטקעגנגעגאנגען.

און ווען דו דערקענסט אויף אן אמת די מענטשלעכע ליידן, ווערסטו באהערשט פון א הערלעכן געפיל אלעמען צו העלפן. אט אזוי לערנען אונז די אידישע און די וועלט־חכמים. נישט קיין רייכטום און אפילו נישט קיין שיינקייט, נישט קונסט און נישט ליטעראטור זיינען ווערט אז דו זאלסט זיך צו זייווידמענען מיט דיין גאנץ לעבן. בייערט צו היילן די פארוואונדעטע און די צעווייטיקטע. אט דאס באדארף צו זיין די רעליגיע פון אלע מענטשן. ארומצוגיין איבער דער וועלט און וואו נאר עס איז פאראן נויט און שמערץ, צו ברענגען לייטערונג און ליני־דערונג, גוטסקייט און טרייסט... אט דאס באדארף זיין די הייליקע פליכט פון די מענטשן. צו זיין יעדער רגע פון לעבן באהערשט פון רחמנות און פון א הייליקן ווילן גוטס צו טאן צו די וואס נויטיקן זיך אין גוטס און אין היילונג. אט דאס זייען די פארשריפטן פון די צדיקים און לערערס פון די לעצטע צען טויזנט יאר פון דער הונדער־טער טויזנטער יארן עקזיסטענץ פון דער מענטשהייט אויף דער גרוי־סער ערד...

***

דער קאפ פון דער אנגעצונדענער זון נייגט זיך שוין צו מערב־זייט, אפפארבנדיק אין גאלד אלע לאנדשאפטן. אין רייכן גאלד געצירט, אין פייערלעכן בראנז, שטראלט אויף דער גרויסער, דער גוטער בוים, אזוי ווי גאט אליין וואלט אים ארומגענומען און צו זיין הארצן געדריקט אין ליבשאפט און אין פרייד...

און אט לויכט אויף דאס גן עדן. אברהם אבינו רעדט זיך געמיט־לעך אדורך מיט די דריי פארשטעלטע און פארמאסקירטע מלאכים. משה און אהרן וואשן זיך זייערע קלארע פיס אין א געלן טייך פון האניק, נאך דעם הייסן טאג אין דעם בלויען הימל. ווער איז די וואונדערלעכע פרוי מיט האניק־ברוינע האר, וואס טראגט א פשוטע, א לייוונטענע קלייד? עס איז דאך אונזער גוטע מוטער רחל. און צווישן הארציקע אידן פון חומש און פון זיסע מעשות, וועמען, מיינט איר, זעט מען צווישן זיי איינמיטן? אונזער גוטן און הייליקן בוים. ער שטייט זיך רואיק אין גן עדן און יעדעס מאל טוט ער א רויש מיט זיינע אייביק־יונגע צווייגן אין דער דורכזיכטיקער לופט און ער קילט אפ די פארשוויצטע שטערנס פון אונזערע הארציקע און הייליקע צדיקים. דער גוטער, דער שטראלנדיקער בוים, ער איז צוזאמען מיט אונזערע געליבטע אבות אין גן עדן אויף אייביק אוועקגעשטעלט — אין דער צוקונפט... און אויך דארטן וועלן זיינע צווייגן ברענגען גרויס פארגעניגן צו די איינזאמע צדיקים פון הימל... דערווייל אבער היילט

ער און ער קושט מיט זיין קילן שאָטן די צעריסענע נשמות פון די יסורימדיקע מענטשן אין גרויס־שטאָטישן פּאַרק...

יעדער מענטש

יעדער מענטש איז גאָטס אַן אויסשטעלונג. גאָטס אַ מחשבה... גאָטס אַ ליכטיקע שטימונג. גאָטס אַ מרה שחורה׳דיקער נאַכט־חלום. גאָטס אַ שטיק אומעטיקע פינצטערניש.

* * *

„מענטשלעכע קאָמעדיע"

שטענדיק, אַז איך קום אין הויז פאַר אומהיילבאַרע פּאַציענטן, כדי צו באַזוכן מיין פריינט, אַן אַלטן יידישן שריפטשטעלער, וואָס איז אַמאָל געווען אַ שלאַנקער פּרינץ, אַ פּאַצעט, און איצט האָט אים די נאַטור מיאוס און ברוטאַל אויסגעקרומט, באַטראַכט איך זיינע בײדע בעט־שכנים:

צו זיין רעכטער זייט ליגט דער פּאַראַליזירטער אַקטיאָר, וואָס האָט אַמאָל געשפּילט אין אָפּערעטעס און קאָמעדיעס. זיין גיפּסענע מאַסקע איז פאַרגליווערט געוואָרן צו אַ וויינענדיקן פּנים. טרערן רינען פון זיינע אויגן. אַנשטאָט זוניקע און זיניקע רייד, רייסן זיך שווערע און פינצטערע קרעכצן פון זיין שטומען און פאַרשטיינערטן מויל.

צו זיין לינקער זייט ליגט דער טראַגישער אַקטיאָר. ער האָט געשפּילט אין יעקב גאָרדינס דראַמאַטישן רעפּערטואַר. ער האָט געשפּילט טראַגישע ראָלן. און דווקא ער, אינגאַנצן אַ פּאַראַליזירטער ווי אַ שטיק מצבהשער שטיין, שמייכלט מיט אַ קאָמישן, אַן אומ־שטערבלעכן שמייכל... און ער קוקט אַן דעם קאָמעדיאַנט־אַקטיאָר מיט חוזק אין זיין פּנים. מיט אַ קרומען, שמייכלענדיקן גרימאַס... זיין פאַרשטיינערט פּנים האָט אָנגענומען די פאָרם פון אַ סאַטירס מאַסקע...

און בשעת איך טראַכט אַזוי נאָך וועגן דער איראָניע און ברו־טאַליטעט פון דער נאַטור, וואָס מאַכט ציניש חוזק פון אירע קרבנות, זע איך ווי אַזוי מיין אויסגעקרומטער קאָלעגע, וואָס האָט זיך תמיד געהאַלטן שטאָלץ און ווירדיק, שרייט אַריין מיט זיין הייזעריקן, צע־בראָכענעם לשון, מיט זיין פּאַראַליזירטער צונג, אין די טויבע און טויטע אויערן פון אַן אַלטן פּאַציענט, וואָס האָט „אַמאָל" געלייענט יידישע ליטעראַטור... מיין קאָלעגע דערציילט דעם טויבן ייד ווי גרויס ער, מיין קאָלעגע, איז אַמאָל געווען... דער טויבער הויבט אָבער גאָרנישט אָן צו הערן אַ וואָרט פון דעם וואָס מיין קאָלעגע שרייט אים אָן.

אַפילו דער פּאַצעט און דענדי, מיין אומגליקלעכער קאָלעגע, טראַכט איך, וויל אַרויסשלאָגן פאַר זיך אַביסל מיזעראַבלען כבוד פון אַן אַנדערן אַלטן, אומגליקלעכן, טויב־שטומען מאַן — אויך אַן „אַקטיאָר" אין גאָט׳ס „מענטשלעכע קאָמעדיע"...

* * *

די קראַנקע פּרינצעסין

עס איז געווען אַ נעפּלדיקער אָונט. די לאַמטערנעס פון דער גאַס האָבן זיך געוויקלט אין פורפורנע אַרעאָלן, פונקט ווי מחנות שמעטערלינגען וואָלטן טאַנצן אַרום די רויטע לאַמפּן פון די פּאַנאַרן. אַ ביסל פאַרבלאָנדזשעטע, האָבן מיר געזוכט אַן אַרויסגאַנג פון דעם פּאַריזער באַרימטן בית־עולם „פּער לאַשעז". דער גרויער נעפּל האָט זיך אַזוי ווי פאַנטאַסטישער עטער געוויקלט אַרום די מצבות. אַרום די קברים מיט פאַרזשאַווערטע שטאַכעטן. אַרום די מאַרמאָרנע מלאכים וועלכע האָבן פאַרשטיינערטע געווינט איבער די גרויסע מענער און פרויען פון פראַנקרייך, איבער באַרימטע עמיגראַנטן, אַנטלאָפענע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן אַמאָל געפונען אַ פרייע היים אין פּאַריז.

איך בין געגאַנגען מיט מיין פריינט, אַן אָנגעשטעלטער איבער דער עגיפּטישער אָפּטיילונג אין „לואווער", אין דעם באַרימטן מוזעאום אין פּאַריז. ער איז געווען אַ פיינער דזשענטעלמאַן, וואָס האָט גוט געקענט די כראָניקעס פון דער עגיפּטישער אָפּטיילונג: פון די מומיעס, סטאַטוען, אַלערליי שטיינערנע און בראָנזענע קונסטווערק. ער איז אַמאָל געווען אַן אַרכעאָלאָג און ער האָט געקענט דאָס אַמאָליקע מצרים ווי די צען פינגער פון זיינע ביידע הענט.

ווען מיר האָבן זיך געפונען פאַר איינעם פון די טויערן פון פּער לאַשעז, וואָס האָט געפירט צום בולוואַר אַרויס, איז סער אַרטור מעקענזען געבליבן שטיין, איז צוריקגעגאַנגען עטלעכע שריט, האָט זיך דערנענטערט צו אַ קבר, וואָס האָט נאָך נישט געהאַט קיין מצבה. עס איז געווען קענטיק פון דער רויער ערד פון דעם פרישן בערגל און פון די ערשט־אויפגעשפּראָצטע בלומען, אַז עס איז אַ ניי קבר. סער אַרטור מעקענזען איז געשטאַנען פאַרן קבר אין אַ טרויעריקער שטימונג. אין אַ ווילע אַרום האָט ער זיך שנעל אַ קער געטאָן און באַלד זיינען מיר געווען אויפן גאַס. מיר האָבן זיך באַוועגט אין דער ריכטונג צו מאָנמאַרט. הגם מיר האָבן געהאַט דורכצושפּאַנען אַ ווייטע שטרעקע, פון דעם בית־עולם ביז דער מאַרמאָר־ווייסער קירכע „סאַקרי קער", דאָך האָבן מיר נישט געוואָלט נעמען קיין מעטראָ און אַפילו נישט קיין טראַמווי.

אָבער אויפן וועג, אַרום דער עוועניו ד'אַנווערס, זיינען מיר שוין געווען מיד. מיר האָבן זיך געזעצט פאַר אַ קליינער קאַפע־וועראַנדע. טרינקענדיק פּילזנער ביר, האָט סער אַרטור מעקענזען פאַררויכערט זיין שווערע, רויטלעכע ליולקע וואָס ער האָט אָנגעפּילט מיט פיינער, שמעקנדיקער מאַכאָרקע און, ער איז פאַרזונקען אין אַ טיפן שוויגן.

איך האָב אים געפרעגט וועגן דעם פרישן קבר, וואָס מיר האָבן געהאַט געזען. ער האָט שווער אָפּגעזיפצט און האָט אָנגעהויבן צו רעדן:

— אין דעם קבר רוט זינט די לעצטע דריי און אַ האַלב חדשים מיין בעסטער און אינטימסטער פריינט, סער ראָבערט פרענק, אַ מאַן מיט אַ בריליאַנטענער נשמה און אַ גאָלדענער פאַנטאַזיע. איך האָב צוזאַמען מיט אים געאַרבעט ביי מערערע עקספּעדיציעס אין דעם זוניקן עגיפּטן. ער איז נישט נאָר געווען אַ גלענצנדער טעכניקער. ער האָט

נישט נאָר אַרויסגעוויזן גרויסע גענייעליע איינפאַלן און ער איז נישט נאָר געווען אַ גרויסער קענער פון עגיפּטנס פאַרצייטישער געשיכטע — נאָר ער איז געווען אַ פאַרליבטער געניוס אין זיין אַרבעט. ער איז געווען אַ שעפערישער מענטש. ער האָט באַזעסן אַ צויבערלעכע נשמה. ער האָט געפונען אוצרות פון קונסטווערק און קעניגלעכע מומיעס דאָרטן וואו מיר האָבן זיך צום וויניקסטן געריכט צו געפינען עפּעס לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן. ער האָט מיך און מיינע קאָלעגן, די גרעסטע אַרכעאָלאָגן, איבערראַשט מיט זיין געוואַלטיקער אינטואיציע. איך פלעג אים אַ סך מאָל זאָגן:

— ראָבערט! די מומיעס, די שיינע פּרויען פון עגיפּטן, קומען צו דיר צו חלום און זיי דערציילן דיר גענוי וואו זיי ליגן, כדי דו זאָלסט זיי געפינען...

אַן אַנדערש מאָל האָב איך צו אים געזאָגט:

— סער ראָבערט פּרענק! איך בין איבערצייגט אַז דו האָסט איבערנאַטירלעכע כוחות. דו דערזעסט מיט דיין נשמה, מיט דיינע טע־לעפּאַטישע חושים, די אַלטע אוצרות פון דער עגיפּטישער אימפּעריע. דו האָסט אַן שום צווייפל פאַרבינדונגען מיט דער אַסטראַלער וועלט פון די גייסטער...

ער פלעגט געווינלעך זאָגן:

—ווען איך גיי דורך אַ פּלאַץ וואו עס געפינט זיך אַן אַלטערטימ־לעך קבר, צי רואינען פון אַ שוין פון לאַנג פאַרזונקענעם שלאָס, אָדער אַ סטאַטוע פון פאַרגאַנגענע צייטן, הער איך אַרויס פון די טיפענישן אַ מאָדנע מוזיק... די זאַכן זינגען צו מיר. זיי ווילן זיין פריי. זיי ווילן אַרויס פון דער טיפעניש. זיי ווילן זיך מיט גאָר זייער שיינקייט אַנט־פּלעקן צום מענטשלעכן אויג. איך בין זייער באַפרייער. איך ווייס נישט ווי אַזוי עס קומט צו מיר אַזאַ מין פענאָמענאַלע פעאיקייט.

סער ראָבערט פּרענק האָט געשטאַמט פון אַלט־ענגלישע אַריסטאָ־קראַטן, וואָס האָבן אַנטיילגענומען אין די פּאָליטישע באַוועגונגען פון לאַנד נאָך אין קראָמוועלס צייטן. זיי האָבן אין דער פאַמיליע געהאַט עטלעכע זעלטענע מיטגלידער: פאַנטאַסטישע, לעגענדאַרע פּיראַטן, וועלכע האָבן געקעמפט מיט די שפּאַנישע שיפן נאָך לאַנג פריער ווי די באַרימטע שפּאַנישע אַרמאַדע איז צעקלאַפּט געוואָרן דורך דעם פלאָט פון דער קעניגין עליזאַבעט אינם אַנטגילטיקן זיג איבער דער שפּאַנישער אימפּעריע. סער ראָבערט פּרענק איז נאָך געווען אַ בחור, אַן אַוואַנטיוריסט, טרוימער און אַ העלד. ער האָט ליב געהאַט דאָס אַלטע עגיפּטן פּונקט אַזוי שטאַרק ווי די בריטישע אימפּעריע און אָפּט־מאָל פלעגט ער צו מיר זאָגן:

— דו ווייסט, אַרטור, איך בין אַן אינקאַרנאַציע פון אַן עגיפּ־טישן פּרעה. דעריבער בין איך אַזוי גענוי באַקאַנט מיט זייערע קברים. אַמאָל בין איך אַפילו געווען פאַרליבט אין אַ פּרינצעסין, אַ שיינער פּרינצעסין, וואָס איז זייער יונג געשטאָרבן...

— איך האָב נישט געקענט וויסן, נאַטירלעך, צי ער מיינט דאָס ערנסט אָדער אין שפּאַס. איבעריקנס, ווען ער פלעגט דאָס זאָגן, פלעגן זיינע אויגן פאַרדעכטיק אויפלייכטן, זיך אָנצינדן מיט געהיימנישפולע

פייערלעך, ווי די גרינע שניטן פון פּאַספּאַרישן ליכט אין די אויגן פון טיגערישער קאַץ.

איך פלעג זיך אין אַזעלכע מאָמענטן שרעקן פאַר זיין געדאַנק.. ער פלעגט אויסמיידן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן. זיין גאַנץ לעבן איז געווען אָפּהענגיק פון די דערפאָלגן פון זיין וואונדערלעך געהיימניש־פולע אַרבעט.

איינמאָל איז סער ראָבערט פרענק געקומען צו מיר אַן איבער־ראַשטער, אַ בלייכער און אַן עטוואָס דערשראָקענער. ער האָט געזאָגט:

— אַרטור, איך האָב די פאַרגאַנגענע נאַכט געהאַט אַ מאָדנעם חלום: אַ יונגע פרוי, פון דער פאַמיליע פון טאַטמעס דעם דריטן, אַ צאַרטע פרינצעסין, האָט זיך באַוויזן צו מיר און האָט מיר אַנטפּלעקט איר געהיימנישפולן קבר. איך האָב צו איר צערטלעכע עמאָציעס. איר שיינקייט איז אומבאַשרייבלעך. זי האָט געלויכטן צו מיר אַזוי ווי אַ פריש־אַנגעריסענער בוקעט מיט בלומען...

— ראָבערט, דו ביסט משוגע! — האָב איך מיט כעס זיך געווענדט צו אים.

— אין אַ חודש אַרום ברענג איך דיר פאַרן בריטישן מוזעאום איר מומיע...

סער ראָבערט פרענק איז אַוועקגעפאָרן. איך האָב אים מיטגע־געבן אַ גרופּע פון צען מענער און אַ וואָך שפּעטער, צו מיין גרעסטער איבערראַשונג, דערהאַלט איך פון אים פאָלגנדע טעלעגראַמע.

„מיין טייערער אַרטור! איך האָב אַנטדעקט די מומיע פון דער פרינצעסין. זי איז אין דעם שענסטן צושטאַנד. קום צופליען מיטן עראָפּלאַן. אַדרעס: אַנדערהאַלבן מייל צו דרום פון דער פּיראַמידע פון גיזע".

עטלעכע טעג שפּעטער בין איך געווען אויפן אַנגעוויזענעם פּלאַץ. סער ראָבערט פרענק האָט ווירקלעך אַנטדעקט אַ וואונדערלעכע, גוט־פּרעזערווירטע מומיע, קענטיק פון אַ זייער יונגער פרוי, נאָך נישט קיין גאַנצע דרייסיק יאָר אַלט. אַ שלאַנקע פרוי, מיט אַ פּנים, בלייך און טרויעריק. די נאָענט צו פינף טויזנט יאָר האָבן איר טרויער נישט געקענט פאַרווישן. אַ בלייכע מעלאַנכאָליע האָט זיך געוויקלט צויבערלעך אַרום איר שלאַנקען קערפּער, אַרום אירע דינע, צאַרטע און סענסיטיווע גלידער. איך האָב גוט אָנגעקוקט סער ראָבערט פרענקן. ער איז געווען פאַרעלטערט און פאַרענדערט. זיין פּנים איז געווען בלייך און טרויעריק. מיט צערטלעכע בליקן האָט ער געקוקט אויף די מומיע, וועמענס טונקעלע לאָקן האָבן דעליקאַט געגלאַנצט און שימערירט אין דער אונטערגייענדיקער זון. זי איז געווען איינגעפּאַסט באַקוועם אין אַ גאָלדענער טרונע וואָס איז געשטאַנען אין אַ פּרעכטיק־מאַרמאָרענעם, ווייסן סאַרקאָפאַג, וואָס איז געווען רייך אָרנאַמענטירט מיט באַפליגלטע וועזנס, מיט פּסוקים פונם „טויטן־בוך". גאָלדענע, פיין־געשמידטע רינגען האָבן געבונדן איר קערפּער, אירע דינע פיס און אַרום אירע גראַציעזע הענט. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ זייער שווערע, פּרעכ־טיקע קרוין, מיט פאַרביקע איידלשטיינער, מיט גרויסע, טייערע פּערל. עס איז געווען אַ רחמנות צו זען ווי דורך פינף טויזנט יאָר צייט ווערט

איר איידעלער, ווייבלעכער קאָפּ געדריקט פון דער שווערער, דער מאַסיווער קרוין... די פּרינצעסין, כדי אייך צו געבן אַ באַגריף ווי זי האָט ווירקלעך אויסגעזען, איז ענלעך געווען אויף אַ מערקווירדיקן אופן צום פּאָרטרעט־ביוסט פון דער קיניגין נעפערטעטע, די פרוי פון פּרעה אַכנאַטאַן, דער לעצטער קעניג פון דער אַכצנטער דינאַסטיע, וואָס האָט באַשאַפן די באַרימטע הימנע צו דער זון און די גרויסע זון־רעליגיע. די פּרינצעסין האָט געהאַט די לעבעדיקע פרישקייט, די דעליקאַטע, ווייבלעך־דינע שטריכן פון דער דאָזיקער קעניגין, וואָס קוקט אַרויס פון דעם פיין־געשניצטן שטיין מיט דער פרישקייט פון אומשטערבלעך לעבן. אינם קבר זיינען אויך געפונען געוואָרן קעניגלעך גאָלדענע געפעס, ליימענע פּאַיאַנס, פּרעכטיק־געפּאַרעמטע וואַזעס מיט צויבערהאַפטע אָרנאַמענטן. אויך סטאַטועטקעס וואָס שטעלן פאָר דעם גאָט רא־אַמאָן, איזיס און אָזיריס, דעם פּרעה סעטי אין תפילה צום גאָט אָזיריס, און אַ סך צירונג־שטיקער וואָס האָבן איבערראַשט מיט זייער עקסטראַוואַגאַנץ אין קונסט־טעכניק, אין ראַפינירטן דעזיין און אין מייסטערשאַפט פון פאָרם.

— מיר וואונדערט שטאַרק וואָס דו ביסט אַזוי טרויעריק, ראָבערט!

— האָב איך זיך געווענדט צו מיין פריינט — אַנשטאָט וואָס דו באַדאַרפסט גאָר זיין פריילעך פון דיין זעלטענער אַנטפּלעקונג. פאַר דער מומיע וועסטו פון בריטישן מוזעאום קריגן אַ מטמון מיט גאָלד־פונטן און דאָס וועט רייך פינאַנצירן דיינע קינפטיקע אונטערנעמונגען, דיינע אַדיסייעס אין דעם אונטערערד פון מצרים...

ראָבערט האָט געשוויגן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער שטילערהייט, ווי צו זיך אַליין, געזאָגט:

— דאָס איז מיין לעצטע אַנטדעקונג. איך ווייס גענוי. מיין קאַריערע אַלס אַרכעאָלאָג איז געענדיקט. איך האָב די גאַנצע צייט געזוכט די פּרינצעסין... און איצט האָב איך זי געפונען... מיין ציל איז דערגרייכט געוואָרן...

— משוגעת! — האָב איך אויסגעשריגן צו אים און פאַראָרדנט מיינע אַסיסטענטן אָפּצופירן די מומיע אין קאַירא. סער ראָבערט פּרענק איז מיט זיי מיטגעפאָרן. עטלעכע טעג שפּעטער איז ער אַוועקגעפאָרן אין לאָנדאָן מיט דער פּרינצעסין...

ווען איך בין אין אַ יאָר שפּעטער געקומען קיין לאָנדאָן, האָב איך גלייך אויפגעזוכט סער ראָבערט פּרענק. ער איז געווען שטערבלעך קראַנק, ער האָט געליטן פון אַ ווענערישער קראַנקהייט. איך האָב זיך געוואונדערט. סער ראָבערט פּרענק האָט מיך תמיד איבערראַשט מיט זיין ריינלעכקייט און אָפּגעהיטנקייט אין געשלעכטלעכן לעבן. ער איז געווען אַ בחור וואָס האָט, אויסער אויף קונסט־אויסשטעלונגען, קיין נאַקעטע פרוי ניט געזען אין זיין גאַנצן לעבן. איך בין געווען מאָדנע איבערראַשט פון זיין קראַנקהייט.

איך בין געבליבן אַליין מיט אים אין צימער. איך האָב אים געפרעגט:

— ראָבערט, אין נאָמען פון אונזער לאַנג־יאָריקער פריינטשאַפט, דערצייל מיר וואָס עס האָט מיט דיר פּאַסירט.

סער ראבערט פרענק איז געווען דערשלאָגן און שוואַך. אין דער צייט וואָס איך האָב אים נישט געזען, האָט ער זיך, ווי געזאָגט, שרעקלעך געענדערט. ער האָט נאָך אַ גאַנץ לאַנגער פויזע, ענדלעך געזאָגט:

— איך האָב ליב געהאַט די פּרינצעסין. איך האָב זי שרעקלעך ליב געהאַט, דו פאַרשטייסט, איך האָב זי געקושט און איך האָב נישט געוואוסט אַז זי איז קראַנק. אַז סיפיליס־מיקראָבן לעבן אין איר קערפּער. איך האָב דורך אירע ליפּן זיך אָנגעשטעקט מיט איר קראַנקהייט...

— וואָס פאַר אַ גרויזאַמע שטראָף פאַר זיינע גרויסע אויפטואונגען!
— האָב איך געטראַכט און געזען ווי סער ראבערט פרענק ווערט אײַנערלעך פאַרצערט.

איך האָב אים געלאָזט אונטערזוכן דורך פאַריזער ספּעציאַליסטן, וועלכע זיינען געווען אוממעכטיק קעגן זיין קראַנקהייט, וואָס איז שוין געווען פאַרשפּרייט אין זיינע אינערלעכע אָרגאַנען. די דאָקטוירים האָבן אויף עטלעכע יאָר צייט נאָך פאַרלענגערט זיין לעבן. מיט אַ קורצער צייט צוריק איז דער אומגליקלעכער פאַרליבטער געשטאָרבן. מיר האָבן אויף פער לאַשעז געזען זיין פרישן קבר. — — —

סער אַרטור מעקענזען איז שטיל געבליבן. קרומע לאַמטערנס האָבן אומעטיק געלויכטן אינם געדיכטן נעפּל. איבערן בולוואַר האָבן שפּאַצירט אַלערליי פיגורן פון מענטשן. גאַסנפרויען האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייער פאַרפּירערישן, קאָקעטישן גאַנג. אַ שיכור האָט זיך פאַרבייגעוויגט ווי זיך שלאָגנדיק מיט אַ מחשבה. דער נעפּל איז געוואָרן געדיכטער, פאַנטאַסטישער. אַ מאַטראַזניונג האָט אונטערן אָרעם געפירט זיין געליבטע אויף אַ שפּאַציר, אַ חנעוודיקע שול־מידל... סער אַרטור מעקענזען איז פאַרזונקען אין טרויעריקע מחשבות. בלויז זיין ליולקע האָט מיט אַ רויט פייערל געלויכטן. און ער האָט יעדער ווײַלע פון זיינע ליפּן אַרויסגעלאָזן אַ בלויעלעכן רויך. אין דער לופט האָבן זיך געשפּרייט בלויע, דינע רויך־רינגען.

— און וואו איז די קראַנקע פּרינצעסין? — האָב איך אַן אומעטיקער געפרעגט.

— די טראַגישע פּרינצעסין וואָס איז אין אַזאַ יונגן עלטער געשטאָרבן, איז אַוודאי אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דער קראַנקהייט דורך אײנעם פון די הויף־מענטשן אָדער גאָר פון פּרעה אַליין. די פּרינצעסין געפינט זיך אין בריטישן מוזעאום...

— וואָס פאַר אַ שרעקלעכע פּרוי, זאָג איך, וואָס פינף טויזנט יאָר שפּעטער קושט זי טויטלעך און נעמט אפשר אינסטינקטיוו נקמה פאַר איר פריען טויט. איך וואָלט וועלן זען די פּרינצעסין...

סער אַרטור מעקענזען האָט מיך אָנגעקוקט פאַרדעכטיקט, ווי ער וואָלט מיך אין עפּעס חושד זיין. דאַן האָט ער שטילערהייט געזאָגט:

— איר טאָרט זי נישט זען. זי האָט אַ שרעקלעכן כישוף. זי איז שטראָלנדיק שיין. זי נעמט נקמה אין מענער פאַר אירע פאַרלוירענע ראָמאַנען. פאַר די ליבעס וואָס זי האָט נישט באַוויזן דורכצולעבן. די

געטער פון מצרים האָבן איר געגעבן אַ וואונדערלעכע שיינקייט, וואָס דער טויט האָט נישט געקענט רויבן ביי איר. זי איז די פּרישסטע מומיע וואָס איך האָב ווען עס איז געזען, פּונקט ווי זי וואָלט מיט אַ ווײַלע צוריק בלויז איינגעשלאָפן, טרוימענדיק פון געגנוס און גליק... מיין פרייגט, איר טאָרט די פּרינצעסין נישט זען. איר וועט נישט קענען גובר זיין אייערע געפילן צו איר...

— אָבער, סער אַרטור מעקענזען, — האָב איך זיך געווענדט צו אים אַן איבערראַשטער, — איר האָט דאָך אַליין ערשט געזאָגט אַז סער ראָבערט פרענק איז געווען משוגע. און איר אַליין זאָלט אַזוי רעדן וועגן דער פּרינצעסין, מיט אַזאַ מאָדנער באַוואונדערונג פאַר איר שיינקייט, מיט אַזוי פיל קענטיקער עמאָציע אין אייער קול...

טיפע שטילקייט איז איינגעטראָטן. מיר האָבן אָנגעהויבן צו גיין אין דער ריכטונג פון מאַנמאַרט. ווען סער אַרטור מעקענזען האָט ביים צעשיידן זיך מיר געדריקט די האַנט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך מיט מיר אויף אייביק געזעגנט, האָב איך אים איינגערוימט אין אויער:

— סער, איר אַליין, ווי איך זע קלאָר, זענט אויך שטערבלעך פאַרליבט אין דער פּרינצעסין...

סער אַרטור מעקענזען האָט מיך אָנגעקוקט מיט טרערן אין זיינע אויגן. ער האָט געזאָגט:

— און אויך איך שטאַרב פון מיין ליבע... די פּרינצעסין האָט אויך אין מיר גענומען נקמה...

אין אַ יאָר אַרום, האָב איך אין אַ פּרעכטיקן פרילינגס־פרימאָרגן באַזוכט דעם בית עולם פון פּער לאַשעז. איך האָב מיט אומעט באַטראַכט סער ראָבערט פרענקס קבר. גרויסע בלומען האָבן פלאַמענדיק גע־בליט אויפן שטילן בערגל. דאַנעבן איז געווען אַ פרישׁ בערגל מיט ליימיקע, געלע ערד און אויף דעם צייטווייליק־אַריינגעשטעקטן היל־צערנעם ברעטל איז מיט שוואַרצע טינט געווען געצייכנט דער נאָמען פונעם פרישן מת: סער אַרטור מעקענזען...

אין דיר הויערט אזא טיפע שטילקייט

אין דיר הויערט אַזאַ טיפע שטילקייט. עס גייט אויף אין דיר אַזאַ יִשטראַלנדיקע גוטסקייט. דו וואָלסט מיט דיינע קישן געהיילט די ווונדן פון קראַנקע בוימער. דו וואָלסט מיט באַלזאַם און מיט האָניק אויסגעהיילט שוואַכע קינדער.

מאָמענטן פון רו

דער מענטשלעכער גייסט אַרבעט טאָג און נאַכט, כדי צו דער־גרייכן די שטילע מאָמענטן. די פילאָסאָפישע רגע׳ס פון טיפער גליקזעליקייט. מען אַרבעט פאַר דער געלייטערטער שטילקייט אין דיין געמיט, וואָס קומט אָפט אָנצוגיין, אַזוי ווי אַ שטילער טייך אין וועג. אַזוי ווי אַ בלייכע, אַ פאַרקלערטע פרוי מיט לאַנגע און מיט טונקעלע האָר — שטיקער נאַכט. מען האָרעוועט שווער, כדי צו דער־גרייכן דעם געבענטשטן טייך פון רו. דעם טיף־ און טונקעל־גרינעם טאָל פון שטילקייט. דעם מאָמענט ווען אַלע זאַכן בלייבן שטיין שטיל און רויק און אַ טיף געמיט, ווי פון תהלים, באַהערשט דיך...

איר מאַנס אַש

עס איז שוין שפּעטלעך אין דער נאַכט. איך גיי דורך די צווייטע עוועניו, אין דער געגנט פון די אַמאָליגע אידישע טעאַטערן. עס איז איצט דאָ קאַלט און אומהיימלעך. עס דאַכט זיך אַז די טויטע אידישע אַקטיאָרן פאָרן זיך טרויעריקע אַרום אין דער נאַכטיקער פינצטערניש. זיי קענען נישט איינרוען אין די ברוקלינער ליימיקע קברים. עס איז זיי שרעקלעך אומעטיק. זייערע שאַטנס טראָגן גאָלדענע דיוויסקעס אויף די וועסטן. אותיות טריפן פון זייערע בגדים. די אותיות פון זייערע אַמאָליקע אפישן, וואָס דער רעגן און דער שניי האָבן שוין לאַנג צוריק אַראָפּגעוואַשן פון די פּלויטן. פון די מיילער פון די שאָטנס, פון זייערע טויטע מיילער שרייט אַרויס אַ וואונדערלעכער אידיש. אָט איז דער אויסגעפּוצטער גאָלדפאַדען מיט די גאָלדענע פּאַנסנע, מיט דער גאָלדענער קייט אויפן ברייטן בויך און מיטן גרויסן ציבעלע־זייגער אין וועסטל־קעשענע. און אָט איז יעקב גאָרדין מיט דער שוואַרצער, אַסירי־שער באָרד פון זייד. אַ, אידישע אַקטיאָרן! עס ווילט זיך איך ברי־דערלעך אַרומנעמען אין דער שפּעטער נאַכט. קומט, לאָמיר אַריינגיין אין אַ קנייפּע אויסטרינקען מיט איך — און מיט נפתלי הערץ אימבער — אַ גלעזל זיסע משקה...

די הייזער אויף סעקאַנד עוועניו זיינען לעצטנס אויך עפּעס מאָדנע אַלט געוואָרן. עס שיילט זיך פון זיי דער שטויביק־געלער טינק ווי די הויט אויף צעפוילטע חיות. פון דעם אַלטן קאַשציאַל אויף צענטע גאַס גייט אַ היסטאָרישע פּראָצעסיע. דאָס גייט אַרויס פּרעזידענט וואַשינגטאָן פון דעם קאַשציאַל. זיין הויכע און אימפּאַזאַנטע געשטאַלט טיילט זיך פּראָמינענט אויס פון דער פייערלעכער סוויטע פון פּיאָנערן. עטלעכע באַרימטע גענעראַלן מאַרשירן מיט זייערע ברייטע היט אין די הענט. אויף זייערע שטאָלצע ברוסטקאַסטנס זעען זיך אָן די פּאַרזשאַווערטע מעדאַלן. עס שמעקט פון די גענעראַלסקע בגדים מיט דיקע שטיקער נאַפּטאַלין. און אָט איז אויך דאָ פאַראַן דער היסטאָרישער מעיאָר פּיטער סטייוועסענט מיטן הילצערנעם פוס און מיטן געלן, בייזן פּנים. דאָס האָלץ פון זיין פאַלשן פוס לויכט שוין מיט פאָספאָר. און אָט גייט אויף אַ נאַכטיקן, איינזאַמען שפּאַציר מאַרטהאַ, די יונג־פאַרשטאָרבענע געליבטע פון וואַשינגטאָן אירווינג. איר איינגעפאַלן קבר מיט אַ פלאַכער מצבה, קוים אָנצוזען אויף דער מצבה די אָפּגעריבענע אותיות, געפינט זיך דאָ צווישן די קברים מיט פלאַכע מצבות.

פון אַ פינצטערן געסל קומט אַרויס אַ קליינע, אין אַ סך ביליקע פאַרבנשטאָפן אויסגעשלייערטע פרוי. זי גייט זייער נידעריק צו דער ערד, אַזוי ווי אַלע באַליידיקטע און פאַרשעמטע פון דער וועלט. זי זעט אויס געענו אַזוי ווי איינע פון די צווערגן פון דעם מאָלער וועלאַסקעז מאָלערייען. וועלאַסקעז, דער שפּאַניש־קעניגלעכער מאָלער, האָט די ליליפּוטן און קריפּלען געמאָלן, וואוינענדיק אין שפּאַנישן קייסערלעכן הויף. זיי האָבן פאַרווילט דעם קיסר און זיין פאַמיליע. נאָר וועלאַסקעז האָט די אָרעמע און אומגליקלעכע באַשעפענישן געמאָלן מיט גרויס סימפּאַטיע און רחמנות...

מאַדאַם לידיאַ, דערזעענדיק מיך, פאַלט צו צו מיר מיט אַ דין, אײדל קולכל, פול מיט זיסער פּריינטשאַפט. זי בעט מיך אַז איך זאָל באַזוכן איר „סטודיאָ״. איך האָב זי געזען מיט עטלעכע יאָר צוריק. דורך דער צייט איז זי געוואָרן עלטער און פאַנטאַסטישער. זי האָט איצט געטראָגן אַ רויטע, זיידענע קלייד, ווי אַ ציגײנערטע וואָס לייגט קאָרטן... די פינגער אירע, דינע און געלבלעכע, אויסגעקרימטע און צעבויגענע פון דערשטיקטער ליידנשאַפט, זיינען געווען געצירט אין שווערע און דיקע אינדיאַנישע רינגען מיט גראָבע שטיינער איינגע־פאַסט. אויף איר קליינעם, שפּיציקן קעפּל, מיט ראָבן־שוואַרצע האָר, ווי ביי אַן אינדיאַנערקע, האָט זי געטראָגן אַ ברייט־ראַנדיקן הוט מיט אָפּגעבלאַקירטע, שטויביקע פעדערן. גאָט ווייס פון וועלכע עקזאָטישע מינים פייגל די דאָזיקע מידע און טויטע פעדערן זיינען אויסגעריסן געוואָרן. זיי האָבן דערמאָנט אין טרויעריקע, אויסגעשטאָפּטע פייגל אין די פענצטער פון טרינק־הייזער, אויסגעשטעלטע אין טונקעלע ווינקעלערן. מען האָט געקענט דערקענען אַז אין מאַדאַם לידיאַ איז פאָרגעקומען אַ טיפע פאַרענדערונג.

פלוצלונג הייבט זי אָן צו וויינען:

— איר ווייסט, מען האָט מיין טייערן מאַן אומגעבראַכט אין אשוויענטשים... מען האָט אים נעבעך געשאָכטן אַזוי ווי אַלע אידן דאָרט... די נאַציס, פאַרשאָלטן זאָלן זיי ווערן, האָבן אים נעבעך פאַרגאַזעוועט און פאַרברענט אויף אַש... מיין אָרעמער, מיין גוטער מאַן... מיר האָבן זיך אַזוי הייס ליב געהאַט... מיר האָבן דאָך געלעבט ווי די טייבעלעך... זאָל זיין ליכטיקע נשמה רוען אין גן־עדן...

— אַלע אידן וואָס זיינען אומגעקומען על קדוש השם רוען אין גן־עדן, מאַדאַם לידיאַ! — זאָג איך צו איר.

זי וויינט מיט ביטערע טרערן און זי רופט מיך אַליין אין איר „סטודיאָ״. איך געדענק וואויל ווי אירס אַ נאָענטע פריינדין האָט מיר מיט עטלעכע יאָר צוריק דערציילט אַ פּיקאַנטע געשיכטע ווי איר מאַן האָט לידיאַן אָפּגעגט נאָך מיט איבער צוואַנציק יאָר צוריק אין ריגע. און אַז איר נעמלעכער מאַן איז נאָך מיט יאָרן צוריק גע־שטאָרבן. אַז זי איז זינט דעמאָלט געבליבן אַליין, אַן איינזאַמע און אומעטיקע נשמה. איצט רעדט זי אַ ביסל דייטש און דאָס גאָטזעליקע געשטאַלט פון איר מאַן איז פאַר איר ווי צוריק לעבעדיק געוואָרן... זיין נייער „טויט״ האָט איר ממש אויפגעלעבט. זי האָט זיך אָנגעטאָן אין פרישן טרויער און די טרערן און געוויינען פאַסן וואויל צו איר דראָבנע געשטאַלט...

לידאַס „סטודיאָ״ געפינט זיך אין איינע פון די טונקעלע, אַלטע און פאַרזשאַווערטע געסלעך אַרום די צוויטע עווענױ. אַזאַ עלנטע נשמה וועט קיינמאָל נישט פאַרלאָזן די דאָזיקע טרויעריקע געגנט. אויף די הילצערנע טרעפּלעך, אויסגעריבענע פון די אייביקע מענטשן־טריט, גייען מיר, און מאַדאַם לידיאַ זאָגט אַז זי וועט סערווירן טיי מיט פלאָדן. אַז עס שטייען ביי איר פלאַשן מיט אָקעוויט, מיט קאָניאַק, מיט מוסקאַטעל פון אונגאַרן און מיט פראַנצויזישן שאַמפּאַניער.

קליין זיינען אירע צימערן און זיי האָבן עפּעס אַ זייער מאָדנעם

גערוך, ווי פון אַלטע מעבל, ווי פון צוגעפוילטע שמאַטעס. די ווענט זיינען רויטלעך געפאַרבטע, כמעט אינגאַנצן פאַרשטעלטע מיט אַלטע, שטויביקע בילדער. אָט איז אַ פאָטאָגראַפיע פון קאַרמענסיטאַ, די העלדינע פון דער אָפּערא „קאַרמען", אַרומגערינגלט מיט בוקעטן קוויאַטן, אין העלע, אין רייצנדיקע קאָלירן. אָט איז אַן אַלט, געלבלעך בילד פון דעם נאָך יונגן רעמבראַנדט, ווי ער הויבט אויף הויך דעם גילדערנעם כוס מיט שוימיקן ווײַן לכבוד זיין יונג, זיין פרעכטיק ווייב סאסקאַ... די רייכע, בלענדנדיקע צירונג לויכט אויף איר האַלדז, בריסטן און אָרעמס... און נאָך שטראַלנדיקער ווי דאָס גאָלד לויכט איר רייצנדיק לייב... און אָט איז אַ בילד ווי דער גריז־גרויער טאָלסטאָי פאַרלאָזט זיין הויזגעזינד, זיין אַלטע, יאָרנלאַנגע היים, מיטן ריזיקן דעמבענעם שרייבטיש אויף וועלכן ער האָט געשריבן זיין „אַנאַ קאַרענינאַ" און „מלחמה און שלום". ער פאַרלאָזט זיך ווייב און זיינע קינדער און ער לאָזט זיך אין דעם וואַלדיקן וועג אַריין מיט אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס, כדי דאָרטן אָנצוהויבן אַ נײַ לעבן... און אָט איז אַ בילד פון דעם מאָלער שמואל הירשענבערגס פּראָצעסיע פון צעשויבערטע, צעפלאַמטע, דערשראָקענע אידן, ווי אַזוי זיי גייען, געטריבענע אין ווינט, אין שטורעם פון דער אידישער געשיכטע. דער אייביקער „גלות־מאַרש" פון אַן אַלטן, טראַגישן פאָלק...

— די דאָזיקע לייכטער האָב איך ערשט געקויפט, — זאָגט מאַדאַם לידיאַ מיט אַ טרויעריקן קול — איך צינד זיי אָן ביי דער נאַכט, אין אָנדענקען נאָך מיין גאָטזעליקן מאַן... אַזאַ נאָבעלע, טייערע נשמה געוועזן... זאָל זיין זעעלע רוען אין ליכטיקן גן־עדן... די יאָרצייט־ליכט ברענען און טריפן אַזוי יעדער נאַכט און איך זיץ און וויין...

איך קוק אויף די מעשענע לייכטער. זיי ווערן צו אַלט־גאָלד אין דעם טרויער פון מאַדאַם לידיאַ. די רייד וועגן איר מאַנס אויסגעטראַכטן אַש זיינען פּאַטעטישע. אָבער, צי איז עס אַזוי שרעקלעך ווען זי וויל כאָטש ווינען נאָך אַ גוטן מאַן ? ! זי פאַרגיט אים דאָך זיינע „זינד" אַנטקעגן איר... סיי ווי סיי איז ער דאָך שוין זינט אַ סך יאָרן טויט. איז וואָס אַז זי רעאַראַנזשירט זיין טויט און זי פאַרוואַנדלט אים אין אַן אַקטועלן קרבן פון די נאַציס ? ! זי מאַכט פון אים אַ היסטאָרישן מאַרטירער. אין דער אמתן, עס איז גרינג צו פאַרשטיין, ווינט די פרוי אויף איר ווּיסטער איינזאַמקייט. אויף איר טרויעריקן אַלט ווערן. אויף איר מוזעאַלישער פאַרוואַנדלונג. און איר געוויין איז אַזאַ מענטשלעכער, אַזאַ עכטער...

די ליכט אין די לייכטער זיינען אויסגעקרימטע, צעבויגענע פון ביטערע יסורים, פון זייער אייגענעם פלאַם פאַרצערטע. צעבראָכענע ווי די נשמות וואָס האָבן פאַרלאָזן די אויסגעקרימטע, די פאַרגאַזעוועטע, די פאַרברענטע און פאַרקוילטע גופים פון די מאַרטירערס...

איך קוק זיך אַרום און איך דערזע אַן אַלטן, פאַרשטויבטן שפּיגל, אין וועלכן מאַדאַם לידיאַ קוקט אַריין מיט איר אַלטן, טרויעריקן פּנים. אין דעם דאָזיקן שפּיגל, האָט מען דעם איינדרוק, בלייבט מען שטעקן פאַרשטויבט און פאַרזילבערט, אין אַ פאַנטאַסטישן, קוועקזיל־

בערדיקן כישוף־טייך. עס דאַכט זיך אַז באַלד וועט זיך דאָרט באַווייזן דאָס פּנים פון איר פאַרברענטן מאַן, אַזוי ווי אַ גביאָס פּנים, אַרומ־געזענקט פון די פלאַמען, און זיין ווילד־אויפגעריסן מויל וועט שרייען מיט צאָרן:

—ניין, מיין ווייב, איך בין נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן צו אַש. איך פויל מענטשלעך און פּשוט און פינצטער אין דר׳ערד. אונטער אַ סאָסנע־בוים, אין דער רויטער, אין דער ליימיקער ערד, ליגט נאָך מיין סקעלעט. און איך האָב דיך, מיין געוועזענע ווייב לידיאַ, כל־ימיו פיינט געהאַט ווי אַ שוואַרצע שפּין. איך קען נישט הערן דיינע פאַלשע, סענטימענטאַלע רייד וועגן מיר. זיי שטעכן מיך, דיינע רייד, ווי שאַרפע שפּיזן. איך וויל מענטשלעך פאַרגעסן ווערן. אַזוי ווי אַלע מענטש־לעכע גופים וואָס זינקען אין דר׳ערד אַריין, ווילן פאַרגעסן ווערן...

בשעת איך הער אין דמיון די דאָזיקע שטימע, דאַכט זיך מיר אַז לידיאַ קוקט מיך אָן מיט אירע גרויסע, טרויעריקע אויגן און זי כאַפּט טעלעפּאַטיש אויף מיין מחשבה... זי ווערט רויט אָנגעצונדן פון חרפּה...

מאַדאַם לידיאַ נעמט זיך איצט אָנצוגיסן אַלטן, פּסחדיקן ווישניאַק אין מאַטע, שטויביקע גלעזלעך. זי גיסט אָן ווין אין צווי געגילדעטע, דינע בעכערלעך, וואָס זיינען איר געבליבן נאָך פון איר באָבן, זי זאָל זיך מיען אין ליכטיקן גן־עדן. און זי רעדט בשעת־מעשה:

— ווען מיין גאָטזעליקער מאַן וואָלט דאָ געוועזן מיט אונז, וואָלט ער אַוודאי איצט האַרציק מיטגעטרונקען... ער האָט האַלד געהאַט אַ גלעזל משקה און לוסטיקע קאָמפּאַניע... אַ, איר וואָלט שוין געהאַט גענוג וועגן וואָס צו רעדן מיט אים... ער איז דאָך געווען אַזאַ באַ־לעזענער. ער האָט גוט געקענט די ווערק פון טאָלסטאָי און דאָסטאָ־יעווסקי. ער האָט רעציטירט גאַנצע שטיקער פון פּושקין, פון לערמאָנ־טאָוו און פון נעקראַסאָוו... אָט דאָס בילד האָט ער מיר איינמאָל גע־קויפט אַ מתנה...

זי וויזט מיר אָן אויף אַ פאַרעלטערט און פאַרשטויבט בילד פון דעם יונגן מאַקסים גאָרקי, מיט די לאַנגע האָר און דעם שאַרפן, קיגבאַקיקן פּנים, וואָס איז שוין אַגב היפּש צעאַקערט פון יסורים, פון פריער לעבנס־דערפאַרונג. דאָס בילד איז געל געוואָרן פון צייט...

— מיין מאַן, ער זאָל זיך מיען, האָט געקענט זיין אין אַמעריקע, ווען ער וואָלט מיך נאָר געפאָלגט! — גיט לידיאַ צו פיל באַדייטנדיק. און דו פילסט אַז אירע לעצטע ווערטער זיינען אפשר אמתער פון אַלץ וואָס זי האָט היינט ביינאַכט גערעדט...

ווען איך מאַך זיך גרייט שוין אַוועקצוגיין, נעמט פּלוצלונג מאַדאַם לידיאַ קושן מיינע הענט. עס איז מיר מאָדנע אומאַנגענעם. איך וויל זיך וואָס ווייטער פון איר. ווען איך בין שוין אויפן גאַס, הער איך נאָך אַלץ ווי מאַדאַם לידיאַ קוויטשעט מאָדנע און קלאָגט:

— זיי האָבן אים נעבעך פאַרברענט, מיין טייערן, גאָטזעליקן מאַן... זיי האָבן זיין אַש צעוואָרפן איבער אַלע פיר זייטן פון דער וועלט...

זי גייט שוין איבער, טראַכט איך, צו דעקלאַמאַציע. זי האָט עס אַוודאי געלייענט אין אַ ליד. אין קילן נאַכטיקן דרויסן אָטעם איך ערשט אָפּ. ווי דושנע, ווי שטיקנדיק עס איז געווען אינעווייניק, אין מאַדאַם לידיאַס קליינער, ווילגאַטנער וואוינונג... אַזוי ווי דאָס אַש פון איר מאַן וואָלט דאָרט געשטיקט...

די כמאַרעס ציען איבערן הימל אין ווילדע, אין מוראַדיקע מחנות. זיי איילן זיך ערגעץ־וואו, אַזוי ווי פאַרמבולדיקע מאַסטאַדאָנען. די לבנה, אַ קיל אויג פון אַ ציקלאָפּ, ציטערט אין דעם אומגעהויערן, הימלישן קאַנוועז...

אַן אַלטע וואַנט

אַן אַלטע וואַנט, וויפל מיטלייד זי וועקט מיט אירע לישייעס אינעם טינק... אַן אַלט, מענטשלעך פּנים — עס איז אַ רירנדיקע לאַנדשאַפט, וואָס דערמאָנט, רופט, צווינגט דיך טרויעריק זיך צו פאַרטראַכטן... דער ברודיקער שניי — ער ווײנט פאַרן שטאַרבן... אַ גאָלדענע כוואַליע — זי פאַרגייט אינם טיפן ים און, ווי זי בייגט זיך צו דיר פאַרן אונטערגיין אַזוי ווי אַ קלאָון... אַן אינסעקט, וואָס גייט אין נאַסן, שפּעטן האַרבסט זיין שלאַבעדיקן און איינזאַמען גאַנג צום טויט — דו קענסט אים שוין קיינמאָל נישט פאַרגעסן..

מיט אַן איינציקן בוך..

פון אַלע מענטשן גיי איך אַוועק אין דער גרינער איינזאַמקייט. איך טראָג אַ קליין בוך: „די געדאַנקען" פון פּאַסקאַל. דו קענסט לעבן דאָס גאַנצע לעבן בלויז מיט אַן איינציקן בוך, וואָס איז דיר נאָענט צו דיין געמיט.

פאַרגעדענק אונזערע פּנימער!

אַ פרוי ריייניקט דעם טראָטואַר לעבן איר הויז. עס ברענט ביים זייט פון וועג אַ קליין פייער מיט אַ בערגל בלעטער. פונם פייער אַרויס יאָמערן די בלעטער. זיי ווילן, אַז איך זאָל זיי זען. זיי ווילן פאַרקריצן אין שרייבערס זכרון זייערע הייליקע פּנימער. עס שרייט צו דיר פון יעדער זאַך אין דער וועלט: געדענק מיך! פאַר־שרייב מיך! צינד מיך אָן צו קלאַרקייט אין דיין ברענענדיקן זכרון! קיין שום זאַך וויל נישט פאַרלוירן גיין, וויל נישט אונטערגיין, וויל נישט אָפּגעמעקט ווערן פונם וועלטס זכרון.

און דער שרייבער פאַרשרייבט און ער דינט שקלאַפיש מיט זיין פען צו אַלע זאַכן אין דער וועלט...

שיקזאַל פון בוימער

שיקזאַל פון בוימער! איין בוים האָט דער שיקזאַל באַשטימט צו זיין אַ היימישער פלויט ביי אַ דאָרפישן גאָרטן. מיט גרויס געדולד איז יעדער טייל האָלץ אַ טייל פונם פאַרצוימונג: עס היט אַ רייכן גאָרטן. עס האָט נאָך פאַרגעניגן פונם פראָסטן רעגן. עס חלומט נאָך פונם גרויסן וואַלד.

און איין שטיק האָלץ האָט דער קינסטלער אויסגעוויילט צו זיין אַ סקולפּטור, וואָס שטעלט פאָר מוטער און קינד. און מענטשן גייען אַדורך און זיי באַוווּנדערן דאָס געטלעכע קונסט־ווערק.

דער מאַן פון אַלאַסקאַ

בשעת איך בין געפאָרן אין אָמניבוס, קומט אַריין אַ מאַן מיט אַ רויטן פּנים און אַ רויטער באָרד. זיין פּנים און זיין באָרד איז געווען איין שטיק פלאַקער. ער האָט אויסגעזען אַזוי ווי ער וואָלט אַרויסגעגאַנגען פון אַ פּאַרצייטישער מעשה. ס'איז געווען אין אים עפּעס פון אַן עוואַנגעליקער, אַן אַפּאָסטאָל, וואָס די רענעסאַנס־מאַלער פלעגן מאָלן מיט פייער און מיט האָניק. ס'איז געווען אַ מאַן וואָס איך האָב מיט יאָרן צוריק, צו פאַרשידענע ציטן, געטראָפן: דאָ אַלס אַ וואַנדערנדיקער משולח; דאָ אַלס אַ צעשויבערטער פּאָעט; דאָ אַלס אַ געהיימניספולער מענטש, וואָס קומט פון אינדיע, פון באַגדאַד, פון דמשק, פון די כישופדיקע לענדער פון תנ"ך, צי גאָר פון סמבטיון.

דער מאַן גייט גלייך אַרויף אויף מיר. ער זעצט זיך אַוועק נעבן מיר. ער זאָגט מיט אַ גראָבן קול:

— איר טראָגט אַ באָרד. איך טראָג אַ באָרד. טאָ לאָמיר זיצן צוזאַמען.

— מיט פאַרגעניגן. זענט איר אַ רוסישער מענטש? אייער גרויסע, ברייטע און ווינטיקע באָרד דערמאָנט מיך אין פּרינץ קראָפּאָטקין. אין גראַף לעוו טאָלסטאָי. עס איז אַ רחבותדיקע, רוסישע באָרד, ברייט ווי דער רוסישער סטעפּ.

— מיט וואָס איז מיין באָרד רוסיש? — פרעגט דער מאַן אַביסל מיט פּאַרדרוס און מיט איראָניע אין זיין קול. ער פאַררייסט זיין האַלדז אין דער הויך און ווייזט אָן מיט דער האַנט אונטער דער באָרד:

— זעט, עס שטייט אונטער מיין באָרד קלאָר אונטערגעשריבן: „מאַדע אין יו. עס. עי." (געמאַכט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.)

— נו, אויב עס איז אַן אַמעריקאַנער באָרד, דערמאָנט איר מיך אין וואָלט וויטמאַנס, אין טאָראָס באָרד.

— וואָס טויג אייך וויטמאַן און טאָראָ? ווער לייענט זיי דען? ווער קען קראָפּאָטקין און טאָלסטאָי? די היגע מענטשן זיינען פאַרנומען מיט מאַכן געלט. מיט רויבן און מיט מאָרדן. ווער קען דען די גרויסע לייט פון גייסט? וואָס מאַכט איר זיך נאַריש? צוליב אַ טאָלער טויטעט מען דאָ אין לאַנד אַ מענטש. ווער צווישן גרויסן מאַסנפאָלק ווייסט פון די אַלע מעכטיקע פּערזענלעכקייטן? קיינער לערנט זיי ניט. קיינער היט ניט אָפּ מיט קיין שום מעשים זייערע געבאָטן. וואָס טוט איר?

— איך שרייב ביכער.

— צו וואָס באַדאַרף מען צו האָבן אייער שרייבן? צו וואָס באַדאַרף מען נאָך ביכער אין אונזער צייט? האָט מען שוין דען געלייענט די טויזנטער אַלטע, ווערטפולע ביכער? האָט מען פון תנ"ך עפּעס געלערנט? און די הויכע ווערק פון פּלאַטאָ און אַריסטאָטעלעס האָבן דען בעסער געמאַכט אונזער פינצטערע וועלט? איר מאַכט דאָך קאַליע טינט און פּאַפּיר. מען האַקט אויס די קרעפטיקע, געדיכטע וועלדער

און מען מאַכט פּאַפּיר, כדי איר זאָלט אויפדאַסניי באַזינגען די וועל־
דער?! צו וואָס, איך בעט אייך, טויג די גאַנצע קאָמעדיע? זאָגט מיר:
וועלכעס איז דאָס בעסטע בוך אין דער וועלט?

— איך קען דאָ ניט זיין שטאַרק אָריגינעל. אַלע וויסן: דער תנ״ך
איז דאָס בעסטע בוך אין דער וועלט.

— איר מאַכט אַ טעות: דאָס באַנק־ביכל איז דאָס בעסטע
בוך אין דער וועלט. ווארום עני חשוב כמת.

דער עולם אין אָמניבוס לאַכט. פּרויען קייכן פון געלעכטער. מען
קוקט זיך אַרום פון אַלע זייטן אויפן מאָדנע מאַן. ער באַזיצט אוודאי
חכמה און הומאָר. ער זאָגט, דאַכט זיך, גאַנץ פּשוטע, און דאָך טיפע
אמתן. די איינציקע אמתן, אייגנטלעך, אין דער וועלט. ער איז ניט
אָריגינעל. אָבער ער חזרט איבער די חכמה פון פאָלקס־פילאָסאָפן. ער איז
אַ האָבאָ. אַ האָבאָ מיט קולטור.

— וואָס זענט איר, אַ רוס? — פרעג איך אים ווידער. מיך פּיי־
ניקט: פון וואָסאַראַ ראַסע איז דער דאָזיקער מאַן? זיין פּנים און
באָרד דערציילט פאַרט פון גרויסן רוסישן לאַנד. צו אפשר איז ער
אַ שוועדישער מענטש? אפשר גאָר אַ נאָרוועגישער פישער? עס
שמעקט פון אים מיט מעכטיקער פּרימיטיווקייט. מיט סלאַווישקייט
אָדער מיט נאָרדישקייט. אין אַ קינאָ־בילד וואָלט מען אים ניט באַ־
דאַרפט גרימירן ווען ער וואָלט שפּילן די ראָלע פון אַ פּאַרצייטיש,
היסטאָריש, צי תנכיש געשטאַלט. אפשר איז ער גאָר אַ איד? האָט
ער דאָך געזאָגט אַ העברעאיש וואָרט... ווייניק גוים קענען העברע־
איש.

— פאַרוואָס בין איך אַ רוס? קיין אַמעריקאַנער קען איך ניט זיין?

— וואו וואוינט איר?

— איך וואוין אין דער וועלט. מוז איך אפשר האָבן אַן אַדרעס
אויף פּאַרק עוועניו, צי אין „האָטעל ריטץ״? וואָס ווייניקער איינער
האָט, אַלץ גליקלעכער איז ער. דו האָסט אַ פרוי מיט קינדער, האָסטו
צרות און עגמת נפש. איז דיין פרוי אַ קראַסאַוויצע, וויל מען זי צו־
נעמען פון דיר. איז זי אַ מיאוסקייט, דערצו נאָך אַ קאַנטיפע, קענסטו
זי ניט פּטור ווערן. אַפילו דער קראַוואַט וואָס הענגט אין שוי־פענצטער,
פאַרשאַפט דיר ניט קיין דאגות. באַזיצסטו אים, טויג שוין ניט. ער
וועט ווערן איינגעזוכט ביי דיינע פריינט. דו זאָלסט באַזיצן וואָס
ווייניקער. „מרבה נכסים מרבה דאגה״.

ער שווייגט איצט אַ ווילע. כדי מיר צו געבן אַ מעגלעכקייט צו
טראַכטן. פון זיין העברעאישן שפּריכוואָרט ווער איך געוואויר: ס׳איז
טאַקע אַ איד. איצט הייב איך אָן צו זען אין אים אידישע שטריכן.
יאָ, זיין פּנים איז ווי פון אַ רב. אַ הדרת פּנים ווי פון אַ פּוילישן איד,
אַ בן־תורה. אינסטינקטיוו טוליע איך זיך צו אים. ער ווערט מיר עפּעס
טייער. ער רעדט ווייטער:

— אַנומלט, ווען איך בין אָנגעקומען פון אַלאַסקאַ, פרעגט מיך
אַ פרוי: „זיינען דאָרט די מענטשן גליקלעך?״ — „אין ערגעץ ניט!״
— איז געווען מיין ענטפער. — און זיינען די מענטשן אין אַמעריקע

גליקלעך? יאָ, קומענדיק צוריק פון אַ סך לענדער, האָב איך אויף דער בויערי געזען אַ מאַן, וואָס איז געלעגן אַ צונויפגעקאַרטשעטער אויפן גאַס, אויף אַ געלעגער פון שטיינער, ווי אונזער פאָטער יעקב אבינו. זיין ברודיק העמד איז געווען צעריסן. ס'איז געגאַנגען איבער דער ערד אַ געדיכטער שניי. דער מאַן האָט קרעפטיק געשנאַרכט. אָט דער דאָזיקער מאַן איז געווען גליקלעך. דאָס איז געווען דער איינציקער גליקלעכער מאַן וואָס איך האָב געזען אויף אַלע מיינע וואַנדערונגען.

דער עולם האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. ער האָט מערסטנס פאַראינטערעסירט די פרויען. ווארום מענער אין אונזער גרויסן לאַנד האָבן ניט קיין צייט צו טראַכטן... זיי זיינען פאַרנומען מיט דאגות פרנסה. עס איז די פרוי וואָס האָט נאָך אַביסל צייט און געמיט... איך האָב געטראַכט: ער מוז אוודאי אַליין אויך שלאָפן אויף דער בויערי. ער עסט אוודאי פון אַ צינענעם טעלער מיט אַ הילצערנעם לעפל. עפּעס זעט ער אַליין אויך אויס ווי אַ ווייסער בער פון אַלאַסקאַ. עס איז געווען טיפע געהיימניש אַרום זיין פערזענלעכקייט. יאָ, כ'האָב אים שוין ערגעץ וואו לאַנג צוריק געזען: אַלס אַן אַנגעצונדענער נביא פון ירושלים. ער לאַכט אָפּ פון די שטאָלצע און זינדיקע קעניגן. ער שפּאָט אויפן אַדרעס פון די רייכע. אין רוים מאַכט ער אויף אַ גע־וואַגטן אופן חוזק פון די צעזאַרס. און בכלל זאָגט ער אָן דעם פינצטערן טויט אין וואַלד, ווי אַ משוגענע חיה, פון נבוכדנצר. ער איראָניזירט ביטער איבערן שיקזאַל פון אימפּעריעס. ער קען גוט דעם גורל פון פעלקער, וואָס מאַרדן און וואָס פאַרבלוטיקן שוואַכערע פעלקער. ער גייט אַרום איבער ווייטן און לענדער מיט אַ שטאָלצער מינע אויפן קופּער־געשמידטן פּנים. אין סך־הכל: ס'איז דער אייביקער חכם פון דער ערד. ער האָט שוין איבערגעליייענט אַלע ביכער. ער האָט אַריינ־געקוקט אין אַלע ספרים. ער קען אַלע מענטשן פון דער וועלט. ער זעט אויס ווי משה, ווי בודא, ווי זאַראַאַסטער. פון זיין שטערן שטראַלט די וועלט־חכמה. איך בין דאָ אין אָמניבוס געפאָרן מיטן וועלט־חכם.

אויף דער רוישיקער טיימס־סקוועער שטייגט ער אויס. ער טוט מיט דער האַנט אַ פלאָטער צו מיר, און ביים צעשיידן זיך זע איך טרערן אין זיינע אויגן. ער פאַלט אַריין אין דעם געדיכטן געדראַנג פון מענטשן. עס זיינען די ערשטע טעג פון פרילינג אין יאָר 1955. צום ערשטן מאָל זינט אַ סך וואָכן זיינען די פרויען אַרויס אין לייכטע מאַנטלען. עס ציטערן אין דער זון פרויאיש־צאַרטע בוזעמס... עס באַוועגן זיך צום גאַסן־ריטם רייצנדע היפּטן... עס גייט די וואונדערלעכע פרוי איבערן וועלט־טראָטואַר. עס גייט די פרוי פון אַטען, פון פּערסעפּאָליס, פון רוים און פון ווענעציע. עס גייט די גראַצ־יעזע און חנעוודיקע דאַמע פון אַלט־ירושלים, פון די צייטן פון ישעיה הנביא. דער נביא צאַרנט פאַרוואָס זי צירט זיך, אַזוי ווי די פּרויען פון די שכנותדיקע, געצנדינערישע פעלקער, אין שמוק־זאַכן, אין גאָל־דענע בראַסלעטן, אין רינגען און אין אויערינגלעך. אָבער די פרוי

גייט אַרויס אינם אויסברוך פון פרילינג מיטן טריאומף פון דינע, צאַרטע און גראַציעזע ווייבלעכע צעזאַרינעס. זי טראָגט אויף דער ברוסט די רויטע פייערבלום. זי טראָגט אויפן זיידענעם פּנים איר רייצענדן שמייכל וואָס כישופט. איר אומשטערבלעכן שמייכל וואָס פאַרפירט און שענקט האָפנונג... עס גייען אויפן גאַס אויך די איינזאַמע לייט. די קרומע. די לאָמע. די שטומע. עס גייט דער חכם און דער נאַר. די זון פליצט מיט טאָנען גאָלד. איך קוק נאָך דעם פאַנטאַסטישן האבא פון אַלאַסקאַ. פון דעם לאַנד פון אייז און שניי קומט אַ מאַן מיט אַ פּנים — אַ שטיק פייער. זיין באָרד פלאַמט. ער קומט פּראָקלאַמירן די אייביקע תורה: וואָס מער דו באַזיצסט, אַלץ מער דאגות האָסטו! דו מעגסט האָבן טויזנט פּאַלאַצן, די ווערם וועלן דיך גריזשען אין דער ערד פונקט ווי דעם ביטערן אביון. דו האָסט פאַר אַ ווייב די שענסטע פון אַלע פרויען, מען וועט שוין זוכן צו געווינען איר גונסט און זי אַריינבעטן אין אַ פרעמדן מאַנס־פאַרשווינס בעט. גליקלעך איז בלויז דער דאָזיקער וואָס די ווענט פון זיין הויז זיינען דורכזיכטיק, אַזוי ווי די ווענט פון קאַסמאָס. און זיין לאָמפּ איז די זון. און זיין לאָמטערנע די לבנה. די שטערן זיינען זיינע בליציקע בלומען. און אין זיין האַרצן וואוינט גאָט, דער וואָס האָט מיט די אייגענע הענט אויסגעקנאָטן די ראָשטשיניע פון הימל און ערד.

ווען איך בין ביי דער נאַכט אַהיימגעקומען, האָב איך אָוועקגעלייגט צווי ביכער ביי מיין אייזערנעם בעט. איינס: די געדאַנקען פונם סטאָאיקער, צעזאַר מאַרקוס אורעליוס. און דאָס צווייטע: דעם תהלים, פון אונזער טייערן און הויכגעשעצטן קאָלעגע דוד המלך. אָט די ביידע קעניגין האָבן צו מיר גערעדט וואונדערלעכע רייד אין דער שפּעטער און אין דער פינצטערער נאַכט. —

ניו־יאָרק, 22 אַפּריל, 1955.

א האלענדישע דעקאראציע

אין אַ וויסטאַוווע פון אַ רעסטאָראַציע זע איך אַ האָלענדישע דעקאָראַציע: די זון פאַרגייט אינם גרויסאַרטיקן הינטערגרונט פון ים. עס זען זיך אויפן האָריזאָנט פעסטע ווינטמילן מיט שמיגעס אין דער לופט; אַ באַשיידענע, ווייסע הויז שטייט אינם פאָדערגרונט, מיט אַן אייזערנעם באַלקאָן, אָפּגעפאַרבט אין בראָנדז. עס שמייכלען דריי מיידלעך אין נאַציאָנאַל־פאַרביקע קליידער. אַ שיף מיט אַ גרויסן זעגל זעגלט אָן פון דער ווייטנס. אַ הילצערנער וואָגן פאָרט אָן, מיט אַ גרויסע גאָלדענע ראָד, אַזוי ווי די זון. עס שטייען אין דער וויסטאַווע בלויע טעלערס און רויט־און־בלוי געפאַרבטע טרעפּעס (הילצערנע שיך).

דאָס האַרץ טוט אַ ציטער. אַ מחשבה בליצט אויף: גורל! נעם מיך אויף דיינע גאָלדענע פליגל צום רואיקן און שטילן ברעג פון האָלאַנד... טיוול! איך גיב דיר מיין נשמה פאַרן שאַמפּאַניער פון אַ רייזע קיין נידערלאַנד, צו די ברעגן פון ים, וואָס ווערט יאָר־יערלעך באַרויבט אין זיין געאָגראַפיע...

אָרעמע מענטשן

עס איז געווען אין אַ רעגנדיקן אָוונט. איך בין געזעסן אין מיין קליינעם סאַנאַטאָריום־חדר און כ'האָב זיך איינגעהערט אין דעם מאָנאָ־טאָנעם ריטם פונם רעגן. אויפן הימל האָבן געצויגן מחנות געשוואָלענע און פינצטערע וואָלקנס, זיי האָבן עלנט און אומהיימלעך געמאַכט מיין נשמה. עס האָט זיך מיר געדאַכט אַז עס וועט מער קיינמאָל אויף דער וועלט קיין שום ליכט נישט אויפשטראַלן. עס וועט שוין קיינמאָל נישט אויפהערן צו רעגענען. די פינצטערע וואָלקנס האָבן מיך דערמאָנט אין דעם אוראַלטן באַרד, אָסיאַן, וועמענס געזאַנגען אָטעמען מיט נאָרדי־שער קעלט און גרויקייט.

ווי גערן וואָלט איך מיט עמעצן איצט גערעדט. עס איז געווען אַזוי אומעטיק. איך בין געזעסן און ווי געוואַרט אויף אַן איינזאַמען באַזוכער פון הימל. פּלוצלינג האָט עמעץ שטילערהייט אָנגעקלאַפּט אין טיר, מיין האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן. אין דער אָפענער טיר האָט זיך באַוויזן מיין פריינט קאָנאָטאָפּסקי, וואָס איז אַ פּאַציענט אין אַן אַנדערן סאַנאַטאָריום. איך האָב זיך מיט אים דאָ געהאַט באַפריידעט. ער איז געווען אַ מאָלער, אַ פּאָלם־לייענער, אַן אַסטראָלאָג און אַ חכם. איך האָב זיך דערפריידט. ער איז געקומען אין דער ריכטיקער צייט. דער רעגן האָט זיך איצט נאָך מער צעכליאַפּעט, עס איז געווען אַ פאַרביטערטער, אַ צאָרנדיקער רעגן, אַזוי ווי די נאַטור וואָלט דורך עפּעס געווען באַליידיקט... עס איז געווען אַ רעגן פון כעס. און די וואָלקנס האָבן אַלץ מוראדיקע געיאָגט איבערן גרויסן הימל. אין חדר איז דערווייל געוואָרן טונקעלער, איינזאַמער, היימישער. מיין פריינט איז געווען טויב. איך האָב זיך דעריבער נאָענט צוגערוקט צו אים. איך בין געזעסן און געהערט וואָס ער רעדט, וואָס ער דערציילט. עס איז אַזוי וואונדערלעך אין אַזאַ אומעטיקן פאַרנאַכט, פון אומהיימלעכן וועטער, צו רעדן צו אַ ליבן מענטש, וועלכער ליידט פון דיזעלבע ליידן וואָס דו ליידסט. וואָס איז פאַרמשפּט, אַזוי ווי דו, צו אייביקע יסורים. עס איז געווען גוט אין דאָזיקן רעגנדיקן אָוונט צו קריגן אַ באַזוך פון אַ טרויעריקן, קלוגן און גוטן פריינט...

איך ווייס נישט פאַרוואָס די טעמע פון אונזערע דערציילונגען זיינען געווען בעטלערס. איך האָב אים צום ערשט דערציילט אַ קליי־נעם עפּיזאָד פון דער שטאָט פּאַריז. דאָס איז געווען מיט אַ צענדליק יאָר צוריק, ווען איך בין געווען אויף באַזוך אין דער פילקאָלירטער שטאָט פּאַריז. עס איז געווען אין אַ ווינטערדיקן אָוונט, ווען דער שניי איז געפרוירן און ער גלאַנצט אין זיין אייזיקער זיכערקייט און שטאָלץ. פון דער סען האָט געיאָגט אַ שאַרפער, בייסיקער ווינט. קיין סך מענטשן האָבן זיך אין יענעם אָוונט נישט באַוויזן אויף די גאַסן. אַפילו קיין הונט האָט נישט געוואָגט אַרויסצושטעקן זיין קאָפּ פון אַ וואַרעמער בודע. דער הימל איז געווען איין שטיק פאַרגליווערטע גרויקייט. אַ געפרוירענע לאַנדשאַפט וואָס איז נישט פריינטלעך צום מין מענטש.

איך האָב שנעל דורכגעשפּרייזט די גאַס. פּלוצלונג, ביים סוף פון דער גאַס, האָב איך דערזען ווי אויף די שטיינערנע טרעפּ פון אַ לויכטנדיקן ווייך־געשעפט זיצט אַ קליינע, אָרעמע מיידל, פון אַ יאָר צען. איר צאַרט־געשניצט פּנימל האָט געהאַט אַ רויטע, געפרוירענע נעזל. דאָס רויט פון אירע בעקלעך איז געווען אָפּגעגאַנגען. אירע דינע ליפּן זיינען געווען ווייס ווי קרייד. אירע גרינע אויגן האָבן געטרערט פון קעלט און יסורים. זי איז געווען אַזוי לייכט אָנגעטאָן אַזוי ווי עס וואָלט געווען אינמיטן הייסן זומער, בלויז אין אַ דינעם, העלן קלייד. זי האָט אויף די קניעס אירע געהאַלטן אַ פּאָר פאַריזער ציטונגען, וואָס קיינער האָט נישט געקויפט, וויל קיין פאַרבייגייערס זיינען נישט געווען צו מערקן אויפן גאַס. מיך האָט אָנגעכאַפּט אַ שוידער פאַרן גורל פון דעם דאָזיקן אָרעמען און עלנטן קינד. איך בין צוגעגאַנגען צו איר און אויס־געשטרעקט אין איר דאַרן הענטל אַ באַנקנאָט פון צען פראַנק. איך האָב צוגעכאַפּט ביי איר דעם גאַנצן פּאַק מיט ציטונגען און איר געהייסן שנעל אַהיימלויפן. זי איז געווען דערשטוינט. זי איז געווען אין אַן עלטער ווען קינדער לייענען אַלערליי פאַנטאַסטישע מעשה־ביכלעך און זיי גלויבן אין זיי. זי האָט דערבערויף מיר געקוקט ווי אויף אַ פאַנטאַסטישע פּערזאָן, אַ גוטן און גנעדיקן פּרינץ וואָס איז איר געקו־מען העלפן, איר, דער צאַרטער סינדערעלאַ... דאָך איז זי נישט געווען אינגאַנצן זיכער אַז איך מאַך נישט קיין קאַטאַוועס. איך בין אַוועק פון דעם ליבן, אַביסל דערשראָקענעם מיידל. און ווען איך האָב זיך פונ־דערווייטנס אומגעקוקט, האָב איך געזען אַז זי שטייט נאָך אַלץ אַ צעטור־מעלטע, אַן איבערראַשטע, אַן עקזאַלטירטע אויף די שטיינערנע טרעפּלעך און זי ווייס נישט וואָס צו טאָן מיט זיך...

איך האָב באַלד אַוועקגעוואָרפן די ציטונגען און דעם גאַנצן אָוונט האָב איך געפילט מאָדנע אָנגענעם... וואָס איך האָב באַפרייט אַן אָרעמע קינד אויף אַ פאַריזער גאַס פון דער ביטערער קעלט, הגם דאָס איז געווען מיין לעצטער באַנקנאָט און איך האָב שוין דעם זעלבן אָוונט מער קיין מאָלצייט נישט געגעסן... איך בין אָבער געווען געזעטיקט פון אַ הימלי־שער שפּייז... דאָס גוטע וואָס איך האָב געטאָן, האָט מיך אָנגעטאָן אין לויטער יום־טוב...

***

מיין פריינט לעאָן קאָנאָטאָפּסקי האָט מיר אויסגעדריקט באַוואונדע־רונג פאַר מיין גוטע טאַט און ער האָט מיר דערציילט אַ קליינע פּאַסירונג פון זיין לעבן.

עס איז שוין געווען שפּעטלעך אין בלויען פאַרנאַכט, ווען ער און זיין פרוי האָבן דעם גאַנצן טאָג נישט געהאַט געגעסן. די פרוי, אַ שווינד־זוכטיק־ליידנדיקע און אַ שטראַלנדיקע, איז געלעגן אין בעט און האָט געלייענט אַן אַלט בוך וועגן גוטע מענטשן, וועגן צדיקים און הייליקע. ער אַליין האָט געהאַלטן אין זיינע הענט אַ נאַסן פּענדזל און האָט געמאָלן דעם פּאָרטרעט פון אַ געשטאָרבן קינד, וואָס עמעץ האָט געהאַט ביי אים באַשטעלט. פון אַ צעריסענער און געלער פאָטאָגראַפיע האָט ער באַ־דאַרפט אַרויסברענגען די שטריכן פון אַ לעבעדיק קינד, אין גאַר דעם חן און שיינקייט וואָס דער רבונו של עולם האָט עס געהאַט געגעבן. לעאָן

איז געווען הונגעריק... אין שטוב זיינען געווען בלויז געציילטע מטבעות אין אַ פֿאַרצעלייענער וואַזע...

שנעל האָט זיך לעאָן אָנגעטאָן, געטריבן פֿון זיין אייגענעם הונגער און פֿון זיין פּרויס בלאַס פּנים... ער האָט באַשלאָסן צו קויפֿן אין נאָענטן שפּייז־געוועלבל צוויי פֿלייש־סענדוויטשעס, פֿאַר זיך און פֿאַר זיין הונגעריקן און אָפּגעשוואַכטן ווייב...

גייענדיק אויפֿן וועג צום שפּייז־געוועלבל באַגעגנט אים אַ רויט־האָריקער בעטלער.

דער בעטלער האָט אויסגעזען אַקוראַט ווי דער פֿראַנצויזישער לירי־קער פּאָל ווערלען... צוויי בלויע, טיפֿע און קעניגלעך־שטראַלנדיקע אויגן, פֿול מיט ליכט און מיט תּפֿילה אין זיי... די נאָז — אַ רויטע, אַ געבראָכענע, ווי פֿון אַ שטיינערנער פֿאַונע אין אַ גאָרטן פֿון פֿאַרוויאַנעטע בלומען און געלע ביימער. דאָס מויל זיינס איז געווען זיס. אַ גאָלדן מויל וואָס איז געווען געשאַפֿן פֿאַרן כּישוף פֿון קושן... זיין באָרד האָט ווי אַ פֿייערדיקע ראַם אַרומגעראַמט זיין טרויעריק און דערשלאָגן פּנים, וואָס האָט גע־קענט דערציילן אַ געשיכטע פֿון לאַנגע טעג און נעכט פֿון הונגער און שלאָפֿלאָזיקייט. די האָר פֿון זיין קאָפּ האָבן געפֿלאַמט ווי בליצן אויפֿן הימל... ער האָט צו מיר אויסגעשטרעקט אַ געלע, פֿאַרדאַרטע האַנט מיט אַן אָפֿענער פֿאַלם־פֿלאַך אַזוי ווי אַן אויסגעטרוקנטע בלאַט, אַ פֿלאַם־רויטע אין הערבסט... איך האָב אין זיין פֿאַלם געקענט לייענען די אומעטיקע דערציילונג פֿון זיין גאַנץ לעבן, פֿון זיין טאָג פֿון געבוירן אָן...

— וואָס האָב איך אים אין דעם דאָזיקן אָונט געקענט געבן? מיין איינציקן סענדוויטש? (וואָרים מיין ווייב׳ס סענדוויטש האָב איך נישט געהאַט קיין האַרץ פֿון איר אַוועקצונעמען...) צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָט זיך מיין האַרץ פֿאַרשטיינערט. איך האָב אין דעם מאָמענט פֿאַר זיך דערזען מיין פֿרוי, אַ הונגעריקע, אַ יסורימדיקע, ווי זי ליגט אין בעט, אַן איינגעדרייטע אַזוי ווי אַ שלאַנג, אַן אויסגעמאַטערטע פֿון קראַנק־הייט... איך האָב דעריבער געלאָזט פֿאַלן דעם בעטלערס אומעטיקע האַנט האַרט פֿאַר מיין פּנים. איך האָב זיך געאיילט אין געוועלבל, צו קויפֿן די צוויי סענדוויטשעס...

אָבער, גייענדיק צוריק אַהיים, האָב איך זיך דערמאָנט אינם בעטלער. מיר האָט שרעקלעך באַנג געטאָן מיין גרויזאַמע האַנדלונג אַנטקעגן אַ מענטשנקעניג. איך האָב אים געזוכט אין דער שוין צופֿאַלנדיקער פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט.

ענדלעך האָב איך אים געפֿונען און זיך געפֿרייט מיט אים. ער איז געשטאַנען אַ פֿאַרשמאַכטער ביים פֿענצטער פֿון אַ בעקעריי ער האָט מיט זשעדנע בליקן פֿון זיינע אַנגעצונדענע אויגן באַטראַכט דאָס פֿרישע ברויט וואָס איז געווען אויסגעשטעלט, אַזוי ווי כּדי צו רייצן דעם הונגעריקן מענטש . . .

צאַרט האָב איך באַרירט זיין אַקסל און צו אים געזאָגט:

— איך האָב אַנטקעגן אייך, מיין געשעצטער פֿריינט, אומגערעכט געהאַנדלט. מיין האַרץ איז געווען פֿאַרשטיינערט. אויב איר ווילט, קענט איר מיטגיין מיט מיר, וועט איר טיילן אונזער באַשיידענעם מאָל־

צייט. קומט מיט מיר, מיר וואוינען דאָ נישט ווייט און מיין פרוי איז אין הויז...

דער אָרעמער מאַן איז מיר געהאָרכזאַם נאָכגעגאַנגען. אַריינגעקומען אין הויז אַריין, האָב איך איבערגעצויגן דעם הילצערנעם טיש מיט אַ יום־טובדיקן טישטוך. איך האָב אַוועקגעלעגט אויפן טיש די צוויי סענדוויטשעס מיט צונג־פלייש. כ'האָב צוגעשטעלט אַ קרוג מיט ריינע וואַסער. מיין פרוי, אַגב אַ זייער פרומע, זעענדיק דעם אורח אונזערן האָט געדענקט אַז דאָס איז אליהו הנביא, אָדער אַ מלאך פון הימל, כדי אויסצופּרואוון אונזער גוטסקייט...

מיר זיינען אַלע דריי שטילע געזעסן ביים טיש און האָבן שווייגנדיקע געגעסן. אַלע זיינען מיר געווען גוט הונגעריק. אָבער יעדער איינער פון אונז האָט זיך באַמיט וויניקער צו עסן כדי מער איבערצולאָזן פאַר די אַנדערע צוויי...דער בעטלער האָט, זעענדיק ווי אָרעם מיר זיינען, קוים פאַרזוכט עפּעס און האָט זיך פּשוט געאיילט אַוועק צו גיין...

ביים טיר, פאַרלאָזנדיק אונזער שטוב, האָט דער בעטלער אויסגעדרייט צו אונז זיין קאָפּ און מיט אַ שיינענדיקן פּנים געזאָגט:

— איך בין געווען שרעקלעך הונגעריק. אָבער אייער מאָלצייט, טייערע פריינט, איז פאַר מיר געווען פיל מער ווי אַ געוויינלעך מאָלצייט. איך האָב געזען ווי איידל מענטשן קענען זיין. זאָל אייך בענטשן דער רבונו של עולם. איר האָט געגעבן פון זיך דאָס סאַמע לעצטע וואָס איר האָט געהאַט... איך דאַנק אייך פון האַרצן אויס, וואָרום עס גייט צו אייך מיין טיפע ליבשאַפט!

מיר זיינען געווען טיף גערירט פון זיינע פּשוטע רייד, וואָס זיינען געקומען פון זיין האַרצן, אַזוי ווי שטראַלן. ער איז אַוועק, און עס איז שוין געווען אין דרויסן גוט פינצטער. מיר זיינען געווען שטאַרק זאַט און אַזוי גליקלעך וואָס מיר האָבן געטיילט אונזער קאַרגן מאָלצייט מיט אַן אָרעמען מענטשן...

יאָרן שפּעטער האָב איך געמאָלן אַ פּאָרטרעט פונעם דאָזיקן געהיימניספולן בעטלער, וועלכן איך האָב געדענקט פון זכרון. און דאָס בילד האָב איך פאַרקויפט פאַר עטלעכע הונדערט טאָלער...

אַזוי אָרום האָט דער בעטלער צוריקגעצאָלט פאַרן מאָלצייט וואָס ער האָט ביי אונז קוים אָנגערירט אין יענעם ווינטערדיקן אָוונט...

***

איך בין געווען טיף גערירט פון מיין פריינטס דערציילונג. און איך האָב אים געוואָלט אָפּדינען מיט אַ קליינעם עפּיזאָד פון דער שטאָט אַנטווערפּן, וואָס האָט דווקא נישט געקלונגען אַזוי שטאַרק ראָמאַנטיש. דאָס איז געווען אין אַ סעפּטעמבערדיקן נאָכמיטאָג. דער קליינער פּאַרק אינמיטן שטאָט איז געווען רויט פון מאַסן הערבסטיקע בלעטער, וואָס דער ווינט האָט אונהיימלעך אַרומגעיאָגט, אַזוי ווי היימלאָזע נשמות. אויף אַ באַנק איז געזעסן אַ יונגע פרוי, פון אַ יאָר דרייסיק, מיט קענטיקע שטריכן פון שיינקייט אויף איר צאַרטן און אומעטיקן פּנים. זי איז געווען אָרעם געקליידעט און האָט געמאַכט אַ זייער מיזעראַבעלן איינדרוק. ווען איך האָב זיך צוגעזעצט צו דער זעלבער באַנק, האָט זי מיך אויפמערקזאַם אָנגעקוקט. דאַן האָט זי זיך אָנגעבויגן אין מיין זייט, האָט מיט אַ געפּייניקטן בליק אַריינגעקוקט אין מיינע אויגן און האָט געזאָגט מיט

אַ שטילער, פליסטערנדיקער שטימע:

— איך האָב היינט נאָך גאָרנישט געגעסן, הער! פּילייכט קענט איר מיר העלפן?..

איך בין אַוודאי געוועזן שטאַרק גערירט פון אירע ווערטער, אַזעלכע שטילע און פּשוטע. כ'האָב זיך אויפגעשטעלט און איר געהייסן וואַרטן. איך בין אַריינגעגאַנגען אין אַ פּרוכטגעשעפט און האָב איינגעקויפט פאַר איר פרישע, לויכטנדיקע פּאָמעראַנצן און באַנאַנעס. צוריק גייענדיק צום פּאַרק האָב איך איינגעקויפט פרישע זעמל אין אַ בעקעריי, אויך אַ קליינעם פּלעשעלע מיט פּאווידלע...

— דאָס וועט זיין אַן אָנגענעם מאָלצייט פאַר דער הונגעריקער פרוי!

— האָב איך זיך געפרייט. און פול מיט אינערלעכער צופרידנקייט בין איך צוריקגעגאַנגען אין פּאַרק. אויף דער באַנק איז געזעסן די פרוי און אַן איבעראַשטע געקוקט אויף מיין גרויסן פּעקל מיט עסנוואַרג. איך האָב עס איר דערלאַנגט מיט אַ פיינעם שמייכל... זי אָבער האָט עס מיט פאַראַכטונג אָפּגעשטויסן פון זיך, זאָגנדיק בייז:

— הער, איך וויל מיין מאָלצייט פאַרדינען... בין איך אפשר נישט גענוג שיין פאַר אייך? געפעל איך אייך נישט?...

איך בין פאַרשטייט זיך געוועזן דערשטוינט. מיר איז גאָר נישט איינ־געפאַלן אַז די דאָזיקע בעטלערין איז אין דער אמתן אַ גאַסן־פרוי...

איך בין אַוועקגעגאַנגען מיטן פּעקל שפּייז צו אַ צווייטער באַנק. איך האָב זי פונדערווייטנס אָבזערווירט. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און זי איז אַוועק מיט אַ פרעמדן מאַן... ערשט איצט האָב איך באַמערקט ווי קאָקעטיש זי באַוועגט אירע היפטן צום ריטם פון אירע הויכע אָפּ־זאַצן...

***

דעם זעלבן רעגנדיקן אָוונט האָב איך דערציילט נאָך אַ פּאַסירונג פון די טעג פון מיין פריער יוגנט.

איך בין געוועזן נאָך אַ קליין אינגל דעמאָלט. מיר האָבן געוואוינט נעבן אַ גרויסן וואַלד. דער טאַטע און די מאַמע זיינען געהאַט אַוועקגע־גאַנגען אין שטעטל אַריין. איך בין געבליבן אַליין אין דער גרויסער שטוב. פּלוצלינג, נאָך אַ טאָג פון גרויסער, יוליקער היץ, האָט אָנגע־הויבן צו דונערן און צו־בליצן. יעדער ווילע האָט זיך דער הימל געשפּאָלטן אויף טויזנטער שטיקער. פייערדיקע און מערדערישע הענט האָבן מוראדיק אויפגעלויכטן אויפן האָריזאָנט. דאָס דונערן האָט שרעק־לעך באַאומרואיקט מיין קינדעריש האַרץ. איך האָב זיך באַהאַלטן אין בעט. איך האָב זיך איינגעדרייט פאַר שרעק. איך האָב מורא געהאַט אַז די וועלט וועט זיך חלילה אָנצינדן. אַז דאָס הויז מיט מיר צוזאַמען וועט פאַרברענט ווערן...

אָבער אָט האָט זיך פּלוצלינג געעפנט די טיר און אַ קליינע, הויקער־דיקע בעטלערין איז דערשינען. איך פלעג איר זען אָפט דורכגיין אויפן וועג. איר געהיימנישפול געשטאַלט פלעגט מיך שטענדיק אָנפילן מיט מורא און אַנגסט. איצט אָבער האָט זי געשטראַלט אַזוי ווי אַ מלאך. אירע רויטע אויגן האָבן געלויכטן מיט מאַמעשער גוטסקייט. זי האָט ליבלעך געשמייכלט און זעענדיק ווי איך ציטער אין לויטער שרעק, האָט זי גע־זאָגט אויף פּויליש לשון:

— האָב נישט קיין מורא, קליינטשיק אינגל... איך בין מיט דיר

און איך וועל דיך באַשיצן און בעטן גאָט פאַר דיר...

איך האָב פאַר שרעק נישט געקענט אויסרעדן קיין איינציק וואָרט. זי האָט זיך צוגעזעצט נעבן מיר אויפן בעט, מיט אירע דינע, ליבע הענט האָט זי מיך איידל געגלעט און באַרואיקט. עס איז געוואָרן נאַכט. איך בין געווען מיד פון די אַנגסטיקע איבערלעבענישן און איך בין קינדיש איינגעשלאָפן אין אירע מוטערלעכע אָרעמס...

ווען מיינע עלטערן זיינען אָנגעקומען, האָבן זיי מיך אויפגעוועקט. וואָרום איך בין געשמאַק געשלאָפן... די אַלטע פרוי איז שוין מער נישט געווען.. בלויז פונ׳ם האַלבן ברויט אין שענקל איז געווען אָפּגעשניטן אַ דינער פּענעך ברויט.. זי האָט געמוזט זיין זייער הונגעריק.. איך האָב מיינע עלטערן דערציילט ווי איידל די פרוי האָט מיך באַרואיקט... מיינע עלטערן האָבן באַשלאָסן אויפצוזוכן די אַלטע, קליינע פרוי און איר האַרציק צו באַלוינען. אָבער זי האָט זיך קיינמאָל מער נישט באַוויזן אויפן וועג, נעבן אונזער הויז, ביים גרויסן, שוואַרצן וואַלד...

***

עס איז געוואָרן שפּעט אין דער נאַכט. מיר האָבן יענעם אָוונט נאָך אַ סך גערעדט... איך בין געווען טיף דאַנקבאַר צו מיין פריינט פאַרן באַזוכן מיך אין אַזאַ רעגנדיקן טאָג...

איך האָב צובאַגלייט מיין פריינט אויפן שטילן וועג, צום טויער פון סאַנאַטאָריום... די פּאַציענטן זיינען שוין געשלאָפן, גרויסע רו האָט געהערשט אויף דער וועלט. אומגעהויערע בערג מיט שטערן האָבן געפינקלט אויפן פעך־שוואַרצן הימל. די לבנה איז געשטאַנען אינמיטן הימל, ווייס ווי קרייד און מילכדיק ליכט איז געגרונען פון איר, אַזוי ווי פון אַן אומגעהויערער קרוג... איך האָב אין דער וואונדערלעך־שטילער נאַכט זיך האַרציק געזעגנט מיט מיין פריינט...

דענווער, יולי, 1938.

THE WAY OF ALL FLESH

● אַ סך זיינען די מענטשן ביים ברעג פון ים. די זון פּאַליעט דאָס הייסע זאַמד. מאַן און פרוי זיינען אויסגעלייגט אין פאַרשיידענע פּאָזעס. דער ברעג פון ים נעמט זיי אריין אזוי ווי מוראַשקעס. די מעכ־טיקע כוואַליעס ברעכן זיך פונאַנדער איבער די רוקנס פון די מענטשן. די קעפּ פון די מענטשן זיינען קליין אזוי ווי די קעפּלעך פון שוועבעלעך. און פון די מענטשנמאַסן לויכטן די שיינע פרויען. זיי, וואָס מאַכן אונדזער פּלאַנעט רייצנדיק און טרוימענדיק; זיי, מיט זייערע שיינע פאַר־מען, „קיל און קאָקעטיש״, ווי ווערלען וואָלט געזאָגט, ברענגען טרייסט צום אויג פונעם ענטוזיאַסטישן מאַן.

אָבער מחשבות גריזשען דעם מוח: עס וועט אַלץ פאַרגיין. עס איז "The Way of All Flesh." אפילו די דאָזיקע קליינע קינדער וועלן אלט ווערן. דער בלויער ים נעמט אריין די לעבעדיקע גופים אזוי ווי שטויב. די ערד נעמט אריין די טויטע קנאָכנס און זי גריזשעט זיי אויף מיט אירע זאַמדיקע ציין. אַזוי ווי א נעפּל טראָגן זיך די מחנות נשמות אין דער אומענדלעכקייט אריין.

דער פּאָעט זיצט ביים ברעג. פון אלע מענטשן, פון טויזנטער געלעכטערן, ווערט אַ ליד...

טראַגעדיע פון אַ קינסטלער

די טעמע פון דער פאָלגנדיקער דערציילונג
האָט מיר איבערגעגעבן דער באַוואוסטער
מאָלער שאול ראַסקין.

עס איז געווען נאַכט. אין דרויסן איז געגאַנגען אַ געדיכטער שניי. איך בין אַרויפגעגאַנגען די טרעפּ צו דער וואוינונג פון דעם באַוואוסטן מאָלער דוד פרידקין. שטענדיק ווען איך קום צו אַהער, באַטראַכט איך דעם קליינעם, פאַרגאָלדיקטן אָרון קודש, וואָס שטייט אין אַ ווינקל. דאָס פּרוכת איז פון אידעלן סאַמעט. דינע הענט האָבן דערין אַריינגעוועבט צוויי גאָלדענע און גוטע לייבן. דער אידישלעכער מאָלער ציט זיין קינסטלערישע יניקה פון דעם דאָזיקן הייליקן אָרון קודש. לעבנדיק שוין אַ סך יאָרן אין אַמעריקע, האָט ער דערהאַלטן זיין עכט־אידישן פּנים. זיין שטעטלדיקע און היימישע סביבה. ער טראָגט אַרום אין זיין זכרון די געשטאַלטן פון זיינע פעטערס און זיינע מומעס. אין זיינע מאָלערייען זייען פאַראַן די טייערע אידן פונם שטעטל. דאָרטן זעט מען די פּנימער פון זיין משפּחה. און איך טראַכט: דאָס גאָלדיקע אָרון קודשל האָט אים אויסגעהיט פון צו פאַרלירן זיין נאַציאָנאַלן פּנים. אַהיימקומענדיק פון די טומלדיקע ניו־יאָרקער גאַסן, וואַרט דיך אָפּ אין דער היים, קינסטלער, דיין אייגענע וועלט! דיין פייערדיקע תּודה גיט דיר מוט און קראַפט צו לעבן און צו שאַפן. דו האָסט דיר אין דיין ווינקל אויפגעשטעלט דיין וועלט. און די דאָזיקע אידישע וועלט, דער אידישער קאָסמאָס, מיט זיין הימל און מיט זיין ערד, מיט זיין חומש־לאַנדשאַפט און מיט זיין גאָט האָלט דיך געשפּאַנט דורך דיין גאַנץ לעבן. דו האָסט דיין קאָסמאָס אומעטום מיטגענומען, אַזוי ווי דיין פאָלק האָט מיטגענומען זיין קאָסמאָס אין גאָר זיין היסטאָרישן נע ונד.

דוד פרידקין האָט אויך מיטגענומען זיין שמייכל אין דער גרויסער וועלט. ער איז שוין איצט אַ גאָר אַלטער איד, קרוב צו אַ יאָר אַכציק. אָבער גרינג אַזוי ווי אַ שמעטערלינג האָט ער דורכגעטאַנצט זיין שעפעריש לעבן. מיט זיין הומאָר האָט ער באַשטיגן בערג און טאָלן. מיט זיין שמייכל האָט ער אָנטקעגנגעשפּאַצירט פינצטערע פּראָבלעמען פון לעבן. און, ער איז געבליבן שטיין אַ שטראָלנדיקער זקן. מיט זוניקן וואָרט און מיט וויץ, מיט שמייכל און מיט הומאָר גייט ער אַנטקעגן עטלעכע דורות מענטשן...

***

פון הימל פאַלט אומאויפהערלעך דער שניי. איך זיץ ביים ברייטן טיש וועמענס צעראַטע איז פאַרגאָסן מיט טינט. און דוד פרידקין ברעכט אָפּ שטיקער כראַניק פון אַ מעשה וועגן זיין פריינט לייב קוטאָס.

דוד פרידקין האָט געלעבט אין שכנות מיטן יונגן סקולפּטאָר לייב קוטאָס. דאָס איז געווען אַ מאַן וואָס איז קיינמאָל נישט געווען גליקלעך. זיין הויכע און דינע פיגור איז געווען אַ נערוועזע און אַ צאַרנדיקע. ער איז געווען אַן אומרואיקע נשמה. אומרואיק מיטן גרויסן און

פינצטערן אומרו פון אַ קינסטלער. פינצטערער אומעט האָט גע־
ווייעט אין זיינע בלויע, וואַנזיניקע אויגן. קענטיק אַז ער איז נישט
געבוירן געוואָרן אין צייכן פון אַ גליקלעכן שטערן. לייב קוטאַס האָט
געשאַפן אין אַן אַקאַדעמישן סטיל. דער גאַט פונם שטרענגן רעאַליזם
איז געווען זיין גאָט. ער האָט געהאַט גרויס דרך ארץ פאַר מאַטעריע.
ער האָט נישט געגלויבט אַז דער גרויסער קינסטלער מעג און ער
באַדאַרף אומענדערן נאַטור. מעג צעברעכן מאַטעריע. מעג אומוואַרפן
די סימעטרי פון גאָטס דערשיינונגען. אַז דער קינסטלער באַדאַרף
באַשאַפן אַ נייעם מענטש מיט אַ נייעם געשטאַלט. לייב קוטאַס האָט
נישט געוואוסט אַז דער קינסטלער איז מחויב צו איבערגעשטאַלטיקן
מענטשן און לאַנדשאַפטן. אַז קינסטלער און נאַטור פירן אַן אייביקע
מלחמה. אָפט שטעלט זיך דער קינסטלער אין זיין אַמביציעזן פאַר־
מעסט אַנטקעגן גאָט. אַפילו דער גרויסער רעאַליסט איז באַהערשט פון
אַ פייערדיקן ראָמאַנטיזם. פייער שטראָמט אין זיינע שעפערישע אָדערן.
ער קומט אויף דער וועלט כדי צו ברענגען אַ נייעם בראשית. קונסט
איז איבערשאַפונג. אומענדערונג פון די געזעצן פון דער נאַטור. קונסט
קומט מאַכן רעוואָלוציע. קינסטלער קומט צעברעכן און אויפדאַסניי
באַשאַפן. קונסט מיינט אויפשטעלן אַן אייגענעם קאָסמאָס מיט אייגענע
געזעצן.

אָבער לייב קוטאַס דער סקולפּטאָר האָט געגנוי געמאָסטן ביי זיין
מאָדעל ווי ווייט ס'איז די נאָז פון די אויגן. ער האָט געציילט די האָר
פון די ברעמען. ער האָט געהאַט די אַמביציע פון אימיטירן פּינקטלעך
די פּעלערן און די מעלות פון זיין מאָדעלס פּנים. ער איז תמיד
געווען באַשעפטיקט מיטן וועגן, מעסטן און קאַלקולירן. אַט אַזוי ווי
ער וואָלט געהאַט צו טאָן מיטן טויטן חומר און נישט מיט קיין לעבע־
דיקן, יסורימדיקן מענטש, וואָס פאַזירט פאַר אים מיט זיין גאַנצן
לייב און נפש...

— קינסטלער! — פלעג איך צו אים וועלן זאָגן — באַפריי דיך
פון דיין פאַרשאַלטענעם רעאַליזם. דו קענסט נישט שטייגן קינסטלעך
אויב דו ביסט אַ שקלאַף צו דער נאַטור. זע ווי אַזוי באַרימטע
קינסטלער האָבן געבראָכן טראַדיציע. האָבן באַשאַפן נייע האָריזאָנטן
אין דער קונסט. קינסטלער, דו ביסט טרויעריק אַרעסטירט אין דיינע
אייגענע, ענגע דימענסיעס. דו האָסט דיך אַליין געשמידט אין קייטן
פון באַגרענעצטן נאַטוראַליזם.

לייב קוטאַס איז נישט געווען קיין שעפערישער סקולפּטאָר. ער
האָט אַלץ געטאָן כדי נישט צו זיין שעפעריש. אַ פאָר גאַלעריעס האָבן
אים אויסגעשטעלט מיט כבוד. מען האָט אים הויך געשעצט אויף
דער אַמעריקאַנער פּראָווינץ. אָבער אים האָט געקרענקט וואָס ניו־
יאָרק, דער צענטער פון קונסט אין אַמעריקע, אַנערקענט אים נישט.
איבערהויפּט האָבן זיך פון אים געהאַלטן פון דער ווייטנס די קינסטלער.
אַ קינסטלער ווייסט וואָס עס מיינט ווען זיינע קאָלעגן־קינסטלער סנאָ־
בירן אים. די אַמביציע פון אַ קינסטלער איז צו ווערן הויך גע־
שעצט צווישן זיינע פאַך־קאָלעגן.

ביי לייב קוטאַסן אין שטוב פלעגט שטענדיק זיין אַנגעוואָרפן,

ברודיק. זיין פרוי איז געווען באַרימט אַלס אַ גרויסער שליאַך און זי האָט זייער זעלטן געריייניקט דאָס הויז. אַ דיקער שטויב איז, אַזוי ווי אַ ברודיקער, בלייערנער שניי, געלעגן אויפן מעבל. ווען דוד פרידקין פלעגט אַמאָל אַריינקומען אין שטוב, פלעגט ער פרעגן:

— וואָס, איר ציט זיך אַרויס?

און דאָס ווייב פלעגט ענטפערן, פאַרלירנדיק די האַרנאָדלען פון איר ווילדן קאָפּ מיט צעשויבערטע האָר, פול מיט פעדערן:

— ווי אַזוי קען איך האַלטן ריין דאָס הויז? און פאַר וועמען? מיין מאַן איז דאָך קיינמאָל נישטאָ אין דער היים.

די צוויי אייגלעך האָבן פיינט געהאַט זייער טאַטן, וואָס האָט תמיד אויסגעזען בלייך און צעטומלט. לייב קוטאָס פלעגט אַמאָל אַריינקומען אין סטודיאָ פון זיינע פריינט, די קינסטלער. ער פלעגט צוגיין צו אַן ערשט געמאָלענעם קאַנווע, נאָך נאַס פון די פאַרבן, און אויסשרייען מיט אַ צאַרנדיקן קול:

— דאָס איז דאָך אַ שמאַטע!

דוד פרידקין האָט אַוודאי דאָס זעלבע אים געקענט זאָגן. אָבער, ער האָט קיינמאָל נישט נקמה גענומען. ער האָט וואויל געוואוסט ווי טיף סענסיטיוו לייב קוטאָס איז, ווען עס האַנדלט זיך אין זיינע אייגענע סקולפּטורן.

*
**

לייב קוטאָס האָט זיך איינגעשפּאַרט: ער מוז האָבן אַ גרויסע אויסשטעלונג אין ניו־יאָרק. ער האָט געבאַרגט געלט ביי זיינע פריינט, וואָס האָבן אים נישט געקענט אָפּזאָגן. ער האָט אינם געררוימען זאַל אויסגעשטעלט גאַנצע פינף און צוואַנציק פּאָרטרעט־ביוסטן פון פּרע־זידענטן און פון הויכע וואַשינגטאָנער מלוכה־באַאַמטע. דאָרט איז אויך געווען אַ ווייסער פּאָרטרעט־ביוסט פון זיין פרוי, געגוי קאָפּירט מיט אירע גרויסע בריסט...

לייב קוטאָס האָט זיך פאַרשולדיקט ביז איבערן קאָפּ אַריבער. זיין האָפענונג איז געווען: ניו־יאָרק וועט אים אָנערקענען. די פּרעסע וועט לויבן זיינע ווערק. ער וועט מיט איין זעץ פון זיין שיקזאַל אַרי־בערשאָגן זיינע אייפערזיכטיקע קאָלעגן. ער וועט איבער נאַכט ווערן אַ וועלט־באַרימטער קינסטלער.

אין אַ געוויסן נאָכמיטאָג איז אין דער גאַלעריע דערשינען עפּעס אַ זויערע און אַ פאַרגרינטע מיידל פון דער „ניו־יאָרק טיימס". זי האָט געהאַט אַן אויסגעקרימטן נעזל, אַזוי ווי אַ רויבפויגלס שנאָבל. זי האָט עפּעס פאַרנאָטירט מיט אַ בלייפעדער אין איר געלן נאָטיצ־ביכל. אירע קליינע הענט זיינען אויך געווען פאַרקרימטע. קענטיק אַז פון דעם גאָלדענעם בעכער מיט ליבע־געטראַנק האָט זי ווייניק געהאַט באַנעצט אירע ליפּן... לייב קוטאָס, זי דערזעענדיק ווי דעם שליח פון שיקזאַל, אינסטינקטיוו אַן אויפגעציטערטער, האָט עפּעס געוואָלט מיט איר רעדן וועגן זיינע ווערק. אָבער, זי האָט זיך שנעל אָפּגעטראָגן, אַזוי ווי אַ בייזער שד. דעם נעקסטן טאָג האָט דאָס ריזיקע ניו־יאָרקער פּובליקום געקענט לייענען אין דער „ניו־יאָרקער טיימס" בלויז איין שורה וועגן לייב קוטאָסעס אויסשטעלונג:

— דאָס איז נישט קיין אויסשטעלונג פון סקולפּטור. עס איז אַ בית־עולם פון מצבות ...

מיטן דאָזיקן גרויזאַמען משפּט אין איין־און־איינציקן זאַץ האָט דאָס פאַרגרינטע מיידל מיטן קרומען נעזל דערהרגעט אַן אַמביציעזן קינסטלער....

*****

די דאָזיקע אויסשטעלונג — דעם קינסטלערס גרעסטע האָפענונג — איז געווען, פאַרשטייט זיך, אַ ווינסטער דורכפאַל. לייב קוטאַס האָט איצט נישט געקענט מער שאַפן. זיינע הענט האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן. וואָס עס מיינט פאַר אַ קינסטלער, וואָס שפּאַלט פעלזן, צו האָבן ציטערנדיקע און נערוועזע הענט, קען מען זיך קוים פאַרשטעלן, אַפילו ווען איינער באַזיצט אַ פייערדיקע פאַנטאַזיע. לייב קוטאַס איז איצט אַרומגעגאַנגען מיט אַ פינצטערן פנים. פון זיינע אויגן האָט געשפּריצט מיט פינצטערן פייער. זיין מויל האָט זיך סאַרדאָניש אויסגעקרימט, ווי אַ סאַטירס קרומער פנים. פון זיינע נאַקעטע הענט האָט געשפּאַרט מיט פאַרצווייפלונג. ער פלעגט זיך אָוועקשטעלן אין דער אָפענער טיר און זאָגן:

— פרידקין, דו וועסט אַנאַנסירן מיין לוויה! איך גיי זיך נעמען דאָס לעבן...

דוד פרידקין האָט אים אַוודאי געוואָלט טרייסטן. ער פרעגט אים:

— וואָס טוט איר היינט?

— וואָס זאָל איך היינט טאָן? איך וועל שווין אין מיין לעבן גאָרנישט טאָן. עס איז מיר פינצטער און ביטער ווי דער טויט.

— קומט, וועלן מיר צוזאַמען גיין אין קינאָ. איר באַדאַרפט זיך אַ ביסל צעשטרייען. טרויער געדויערט נישט אייביק. איר וועט נאָך דערלאָבערן די וועלט מיט אייערע מעכטיקע ווערק. איר וועט זען: אין אַ באַשטימטן טאָג וועט אייער זון אויפשטראַלן אויפן גאַנצן הימל!

לייב קוטאַס האָט מיך נישט געהערט. זיינע אויערן זיינען געווען פאַרשטאָפּט מיט אייזערנע וואַטע. ער האָט מער ווי פּופּצן מינוט נישט געקענט זיצן אין קינאָ. ער האָט נישט געזען אויפן עקראַן די שיינע פרויען וואָס האָבן זיך באַוועגט אונטער בלויע, זוניקע הימלען, אַזוי מלאכים אַן פליגלען. די אייזערנע מיקראָבן פון זעלבסט־מאָרד זיינען שוין געווען טיף אין זיין בלוט און אין זיין פינצטערן געביין. דער טויט איז שוין ביי אים געלעגן אויפן מעש־געלן פנים. אים האָט טראַגיש געצויגן צום חרוב מאַכן זיין לעבן.

עס איז געווען שווער אים צו זאָגן:

— אָט זעט ווי אַזוי ׳אייער אייגן פנים האָט זיך פאַרענדערט. ווי אַזוי די הויט פון אייער פנים איז שוואַרץ ווי די ערד. ווי אַזוי שרעק און ווייסטע אימה קוקט אַרויס פון אייערע אויגן. עפּעס אַ פאַרפּאַלגטע חיה האָט זיך באַזעצט אין אייער געביין. זעט וואָס עס קען ווערן פון אַ מענטש. לערנט עפּעס אָפּ דערפון קינסטלעריש: נעמט איצט און באַשאַפט אייער אייגענעם פאָרטרעט. מעסט נישט מיט אַ מעסט־שניר אייער נאָז און אייערע ליפּן. ציילט נישט אייערע

ציין און די האָר פון אייערע ברעמען. מאָלט און סקולפּטירט אייער פּינצטערן און אויסגעקרימטן שאַרבן. אַנטפּלעקט די וויטיקן פון אייער נשמה. די יסורים פון אייער געביין. באַשאַפט אַ ווערק פון זיך אַליין, פון אייער פּיין און פון אייער קינסטלערישן און טראַגישן גוראָנגל. דעמאָלט וועט איר געווינען אויף אייער זייט די קינסטלער. פּרוּווט נישט מער שאַפן קיין קאַלטע און קיין שטייפע סטאַטוען ווי פון רוימישע שטאַטסלייט, נייערט שילדערט דעם מין מענטש, אין זיין אַלמענטש־לעכן וויטיק. שלידערט דאָס געשטאַלט פונם פאַרבלוטיקטן גלאַדיאַ־טאָר. פונם נביא וואָס ווערט צעבראָכן פון אינערלעכע ספקות און פון פינצטערע עגמת־נפשן. זעט וואָס רעמבראַנדט האָט געטאָן: ער האָט געמאָלן מיט בלוט און מיט פייער דעם מין מענטש. רעאַליזם באַגרענעצט די קונסט. עפּנט אויף נייע וויסטאָס אין אייער שאַפונג. האָט נישט קיין מורא צו ווייזן אַדערן און נערוון אויפן מענטשלעכן פּנים. איר גיט דאָך נישט קיין פּאָרטרעטן פון שטיינער — נאָר פון לעבעדיקע מענטשן. זעט ענדלעך איין דעם קינסטלערישן אמת. דאָס שאַרפע און דורכדרינגענדיקע אויג פונם קינסטלער באַדאַרף זען טיפער ווי עס ווייזט די אויבערפלאַך. פאַרטיפט אייער שאַפונג, לייב קוטאָס, און נאָר דעמאָלט וועט איר קינסטלעריש טריאומפירן!

עס איז שוין אָבער נישט געווען מיט וועמען צו רעדן. פאַר דיר איז געשטאַנען אַן אַמאַליקער מענטש, וואָס האָט איצט אויסגעזען ווי אַן אָפּגעצערטער סקעלעט. ער איז שוין געווען אין אַן אַנדערער וועלט... ער וואָלט מיינע רייד אָנגענומען פאַר פּערזענלעכער באַ־ליידיקונג. ער האָט נישט געקענט קיינמאָל, און בפרט איצט, גאָרנישט לערנען... יעדער מענטש, האָט זיך אים געדאַכט, איז געווען זיין שונא...

צומאָרגנס אין דער פרי רופט אָפּ דוד פרידקינען זיינס אַ פריינט, דער ריכטער ר.:

— פריינט פרידקין, איר האָט געהערט די שרעקלעכע נייעס?

— וואָסערע שרעקלעכע נייעס?

— אונזער פריינט לייב קוטאָס האָט זיך אַרונטערגעוואָרפן אונ־טערן בראָנקס־עקספּרעס!

***

דאָס איז געווען דער סוף. די קינסטלערישע ירושה זיינע, די צאָלרייכע סקולפּטורן, ליגן ערגעץ באַגראָבן אין אַ פינצטערן און שטויביקן קעלער. ער האָט איבערגעלאָזן אַ צוואה אַז זיינע ביידע זין זאָלן פאַרענדיקן זיינע אָנגעהויבענע אַרבעטן. אָבער זיי זיינען קיין קינסטלער נישט געוואָרן. ביי די זין האָבן אויך געציטערט די הענט... און די פרוי, דער שליאָך, האָט חתונה געהאַט אין זעלבן יאָר פון איר מאַנס טויט מיט עפּעס איינעם אַ יוניאָן־טוער... קיינמאָל ווערט דעם קינסטלערס נאָמען נישט דערמאָנט. ער איז אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן אַלס סקולפּטאָר.

***

איינמאָל, ווען לייב קוטאָס איז נאָך געווען פול מיט אַמביציע, זאָגט צו אים דער מאָלער דוד פרידקין:

— ווייסט איר גאָר וואָס: מאַכט פון מיר אַ פּאָרטרעט־ביוסט. מאַכט אים אַזוי ווי איך געפעלט. אָט, איך שפּאַס אַמאָל. איך דערצייל וויצן. איך מאָל לאַנדשאַפטן. איך פלירטעווע מיט מיידלעך. איך צייכן קאַריקאַטורן. איר קענט מיך שוין זינט שיינע יאָרן. עס מוז נישט דווקא זיין אַ געטרייע קאָפּיע פון מיר — נאָר אַ קרעאַציע.

מאַכט פון מיר אַ קינסטלעריש ווערק. באַשאַפט עפּעס — און קאָפּירט נישט בלינדערהייט מיין פליש. האָט אויך אַמאָל אין זינען מיין כאַראַקטער... זייט נישט אַזוי געטריי דער נאַטור. די נאַטור איז איך אויך נישט תמיד געטריי...

לייב קוטאַס האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט, און צו מיין גרויסער איבעראַשונג, איז דאָס איצטיקע מאָל אַרויס פון אונטער זיינע הענט אַ פיין ווערק: עטוואָס אַוועקגעבראָכן פון זיין פאַרשאָלטענעם רעאַליזם. איך האָב דעמאָלט נאָך קיין באָרד, אַזוי ווי היינט, נישט געטראָגן. דער ביוסט איז געשטאַנען אין גיפּס דאָ ביי מיר אויפן טיש. קומט עפּעס איינמאָל אַ פרוי, און זי קערט אום דעם ביוסט צו דער ערד... דער ביוסט פאַלט און ער צעשיט זיך אויף שערבלעך. דאָס איינציקע ווערק פון לייב קוטאַס וואָס האָט דווקא יאָ געקענט האָבן דערפאָלג, איז צעבראָכן געוואָרן דורך עפּעס אַ פרויס אומגעלומפּערטע הענט...

אָבער דוד פרידקין, זעענדיק דעם פאַרצוויפלטן אויסדרוק אויף מיין פּנים, טרייסט מיך:

— נאָר עפּעס פון דעם ווערק איז נאָך איבערגעבליבן...

ער נעמט אַרויס אַ קליינעם פראַגמענט: עס זעט אויס ווי אַ שטיק פון אַ טויטמאַסקע, געגומען אין גיפּס פון אַ קאַלטן, בלאַסן מת. אָבער, ווען מען קוקט זיך גוט איין דערין פון דער נאָענט, זעט מען אַז עס איז פון אַ פולבלוטיקן מאַן. דאָס פּנים שטראַלט מיט מענלעכער קראַפט, עקשנות און אַמביציע. עס באַזיצט אַפילו דעם אַנדייט פון אַ פיינעם שמייכל... דער געהיימנישפולער שמייכל וואָס האָט דוד פרידקינען געגראַטעוועט אין די אַפּטע שווערקייטן פון זיין לעבן... אָט דער שמייכל, דער סוד פון אַ מענטשיק לעבן, האָט ממש געבריט אויפן גיפּסענעם פראַגמענט...

***

איך בין אַהיים געגאַנגען אין דעם גרויסן שניי. דעם גאַנצן וועג צהיימצואוועגס האָב איך געטראַכט פון דעם שיקזאַל פון די מענטשן: איינער לעבט ביז אַכציק יאָר און ער גענייסט פולשטענדיק פון זיין לעבן: פון ווייַן, ווייב און געזאַנג... און דער צווייטער גייט אַרום ווי אַן אומהיימלעכער שטורעם אויף דער ערד און ער צעברעכט אַליין זיין לעבן, ווייל ער ווייסט נישט ווי אַזוי צו דערגרייכן דעם סוד פון דערפאָלג...

ווען איך בין אָנגעקומען אַהיים, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אַ רגע אויף דער שוועל. איך האָב געזען: דער שניי האָט אויפגעהערט צו שנייען. די לבנה האָט אויפגעלויכטן, בלויז אַ פּענעץ פון איר געווייַנלעכער, רינדער פולקייט. אַ דינער שמייכל האָט געגליט אויף

איר... אַזוי ווי דער מיסטעריעזער שמייכל פונם פּאָרטרעט־ביוסט, וואָס איז אויף שטיקער צעבראָכן געוואָרן...

ניו־יאָרק, 13 אויגוסט, 1956.

ביים ים

איך בין היינט געווען ביים ים. עס איז געווען אַ שפּעט־האַרבס־טיקער אָקטאָבער־נאָכמיטאָג. נאָר דאָ איז נאָך געווען ווי אין מיטן זומער. איך בין געזעסן אויף איינעם פון די פעלזן ביים ברעג. איך האָב זיך דערמאָנט פון די פּילע ברעגן, ביי וועמענס שטיינער איך בין געזעסן. איך האָב זיך דערמאָנט אין די פּילע ברעגן, ביי וועמענס שטיי־נער מיין פאָלק איז געזעסן, און האָט אויפגעהאָנגען די האַרפן אויף די צווייגן פון די ווערבעס...

די מענטשן ביים וואַסער זיינען נאָך אַלע קינדער. די דערוואַק־סענע מענטשן ווערן צוריק קינדיש. קליין. פּרימיטיוו. אַזוי ווי די פעלקער וואָס האָבן געלעבט ביי די וואַסערן אין די אורצייטן. דאָס וואַסער האָט אַן אייביקע יוגנט. די כוואַליעס האָבן אַן אייביקע לוסט. מענטש ביים ברעג ים וואַשט אָפּ זיינע זאָרגן. פאַרלירט די עבירות. זיינע זינד ווערן נישטיק. ער לאַכט צוזאַמען מיט זון און מיט כוואַליע. די פרוי ביים וואַסער איז סירענע. איז ים־פרוי. אַט וועט זי זיך אויס־טאָן און בלייבן שטיין אַ נאַקעטע אין דעם שוים פון די כוואַליעס. דער שוים וועט איר קליידן. די זון וועט איר צירן דאָס לייב אַזוי ווי אַ גאָלדענע העמד. די פרוי איז סיי־ווי אַ קינד. איר בעסטע קאָנווער־זאַציע פירט זי מיט איר קינד אין וויגעלע. מיטן קינד אין וועגעלע איז זי קאַמעראַד. די פרוי איז די נאַטור. און ביים וואַסער שמייכלט זי קינדיש און רעדט קינדישע, נאַרישע רייד. דער ים רעדט נאַרישע רייד. גיי און זיי אַ חכם ביים וואַסער. דאָס וואַסער צעמישט דיר די געדאַנקען. דאָס וואַסער פּלאַפּלט. דאָס וואַסער פּלוסקעט. גיי און זיי אַ קלוגער אויפן ברעג פון ים. ווען גאָט אַליין לאַכט אָפּ פון דיינע חכמות. ווען גאָט אַליין מאַכט זיך נאַריש ביים וואַסער.

און מאַן ? — מאַן איז ביים וואַסער ווי דער גאָט פּאָסיידאָן. דער ווינט רייסט אין אַלע זייטן זיין גרויסע באָרד. מאַן אַנטלויפט פון זיין פרוי צום ים. ער אַנטלויפט פון די קינדער, פון הויז, פון עול, צו די אייביק־לאַכנדיקע כוואַליעס. מאַן — אַ כוואַליע אין דער אייבי־קייט. מאַן אָטעמט איין ביים ים שטיקער פעלדזיקע איינזאַמקייט. ער לייענט די שווערע וואָלקנס אויפן הימל. ער זיצט איינזאַם אויפן פעלדזיקן ברעג ווי קעניג ליר. אין זיין טרויער געזונקען. אין זיין איינזאַמקייט פאַרלוירן. מאַן־איוב. מאַן־קהלת. מאַן־פאַאוסט. מאַן, דער שטרייטער מיט דער נאַטור. מאַן, דער קעמפער אַנטקעגן בייזע שטראָמען. מאַן זיצט ביים ים. ים פאַרשטייט מאַנס טיפע און ערנסטע מחשבות. ים שטערט אים נישט אין זיינע געדאַנקען. ים האָט רעספּעקט פאַר מאַן. ים פלירטעוועט מיט פרוי. אָבער דעם מאַן לאָזט ער שטיין איינזאַם אויפן ברעג — אונטער די בלייערנע וואָלקנס.

פון ברעג וואַסער ציט זיך אַ פאַרזשאַווערטע דראָט ביז צו אַ היל־צערנע קריפּע. די דראָט איז אַ דיקע. און עפּעס אַ מאַן פּרוּווט זיך

אַריבערכאַפּן אויפֿן אַנדערן זייט ברעג, זיך אַנהאַלטנדיק אָן דער דראַט. ער איז אַ הויכער, שווערער מאַן, שווער ווי אייזן. דער קאַמף איז אַ שווערער: דראַט שניידט זיינע הענט. די דראַט איז נידעריק ביים וואַסער. זיין שווערער, מאַסיווער גוף ציט צו דר׳ערד. ער שטייגט אַראָפּ אין וואַסער, דער גרונט איז נישט טיף. ער טאַפּטשעט אין וואַסער, צום געלעכטער פֿון אַלעמען אויפֿן ברעג. ער גייט שוין אויף די ערשטע פֿעלדזיקע טרעפּ. עס רינט פֿון דעם שווערן מאַן מיט שווערע טראָפּנס בליי. פֿון זיינע קליידער גיסט זיך וואַסער. אַלע לאַכן פֿון זיין אַנשטרענגונג אַריבערצוגיין דאָס וואַסער, בשעת ער האָט רואיק געקענט גיין אויף דער בריק. אַ מאָדנע נאַר אַזאַ! נאָר ער זעט נישט קיינעם. ער לייגט זיך אויפֿן שטייניקן ברעג. לאַנגזאַם טוט ער איצט אויס די נאַסע הויזן. ער רייסט זיי פֿון זיך ווי שטיקער אייזן. ער קוועטשט אויס דאָס וואַסער. ער לייגט די בגדים אַוועק אויף די פֿעלדזן, אונטער דער זון. די זון וואָל אַזוי גוט זיין און טריקענען זיינע קליידער. ער בלייבט ליגן בלויז אין זיין העמד און אונטערהויזן. איינזאַמער מאַן־אידיאָט אויפֿן ברעג. האַלב־נאַקעט. די מיידלעך לאַכן פֿון אים. זיי פֿאַרדעקן זיך שעלמיש די אויגן כּדי אויף אים נישט צו קוקן. עס איז פֿאַראַן טויזנט טעם אין די יינגע מיידלעך, וואָס גנבֿענען בליקן צו די שטיינערנע פּיס פֿון דעם פֿעלדזיק־שווערן, נאַסן גיגאַנט. ווי לוט ליגט ער דאָ, שיכּור. אַזוי האָט לוט געמוזט ליגן אויפֿן ברעג פֿון ים. און זיינע הערלעכע, צעכראַסטעטע טעכטער לעבן אים, לעבן זיין פֿלאַמען־לייב. און דאָס גרינע גראָז איז פֿעט פֿון דעם פֿאַרגאַ־סענעם וויין. און די לבֿנה — ווי אַן איבערגעדרייטע, גאָלדענע פּילי־זשאַנקע. אַזוי איז לוט אויפֿן ברעג פֿון ים געלעגן אַ לוט־שיכּורער. אַ טויט־שיכּורער. די זון בריט ווי אַ ווילד פֿייער. זי ברענט די ערד פֿון עק ביז עק. דאָס וואַסער זידט ממש פֿון דער שווערער היץ. די כוואַליעס קאָכן זיך אין דעם ריזיקן קעסל פֿון ים. מאַן דרימלט אין אויפֿן ברעג פֿון ים. מיד פֿון זיין לעכערלעכע אַוואַנטורע. די קינדער ווערן מיד צו לאַכן פֿון אים. זיינע הויזן טריקענען זיך אין דער זון.

אויף קליינע עראָפּלאַנען שטייגן מענטשן אַרויף און אַרונטער. אָט שווימען די עראָפּלאַנען אויפֿן וואַסער. אָט שטייגן זיי אין די וואָלקנס. נאָר דאָס אויג האָט אַלץ ליבער די גאָלדענע מעווע אויפֿן ברעג. די קראָ וואָס פֿליט אין דער הויך פֿון די טעג פֿון דער קינדהייט אָן. דאָס אויג קוקט נאָך די גרויסע הימלישע פֿייגל. ווי זיי שניידן די לופֿט מיט זייערע שאַרפֿע פֿליגל.

אויף דער הילצערנער קריפּע שטייען מענטשן און כאַפּן פֿיש. די מענער זיינען האַלב־נאַקעט, ביז צו די גאַרטלען. און צווישן זיי שטייט אַ בראָנדזענע נעגערין, אין הויזן (סלעקס). זי שטייט מיט גרויס געדולד, ווי אַ פּראָפֿעסיאָנעלער פֿישער, ביים ברעג וואַסער. יעדעס מאָל פֿאַרוואַרפֿט זי די נעץ טיפֿער אין ים. יעדעס מאָל ציט זי אַרויס מיט אַנטוישונג די נעץ — אָן פֿיש. נאָר זי איז אַ גוטע פֿישערין פֿון מענער. מאָדנע ווי די פּרוי־פֿישערין רודערט דאָ אויף אַלעמענס גע־מיטער. איר יעדער בויג און באַוועג איז איבערגעזעצט אין גע־

שלעכט. אירע צוויי טיילן הינטן שטייגן אָפּ פון איר גוף מעכטיק און שטייף. דערמאָנסט זיך דעם זאָג אין דער גמרא, אַז רחב הזונה האָט געהאַט אַ הינטן, וועמענס בײדע טיילן זײנען געווען גרויסע ווי צוויי בערג. און די דאָזיקע נעגערטע איז אַ שטיק רחב הזונה. זי איז אַרויסגעקומען פון ים, נישט ווי אַפראָדיטע, אין קלאָרן שוים, אין זייפיקע מידלענעס, נאָר אין פייער פון געשלעכט. אירע דיקע האָר זײנען ווי שטאָל. זיי גלאַנצן אין דער זון. אירע פּלייצעס האָט אַ געט־לעכער קאָוואַל געשמידט אין זיין קוזניע מיט אַ שווערן האַמער, טאָנען־שווער. און אירע היפּטן — שטורעמס האָבן זיי אויסגערונדיקט, ווי שטורעמס רונדיקן אויס אַן אינדזל אויפן ים. זי איז אַ גוטע פּישערין פון מענער. אויף דער אַנדערער זייט ברעג שטייען מענער און קוקן צו איר יעדער באַוועגונג. אַרום איר קאָכן די כוואַליעס. דאָס שטיק געשלעכטלעכע פרוי רודערט אויף דעם ים. פון ים קומט דער מענטש. פון ים קומט דאָס לעבן. די כוואַליעס האָבן אַרויסגעשטירצט דאָס לעבן אויף דער ערד. די פרוי איז אַרויסגעקומען פון ים. אָט אַזוי מיט אירע צוויי טיילן מעכטיקע היפּטנס, איז די מלכה שבא געשטאַנען פאַר שלמה המלך — אַ געדיכטער וואַלד פון ווייבלעכקייט פון דעם לאַנד עטיאָפּיען. אירע ווילדע, שטאָל־שוואַרצע האָר האָבן נישט גע־קענט פאַרטראָגן די לאַסט פון דער גאָלדענער קרוין אויף איר קאָפּ...

די פרויען ליגן שווער געלעגט צו דער ערד, ווי שטומע, שווערע חיות. זיי האָבן הנאה פון דריקן זיך מיט זייערע שווערע לייבער צו דער מאַמע ערד. די ערד האָט הנאה פון די שווערע, שווייסיקע שטיקער ווייבער. זייערע בייכער, בריסטן און היפּטן קילן די גרויסע, די הייסע ערד.

די פרוי איז נאָענט צו דער ערד — ליידנשאַפטלעכער, ערדישער, געשלעכטלעכער, מוטערלעכער. דו הייבסט אָן צו פאַרשטיין די וועלט פון פאַרצייטנס. ווען דער מענטש איז געווען אַזוי נאָענט צו דער ערד, מיט זיין נאָפּל צו איר צוגענאָפּלט. דיך גלוסט נישט צוריקצוגיין צו דער שטאָט. דו וואָלסט דאָ פאַרבלייבן — לעבן ים, פעלדז און וואָלקן.

דאָס גאָלדענע ראָד פון דער זון ראָלט זיך אויפן בלויען האָריזאָנט. ביז דאָס ראָד באַרירט שוין די שפּיצן פון די בוימער. די צווייגן ברע־נען ווי גרויסע קופּערנע מנורות. דאָס גרויסע גאָלדענע ראָד באַרירט שוין די ערד פון דעם אַנדערן זייט ברעג. אין דער הימלישער קאַרעטע זיצט גאָט און ער שמייכלט אַרויס דורכן פענצטערל צו די קינדער. צו די שווערע פרויען, וואָס ליגן ווי שלימאַקעס אויף דער הייסער ערד. עס איז פאַרנאַכט. דאָס גאָלדענע זון־ראָד באַרירט שוין ווידער די ערד. און גאָט אין דער שוואַרצער נאַכט־קאַרעטע איז מיד פון דעם גרויסן, פון דעם אומגעהייערן אַרבעטס־טאָג.

ניו־יאָרק, אָקטאָבער 5, 1950

מענטש אין ניויאָרק

אין אָקטאָבער פאַלן זיי בלעטער פון די בוימער. יעדער בלאַט איז אַ מאָלעריי, וואָס גאָט האָט אַליין געפּאַרבט. וואָס גאָט האָט אַליין מיט זיינע גרויסע, געטלעכע פינגער פאַרשמירט. אויף יעדער באַנק זיצט אַ מענטש, אַ הערבסטיקער מענטש. ער ציטערט אין דעם האַרבסטיקן ווינט, ווי אַ בלאַט אויפן צווייג, וואָס צאַפּלט זיך מיט די לעצטע כוחות אין דעם בוים־שטאַם, אין זיין פּאָטערס אָרעמס. דאָס לעבן איז אַ ריזיקער בוים, איבער דער גאַנצער ערד זענען פאַרשפּרייט זיינע צווייגן. מיר זענען זיינע בלעטער — מענטשלעכע בלעטער. דער ווינט גייט אָן. עס איז אייביק הערבסט... אייביק פאַלן פון קאָסמישן לעבנס-בוים די מענטשלעכע בלעטער...

גייענדיק אין פּאַרק, אין דער ערב ראש־השנה׳דיקער שטימונג, באַגעגן איך דעם פריינט האָלענדער. ער איז אַן עלטערער שריפטשטעלער פון אַמאָליקע צייטן. ער האָט אין זיין לעבן אָנגעשריבן עטלעכע טויזנט דערציילונגען. אַלע דערציילונגען זענען וועגן דעם לעבן. וועגן פרויען און מענער. וועגן דעם גרויסן טראַגישן שפּיל צווישן מאַן און פרוי, וואָס גאָט האָט אַראָפּגעשליידערט אויף דער ערד אין אַ אייביקן געראַנגל פון ליבע און טויט... וועגן דעם ביטערן געפעכט צווישן די געשלעכטער... האָלענדערס אַ דערציילונג איז אַ ליד, אַ שטימונג, אַ שטיקל טונקל־פלאַמענדיקער פלוש, אַרויסגעריסן פון דעם שטילן, צופאַלנדיקן פאַרנאַכט. האָלענדערס אַ דערציילונג איז אַ מאָמענט פון דעם גרויסן לעבן. אַ רגע אין דער אומענדלעכער צייט פונם לעבנס־זייגער...

— איך האָב פאַר אייך אַ טעמע! — רופט זיך אָפּ פריינט האָלענדער.

— ער האָט ליב מיר צו געבן טעמעס פאַר דערציילונגען. אין דער אמתן וואַלגערן זיך ליטעראַרישע טעמעס אויף די גאַסן. אין אַלע ראָגן, אין אַלע ווינקלען ליגט דאָס אוניווערסאַלע גאָלד פון טעמעס. אַזאַ שטאָט ווי ניו־יאָרק איז פול מיט מיליאָנען, מיט מיליאָסן טעמעס. יעדער הויז האָט אירע איינוווינער. יעדער איינער איינוווינער איז אַ שלל מיט טעמעס. דו גייסט אַריין אין פּאַרק. אויף די בענק זיצן טעמעס. דער דאָזיקער מאַן האָט אַ גרויסן האָרב ביזן הימל, און דאָך האָט ער אַזאַ שיינע פרוי. נעבן אים זיצט אַ מאַן אַ שמשון הגיבור — מיט אַן איינגעהויקערטער, מיאוסער ווייב. אַ פרוי זיצט אַן איינזאַמע אַזוי ווי אַ גרעפין — זי האָט געהאַט אַ סך געליבטע... זי איז מיד פון ליבע... זי גרייט זיך שוין צו פאַלן צו דר׳ערד, ווי די הערבסטיק־געלע בלעטער, וועלכע פאַלן טרויעריקע צו אירע קניעס... אַ מאַן זיצט אויף אַ באַנק און ער שפּילט אויס פאַר זיך אַליין זיינע אַמאָליקע ראָלן אין טעאַטער. אַ פרוי פירט אַ הונט. דער הונט שלעפּט זי און זי שלעפּט דעם שווערן הינט. צווישן זיי ביידע קומט פאַר אַ קאַמף פאַר מאַכט־העגעמאָניע...

אומענדלעך זענען די טעמעס פון לעבן. פונדעסטוועגן הער איך פריינטלעך אויס מיין פריינט און קלוגע האָלענדער.

— וואָסאַראַ טעמע האָט איר?

— פּשוט, איך זוך דאָס גאַנצע לעבן ווו זיך באַקוועם אַוועקצוזעצן. איר שמייכלט? עס איז ביי אייך אַ וויץ אַזאַ? אַן אַנעקדאָט. זייער גוט. אָבער,

גלויבט מיר, עס איז די טראַגעדיע פון מיין גאַנץ לעבן. דאָס גאַנצע לעבן בין איך מיד און איך זוך אַ באַקוועמע פּאַטעל ווו זיך אויסקצווזעצן רואיק אויף עטלעכע שטונדן, כדי זיך אַמאָל ענדלעך אָפּצורוען. איך פּאָר אָפּטמאָל מיילן ווייט מיט דער סאָבווי, מיטן עלעוויטאָר, מיטן אָמניבוס, אַפילו מיטן באַן אָדער מיט אַ שיף, כדי זיך ערגעץ ווו באַקוועם אָפּצורוען אין אַ שטול...

— איר זענט משוגע. דאָס איז די לייכטסטע זאַך צו רעאַליזירן. אין וועלכן פּריוואַטלעכן הויז איר וועט נאָר אַריינגיין, וועט מען אייך דערלויבן זיך אַוועקצוזעצן. וואָס אַרט עס דען די מענטשן אַז איר רוט זיך אַביסל אָפּ?

— אָט דאָס איז טאַקע דער טעות. וואָס ווייסט איר וואָס איך גיי אַדורך זוכנדיק אַ פּאַטעל!?...

— איך פאַרשטיי ווייל אַז מענטשן זוכן דעם בלויען פויגל, די בלויע בלום פון גליק, און זיי קענען זי נישט געפינען. אין די גרויסע קלאַסישע ווערק זוכט דער מענטש דאָס לאַנד פון אייביקן לעבן. ער זוכט די פרייהייט. ער זוכט שיינקייט, אידעאַל, ליבע און גליק. ער ראַנגלט זיך מיטן שיקזאַל זיינעם. אוודאי זענען די דאָזיקע אַלע העלדן טראַגישע. זיי קומען אום, זוכנדיק גאָלד און גליק. זיי ווערן אויפגעגעסן פון זייער באַגער נאָך דעם אומדערגרייכבאַרן. זיי ווערן פאַרניכטעט אין קאַמף מיטן שיקזאַל. אָבער איר, דאָן קיכאָט וואָס איר זענט, וואָס זוכט איר, אַ פּאַטעל זיך אין אים אַריינצוזעצן געמיטלעך?

— איר לאַכט. אָבער ווען איך זאָל אייך דערציילן אַ רייע איינצלקייטן, וואָלט איר מיך גיכער פאַרשטאַנען. אַנומלט, צום ביישפּיל, בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ סאָבווי פונקט אין די אייליקע שטונדן. עס איז מיר געווען קאַלט. אַ דראָבנער רעגן האָט אָנגעהויבן צו פאַלן פון דעם אומפריינטלעכן הימל. אַ רעגן דין אַזוי ווי אַ דינער שניי. אַזאַ וואָס נעמט אַדורך די נשמה. איך בין אָפּגעפאָרן עטלעכע שטונדן טיף אין ברוקלין. עס איז דווקא נישט געווען קיין הויז פון קיין אַלטן פריינט, נאָר פון אַ פרוי וואָס איך האָב זיך לעצטנס מיט איר באַקאַנט, אַ זינגערין. ענדלעך בין איך אָנגעקומען אַהין מיט אַ גרויסן לעקעך, וואָס איך האָב לאַנג געזוכט צו קויפן אויף די פינצטערע גאַסן, אַרום איר הויז. איך קום אָן: איך זע מאַדאַם זינגערמאַן איז אין אַ שלעכטער שטימונג. זי דרייט זיך אַרום אַ שטאַרק נערוועזע אין אַ רויטן פעניואַר אַזוי ווי זי וואָלט ערשט אויפשטיין פון שלאָף. דאָס פּנים אירס איז בייז און צאָרנדיק. די אויגן — צעבליצטע. די פרימאַדאָנע האָט זיך אין איר צעהוליעט. די טאָכטער אירע קומט אַרויס אַ פייכטע פון טואַלעט־צימער. זי האָט ערשט גענומען אַ שפּריץ. עס קלעפּ זיך די בלויע, דינע פּידזשאַמע צו איר יונג, וואונדערלעך לייב. דו קענסט זען דעם כישוף פון איר יונג־מיידלשער, גראַציעזער פאָרם. פון אירע סאַמעטענע האָר קאַפּעט מיט שוואַרצע וואַסער־טראָפּנס, ווי טינט. די טאָכטער איז אַ מאָדעל און איך זע אַז מאַדאַם זינגערמאַן קרענקט דאָ איבער צוויי זאַכן: ערשטנס וואָס איך האָב זיך מיט אַזאַ אימפּעט און הונגער אַריינגעוואָרפן אין דעם פּאַטעל... צווייטנס: וואָס איך קען די אויגן נישט אַראָפּכאַפּן פון איר הערלעכער טאָכטער, וואָס רייצט אַזאַ אויסגעוואָרעמטע פון דעם הייסן וואַסער...

— וואָס האָט אייך פּלוצלונג געבראַכט אַהער אין אַזאַ רעגנדיקער נאַכט? — פרעגט זי אַ בייזע.

— איר האָט נישט קיין טעלעפאָן... איך וואָלט אייך אודאי געוועזן פריער אָפּגערופן... איך האָב זיך פשוט פאַרבענקט אין דער ניין מיליאָניקער ניו־יאָרק נאָך אַ מענטש, נאָך אַן איינציקן מענטש... בפרט נאָך אַ פרוי, נאָך אַ איינער, רייצנדיקער פרוי... עס איז אַזוי מענטשלעך־אומעטיק אין דער גרויסער שטאָט... איך האָב אייך געוואָלט זען... איך האָב זיך געוואָלט אַוועק־זעצן אין אייער פאָטעל! — האָב איך זיך געפּלאָנטערט מיט די רייד.

— איר קענט מיר שרייבן אַ פּאָסטקאַרטל מיט צוויי טעג פריער אַז איר קומט... מען גייט ביי מיר איצט פאַרבן די וווינונג... עס איז איצט אַזאַ אומאָרדנונג ביי מיר... און פונקט איצט פאַלט איר פלוצלונג אַריין, אַזוי ווי איך וואָלט נאָך אייך געשיקט אַ טעלעגראַמע...

— מאַדאַם זינגערמאַן, איך בעט אייך, פאַרזוכט פון דעם קוכן וואָס איך האָב אייך געבראַכט! — פּרוווּ איך זי באַרואיקן.

— קוכן פעלט מיר נאָך... מיין מאַן פלעגט מיך שטאָפּן מיט קוכן... ער האָט מיך טאַקע פעט געמאַכט... איך האָב אים דערפאַר פיינט געהאַט...

— נו, — טראַכט איך, — זי איז שוין אין דער ריכטיקער שטימונג. קיין גוטס וועט שוין דאָ נישט אַרויס. דאָס זיצן אין דער פאָטעל וועט מיר שוין ווויל באַקומען... דערווייל טאַקע זיץ איך אַ פאַרקלעמטער אין דער פאָטעל... עס גייט מיר שוין איצט גאַרנישט אָן. די טאַכטער קומט אַריין יעדער ווײַלע. זי זוכט מכלומרשט עפּעס... מאַדאַם זינגערמאַן פאַרעט זיך אינם טואַלעט־צימער. איך שעם זיך איצט מיט דער גאַנצער סיטואַציע. מיטאַמאָל זע איך אַז די שטוב איז געבליבן ליידיק און די טיר איז עטוואָס געעפנט... שנעל כאַפּ איך דעם מאַנטל און הוט און איך שלייך זיך שטי־לערהייט, אַזוי ווי אַ גנב, אַרויס פון שטוב. איך גיי פאַרזיכטיק אַראָפּ מיט די געבויגענע טרעפּ. אין דרויסן איז אַ מחיה. דורך דער צייט האָט אויפ־געהערט צו רעגענען. אַ פרישער ווינט פון ים בלאָזט און דערפרישט אַביסל דאָס פינצטערע געמיט. איך גיי אין דער פייכטער נאַכט אַן אייננאַמער, אַ גליקלעכער, מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס איך האָב זיך אַזוי שנעל באַפרייט פון דער מאָדנער סיטואַציע. איך גיי איבער די גאַסן אָן אַ סוף, ביז איך ווער מיד. איך זעץ זיך אַוועק אויף אַ שטיין. און איך זיץ אַן איינגעהילטער אין דער גרויסער נאַכט. עס איז מיר ביטער ווי דער טויט. און ערשט אַצינד בלייבט מיר זיך צו שלעפן איבער צוויי שעה מיט דער סאָבווי, ביז איך קום אָן שפּעט ביינאַכט, קוים מיט צרות, אַ טויט־מידער, צוריק אַהיים, אין מיין טרויעריקן דאַך־שטיבל, וווּ עס וואַרט אויף מיר דאָס אייזערנע בעטל און מיין גוטער פריינט: דער שלאָפנדיקער קאַנאַרעק אין שטייג...

— נו, דאָס איז טאַקע נישט קיין פריילעכע געשיכטע! — זאָג איך.

— אָבער עס זענען דאָך פאַראַן טויזנטער אַנדערע הייזער ווו מען וועט אייך פיין אויפנעמען און לאָזן זיצן באַקוועם און געמיטלעך אין אַ וואַרעמער פאָטעל...

— עס דאַכט זיך אייך, ליבער קאָלעגע, פּרוווט איר נאָר זוכן אַ פאָטעל צום זיצן אַביסל, און איר וועט געוווירן ווערן... אָט איז אַ צווייטער עפּיזאָד. דאָס האָט מיט מיר געטראָפן פאַראַיאָרן, ווינטער־צייט. הערט זיך צו:

— איך פלעג יאָרן לאַנג פאָרן באַזוכן מיינע אַ יוגנט־פריינדין, שאַר־

לעט, מיט וועמען איך האָב זיך צוזאַמען אויפגעהאָדעוועט אין שטעטל. ווען איך בין יאָרן שפּעטער געקומען קיין אַמעריקע, איז זי שוין געווען אַ חתונה־געהאַטע. מיך האָט תמיד געצויגן צו איר הויז ווי צו אַ מאַגנעט. זי האָט זיך דורך דער גאַנצער צייט אַזוי ווי נישט געעלטערט. צייט האָט איר אויסגעמיטן... אַ צאַרטע, אַ בלאַכע, האָט זי אויסגעזען ווי פון אַ געפאַרבן פאַרטרעט אַרונטער, אַזוי ווי זי וואָלט פאַרבליבן שטענדיק אין דער גאָלדענער ראַם פון לעבן. עס ווייזט אויס אַז די צייט האָט איר אָנגעגריפן פון אינעווייניק, האָט איר צעביסן דאָס האַרץ, אַזוי ווי אַ שיינער בוים ווערט אויסגעהוילט אין זיין טיפעניש, אין זיין מעכטיקן שטאַם... אָבער אויסערלעך איז זי געבליבן יונג און פריש. ווען מיר פלעגט זיין טרויעריק אויפן האַרצן, פלעג איך פאָרן צו איר, זיך אָפּרוען אין דער טיפער פאָטעל, וואָס איז דאָרט געשטאַנען. מען האָט טאַקע ביי איר אין הויז גערופן די שטול: „האָלענדערס שטול”. אַ טיפע פאָטעל, האָב איך זיך אין איר אַריינגעוואָרפן, און אַזוי קוקנדיק אויף שאַרלעטן, האָב איך זיך דערמאָנט דאָס שטעטל, די ברייטע, די גרינע, זאַפטיקע פעלדער, וווּ מען פלעגט שפּאַצירן מיט שיינע מיידלעך אין די זומערדיקע שבתדיקע נאָכמיטאָגן. מען פלעגט טראָגן אונטער די אָרעמס דיקע ראָמאַנען פון שענקעוויטש און ריימאָנט; פון טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי; פון אַרציבאַשעוו און קאָראָלענקאָ; און קאָנקורירן אין ליבע מיט די היימישע, ליבע טעכטער פון שטעטל. איך פלעג זיך ביי שאַרלעטן אין הויז דערמאָנען אין די אידיליעס פון שטעטל, אין מיין קינדהייט, און אין הויז פלעגט זיך אַרומפאָרן שאַרלעט, ווי אַ נימפע, וואָס גייט מיר נאָך פון דעם היימישן טייך אָן, פון דער ווייכסל, איבער מיין גאַנץ לעבן... שאַרלעטס מאַן פלעגט געווייגלעך ערגעץ אַוועקגיין ווען איך פלעג אָנקומען. איך פלעג אָפּזיצן דעם אָוונט אין שטילער, זיסער אידיליע מיט שאַרלעטן... אַזוי האָט זיך דאָס געצויגן אפשר אַ פערטל יאָרהונדערט... דאָס פלעגט זיין מיין איינציקע שטיקל אָפּרו אין דעם גיהנום פון ניו־יאָרק...

— אַנומלט, אין אַ הערבסטיקן פאַרנאַכט, ווען די ערב ראש־השנהדיקע שטימונג האָט מיך איינגעהילט אין אַ וויסטן טרויער, ווען איך האָב זיך דערמאָנט אין מיינע נאָענטסטע, וועלכע זענען אומגעקומען אין קליינעם, פּוילישן שטעטל, אין מיינע טייערע טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, וואָס זיי פלעגן זיין מיין איינציק ביסל אָנהאַלט אין לעבן — און איצט פיל איך זיך עלנט און אַליין אין דער וועלט, בין איך אַוועקגעפאָרן אין די בראָנקס, צו מיין טייערער פריינדין שאַרלעט... ווען איך בין אַרויפגעגאַנגען די טרעפּ פון דעם אַלטן הויז, האָב איך דערהערט געשרייען. מיר איז געווען אַ וווּנדער: ווייל שאַרלעט פלעגט זיך קיינמאָל, אויף וויפל מיר איז געווען באַקאַנט, מיט איר מאַן נישט קריגן. איך קלינג אָן אין טיר און ווי נאָר איך עפן, זע איך עפּעס אַ מאָדנע לאַגע: דער מאַן, מיך דערזעענדיק, איז אַ בייזער, אַן אויפגעקאָכטער אַריינגעלאָפן צו זיך אין צימער. שאַרלעט האָט, אַ צעטומלטע, מיך טרויעריק אָנגעקוקט. זי איז צוגעגאַנגען צו מיר, אַרויפגעלייגט איר קליינע, ליבע האַנט אויף מיין פּלייצע און האָט געזאָגט מיט אַ רעזיגנירטן קול:

— האָלענדער! מיין מאַן איז אייפערזיכטיק אויף איך... לעצטנס איז ער ממש משוגע אייפערזיכטיק... די בעסטע זאַך וואָלט זיין אַז איר זאָלט

מער צו אונז אין שטוב אַריין נישט קומען...

איך בין געבליבן שטיין אַ פאַרשטיינערטער. מיט אונטערגעבראָכענע קניִעס בין איך אַרויס פון שטוב. איך בין אַרונטערגעגאַנגען די אַלטע, קרומע טרעפּ. איבער דרייסיק יאָר בין איך געגאַנגען אין אַ הויז זיך אָפּצורוען אין דער פאָטעל, קיינעם נישט געטשעפּעט. מורא געהאַט אַפילו אַן איבעריקן וואָרט אַרויסצורעדן צו מיין לאַנדסמאַן... מורא געהאַט צו שאַרלעטן אַן אַיי־בעריקן שמייכל צו טאָן... און איצט, מיטאַמאָל איז ער אייפערזיכטיק געוואָרן... און ווי לייכט שאַרלעט האָט געקענט באַשליסן זיך מיט מיר צו שיידן, נאָך גאַנצע דריי צענדליק יאָרן פון באַזוכן איר הויז... ווי לייכט זי האָט זיך דאָס געזעגנט מיט מיר...

איך בין געגאַנגען אַ טיף פאַרקלערטער איבער די נאַכטיקע גאַסן. ווי איך בין געגאַנגען, האָב איך די ערד נאָס געמאַכט מיט מיינע טרערן. איך האָב זיך צום ערשטן מאָל דערפילט אַזוי שרעקלעך איינזאַם אויף דער וועלט... די לבנה האָט יענע נאַכט מיט מיר געהאַט מיטלייד... זי האָט מיט מיר מיטגעוויינט...

— דאָס איז אַ רירנדיקע געשיכטע... דאָך באַדאַרפט איר נישט פאַר־צווייפלען, פריינט האַלענדער! — האָב איך געפּרוווט טרייסטן דעם אַלטן שריפטשטעלער...

— אַנומלט בין איך אַוועקגעפאָרן אין מאַנהעטן צו אַ פרוי, מיט וועמען איך האָב זיך ערשט לעצטנס געהאַט באַקאַנט. עס איז געווען אַזוי: איך טראָג אַן אויל־מאָלעריי פון אַ באַקאַנטן מאָלער צו מיינעם אַ גוטן פריינט. אַ פרוי שטעלט זיך אָפּ אין גאַס כדי צו קוקן אויפן בילד. איך לאָז שטיין דאָס בילד פאַר איר, אויפן טראָטואַר, און זי קוקט דאָס אַ נייגיריקע אָן...

— איר וואָלט וועלן האָבן אַזאַ בילד? — פרעג איך איר. — איך וואָלט צו איך געקענט ברענגען דעם מאָלער פון דער דאָזיקער מאָלעריי. און איר וואָלט ביי אים קענען אָפּקלייבן וואָס עס וועט אייך געפעלן...

— גוט! — זאָגט זי.

אַ וואָך שפּעטער האָב איך צו איר געבראַכט דעם מאָלער. ער האָט ביי איר אין וווינונג אויסגעשטעלט אַ צאָל בילדער. זי האָט דערווייל קיין איינ־ציקן בילד נישט געקויפט. נאָר, זייענדיק ביי איר, האָב איך דערזען אַן אַלטע פאָטעל...

נעקסטן מאָל, ווען איך האָב דערפילט דעם פּלוצלונגן פאַרלאַנג אויס־צורוען זיך אַביסל בין איך אין אַן אומעטיקן אָוונט צו איר אַוועק. זי האָט מיך דווקא זייער פריינטלעך אויפגענומען. איך בין גלייך צוגעטראָטן צו רעאַליזירן מיין ציל: די פאָטעל... איך האָב זיך זייער באַקוועם אין איר אַריינגעזעצט. איך קוק אויפן זייגער: עס איז אַרום זיבן אין אָוונט. נו, טראַכט איך, פון דער דאָזיקער באַקוועמער פאָטעל הייב איך זיך שוין פריער נישט אויף ביז אַרום עלף ביינאַכט... אין די פיר שעה וועל איך זיך היפּש אויסרוען. אַפילו ווען עס זאָל דונערן און בליצן — הייב איך זיך נישט אויף פאַר עלף אַזייגער...

פרוי לאַכמאַן זעצט זיך אַוועק אַנטקעגנאיבער מיר, עטוואָס ווייטלעך פון מיר, אַזוי אַז איך הער זי קוים רעדן. די אויטאָמאָבילן קלאַפּן און טומלען אונטן און דער גערויש פון דער גאַס דרינגט אריין דורך די אָפענע פענצטער.

— פרוי לאַכמאַן, — זאָג איך, — איך וועל צורוקן די פּאַטעל אַביסל נענטער צו אײַך...

— ניין, טוט דאָס נישט! — זאָגט זי אַביסל אַ נערוועזע. — רירט נישט די פּאַטעל פון איר פּלאַץ, איך בעט אײַך!

פאַרשטייט זיך אַז איך האָב איר נישט געפאָלגט און כ'האָב יאָ אָנגעהויבן צורוקן די ריזיקע פּאַטעל אַביסל נענטער צו איר. די פּאַטעל איז געווען שווער ווי אַ טאָן מיט אײַזן. און רוקנדיק אַזוי, איז אַ פוס אַרונטער אונטער איר און — שוין! איך קען שוין נישט זיצן אויף איר. לאָזן שטיין די פּאַטעל אַ צעבראָכענע האָט דאָך מיר עפּעס נישט געפּאַסט. איך האָב איר אָנגעפאַנגען אויפהייבן, אַרויסנעמען דעם אָפּגעבראָכענעם פוס, אים געזוכט צוריק אַרײַנצופּאַסן. הכלל, איך האָב זיך אונטערגעריסן דאָס האַרץ און די לונגען. וואָס זאָל איך אײַך זאָגן: איך האָב אַזוי פיל פאַראַרבעט אַרום דער אַלטער, צעבראָכענער פּאַטעל, אַז איך בין אַהיימגעקומען אַ טויט־קראַנקער מאַן. אין מײַן צימערל בין איך אַן אײַנזאַמער אָפּגעלעגן דריי ביטערע וואָכן, און איך פאַרשילט דעם וויסטן טאָג ווען איך האָב זיך באַקאַנט מיט דער פרוי לאַכמאַן.

— פּאַטעטיש! — זאָג איך.

— פּאַטעטיש, זאָגט איר? עס איז זייער טראַגיש. אָפּט, אַ רעזיגנירטער פון אַלע הייזער מיט זייערע פּאַטעלן, פאָר איך אַוועק אין שטאַטישן פּאַרק זיך צו זעצן אויף איינע פון די ברייטע, געראַמע בענק אין די אַלייען. דאָס וועטער איז שיין און די זון לייכט ווי אין די ערשטע טעג. עס דאַכט זיך אַז עס וועט קיינמאָל נישט רעגענען. די יונגע מוטערס פירן זייערע קינדער דורכן פּאַרק. די קינדער זעגען די ליבלעכע בלומען אין גאָרטן. עס כוואַליעט אַ גאָלדן, זוניק ליכט אין אַלע ווינקלען פונם פּאַרק. איך באַזעץ זיך אויף אַ הילצערנער באַנק און איך גרייט זיך צו זיצן ווייניקסטנס אַ פיר אָדער פינף שעהן. און אַזוי ווי איך זיץ אין דער הערלעכער אידיליע — ווערט דער הימל פאַרוואָלקנט. באַלד פאַרציִען זיך אויפן האָריזאָנט שוואַרצע שטיקער כמאַרעס. אַן אומרו גייט אויף. די יונגע מוטערס אײַלן זיך אַהיים. ווי מידע פייגל, מיט אונטערגעהאַקטע פליגל, גייען די אַלטע לייט איבערן וועג. די גרויע וואָלקנס ווערן איבערגעשלאָגן מיט רויטע פלאַמען פון די בליצן. איך לויף אין דעם געדיכטן רעגן אַהיים. איך בין ווי דער געיאָגטער און דער פאַרשאָלטענער נביא. איך בין געיאָגט פונם בליץ און געדונער. דער רעגן און דער ווינט פּאַטשן מיך אין פּנים אַרײַן מיט שווערע, קאָסמישע פּעטש. די נאַטור אַליין האָט מיך פיינט. זי וויל מיך אַרויסטרייבן פון איר מיטן. אַן אײַנזאַמער, אַן אויסגעשעפּטער, קום איך אַהיים. איך לייג זיך אַנידער אויפן אײַזערנעם, פאַרזשאַווערטן בעטל, איך לייען די לידער פון אַנדערע עלנטע דיכטער, וואָס האָבן מיט דורות צוריק אויך געזוכט אַ היים, אַ פּאַטעל אויף דער ערד. אין דעם אומעט פון זייערע לידער פילסט דו אַרויס, אַז זיי האָבן, ווי איך, געזוכט אַ שטילן ווינקל אויף דער ערד...

— מערקווירדיק ווי שוין פון יונגערהייט אַן האָב איך געשטרעבט נאָך אַ שטיקל מקום מקלט, נאָך אַביסל אָפּרו פאַר מײַנע מידע פיס. דאָס איז געווען איינמאָל אין דער שטאָט אַנטווערפּן, וווּ איך האָב פאַרבראַכט אַ סך יאָרן. איך בין איינמאָל, אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג, געגאַנגען אין אַ מוזעאום.

אָנו גייענדיק אַזוי איבער די מיטלאַלטערלעכע זאַלן פונם מוזעאום, וואָס איז געווען איינגעאָרדנט אין אַן אַלטער קירכע אויש פון דעם צענטן יאָרהונ־דערט, אין וועלכער עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן די ריכטער פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, אין דעם פערצנטן און פופצנטן יאָרהונדערט, בין איך געוואָרן שרעקלעך מיד, ווי עס איז געווײנלעך מיין טבע...

— „ווו זעצט מען זיך דאָ אַוועק אויף אַ באַקוועמען אופן?" — האָב איך געגומען טראַכטן. און פּלוצלונג דערזע איך אַ גרויסע שטול מיט אַ רויט קישעלע און אַן אייזערנעם, שווערן האַק־מעסער דערביי. איך גיי אַריבער די פּאַרצוימונג, און איך לייען איבער: „דאָס איז די שטול פון דער אינקוויזיציע. דאָ פלעגט זיצן דער תליון און דאָס איז זיין האַק־מעסער, מיט וועלכן ער פלעגט אָפּהאַקן די קעפּ פון די הערעטיקער און אַלערליי זינדיקע". איך האָב, קיין סך נישט טראַכטנדיק, זיך געזעצט אויף דער מאָדנער שטול. אינם אַנטקעגנאיבערדיקן, מוטנעם שפּיגל, האָב איך געזען זיצן אַ געהיימנישפולן מאַן אין דער אינקוויזיטאָרישער שטול... דאָס האַק־מעסער צו זיין רעכטער זייט. אַרום אים זענען געווען אויסגעשטעלט פאַרשידענע מאַנומענטן און עס הענגען אויך טונקעלע, אויליקע פּאָרטרעטן פון די בלוטיקע אינקוויזיטאָרן. נישט ווי קיין ריכטער האָב איך זיך איצט געפילט, נאָר ווי דער קרבן אַליין. נישט דער תליון — נאָר מיטן אָפּגעהאַקטן קאָפּ איז דאָ געזעסן דער אומשולדיק־פאַראורטיילטער... אינם מיטלאַלטערלעכן שפּיגל האָב איך זיך אַליין קוים דערקענט...

עס איז שוין געווען היפּשלעך טונקל. דאָס מוזעאום איז שוין געשלאָסן געוואָרן מיט זיינע שווערע, אייזערנע שלעסער. איך בין געווען אַזוי שרעקלעך מיד און פאַרמאַטערט, אַז איך בין איינגעשלאָפן. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געזען אַלערליי גרויזאַמע אַלוצינאַציעס. ווען איך האָב ענדלעך דערוואַכט, איז שוין געווען באַגינען. די אויפגייענדיקע זון האָט שוין אַריינגעלויכטן דורך די שמאָלע, שווער־פאַרקראַטעוועטע פענצטער. עס האָט שוין אָנגעפאַנגען צו קומען אַ פרישע פובליקום. איך בין געווען צעבראָכן. איך האָב זיך אויסגעמישט מיטן נייעם עולם. איך האָב געזען אַז דער עולם איז איבערראַשט: געמיינט, מיך דערזעענדיק דאָ זיצן אַזאַ פאַרגליווערטן אין דער שטול, אַז איך בין אַ פיגור פונם תליון... אַז איך בין דאָ געבליבן זיצן אַ שטייפער און אַן אַכזריותדיקער נאָך פון דעם פערצנטן יאָרהונדערט אַן...

פריינט האָלענדער האָט פּלוצלונג געגומען שווייגן מיט אַ שווערן שוויי־געניש. איך האָב געזען גרויסע טרערן אין זיינע אויגן. איך ווייס נישט געגוי פאַרוואָס איך האָב צו אים געזאָגט:

— עס איז פאַראַן פאַר אייך אַ וווּנדערלעכע שטול, איין הערלעכע שטול, אין וועלכער איר וועט סוף־כל־סוף אַמאָל זיצן באַקוועם. אַלע שטולן אין אייער גאַנצן לעבן זענען געווען בלויז שלעכטע מאָדעלן פון יענער גרויסער שטול, אין וועלכער מלאָכים וועלן אייך מיט כבוד און מיט פּאַראַד אַוועקזעצן... אַ סוויטע פון גרויסע שריפטשטעלער און חשובע דיכטער וועלן אייך באַגלייטן צו דער דאָזיקער שטול. קיינער וועט אייך מער פון איר נישט אַראָפּיאָגן, נישט קיין שלעכטע כּרוי, נישט קיין בייזער רעגן און נישט קיין שום שטורעם פון דער וועלט... די שטול וועט זיך קיינמאָל נישט צעברעכן קיין

פוס... איר וועט צו איר נישט דאַרפן גיין דורך ווינט און דורך רעגן. דורך שניי און דורך האָגל. די שטול איז דאָרט אָנגעגרייט פאַר אייך אויף אייביק!...

פריינט האַלענדער האָט זיך זייער אויפמערקזאַם צוגעהערט. זיין אַלט, טרויעריק פּנים איז אַביסל באַלויכטן געוואָרן, אַזוי ווי רעפלעקטירט פון אַ געהיימנישפולן, אָנגעצונדענעם ליכט...

— ווו שטייט די דאָזיקע שטול? — האָט ער געפרעגט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו פאָרן אַהין מיטן סאָבווייַ...

— די גאָלדענע שטול שטייט אין גן־עדן... זי וואַרט אויף אייך אַז איר זאָלט זיך באַקוועם אין איר אַריינזעצן, אַ מידער פון אַ גאַנץ לעבן! — האָב איך צו אים שטילערהייט געזאָגט.

פריינט האַלענדער האָט אַ שטילן קרעכץ געטאָן.

— יאָ, איך גיי אַהין, איך בין שוין אויפן וועג אַהין!... — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ געבראָכענעם קול.

און ער האָט זיך מיט מיר געזעגנט...

אין גרין פון באַגינען.

איך בין אַרויסגעגאַנגען אין באַגינען. יעדער בוים, יעדער פלאַנץ האָט געלויכטן מיט אַן אַנדער פרישער גרינקייט. איך האָב געטראַכט: ווען נאָר וואָלט די נאַטור אָנגעטאָן אין שוואַרצן, ווען די בלעטער, דאָס גראָז, די פלאַנצן, וואָלטן זיין אינגאַנצן שוואַרץ, וואָלט אַ שרעקלעכער טרויער גע־הערשט אויף דער גאַנצער וועלט. ווען די וועלט וואָלט געווען געמאָלן אויף בלוי, וואָלט די וועלט געווען מאָנאָטאָן און אומעטיק. ווען נאָר וואָלט די וועלט געמאָלן אויף רויט, וואָלט עס געצונדן די נערוון. די מענטשהייט וואָלט געווען וואַנזיניק. דעמאָגאָגן, טיראַנען, משוגעים, העצערס, צעהיצטע לייט, פאַנטאַזיאָרן, קריפּלען און אידיאָטן וואָלטן באַהערשט די וועלט. פייער וואָלט געשאַפן כאַאָס און אומאָרדנונג.

און וואָלט די וועלט געווען געקאָלעכט אויף ווייס — וואָלט געווען פוסט. עס וואָלט נישט געהערשט קיין אינטימיטעט. די גאַנצע וועלט וואָלט געווען אָפן, אומפאַרשטעלט. עס וואָלט נישט געווען קיין מאָלעריי, קיין פאַרבן־גערפיל און פאַרבן־פאַנטאַזיע. עס וואָלט נישט געווען דער גאָלדענער אומעט פון פאַרבן. מענטשן וואָלטן מיד געוואָרן צו לעבן אין אַזאַ פאַרב־לאָזער וועלט.

אין וועלכער פאַרב גאָט וואָלט באַשאַפן די וועלט, וואָלט געווען שלעכט, האָב איך געטראַכט, גייענדיק אין דעם פייכטן גראָז, אונטער די בלייך־צע־בליטע און צעגרינטע בוימער. עס איז גוט וואָס גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אין גרין. דורות קומען און גייען און נישט מיד ווערט זייער אויג פון דער גרינער לאַנדשאַפט. די גרינע קאָליר טרייסט די שוואַכע און די אומגליקלעכע. גרין איז אַ באַנדאַזש צום נערוועזן מענטש. דער פאַקט אַז די וועלט איז געפאַרבט נאָר אין דעם קאָליר פון גרין — באַווייזט אַז גאָט האָט די וועלט געפּלאַנעוועט. אַז פריער האָט ער זי געמאָליעוועט אין אַלער־ליי פאַרבן. און ערשט נאָך אַ לאַנגן עוואָלוציאָנערן פּראָצעס האָט ער באַ־שלאָסן די וועלט צו פאַרבן אין גרין. אַזוי איז געווען גוט. —

ניו־יאָרק, 1 מאַי, 1948

טרויער און תאווה

דער עלטערער שריפטשטעלער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן:

— איר מאַן איז געלעגן אין ווייסן אָרון, אַזוי ווי אַ ריטער, שלאַנק און אויסגעשטרעקט. (ס'האָט דאָ בלויז געפעלט זיין לאַנגע שווערד). ער איז געווען אַ גרויסער פּאָעט און באַהעם. ער האָט ווילד און מעכטיק געכישופט מיט זיין ליד. ער האָט געשמיסן און גע־שניטן איבער מענטשלעכע לייבער און פּנימער מיט די שאַרפע רי־טער פון זיין וואָרט. ער האָט טיף און בלוטיק פאַרוואונדעט מיט זיין סאַרקאַזם.

עס זיינען צווישן עולם געווען פאַרזאַמלט זיינע פריינט און זיינע שונאים. עס האָט אין לוויה־זאַל געהערשט די גוט־באַקאַנטע בלוי־לעכע אַטמאָספערע פון טויט. דער זאַל האָט געשמעקט מיטן ריח פון חלבנע ליכט. קיין פרישע לופט איז נישט געווען. יעדער איינער אַנוועזנדיקער האָט געטראָגן זיין בלוילעכע מאַסקע, אין גרויל און אין ציטערניש פאַרן אייגענעם שטאַרבן. אַלעמענס זשאַלאַבנע הער־צער זיינען געווען געבראָכן. מענטשן האָבן דאָ אויסגעזען אַ ביסל מענטשלעכער. יעדער איינציקער מענטש ווייסט אַז סוף־כל־סוף וועט אים דער מלאך המות נישט אויסמיידן.

אין אָרון שטייפט די געלע, אָפּגעצויגענע מאַסקע פונם פּאָעט. אַזוי ווי אין קילן בראָנדז. אין לעבן האָט ער אַריינגעטרונקען פעסער מיט ווין. געטראָגן זיידענע העמדער און געפאַרבטע קראַוואַטן. זיך זומערצייט געבאָדן ביי די שענסטע ים־ברעגעס, וואו די זון פאַר־גייט מיט רייכקייט. געשלאָפן מיט די רייצנדיקסטע און גראַציעזסטע פרויען. געטראָגן גאָלדענע סיגנעטן מיט ברילינאַנטן און פייערדיקע רובינען אויף די בלייכע פינגער. זיך געצירט אין די קאָסטבאַרסטע קליידער און גערויכערט ציגאַרעטן אין זייד־פּאַפּיר, אַריינגעשטעקט אין אַ גאָלדענעם מונדשטוק...

אָבער אַלץ איז געווען אַ חלום. איצט ליגט ער קאַלט און איינזאַם אין זיין אָרון. די שונאים אַזוי ווי גוטע פריינט, זיי אַלע געזעגענען זיך מיט אים. אַפילו דאָס בין־השמשותדיקע ליכט פון אַ פיוּנעראַל־זאַל וועט באַלד פאַר אים מער נישט לויכטן. אַ האַנט וועט שווער אַראָפּלאָזן די טיר איבער דעם הילצערנעם קאַסטן און... ער וועט שוין איבערבלייבן אין אייביקער פינצטערניש.

יאָ, מען גייט שוין טאַקע צודעקן דעם הילצערנעם, לאַנגן קאַסטן מיט דער פאַרגליווערטער, ריטערלעכער פיגור. אַפילו די בלומען בלייבן שטיין אין דרויסן, אויסער די וועגנט פונם לעצטן, אייביקן קבר... עס הערט זיך אַ ספּאַזמאַטיש געוויין פון אַ יונגע פרוי, דאָס וויב פונם פּאָעט... די לעצטע בלאָנדע און חנוודיקע פרוי פונם דיכטער־פּרינץ...

די פרוי וויינט און יאָמערט. און אירע דינע, איידעלע אַקסלען צוקן, ציטערן, בשעת זי בויגט זיך אַריבער איבערן אָרון פון איר גע־ניאַלן מאַן. זי קוקט אויף אים דורך דעם גלאָז פון אירע טרערן־פאַר־גאָסענע אויגן. זעט זי אים איצט? אפשר זעט זי אים אַצינד אַלס דעם חתן, וואָס איז מיט איר דורך דער גרויסער, וואונדערלעכער נאַכט

געגאַנגען, דורכן שמעקנדיקן, מאַיאָון פּאַרק, פאַרביי די שטאָלצע דענק־מעלער פון קאַלטן מאַרמאָרשטיין, און די לבנה האָט געטריפט, גע־טראָפּיעט מיט איקיקן גאָלד איבער זיי ביידע, אַזוי ווי אַ גאָלדענער בעכער מיט וויין און מיט גיפט... די בוימער האָבן געשנייט מיט זילבערנעם צווייט ווי מיט שניי. זי זעט אים איצט אין זיין שענסטער פּאָזע. איינמיטן נאַכט, ווען ער האָט זי אַהיימבאַגלייט צום קעניגלעכן בעט... צום כלה־בעט... און איצט ליגט ער אין טיפן אָרון — אַ פאַר־שפּילטער... אַן אָפּגעשפּילטער אויף אַלע חתונות און אויף אַלע קאַר־נאַוואַלן און אויסגעשפּילט אויף אַלע קאַרטן, אין אַלע קאַבאַרעטן, אין אַלע טיפע און געהיימניספולע ווינקלערס... עס איז טויט־בלייך זיין ליפ וואָס האָט אַמאָל געפלאַמט מיט קוש, מיט וויין און מיט וואָרט...

עס איז נישט פאַראַן קיין מער רירנדיקעס ווי די דאָזיקע קלאַסישע סצענע: אַ פרוי, אַ שלאַנקע, צאַרטע פרוי וויינט איבערן אָרון פון איר מאַן... עס איז ווי דעם פּאָעטס אַלע פרויען, אַלע זיינע געליבטע, פון אַלע גאָלדענע ראָמאַנען פון זיין גרינער יוגנט אַן, וואָלטן זיך צוזאַמענ־געקומען און זיך פאַרקערפּערט אין דער איינער בלאָנדער פרוי, וואָס ציטערט איצט איבער איר טויטן געליבטן און אַלע פרויען זיינע וואָלטן אויסיאָמערן דורך דער איינער גראַציעזער דאַמע זייער ווילדן שמערץ... זייער פינצטערן לאַמענט...

עס הערשט גרויסע שפּאַנונג. אירע לאַנגע, גאָלדענע כוואַליעס האָר, דאַכט זיך, פאַלן איבער זיין שטערן, ווי אין די ערשטע טעג און נעכט... זיי רירן אָן זיינע אויגן, זיינע ליפּן. אָט וועט דער געליבטער מאַן דערוואַכן אויף אַ מאָמענט און מיט טרערן אין די אויגן וועט ער אַרומנעמען זיין פרוי. זיין פריינדינע. עס איז דאָך פּשוט אוממעגלעך אַז אַזאַ מעכטיקער אויסבראָך פון לאַמענט פון אַזאַ שטראַלנדיקער, טראַגישער פרוי זאָל נישט דערוועקן פון זיין שטיינערנעם שלאָף אַ פּאָעט אַ ראָמאַנטיקער?

די קברנים האָבן פאַרהאַקט דעם קאַסטן. איצט טרעט אָפּ די בלאָנדע פרוי. זי ווערט מיט געוואַלט אָוועקגעריסן דורך אירע נאָענט־סטע. נאַקעט און שוידערלעך־איינזאַם בלייבט איבער דער פּאָעט. יע־דער איינציקער מענטש, קייסער אָדער בעטלער, אַקטיאָר אָדער צו־שויער, מוז גיין נאַקעט און אַליין צו זיין פינצטערן גרוב...

דאָס ברעטל וואָס דעקט איבער די טרומנע, איבער דעם ערשט־אַנגעשאָטענעם בערגל ערד, טיילט אָפּ דעם פּאָעט פון אַלע זיינע פריינט און שונאים. פון אַלע דאַמען און פאַרערער... פון דעם פרעכ־טיקן זומערדיקן טאָג, גאָטס אַ מייסטערווערק, וואָס שטראָמט און רוישט מיט מעכטיקע און בונטע כוואַליעס בראַנדז... פון דער איינער לעצטער פרוי וועמענס בלאָנדע האָר האָבן ערשט באַרירט זיין פּנים, זיין פאַרשלאָסן מויל וואָס האָט אַזוי פיל ערדיש־צאַרטע שיינקייטן געקושט און וועט, ליידער, מער נישט קושן... וואָרעם זיינע קאַלטע ליפּן וועלן בלייבן אויף אייביק פאַרשטיינערט...

שפּעטער, אין פאַרנאַכט, ווען די טראַגישע קאָמעדיע איז שוין געענדיקט, זיצסטו ערגעץ אַן איינזאַמער אין אַ קאַפע. דו זופּסט דעם גראָזיק־גרינעם ביר פון דעם הויכן און מאַסיוון גלאָז. דו טרינקסט

פון דעם גלאָז פון קאָסמאָס די לעצטע שטראַלן פון דער צאַרט־און־מאָלעריש־רייך אונטערגייענדיקער זון, וואָס מאַכט דיך שיכור. דו טראַכסט פון דעם פּאָעטס לוויה. דו טראַכסט פון זיין גוף, וואָס איז שוין אַצינד צוריקגעקומען צו דער מאַמע־ערד. עס ווערט דיר מאָדנע קאַלט און באַנג... די ערד האָט דיך אַרומגענומען מיט איר אייזיקן אָטעם... די קאַלטע ערד וואָס צעמאָלט איף שטויב די דורות... און, די דאַמע, די בלאָנדע פרוי... דו וועסט צו איר גיין באַזוכן, נאָכדעם ווי דאָס ערשטע, גרויסע געוויין וועט שטילער ווערן און איר גוף און געביין וועט שטיל איינשלאָפן ווי אַ טייך... נאָכדעם ווי דער ערשטער טייך מיט טרערן וועט אָנהויבן אויסצוטריקענען אין אירע שיינע אויגן, אויף אירע מעטאַלענע באַקן...

***

מיין פריינט, דער עלטערער שריפטשטעלער, בלייבט שטיל אַ ווילע, און ער דערציילט באַלד ווייטער:

— אַ וואָך שפּעטער בין איך אַוועקגעפאָרן צו דער בלאָנדער אַלמנה. זי איז געזעסן אין אַ ווינקל ווי אַ פאַרגליווערטע סטאַטוע, אַ פאַרשטאַרטע פון טרויער. פון ווייטיק און פון געבראָכנקייט איז זי פאַרוואַנדלט געוואָרן צו שטיין, ווי דער נביא ירמיהו.

זי איז געוואָרן צו אַ וואונדערשיינעם פעלז...

דאָ האָט געוואוינט דער גרויסער פּאָעט. דאָ האָט אים אָפט באַזוכט דער טיוול און האָט אים רייך אינספּירירט צו זיינע ציניש און געוואַגטע געדאַנקען. צו זיינע ליטעראַרישע אַטאַקעס. צו זיינע סקאַנדאַלן. צו זיינע וואָרט־מאַסקאַראַדעס און וואָרט־פאַרברעכנס. אָט שטייען נאָך די אויסגעליידיקטע פלעשער ווין, די געשליפענע גלעזלעך, די גילדערנע כוסות, געגילדעט און געזילבערט. עס זיינען נאָך אין גאָלד און אין זילבער פאַרבליבן די צייכנס פון דעם טיוולס ציין, פון זיינע שאַרפע ציין... דאָ זיינען אין די שפּעטע נעכט טיוול און פּאָעט געזעסן און געטרונקען און געלאַכט. אָט זיינען זיינע ליולקעס — טרוקענע, אויסגערויכערטע, פאַרברענטע. רויכערנדיק די ליולקעס, האָט דער דיכטער געטראַכט, רעפלעקטירט, געשליידערט אויף פּאַפּיר זיין מעכטיקן הומאָר, זיינע סאַטאַנישע וויצן, זיינע סאַטיריש־גיפטיקע פיילן, זיינע פאַרסמטע פראַזן... וואָס איז אַצינד געבליבן פון זיין גאַנצן לעבן און פון זיינע צאָלרייכע ווערק?...

אַש פון ליולקעס. ליידיקע גלעזלעך פון ווין. גילדערנע כוסות, צעביסענע פון סאַטאַנס שטאָלענע ציין. צעקרימטע פון זיינע אייזערנע פינגער מיט שפּיזיקע און שפּיציקע נעגל. וואָס איז געבליבן פון זיין גאַנצן לעבן? אַש און רויך... זלזולים און זידלעריי. דאָס בלוט און גאָלד פון הארץ — צו גיפט און גאַל פאַרוואַנדלט...

און, אָט איז אויך געבליבן שטיין אין שטוב דער גרויסער שפּיגל. עס איז אַן אַלטער שפּיגל, מיט אַ ברייטער, טיפער ראַם פון געגילדטן האָלץ, וואָס איז אַרויסגענומען געוואָרן פון אַ ווענעציאַנישן שלאָס, אין דער גלאַנץ־עפּאָכע פון די שטאָלצע מעדיטשי־פירשן. עס איז אַ שפּיגל אין וועלכן קעניגן און קעניגינס האָבן זיך געשפּיגלט. ווי אין

אַ ראַם פון אַלט־גאָלד איז דאָ איינגעפּאַסט געוואָרן דעם פּאָעטס געשטאַלט אין דער מאַטער, זילבערנער און סודותדיקער טיפעניש פון דעם געהיימנישפולן, ווענעציאַנישן שפּיגל, ווי אויפן אָפּגרונט פון אַ טיפן טייך... דאָ איז ער געשטאַנען אין פרימאָרגנס, ווען רייך שטראָמט די זון מיט ציינענע קאַנען גאָלדענע מילך, און ער האָט אַזוי ווי נאַרציז זיך געשפּיגלט אין דעם טיפן פּאַנטאַן פון זילבער... דאָ האָט ער הנאה געהאַט פון זיין הויכער, אַטלעטישער פיגור, אַזוי ווי ער וואָלט זיך צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געבאָדן אין אַ וואַרעמען טייך, ביים ברעג פון אַ וואַלד און מלאכים וואָלטן אויף גרויסע מעשענע טראָמפּעטן שפּילן אין דער לופט און פון דער טיפעניש פון וואַלד אַרויס וואָלטן פאַרבאָרגענע פרויען זינגען אין זיסע, סענטימענטאַלע מעלאָדיעס די פּראַכט פון זיינע מענלעך־געהאַמערטע גלידער. דאָ האָט דער דיכטער הנאה געהאַט פון זיין טייוולישן אויסזען. פון זיינע פינקלענדיקע, שטיפערישע אויגן, פול מיט לוסט און מיט באַגער נאָך די שענסטע ווייבער פון דער ערד. און מיט זיינע פאַרשאַרצטע ברעמען, אָנדייטנדיק אויף זיין דעמאָנישן חוזק. ער האָט דאָ אויך הנאה געהאַט פון דער פעלערינע וואָס ער האָט געטראָגן, די שוואַרצע, ברייטע פעלערינע, וואָס ער פלעגט צעשפּרייטן אירע פליגל, אַזוי ווי אַ פלעדערמויז אינם סאַמעטענעם, טונקעלן אָוונט. עס איז געווען אַזוי ווי ער וואָלט וועלן אַדורכשוועבן דורך גהינומדיקע רעגיאָנען, וואו עס באָדן זיך אין די פייערדיקע טאָלן זינדיקע, אָבער הערלעכע פרויען...

ער האָט דאָ, ביים שפּיגל, הנאה געהאַט פון זיין פנים, וואָס איז געווען ווי מיט אַ מאַסקע פאַרצויגן, מיט אַ דינע, שאַרפע און זיידענע מאַסקע... אין דעם דאָזיקן שפּיגל האָט ער זיך באַהאַלטן, ער האָט זיך אין דעם קעניגלעכן שפּיגל באַשיצט פון דעם לעבן מיט זיינע שאָטנס און פינצטערע אימאַזשן. פון דעם לעבן מיט זיינע שלאָפלאָזע קייטן און אייביקער שרעק פאַר דער לעצטער און פאַטאַלער שטונדע, וואָס קלאַפּט אָן מיט ביינערדיקע פינגער אין יעדער איינעם מענטשנס שאַרבן... וואָרעם, אַזוי ווי אָסקאַר ווײַלד, ווי בודאַ, ווי אָמאַר כאַיאַם און ווי האַפיז, האָט ער געדענקט אַז ער איז געבוירן געוואָרן בלויז פאַר זון און האָניק און פאַר שאַמפּאַניער, שוימענדיק שטורמיש אין גאָלדענע בעכערס... ער האָט אַזוי ווי זיי, די קעניגן פון דער קרוין און די פירשטן פון ליד, מיט שרעק אויסגעמיטן די ווערעמדיקע שאָטנס פון לעבן, די טיפע טאָלן פון מענטשלעכע יסורים, די זומפּן פון טרויער און פון טרערן...

די דאָזיקע זוניקע קינדער קענען די טרויערן, די אומגליקן, די געבראָכנקייטן פון לעבן נישט פאַרטראָגן. און ווען דאָס לעבן שלאָגט זיי מוראדיק און פינצטער — זיינען זיי ביטער איבעראַשט... זיי קענען לאַנג די נאַכט נישט פאַרטראָגן, אַזוי ווי צאַרטע און סענסיטיווע בלומען, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן בלויז פאַר דער לויטערער זון...

איצט האָט זיך מיר געדאַכט אַז פלוצלונג וועט דער פּאָעט אויפלויכטן אינם ריזיקן ווענעציאַנישן שפּיגל אין זיין גאַנצער ריטערלעכער הויכקייט און סאַטאַנישער מאַיעסטעטישקייט...

די פרוי האָט די גאַנצע צייט וואויל געוואוסט וואָס איך טראַכט. זי האָט גענוי פאַרשטאַנען וואָס איך זע אַלץ אין איר וואוינונג. זי האָט אויך געזען אַז איך אָבסערוויר אויפמערקזאַם איר יעדער מינד־סטע באַוועגונג. און זי האָט זיך נישט געקענט געפינען קיין אָרט. זי האָט איצט נישט געוואָלט דינען פאַר קיין מאַטעריאַל צום נאָ־וועליסט. זי האָט געוואָלט פּשוט טרויערן, זייענדיק ערשט איצט אויפדאָסניי פאַרכאַפּט פון איר מאַנס אימפּרעסיוו געשטאַלט... ווייל אין די פריערדיקע יאָרן איז פּשוט נישט געווען קיין איבעריקע צייט פאַר ספּעציעלער נאָכטראַכטונג. ערשט איצט, אין רעטראָספּעקט, קען זי קלאָרער זען איר מאַן, און זי קען אַנאַליזירן און אויפדאָסניי אָפּשאַצן זיינע מעשים, זיינע ווערטער, זיינע זשעסטן, זיינע מחשבות און זיין ליבע...

עס איז צוגעפאַלן די בלויע נאַכט. די זון האָט אַ ביסל פריער אַריינגעוואָרפן דורך די פענצטער ביינטלעך שטראַלן — בוקעטן בלומען, זשאַלאָבנע, טרויערנדיקע. די ליולקעס האָבן זיך אַנגעצונדן אין דער זון. אַזוי ווי דעם פּאָעטס גייסט וואָלט זיי איצט אויסדאָסניי געררויכערט און וואָלט אַן אומעטיקער נאָכגעטראַכט וועגן פאַרגאַנגענע פּאַסירונ־גען... זיין גייסט קומט פון גהינום, כדי דאָ צו רוען, אין דעם טרויער פון זיין ווייב, אין טרויער נאָך זיך אַליין... אָ, ווי זיס איז דער מענטשלעך־ערדישער טרויער... ווי זיס איז ווידער צו באַזוכן דאָס הויז וואו מען האָט געוואוינט, וואו מען האָט געליבט, וואו מען האָט געררויכערט און געשריבן, אַזוי פיל געשריבן, זיך געשפּילט און זיך אַזוי פיל געראַנגלט און זיך געראַניעט מיטן וואָרט... ווי מען ראַנגלט זיך און מען פאַרוואונדעט זיך מיט אַ געליבטער...

איך האָב געזאָגט אַ „גוטע נאַכט" און איך האָב פאַרלאָזן דאָס הויז. אויפן וועג, גייענדיק צום אָמניבוס, טראַכט איך: זי איז נאָך שענער געוואָרן אין איר צער. דער טרויער קליידט איר וואונדערלעך... זי איז אַזוי ווי איינע פון די בראַנדזענע פרויען וואָס ליגן וואַנזיניק און וויינענדיק אויסגעצויגן איבער דעם קבר פון אַ העלד... זי וואָלט אויך אייביק זיך באַדאַרפט אַוועקלייגן איבערן קבר פון איר געליבטן מאַן — אין אייביקן לאַמענט...

***

אין עטלעכע וואָכן אַרום בין איך ווידער געקומען צו דער בלאָנ־דער פרוי. ווען איך האָב אָנגעקלונגען אינם גלעקל, האָט מען זיך עפּעס נישט געאיילט פאַר מיר צו עפענען די טיר, ווי דאָס פלעגט געשען אין די פריערדיקע צייטן. ענדלעך האָב איך נאָך עטלעכע מינוטן וואַרטן דערהערט טריט. איך האָב באַמערקט ווי די יונגע אלמנה רויטלט זיך אַ ביסל, ווען זי עפנט די טיר און זי קומט מיר עפּעס נישט דרייסט אַנטקעגן...

אין הויז איז געווען אַ הויכער און שלאַנקער מאַן, מערקווירדיק־ענלעך צו איר ערשט־פאַרשטאָרבענעם פרינץ. אין אַ וואַזע פון פאָר־צעליי איז געשטאַנען אַ פרישער בוקעט מיט בלומען, אין רייכע קאָלירן, פאַרשמעקנדיק די גאַנצע שטוב און איינאָטעמענדיק דעם זויער־שטאָף פון דער לופט...

מאַדנע און אומבאַקוועם האָב איך זיך געפילט אין דער דאָזיקער אַטמאָספערע. די פרוי האָט זיך אויך געפילט אַ ביסל פאַרשעמט און אומהיימלעך. דער הויכער, פעסטער און מאַסיוו־געבויטער מאַן האָט געפילט אַז איך שטיי אים אין וועג, אין וועג צו זיין דעראָבערונג. וואָרעם אים איז, פאַרשטייט זיך, אָנגענעם און רייצנדיק געווען די דאָזיקע פרוי, אין איר טרויער אַזוי שטאַרק צוציענדיק, און אין די ווייבלעכע גלידער אַן אויסגעהונגערטע נאָך אַ נייעם, יונגן פריינט...

און דאָ בין איך פלוצלונג אָנגעקומען אין דאָזיקן הויז כדי צו דערמאָנען פון אים, פון דעם פרינץ, וועמענס גוף עס פאַרצערן שוין די ווערים...

איך האָב זיך שנעל אָפגעזעגנט מיטביידן און איך בין אין דער נאַכט אַוועק אויף מיין וועג. דורך דער נאַטור איז אַדורכגעגאַנגען אַ גרויס, נאָקטורניש געזאַנג פון ליבע... אין די זומפן האָבן געגרילצט די אינסעקטן. די לבנה האָט זיך שאַרף אַרויסגעשניטן פון די וואָלקנס און אויפגעלויכטן איבער הימל און ערד אַזוי ווי אַ פאַרבלוטיקט אויג...

איך האָב געטראַכט: די שיינע פרוי איז אַזוי שטאַרק רייצנדיק אין איר טרויער. מיר ווילן זי דווקא באַזיצן ווען טרערן רינען פון אירע אויגן, פון אירע תאווהדיקע און שיינע אויגן... און דער הויכער מאַן וועט זי באַזיצן, ווייל ער זעט אויס אַזוי ווי איר פאַרשטאָרבענער מאַן... יענער, דער פאָעט, האָט אַליין געמאַכט פון זיין בלוט און פייער די בוקעטן בלומען פאַר איר... יענער האָט באַשאַפן פון האַרצן אויס אַ גאָרטן מיט לידער־קוויאַטן... יענער האָט אין זיין בראַנד־רייכן וואָרט געזונגען זיין שיר־השירים צו איר... דער דאָזיקער מאַן ברענגט איר פאַרטיקע בלומען פון דער גאַס... אָבער איר רייצט זיין פיזישע ענלעכקייט צום פאָעט... איר רייצט זיין הויכע, מענעריש־שטאָלצע פיגור — אָבער אָן דעם פאָעטס געניאַלע נשמה... און אָן זיינע פייערדיק־פינצטערע אַשמדאי־פליגל...

און, ווי לאַנג קען אַ פרוי טרויערן נאָך איר מאַן, אַפילו ווען זי האָט אים שוין שטאַרק ליב געהאַט ?... די זון לויכט אויף און צוזאַמען מיט דער זון ציטערן און ברויזן אויף אַלע לוסטן און באַגערן אין דעם בלוט פון אַ פרוי...

די מערסטע אַרבעטן אינם דאָזיקן בוך, זיינען געדרוקט געוואָרן אין „גיר־אָרקער וואָכנבלאַט". איך דריק אויס מיין האַרציקן דאַנק פאַרן באַנוצן זיך מיטן מאַטעריאַל, צו מיין ליבן פריינט, דיכטער און רעדאַקטאָר, יצחק ליבמאַן. עטלעכע אַרבעטן זיינען אויך געווען געדרוקט אין די מעקסיקאַנער אידישע צייטונג „די שטימע". איך דריק אויס מיין האַרציקן דאַנק מיין ליבן פריינט, שריפטשטעלער און רעדאַקטאָר, משה רובינשטיין. —

Address of the Author:

Shea Tenenbaum

45-35 44th Street

Long Island City 4, N. Y.

FORWARD—2—פארווערטס
מאנטאג, סעפטעמבער 30, 1957

אַ נייער אידישער שטערן

פון חיים ליבערמאַן

אַ דערמאָרדעט אידיש מיידעלע געהט אַרום און נעמט איין די וועלט — איז אַמאָל געווען נאָך אַזאַ וואונדער?

היינט, אַזוי ווי אַמאָל, געשעהען געשעהענישען וואָס זיינען דער שטאָף פון לעגענדעס און מיסטישע גלויבונגען, נאָר דער מענש פון היינט האָט פאַרלאָרען דעם חוש פאַר לעגענדע און מיסטיק.

דעריבער באַגרייפען מיר ניט ריכטיג אָט דעם וואונדער מיט׳ן אידישען מיידעלע, וואָס איז ריכטיג דערמאָרדעט געוואָרען און געהעריג באַגראָבען און פאַרשאָטען געוואָרען אין אַ מאַסען־מאַרטירער־קבר אינ־איינעם מיט טויזענטער אַנדערע אידישע קדושים אין בערגען־בעלזען. נאָר זי איז אויפגעשטאַנען פון קבר און זיך אַרויסגעלאָזט שפּאַנען איבער דער וועלט, און וואו זי דערשיינט באַפאַלט די מענשען אַ הייליגער פּחד פאַר איר און זיי בוקען און קניהען פאַר איר אין הייליגער ציטערניש.

איך רעד דאָ פון אַ נ אַ פ ר אַ נ ק. איך שטעל זיך ניט פאָר, אַז עס איז נאָך דאָ אימיצער אין דער אידישער וועלט, וואָס ווייס ניט די געשיכטע פון אַנאַ פראַנק. פונדעסטוועגען וועל איך עס דאָ איבערגעבען בקיצור, ווי אַ הייליגען ריטואַל.

אַנאַ פראַנק איז אַ אידיש מיידעלע, וואָס האָט געלעבט אין האָלאַנד. ווען די דײַטשען זיינען געקומען קיין האָלאַנד און האָבען אָנגעהויבען פאַרניכטען די דאָרטיגע אידען, האָבען גוטע האָלענדער באַהאַלטען אַנאַ׳ן מיט איר פאָטער און מוטער אין אַ פאָר צימערלעך אין אַן אויבערשטי־בעל, וואו זיי האָבען אָפּגעלעבט אין באַהעלטעניש צוויי יאָר נאָכאַנאַנד. לסוף האָבען די נאַציס זיי געפּאַקט און אוועקגעשיקט קיין בערגען־בעלזען אויף פאַרניכטונג. און דאָ איז אַנאַ טאַקע אומגעקומען.

אַנאַ איז אַלט געווען דרייצען יאָר ווען זי איז אַריין אין דעם לעבע־דיגען קבר אין דעם אַמסטערדאַמער דאַכשטיבעל. איר יונג הערצעלע האָט געברויזט מיט געפילען, וועלכע זי האָט אויסגעגאָסען אויפ׳ן פּאַפּיר אין אַ טאָגבוך. דער טאָגבוך איז איר געווען ווי אַ חבר׳טע, וועלכער זי האָט אַ נאָמען געגעבען „קיטי״. ווען די דײַטשען האָבען דער קליינער אַנאַ און איר משפחה געפּאַקט און אוועקגעפירט־צו דער שחיטה, האָט מען דערנאָך צווישען דעם מיסט פון אַלטע צייטונגען געפונען „קיטי״. די גוטע האָלענדער האָבען דעם טאָג־בוך באַהאַלטען, און נאָך דער מלחמה האָבען זיי עס אָפּגעדרוקט. און די וועלט איז ממש איבערראַשט געוואָרן פון דער גרויסער מייסטערשאַפט פון דעם קליינעם ווערק, און פון די טיפע איבערלעבונגען פון דעם אידישען קינד אין דער גרויזאַמער נאַצי־עפּאָכע. זינט דעמאָלט איז דער טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק אַרויס אין אַ סך שפּראַכען. מען האָט דערפון אויך געמאַכט אַ טעאַטער־שטיק, וואָס איז שוין געשפּילט געוואָרען אין די גרעסטע שטעט אין אַמעריקע און איירָאָפּע, אויך אין ישראל. און די געשיכטע פון טעאַטער ווייס ניט פון נאָך אַ ביישפּיל, וואו אַ דראַמע זאָל אַזוי טיף באַווירקען די צושויער ווי „דער טאָגבוך פון אַנאַ פראַנק״. מ׳בלייבט זיצען אין טעאַטער פאַר־גליווערט. מ׳געהט דערנאָך אַרום טעג ווי אין אַ באַטויבונג.

און אָט אַזוי, פון די בלעטער פון איר בוך, און פון די ברעטער פון טעאַטער, שפּרייזט אַרום אונזער קליינע מאַרטירערין איבער דער וועלט און באַזינגט לענדער, און בויגט פעלקער אין הכנעה צו אירע פיס.

אַפילו די וועלף פון דײַטשלאַנד, דאָס פאָלק וואָס האָט זי געפּייניגט און דערמאָרדעט, האָט איר אומשטערבליכער גייסט מנצח געווען! אַזוי לייענען מיר, אַז צוויי טויזענט דײַטשישע יוגענטליכע האָבען מאַר־שירט צו אַנאַ פראַנק׳ס מאַסען־קבר אין בערגען־בעלזען און האָבען גע־לעגט אַ קראַנץ בלומען. אין דריי שטעט אין דײַטשלאַנד ווערט גלייכ־צייטיג געשפּילט „אַנאַ פראַנק״ און דער עולם זיצט מיט איינגעהאַל־טענעם אָטעם אַזוי ווי ביי אַ רעליגיעזען ספּעקטאַקל. און מיר הערען אויך, אַז דאָס הויז אין פראַנקפורט, וואו אַנאַ איז געבאָרען געוואָרען, איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ מוזייאום.

לייענט איר די אלע זאכען און איר טראכט: וואס פארא גרויזאמע וועלט ס'איז די משוגענע וועלט אין וועלכער מיר לעבען! א מיליאן אידישע קינדער אזוי ווי אנא זיינען אומגעבראכט געווארען פאר די אויגען פון די זעלבע פעלקער, די זעלבע לענדער, די זעלבע שטעט; נאך פינף מיליאן אידישע טאטעס און מאמעס זיינען געגאנגען דעם זעלבען וועג, אין ליכטיגען טאג, פאר די זעלבע אויגען, און ס'האט זיי נים געארט, ס'האט זיי ניט גענומען, ס'האט זיי ניט גערירט. אדרבא, מ'האט נאך אונטערגעהאלפען, ווער מיט א האנט, ווער מיט א פוס, ווער מיט גיפטיגער צונג: העפ! העפ!

און דא, ווען זיי זעהען די אייגע, די קליינע, די אנא, ויצעו זיי אין טעאטער און אויבצען און קרעכצען און זיפצען...

די קליינע אנא קען ברעכען שטיינערנע הערצער, באצויבערען שלאנגען, וועלף אוועקלעגען ווי לעמער.

די גרויזאמע און משוגענע וועלט אין וועלכער די קליינע אנא איז געשטארבען און אויפגעשטאנען תחית המתים, איז אויך זעהר א שמוציגע וועלט. איינגעטונקען און אויסגעוויקט אין „סעקס". אנשטאט אנצורופען איר הייליג ביכעלע „קיטי", ווי זי אליין האט עס א נאמען געגעבען, האט מען עס אפגעדרוקט אונטער'ן קיבעלדיגען נאמען „דער טאגבוך פון א יונג מיידעל", מיט אן אונטערשריפט אז ס'איז א טאגבוך וואו א יונג מיידעל שילדערט אירע געפיהלען ביים קומען צו צייטיגקיים. מען האט געמאכט דערפון א זאך מיט „סעקס אפיל". פון דעם טיטעל און אונטערטיטעל וואלט איר גארניט חושד געווען, אז דא האנדעלט זיך וועגען דער גרעסטער דראמע צווישען ערד און הימעל, דער דייטשיש־אידישער טראגעדיע פון דער היטלער־עפאכע, אין וועלכער א ריין, אומשולדיג קינד, אין א ווינקעל־חדר, האט זיך געראנגעלט מיט די מלאכי חבלה פון א זינדיגער ציוויליזאציע. די דאזיגע לייט, די ארויסגעבער, זיי איז עס נעגאנגען אין דעם קינד'ס קליידעל און אונטערקליידעל!

נאר אנא פראנק, אונזער אייגענע דזשאן ד'ארק, איז דעם שמוץ פון דער וועלט אויך גובר, און זי שוועבט אין די רוימען כשר און ריין ווי א שטראל פון דער שכינה אליין.

דארפען מיר אידען אונזער כשר'ע און הייליגע אנא אויסלייזען פון פרעמדע הענט. מיר דארפען זי אריינגעמען טיף אין אידישען הארצען, וואו זי וועט רייגגעוואשען זיין פון אלע טומאה'ס און דער וועלט'ס שטויביגע קלייניגקייטען. בלויז דא, צווישען אירע אייגענע, וועט זי רוהען אין פרידען אויף איר געלעגער.

און מיך פרעהט צו זעהן אז דאס איז ניט בלויז מיין געפיהל אליין, נאר אנדערע אידען זיינען באזעלט מיט דעם זעלבען געפיהל און געדאנק. אט האט מיך דער גוטער מזל געפירט צו א ליד פון דעם דיכטער קלמן הייזלער, געווידמעט צו אנא פראנק. די נאבעלע איראניע פון דעם ליד גיט איר אמת'ע גרויסקייט און שטעלט אוועק אן אייביגע מחיצה קדושה דער קדושה פון אונזער קליינער מארטירערין און דער טומאה פון אונזער פארדארבענער וועלט. דער דיכטער רעדט צו אנא פראנק און זאגט מיט גרויסער דיכטערישער קראפט:

די דייטשען וועלען דיך נאך מאכען פאר א גאט. —
און פרעפלען פאר דיין געהייליגט בילד;
זאגען, אז די אידען האבען דיך געקרייציגט.

דו, וואס זינגסט א לויבגעזאנג צום לעבען —
וועט א מאנאך צו דיר קניען און זיך פייניגען;
פאר דער חופה וואס ער האט מיט דיר געשטעלט.

די מאנאשקע, בלוט און מילך, וועט זיין בלייך —
פון נישט דערשלאפענע נעכט און תפילה טאן;
צו דער געטין אנא פראנק, פון בערגען־בעלזען.

ס'וועלען שוין זיין עדות מיט א שבועה אויף די ליפען —
וואס האבען געזעהן אנא פראנק פון קבר אויפשטעהן;
און מיט איר ארום טיש, דעם לעצטען מאלצייט געגעסען.

אין אַ „נייעם טעסטאַמענט" וועט זיין באַשריבען:
אַז אין חלום האָט אַ מלאך געהייסען איר פאָטער לויפען
קיין אַמסטערדאַם און אויף אַ בוידעם די משפחה באַהאַלטען.

דער מלאך איז ווידער געקומען — דעם פאָטער צו חלום:
ער זאָל מיט דער משפחה אַריינפאָרען קיין בערגען־בעלזען;
ער זאָל נישט קיין מורא האָבען. ער זאָל זיך נישט פאַרכטען.

אַן אויסלייז פאַר די פעלקער'ס גרויסע, האַרבע זינד —
האָט דער אייבערשטער געגעבען זיין איינציג טעכטערל;
פאַר אַ קרבן, ווי ער האָט זיין זוהן יעזוס מקריב געווען.

פון די קלויסטערס, פון די גילדערנע אַלטאַרען —
וועלען אויסגעסטראַיעטע פריסטער האַלטען דרשות;
זאָגען מוסר דעם איד, דעם אַלץ־נישט־גלויביגען.

נישט גענוג וואָס זיי האָבען דיין יונג לייב אויף אַש פאַרברענט —
אידיש קינד, מאַכען זיי, אַנאַ פראַנק, דיך איצטער פאַר אַ גאָט;
און דיין כשר'ע נשמה ווערט אַזוי פון זיי אויסגעשפּיגן פאַרלענדט...

א צווייטע גרויסע ווירדיגונג פון אַנאַ פראַנק'ס אַנדענק געפין איך אין אַ סעריע אַרטיקלען פון דעם פאַרבענרייכען קינסטלער און גייסטרייכען קריטיקער ש. טענענבוים. די אַרטיקלען זיינען דערשינען אין „ניו־יאָרקער וואָכענבלאַט". ס'איז געווען אַ פיינזיניגער איינפאַל פון ש. טענענבוים'ן צו שרייבען זיינע אַרטיקלען וועגען אַנאַ'ס „טאָג־בוך" אויך אין דער פאָרמע פון אַ טאָגבוך. האָבען מיר אַ טאָגבוך וועגען אַ טאָגבוך. אָבער מ'קען גרינג פאַרשטעהן ווי אַזוי דער שרייבער איז געקומען צו דעם איינפאַל. אַנאַ'ס טאָגבוך לאָזט זיך ניט איבערלייענען מיטאַמאָל. ס'איז צו שטאַרקער ספּירט. מ'קען עס איינ־נעמען נאָר אין קליינע דאָזעס. און די קליינע דאָזעס זיינען אויך אַזוי באַרוישענד, אַז אונזער קריטיקער האָט זיך געפיהלט געצוואונגען נאָך יעדען לייענען אויסצוגיסען זיינע אייגענע געפיהלען. און דער רעזול־טאַט איז אויך אַ שטאַרקער ספּירט. אַ סך איז געשריבען געוואָרען וועגען אַנאַ פראַנק'ס טאָגבוך, נאָר איך ווייס ניט פון קיין איין זאַך, וואָס קען זיך פאַרגלייכען אין שוואונג, אין פּאַטאָס, אין מעכטיגקייט פון לשון מיט טענענבוים'ס אָפּשאַצונג. טענענבוים דערקענט שוין אין אַנאַ'ן, ביי אירע דרייצען יאָר, אַ גרויסע קינסטלערין און ער באַוויינט אַ גרויסען גייסט וואָס איז פאַרשניטען געוואָרען אַזוי פאַר דער צייט. די דאָזיגע קינסטלערישקייט האָט באַשערט געמאַכט אַז אַנאַ פראַנק זאָל זיין די פירשפּרעכערין. דער שליח ציבור פאַר'ן מיליאָן אידישע יונגע קינדער וואָס זיינען פאַרשניטען געוואָרען ווי זי, אָבער זייער וואָרט פון וועה האָבען זיי ניט איבערגעלאָזט. מיט ברייטע פליגעל שוועבט אונזער דיכטער איבער אַנאַ'ס גאַנצער טראַגישער עפּאָכע, און פון אַ גאָר גרויסער הויך לאָזט ער אונז אַראָפּקוקען אויף דעם גוואַלדיגען אידישען חורבן ווי ער האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין זיין גאַנצען שוידער אין דער גרויסער נשמה פון אַ קליין אידיש מיידעלע. ער קוקט אַז איר פּנים און אַנאַליזירט עס אין דינסטע שטריכען, און ער שרייט אויס, און דער לעזער שרייט אויס אינאיינעם מיט איט:

„אָה, וועלכע וואונדערליך פּאָעטישע אויגען דו האָסט! עס ווילט זיך אויסציהען די אָרעמס ביז'ן גן עדן, דאָרט וואו דו ביסט, און דיך אַרויסנעמען צוריק אין דער וועלט אַריין און דיך צו ליבען מיט דער ליבע, וואָס דיר קומט נאָך אין חשבון פון דיין נישט דערלעבטען לעבען".

הלוואי ווערט טענענבוים'ס טאָגבוך אויך אַרויסגעגעבען אין אַ ביכעל: עס וואָלט געווען אַן אייביגער סאַטעליט אַרום דעם נייעם ליכטיגען שטערן פון אַנאַ פראַנק'ס געשטאַלט אין דעם טיפען הימל פון דער אידישער געשיכטע.



מאָזעס סאַיער : אויל־פּאָרטרעט פון ש. טענענבוים

ANNA FRANK

WHICH HAST DRUNK AT THE HAND OF THE LORD

And other Essays, Stories, Miniatures

By S. TENENBAUM

אינהאַלט:

●

1) אַנאַ פראַנקס טאָג-בוך — 3
2) די אידיליע פון רות — 23
3) שטריכן צום פּאָרטרעט פון שלום אַש — 31
4) דער יחוס פון גאָלדענעם אידיש — 35
5) די פּערזענליכקייט א. לוצקי — 41
6) עסיי וועגן אַ נייעם פּאָעט — 48
7) צום פּאַרלוסט פון אַ דיכטער — 54
8) די פּאַרבילדלעכונג פון קבלה — 61
9) אין ליכט פון פרץ — 69
10) די אידן פון מאנע קאַץ — 75
11) איליא שאָר — 85
12) מאָזעס סאיער — 91
13) קאָלירן קומען צו איר פון אַלע וועלט־האָריזאָנטן — 99
14) אַ קרוין פּאַרן נשיא — 105
15) די פּען פון יום-הדין — 111
16) אַרלען, דעם שר יב ערס וויב — 116
17) היימישע אַנטיקן — 127
18) דער מאַסקנבאל — 132
19) דער בוים אין גן־עדן — 138
20) די קראַנקע פּרינצעסין — 144
21) איר מאַנ׳ס אַש — 150
22) דער מאַן פון אַלאַסקאַ — 155
23) אָרעמע מענטשן — 159
24) טראַגעדיע פון אַ קינסטלער — 165
25) מענטש אין ניו־יאָרק — 174
26) טרויער און תאַווה — 182
27) חיים ליבערמאַן: „אַ נייער שטערן" — 188

* * *

מיט האַרציקן דאַנק צו די חשובע אידישע קינסטלער פּאַרצייכן איך די רשימה פון זייערע אָר־גינעלע צ־יכנונגען:

1) שער-בלאַט פון שאול ראַסקין — 1
2) עמנואל ראַמאַנאַ-גליצענשטיין: אויל־פּאָרטרעט פון ש. טענענבוים — 2
3) אַנאַ פראַנק אין שולע — 3
4) הער און מאַדאַם פראַנק, פּעטער וואַןדאַאַן און מאַרגאָ — 5
5) בילדער פון אַנאַ פראַנק — 9
6) בן־ציון: „דער מענטש און זיין שטערן" — 30
7) איליא שאָר: כלי-זמר — 90
8) מאָזעס סאָיער: מוטער און קינד — 98
9) מאָזעס סאָיער: אויל־פּאָרטרעט פון ש. טענענבוים — 191